STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07951

FUN UNZER ALTEN OYTSER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

FUN UNSER ALT'N OITZER

פון אונזער אלטען אוצר

געקליבענע פערל פון אונזערע אלטע קוואלען און
בל׳ערליי ספרים, פון די ראשונים און אחרונים,
איינגעטיילט אויף די סדרות פון דער תורה.

געזאמעלט און בעארבייט
פון ב. יאושזאהן

ימים־טובים
חמש מגילות

הוצאת
התלמוד

די ערשטע אויסגאַבע „פון אונזער אַלטען אוצר" (ערשינען אין די יאָהרען 1932—1939) איז באַשטאַנען פון אַכט בענדער און איז געווען איינגעטיילט אין פיר באַזונדערע זאַמלונגען: יעדע צוויי בענדער האָבען ענטהאַלטען חמשה חומשי תורה, ימים טובים, חמש מגילות און פרקי־אבות.

אין דער איצטיגער אויסגאַבע — וועלכע ערשיינט אין אַ פאַרגרעסערטען פאָרמאַט — זענען אַלע זאַמלונגען פאַראייניגט. אַזוי אַרום ענטהאַלט דער דאָזיגער באַנד דאָס גאַנצע מאַטעריאַל אויף במדבר און דברים וואָס איז פריהער געווען איינגעשלאָסען אין די אַכט בענדער — ווי אויך נייעם מאַטעריאַל, וואָס ב. יאושזאָהן ז"ל האָט געהאַט צוגעגרייט פאַר אַ נייער זאַמלונג.

B. YEUSHSON: FUN UNSER ALT'N OITZER

נדפס בדפוס אופסט ישראלי ליתא

Printed in Israel 1975

Copyright 1956 by A. H. Justman

All Rights Reserved

אַלע רעכט, סיי פון גאַנצען ספר, סיי פון טיילווייזען איבערדרוקען, אָדער איבערזעצען, פאַרזיכערט.

ימים־טובים

ראש־הַשָּׁנָה

„באחד באלול ר״ה למעשר בהמה״ (ראש־השנה ב׳)

אין די טעג פון אלול דאַרף יעדער איד זיך בעמיהען צו מעשר׳ן, מטהר צו זיין און אויסצוראָטען פון זיך דאָס בהמיות...

(קאָזשעניצער מגיד)

„אני לדודי ודודי לי — ראשי־תיבות אלול״

און די סופי־תיבות — האָט דערויף צוגעגעבען רבי שלמה קאַרלינער — זענען יוד׳ען, בלויז יוד׳ען. דאָס איז דער עיקר־כל־העיקרים: אידען זאָל מען זיין, וואָס מעהר אידען!...

רבי מרדכי לעכעוויטשער פלעגט זאָגען: ראש־השנה איז דער קאָפּ פון יאָהר און „הכל בתר רישא גרירא״. ווען ראש־השנה זאָגען די חז״ל: „אי ריש שתא חמימא — כולא שתא חמימא״, אויב מען איז ראש־השנה וואַרים, און פול מיט התלהבות — איז מען אַ גאַנץ יאָהר וואַרים...

„יום־טוב של ראש־השנה שחל להיות בשבת״... (ראש־השנה, כ״ט)

ס׳איז אַ גוטער טאָג, אַ י ו ם ט ו ב, ווען ראש־השנה געפאַלט אום שבת: דען ראש־השנה, כידוע, איז אַ תיקון פאַר׳ן נפש; יום־טוב — איז אַ תיקון פאַר׳ן רוח און שבת — אַ תיקון פאַר דער נשמה. ווען ראש־השנה, אַלזאָ, געפאַלט אום ש ב ת, איז דער תיקון דאַן בשלמות, פאַר אַלע דריי זאַכען צוזאַמען...

(רבי חנוך־העניך מאַלעקסאַנדער)

אויף אַנ׳אַנדער אופן פלעגט טייטשען רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער:

„יום־טוב של ראש־השנה שחל להיות בשבת״ — ס׳איז אַ גוטער טאָג, ווען ראש־השנה געפאַלט אום שבת: דער משפט מוז דאַן זיכער אויספאַלען צום גוטען, דען שרייבען און מחלל־שבת זיין מעג מען בלויז דאַן, ווען עס געהט אין פיקוח־נפש, אויף צו טהון גוטס, אָבער נישט, חלילה, פערקעהרט...

„מכף רגל ועד ראש אין בו מתום״ (ישעי׳ א. ו.)

פון ראש־השנה ביז הושענא־רבה זענען אידען גוט און פרום. מען האָט חרטה אויף די בעגאַנגענע זינד און מען בעמיהט זיך צו טהון וואָס מעהר מעשים־טובים. ליידער אָבער איז „מכף רגל ועד ראש״, פון שמיני עצרת אָן (סתם רגל, כידוע, איז שמיני־עצרת) ביז „ראש״, ביז׳ן צווייטען ראש־השנה, דאָס גאַנצע פעליגע יאָהר איז, ליידער — „אין בו מתום״...

(צל״ח)

„ג׳ ספרים נפתחים בר״ה, צדיקים גמורים נכתבים ונחתמים לאלתר לחיים, והרשעים וכו׳ נכתבים ונחתמים לאלתר למיתה, בינונים וכו׳ זכו נכתבים לחיים וכו׳״ (ר״ה ט״ז)

פאַרוואָס ווערט ביי די צדיקים און די רשעים געזאָגט: „נכתבים ונחתמים״, דאַגעגען ביי בינונים בלויז „נכתבים״, אָהן „נחתמים״?

נאָר די גמרא זאָגט דאָרט אינ׳ם זעלבען דף, אַז ביי בינונים איז „הקב״ה מכריע את הכף מחצה על מחצה כלפי חסד״, און דעריבער ווערט ביי זיי נישט געזאָגט „נחתמים״, דען „חותמו של הקב״ה אמת״, און — דאָס איז דאָך אַ מדת־חסד, נישט קיין מדת־אמת...

(רבי שלמה קלוגער)

„אדם נידון בראש השנה״ (ר״ה ט״ז)

פאַר די פענסטער פון בעל־שם־טוב איז אַמאָל פאַרבייגעגאַנגען דער שטאָדטישער וואַסער־טרעגער, חייקעל. האָט איהם דער בעש״ט צוגערופען און געפרעגט: ווי געהט עס דיר, חייקעל?

— אוי, רבי — האָט חייקעל אָבגעקרעכצט — עס איז ביטער לא־עליכם ווי גאַל, מען שלעפּט די שווערע קאַנען וואַסער אויף די הויכע טרעפּ און קיין פּרנסה דערפון איז נישטאָ.

צומאָרגענס, דערזעהענדיג חייקלען פאַרבייגעהן פאַר׳ן פענסטער, האָט איהם דער בעש״ט ווידער אָבגעשטעלט און געפרעגט:

— נו, וואָס מאַכסטו חייקעל, ווי געהט עס?

— וואָס זאָל מען מאַכען — ענטפערט חייקעל — געלויבט השי״ת דערפאַר, ווי איהר קוקט מיך אָן בין איך שוין אַ איד אַ זקן און פונדעסטוועגען, געלויבט דער אויבערשטער, האָט מען נאָך כח צו שלעפּען שווערע קאַנען וואַסער אויף די הויכע טרעפּ און ברוך־השם, מען לעבט און מען קומט דורך.

האָט זיך דער בעש״ט דאַן געווענדעט צו זיינע תלמידים און געזאָגט:

— עס האָט מיך שטענדיג געאַרט די סתירה צווישען די צוויי מאמרים. אין איין אָרט זאָגען די חז״ל: „אדם נידון בראש־השנה״ און אין אַ צווייט אָרט: „אדם נידון בכל יום״ (ר״ה ט״ז)? און אָט האָט מיר חייקעל וואַסער־טרעגער די דאָזיגע סתירה פערענטפערט. ווי איהר זעהט איז עס דער זעלבער חייקעל, די זעלבע שווערע קאַנען וואַסער, די זעלבע הויכע טרעפּ און דאָך איז ער, חייקעל, נעכטען געווען פער־ביטערט און זיך געקלאָגט אויף זיין שווערען מצב, דאַגעגען היינט איז ער מונטער און צופרידען; און דאָס איז דער פשט פון די צוויי מאמרים: לעולם איז טאַקי „אדם נידון בראש־השנה״, ווערט איטליכער מענש גע׳משפט אום ראש־השנה, דאַמאָלס איז „מזונותיו של אדם קצובין לו״, דאַמאָלס ווערט בעשטימט, אַז חייקעל זאָל זיך אַ גאַנץ יאָהר מפרנס זיין פון טראָגען וואַסער. אָבער צי חייקעל זאָל זיין צופרידען פון זיין אומנות אָדער נישט, דערויף איז „אדם נידון בכל יום״, יעדען טאָג ווערט אין הימעל בעשטימט, ווי אַזוי חייקעל זאָל זיך אינ׳ם דאָזיגען טאָג פיהלען...

אין טור או״ח הלכות ר״ה ווערט געזאָגט: „בערב ראש־השנה הגדולים מתענים ובעשרת ימי תשובה הבינונים וביום הכפורים הכל מתענים״. דאַגעגען אין שלחן־ערוך ווערט געזאָגט סתם: „נוהגים להתענות ערב ראש־השנה״, אַז אַלע זענען זיך נוהג אינ׳ם דאָזיגען טאָג צו פאַסטען (דער מהרי״ל איז זאָגאַר מוסיף: „אפילו תינוקות

מתענים״), און דערויף פרעגט דער מגן־אברהם: אין טור שטעהט דאָך בפירוש, אַז נור „הגדולים מתענים״?

האָט דער „מחצית השקל״ געענטפערט דערויף בדרך־צחות: אַז היות ווי בזמן־הזה האַלטען זיך אַלע פאַר גדולים, יעדער איינער איז אָנגעשטעקט מיט גאוה און בלאָזט פון זיך, איז אויף דעם דאָזיגען חטא גופא, אויף דעם וואָס מען האַלט זיך פאַר גדולים — דאַרף מען ערב ראש־השנה תשובה טהון און פאַסטען...

„ספרי חיים וספרי מתים פתוחים בר״ה״ (ר״ה ט״ז)

נאָכוואָס ווערען עפּעס געעפענט די ספרי־מתים?

ווייל ביי יעדען פערברעכער, בשעת מען שטעלט איהם למשפט, מוז צווישען אַלע אַנדערע אומשטענדען אויך גענומען ווערען אין אַכט, פון וואַנען ער שטאַמט, אין וואָס פאַר אַ סביבה ער איז אויסגעוואַקסען, וואָס אַ ערציהונג ער האָט באַקומען. דען ווען לתרבות־רעה געהט אַרויס אַזעלכער, וואָס שטאַמט פון זינדיגע פערברעכערישע עלטערען, איז זיין שולד נישט אַזוי גרויס, ווי דאָס טהוט איינער, וואָס שטאַמט פון אַ שענער, יחוס׳דיגער פאַמיליע, און דעריבער ווערען צוזאַמען מיט די „ספרי חיים״ אויך געעפענט גלייכצייטיג די „ספרי מתים״, נאָכצוזעהען ביי יעדען איינעם, ווער זיינע עלטערען זענען געווען, וואָס פאַר אַ גייסטיגע ירושה זיי האָבען איהם איבערגעלאָזען...
(חמדת שלמה)

מען האָט דעם דובנער מגיד אָנגעוויזען ראש־השנה אין שוהל אויף עטליכע פער־זאָנען, וואָס אַ גאַנץ יאָהר טרעטען זיי נישט איבער די שוועל פון אַ מקום־קדוש און איצט שטעהען זיי איינגעהילט אין די טליתים און שאָקלען זיך, אויסבעטענדיג זיך אַ גוט יאָהר. איז דער דובנער אַרויפגעגאַנגען אויפ׳ן בעלעמער און אָנגעהויבען, ווי זיין שטייגער, מיט אַ משל:

ליעבע אידען! אַ קרעמער האָט אַמאָל בעת אַ שרפה ר״ל פערלוירען זיין גאַנץ פערמעגען, דערצו איז ער אויך געבליבען אַ גרויסער בעל־חוב, ווייל כמעט זיין גאַנצע סחורה האָט ער געהאַט גענומען אויף קרעדיט און איצט האָט ער נישט געהאַט מיט וואָס צו בעצאָהלען. ווען ס׳איז געקומען דער טערמין און דער פאַבריקאַנט האָט איהם אַריינגעשיקט אַ חשבון, אַז ער זאָל בעצאָהלען וואָס עס קומט, האָט זיך דער קרעמער שטאַרק גענומען צום האַרצען און ער איז אַרומגעגאַנגען צו זיינע גוטע פריינד פרעגען אַנ׳עצה, וואָס ער זאָל טהון, אויף וואָס די גוטע פריינד האָבען איהם געראָטען, ער זאָל אַריבערפאָהרען צום פאַבריקאַנט און איהם דערצעהלען וועגען דעם אומגליק, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט, און דער פאַבריקאַנט וועט איהם דאָן זיכער אָוועקשטעלען דעם חוב, אָדער אינגאַנצען אָבמעקען.

האָט דער קרעמער אַזוי געטהון. ער איז אָוועקגעפאָהרען אין דער שטאָדט, וואו דער פאַבריקאַנט האָט געוואוינט, אָבער צוקומענדיג צום הויז פון פאַבריקאַנט איז ער געבליבען שטעהן פאַר דער טהיר און נישט געהאַט דעם מוט אַריינצוגעהן. ווי אַזוי — האָט ער זיך געטראַכט — וועל איך זיך קענען איהם ווייזען פאַר די אויגען, אַז איך בין איהם שולדיג אַזויפיעל געלד, עטליכע טויזענד רובל, וואָס ער האָט מיר אָנגעטרויט און איך קום צו איהם אינגאַנצען מיט לעדיגע הענד? פון גרויס פער־צווייפלונג האָט ער אויסגעבראָכען אין אַ געוויין און זיך צעכליפּעט ווי אַ קינד. דער־הערענדיג דאָס געוויין, האָט דער פאַבריקאַנט געעפענט די טהיר און, דערזעהענדיג דעם קרעמער איז ער געבליבען שטעהן אַ פערוואונדערטער און געפרעגט: וואָס איז

מיט אייך געשעהען? וואָס וויינט איהר? — צעוויינט זיך דער קרעמער נאָך שטאַרקער און ענטפערט: ווי זאָל איך נישט וויינען און ווי זאָל איך נישט יאָמערען, אַז איך בין אייך שולדיג עטליכע טויזענד קאַרבען און האָב נישט מיט וואָס צו בעצאָהלען. כ׳בין ל״ע אַ נשרף — אַנ׳אָרימאַן!

ווי דער פאַבריקאַנט האָט דאָס דערהערט, איז זיין האַרץ פול געוואָרען מיט רחמנות, ער האָט איהם אַריינגעבעטען צו זיך אין הויז, געהייסען דערלאַנגען צום טיש כיבוד און איהם געטרייסט: וויינט נישט, ליעבער איד, איך זעה, אַז איהר זענט אַנ׳אָרענטליכער מענש, איהר ווילט בעצאָהלען, נאָר איהר קענט נישט. אַלזאָ, איך שענק אייך די עטליכע טויזענד רובל און איהר בעקומט פון מיר אַ פריש פעקעל סחורה — און זאָגענדיג די דאָזיגע ווערטער האָט ער אַרויסגענומען פון פאָרטפעל די וועקסלען און איהם אין די אויגען זיי צוריסען אויף שטיקלעך.

דער קרעמער איז אַוועק מלא שמחה און, צוריקקומענדיג אויף דער אַכסניא, האָט ער אַלעמען דערצעהלט ווי אַזוי דער פאַבריקאַנט האָט מיט איהם מטיב געווען און איהם געשאָנקען אַ חוב פון עטליכע טויזענד רובל. דערהערט אַזאַ מעשה האָט איינער פון די צוהערער, וואָס איז געזעסען ביי׳ם טיש, זיך שנעל אויפגעהויבען און אויך אַוועקגעלאָפען צום פאַבריקאַנט און אַוועקשטעלענדיג זיך ביי דער טהיר האָט ער גע־נומען וויינען אויפ׳ן קול, און בעת דער פאַבריקאַנט, וועלכער האָט דעם דאָזיגען פרעמדען איד געזעהען צום ערשטען מאָל, האָט איהם געפרעגט, וואָס ער וויינט, האָט דער איד געענטפערט, אַז היות, ווי ער איז אַ גרויסער נצרך איז ער איהם דעריבער געקומען בעטען, ער זאָל איהם געבען אַ מתנה צוויי טויזענד רובל.

— וואָס הייסט? — קוקט אויף איהם דער פאַבריקאַנט פער׳חדוש׳ט, ווי אויף אַ חסר־דעה און לאַכט: אַ נדבה פון צוויי טויזענד רובל זאָל איך אייך געבען?

— הלמאַי — ענטפערט דער איד — האָט איהר יענעם קרעמער געשאָנקען אַזויפיעל געלד, מיט וואָס בין איך ערגער פון יענעם?

— איהר שלעפער איינער! — האָט איהם דער פאַבריקאַנט אָנגעזידעלט — וואָס גלייכט איהר זיך צו יענעם? מיט יענעם איד האָב איך געהאַנדעלט יאָהרען־לאַנג, געפיהרט מיט איהם געשעפטען און געלייזט ביי איהם שווערע טויזענדער, איז איצט, אַז עס האָט איהם געטראָפען ל״ע אַ סיבה און ער קאָן נישט בעצאָהלען, האָב איך איהם געשאָנקען אַ חוב, אָבער איהר, נישט איך קען אייך, נישט איהר קענט מיך, כ׳האָב מיט אייך קיינמאָל קיין עסקים נישט געהאַט, טאָ מיט וואָס פאַר אַ רעכט קומט איהר ביי מיר בעטען אַזאַ סומע געלד?

— ווען אַ פרומער איד — האָט דער דובנער אויסגעפיהרט — וועלכער קומט אַ גאַנץ יאָהר אין שוהל אַריין, ער בעמיהט זיך צו טהון שטענדיג מעשים טובים און האָט כסדר עסקים מיט׳ן רבונו־של־עולם, פערזינדיגט זיך אַמאָל און טהוט תשובה, איז איהם דער אויבערשטער מוחל, ווייל במשך פונ׳ם יאָהר האָט ער ביי איהם אַ סך געלייזט און אויב עס האָט איהם געטראָפען אַ מכשול און ער האָט חרטה פון גאַנצען האַרצען, דאַרף מען מיט איהם האַנדלען לפנים משורת הדין; ווען אָבער אַ ווילד־פרעמדער, וואָס אַ גאַנץ יאָהר האָט ער מיט׳ן רבונו־של־עולם קיין שום געשעפטען נישט, מען זעהט איהם קיינמאָל נישט אין קיין מקום־קדוש, שטעלט זיך פלוצים אַוועק ימים־נוראים ביי׳ם שטענדער און ווענדעט זיך צום רבונו־של־עולם, ער זאָל איהם טהון אַ טובה און איהם שענקען אַ היבשען קאַפיטאַל, אַ פערמעגען פון „בני חיי ומזוני״ — איז דאָך עס, ליעבע אידען, אַ גרויסע העזה פון אַזאַ איינעם, אַ געוואַלדיגע העזה!...

יהי רצון שתחדש עלינו שנה טובה ומתוקה...

„טובה" אַליין איז ווייניג, וואָרום אויך אויף אַ שלעכטער זאַך זענען מיר מחויב צו זאָגען „גם זו לטובה"; מיר בעטען דעריבער, אַז עס זאָל אויך זיין „ומתוקה" — טאַקע אויף אַן׳אמת גוט!...

(רבי שלמה לענטשיצער)

זכרנו לחיים מלך חפץ בחיים...

געדענק אונז, רבש״ע, צום לעבען און זעה, אַז מיר זאָלען האָבען פונוואַנען צו לעבען, דען — „מלך חפץ בחיים": נישט מיר, נאָר דו האָסט דאָך פערלאַנגט, אַז מיר זאָלען לעבען; דו האָסט דאָך אונז געצוואונגען דערצו געגען אונזער רצון, מיר האָבען עס לגמרי נישט געוואָלט, דען „על כרחך אתה חי!" איז געזאָגט געוואָרען צום מענשען... איז אויב־זשע דו, רבונו־של־עולם, האָסט עס געוואָלט — טאָ וואָסערע טענות קאָנסטו האָבען צו אונז? און אויב דו, רבש״ע, האָסט געוואָלט, אַז מיר זאָלען לעבען — מוזטו דאָך אונז געבען די מעגליכקייטען צום לעבען!...

(תולדות אדם)

זכרנו לחיים וכו׳ למענך אלקים חיים...

דאָס לעבען, וואָס דו וועסט אונז שענקען, זאָל זיין „למענך", פאַר דיינעטוועגען, מיר זאָלען עס נישט אויספיהלען, חלילה, מיט קיין נאַרישקייטען...

(שפת אמת)

— טאַטע האַרציגער! — האָט זיך אַמאָל רבי יחזקאל קוזמירער אויסגע׳טענה׳ט מיט׳ן רבונו־של־עולם — אמת הדבר, אַז מיר זענען גרויסע בעלי־חובות, מיר זענען דיר אַ סך, גאָר אַ סך שולדיג. עס איז אָבער דער דרך־העולם, בשעת אַ סוחר זעהט, אַז זיין קליענט שטעהט שלעכט און האַלט פאַר באַנקראָט, לאָזט ער איהם נישט פאַלען און ער אונטערשטיצט איהם כדי ער זאָל זיך ארויפכאַפּען און צוריק ווערען לייט און דאַן וועט ער אימשטאַנד זיין אָבצוצאָהלען דאָס, וואָס ער איז שולדיג... בעטען מיר דיך רבונו־של־עולם: „כתבנו בספר החיים", געב אונז אויף קרעדיט אַ פּריש ביסעל חיים, און טהון דאַרפסטו דאָס אויך פאַר דיינעטוועגען, „למענך אלקים חיים" — „למענך", כדי מיר זאָלען דיר קאָנען אויף אַזאַ אופן אָבצאָהלען די אַלטע חובות...

ובכן תן פחדך...

צי דען — האָט געפרעגט רבי חיים צאַנזער — זענען מיר אַליין שוין גענוג פערזאָרגט מיט יראת־שמים און מיר האָבען שוין נישט מעהר קיין אַנדערע דאגות, נאָר מתפלל צו זיין אַז אויך די אומות־העולם זאָלען ווערען פרום, „וייראוך כל המעשים וישתחוו לפניך כל הברואים ויעשו כולם אגודה אחת לעשות רצונך וכו׳"?

נאָר — האָט ער דערויף געענטפערט — די גמרא זאָגט: „המתפלל על חבירו והוא צריך לאותו דבר — הוא נענה תחילה" (ב"ק צ"ב), זענען מיר דעריבער מתפלל אויף אַנדערע, כדי מיר זאָלען אַליין דאַדורך געהאָלפען ווערען מיט יראת־שמים...

פאַרהאַן, לײדער — פלעגט זאָגען רבי נפתלי ראָפּשיצער — אַזעלכע מתפללים, וואָס בעת זײ בעטען אינ׳ם ימים־נוראים׳דיגען דאַווענען: „ובכן תן פחדך״, האָבען זײ דאָן אין זינען, אַז „פחדך״ איז בגמטריא — „ג ע ל ט״!...

רבי חיים־יוסף־דוד אַזולאי פּערטײטשט דעם פסוק „אם יום או יומים יעמוד לא יוקם כי כספו הוא״ (משפטים כא.), אַז דאָס געהט־אַרויף אויף די ספּעציעלע ימים־נוראים׳דיגע שוהל־אידען. „אם יום או יומים יעמוד״ — אַזאַ מין איד, וועמען מען טרעפט שטעהן אין שוהל בלויז אינ׳ם טאָג יום־כפור, אָדער אויך אין די צוויי טעג ראש־השנה — „לא יוקם״, ביי אַזעלכען וועט דאָס אידישקייט לאַנג קיין קיום נישט האָבען — „כי כספו הוא״, וואָרום אַזאַ שטייגער איד קומט אין שוהל אַריין מתפלל זיין דער עיקר אויף ג ע ל ד, מעהר געהט איהם נישט אָן!...

מלוך על כל העולם כולו בכבודך...

נאָכוואָס דער דאָפּעלטער אויסדרוק: „כל העולם כולו״, עס וואָלט דאָך געווען גענוג בלויז „כל״, אָדער „כולו״?

נאָר מיר געפינען אָפּט אין דער גמרא, אַז „רובו ככולו״, און אַזוי ווערט אויך געזאָגט אין אבן־עזרא (שמות יט. ט.): „ואילו היה כתוב כל ישראל ידבר על הרוב כמשפט הלשון״. מיט דעם אויסדרוק „כל העולם כולו״ זענען מיר, אַלזאָ, אויסען צו בעטאָנען, אַז אונזער תפלה און שטרעבונג איז, נישט בלויז די מעהרהייט פון דער וועלט, דער „רובו ככולו״, נאָר טאַקי די גאַנצע וועלט, „כל העולם כולו״, אַלע פעלקער אָהן אויסנאַהם, זאָלען ענדליך קומען צו דער אָנערקענונג פון מלכות־השם און פון „וידע כל פעול כי אתה פעלתו״...

(טו״ז)

למוחל עונות בדין...

עס איז ביי השי״ת אַ דין, אַן אָנגענומענער דין, מוחל צו זיין די אידען זייערע עוונות — און אַ דין טאָר מען נישט משנה זיין!...

(נהר שלום)

לקונה עבדיו בדין לרחם עמו ביום דין...

דער דין איז: „כל הקונה עבד עברי כקונה אדון לעצמו״ (קידושין כ׳) — און תוספות ברענגט דאָרט אין נאָמען פון ירושלמי, אַז ווען אַפילו דער בעל־הבית פערמאָגט נישט מעהר, ווי איין קישען צוקאָפּענס, מוז ער עס אָוועקגעבען זיין עבד; ווייל — קוים האָט זיך דיר פערגלוסט אַנ׳עבד, ביזטו מחויב צו פערזאָרגען איהם מיט אַלע הצטרכות׳ן!... טענה׳ן מיר דעריבער צום רבש״ע: „לקונה עבדיו״ — קוים האָסטו אונז געקויפט אַלס עבדים, ערקלערענדיג עפענטליך: „כי עבדי הם״, איז „ב ד י ן״, מוזטו על־פי־דין מקיים זיין דעם „לרחם עמו״, צו פערזאָרגען אונז מיט אַלעם גוטען, וואָרום — „כל הקונה עבד עברי כקונה אדון לעצמו״...

(רבי משה־לייב סאַסעווער)

אבינו מלכנו אין לנו מלך אלא אתה...

אין דער צייט פון די מורא׳דיגע פּאָגראָמען אויף אידען אין רוסלאַנד, וועלכע זענען אָרגאַניזירט געוואָרען מיט דער הילף פון דער צאַרישער רעגירונג זעלבסט, און אַלע אינטערווענצען האָבען נישט געהאָלפען און ס׳איז נישט געווען צו וועמען צו ווענדען זיך, האָט דער בעריהמטער דרשן, ר׳ בצלאל צאַדיקאָוו, געהאַלטען אַ דרשה, אין וועלכער ער האָט געשילדערט די שרעקליכע לאַגע, אין וועלכע אידען געפינען זיך, און פול מיט פערצווייפלונג און פערביטערונג האָט ער דאַן אויפגעהויבען די הענד צום הימעל און אויסגעשריען מיט אַלע כחות:

— אוי, אבינו מלכנו... אין לנו מלך!...

און דאַן האָט ער זיך אָבגעשטעלט, אַרומגעקוקט זיך פאַרזיכטיג אויף אַלע זייטען און פערענדיגט אין דער שטיל: ...אלא אתה...

אבינו מלכנו מחה והעבר חטאתינו ופשעינו...

און נאָכדעם בעטען מיר: „אבינו מלכנו מחוק כל שטרי חובותינו". וואָס עפּעס דאָפּעלט? — ווייל, בידוע, איז „כל ישראל ערבים זה בזה", איין איד איז ערב און פעראַנטוואָרטליך פאַר׳ן צווייטען. בעטען מיר דעריבער, ערשטענס: „מחה והעבר פשעינו", זיי אונז מוחל די א י י ג ע נ ע זינד, און דאַן — מחוק כל שטרי חובותינו", בעפריי אונז פון דער גאַראַנטיע, וואָס מיר האָבען זשירירט פאַר אַנדערע, פאַר פ ר ע מ ־ ד ע זינד!...

(דבר בעתו)

אבינו מלכנו כתבנו בספר פרנסה וכלכלה...

גיב אונז, רבש״ע, די מעגליכקייט, מיר זאָלען קאָנען בלייבען ביי ב י י ד ע זאַכען: ביים „ספר" און ביי „פרנסה" — אַז מיר זאָלען נישט זיין אַזוי פערהאָרעוועט אין דער פּרנסה, צוליב וועלכער מיר זאָלען קיין צייט און קיין מנוחה נישט האָבען צו לערנען און אַריינצוקוקען אין אַ ספר; און פערקעהרט — אַז מיר זאָלען נישט דאַרפען, חלילה, זיצען ביים ספר דערפאַר בלויז, ווייל עס איז נישטאָ וואָס צו טהון, ווייל עס איז נישטאָ קיין פרנסה!...

(תפארת שלמה)

אבינו מלכנו כתבנו בספר זכיות...

און דערנאָך בעטען מיר: „אבינו מלכנו כתבנו בספר סליחה ומחילה". איז, איי־גענטליך, וואָלט דאָך דער סדר געדאַרפט זיין אַנדערש: פריהער וואָלט מען געדאַרפט בעטען אויף סליחה ומחילה, פריהער דאַרף מען זיך אָבריינינגען פון די עוונות און ערשט דערנאָך דאַרף מען געהן אַ טריט ווייטער און בעטען אויף זכיות?

נאָר בשעת אַ מענש טהוט תשובה, זאָגען די חז״ל, אַז „זדונות נעשו לו כזכיות", בעטען מיר דעריבער: „אבינו מלכנו כתבנו בספר זכיות", איי, מיר האָבען דאָך נישט קיין זכיות? איז דערויף דאָ אַנ׳עצה: „אבינו מלכנו כתבנו בספר סליחה ומחילה", זיי אונז מוחל די חטאים, און דאַן וועלען דאָך פון די חטאים ווערען זכיות...

(רבי אפרים זלמן מרגליות)

אבינו מלכנו הרם קרן ישראל עמך...

די גמרא זאָגט: „לא הגלה הקב״ה את ישראל לבין האומות אלא כדי שיתוספו עליהם גרים״ (פסחים פ״ז). עס קומט אַלזאָ אויס, אַז פערטרייבענדיג די אידען אין גלות אַריין, וויל נאָך דער רבש״ע כביכול מאַכען ר י ו ח פון דעם געשעפט, אָבנעהמען זיך מיט פּראַצענט!... באמת אָבער, ווי מיר זעהען, איז לאַ־די וואָס דער גלות ברענגט נישט קיין ריוח, נאָר אויך דער קרן גופא איז אין געפאַהר, עס האַלטען אין אָב־פאַלען פון אידען לעבעדיגע שטיקער, וועלכע קעהרען זיך מעהר נישט צוריק... ווענדען מיר זיך דעריבער צום רבש״ע און בעטען איהם: „הרם ק ר ן ישראל עמך!״ — אייל־זיך־צו און זעה אָבצוראַטעווען וואָס־גיכער דעם שארית־ישראל, דעם טייל פונ׳ם איבערגעבליבענעם ק ר ן, דען קיין ר י ו ח ווערסטו שוין ביי דעם עסק זיכער נישט מאַכען!...

(רבי ישראל, קאָזשעניצער מגיד)

רבי שלמה לייב לענטשנער האָט זיך אַמאָל אָוועקגעשטעלט פאַר די תקיעות און געזאָגט: רבונו־של־עולם! בשעת אַ איד לאָזט אַראָב די תפילין אויף דער ערד, ווערט ער אויפגעציטערט און ער פאַסט אַ גאַנצען טאָג פון גרויס צער, ווייל אין די תפילין געפינט זיך דיין געטליכער נאָמען. די גמרא זאָגט אונז, אַז מיר, אידען, זענען דיינע תפילין: „תפילין דמאריה דעלמא מאי כתיב בהו? ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ!״ בעטען מיר דעריבער: „אבינו מלכנו הרם קרן ישראל עמך״, וואָרום ווי קענסטו צוזעהן און ווי אַזוי, רבונו־של־עולם, קענסטו דערלאָזען, אַז דיינע תפילין זאָלען זיך אַרומוואַלגערען אויף דער ערד און אַזוי פיעל בזיונות אויסשטעהן...

דעריבער — פלעגט זאָגען רבי דוד׳ל לעלעווער — לייענט מען ראש־השנה די פּרשה פון הגר וישמעאל, כדי צו דערמאָהנען די ווערטער, וואָס דער מלאך־האלקים האָט געזאָגט צו הגר׳ן: „אַל תירא כי שמע אלקים אל קול הנער באשר הוא שם״, אַז מען האָט איהם נישט דן געווען, ווי די מקטרגים האָבען געפאָדערט (לויט דער דרשת חז״ל), פאַר זיינע שפּעטערדיגע מעשים, נאָר „באשר הוא שם״... און אויך מיר בעטען דאָס זעלבע. הגם עס איז גלוי וידוע פאַר׳ן יודע הכל, אַז נאָך ראש־השנה וועלען מיר ווידער אַמאָל אַרויס פון דער צוים און ווידער אַמאָל געשטרויכעלט ווערען אין חטאים ועונות, זאָל זיך דער רבונו־של־עולם נישט רעכענען דערמיט, נאָר ער זאָל אונז בע־האַנדלען אַזוי, ווי ער האָט דאַן בעהאַנדעלט ישמעאל׳ן און אונז דן זיין „באשר הוא שם״, לויט אונזער אויפפיהרונג אין די ראש־השנה׳דיגע טעג...

אבינו מלכנו חננו ועננו כי אין בנו מעשים...

אַלע „אבינו־מלכנו׳ס״ ווערען געזאָגט הויך, מיט האַרץ, מיט ברען: דאַגעגען דער לעצטער „אבינו־מלכנו״ ווערט געזאָגט אין דער שטיל. פאַרוואָס?

עס איז דערפאַר, ווייל מיר געפינען זיך אין דערזעלבער לאַגע, וואָס יענער פּראָווינצער סוחר, וועלכער קומט אַריין אין אַ גרויס הורט־געשעפט און מאַכט אַ היבשע בעשטעלונג אויף כל־ערליי סחורות פון פערשידענע מינים. די משרתים פאַרען זיך און טאַנצען אַרום איהם, זייענדיג צופרידען פונ׳ם גרויסען פדיון. מען האַלט איהם אין איין פרעגען: „אפשר נאָך עפּעס?״ — און דער סוחר לאָזט זיך נישט בעטען און

שאָקעלט כסדר מיט׳ן קאָפּ אויף יאָ... ערשט ווען אַלץ איז שוין ערלעדיגט און פער־פּאַקט און מען דערלאַנגט איהם אַ רעכנונג, רופט ער אָוועק דעם אייגענטימער אין אַ ווינקעל און רוימט איהם איין הכנעה׳דיג אויפ׳ן אויער: „ענטשולדיגט, קיין מזומן געלד, ליידער, האָב איך נישט, קיין פּרוטה אַחת נישט; אַ וועקסעלע קאָן איך אייך געבען״...

דאָס זעלבע איז געבעך אויך מיט אונז. פריהער שטעלען מיר זיך אָוועק מעשה־סוחר און רופען־אויס הויך, שטאָלץ, אַנווייזענדיג אויף די פּאָליצעס מיט די פערשידענע מיני סחורות: „אבינו מלכנו״! זיי אַזוי פריינדליך און הייס געבען אונז אָט־אָ יענס שטיקעלע שטאָף מיט דער מאַרקע פון „חדש עלינו שנה טובה״... „אבינו מלכנו״! זיי אַזוי ליעבעסווירדיג — אַביסעלע „גאולה וישועה״... „אבינו מלכנו״! — אַ גרעסערן קוואַנטום „פּרנסה וכלכלה״... „אבינו מלכנו״! — „רפואה שלמה לחולי עמך״... „אבינו מלכנו״! — „סליחה ומחילה״... און אַזוי ווייטער, גאָר אַ היבש קרעמעל!... ערשט ווען די גאַנצע בעשטעלונג איז שוין פאַרטיג, לאָזען מיר שעמעוודיג אַראָב די קעפּ און זאָגען אין דער שטיל: „אבינו מלכנו״! — טאַטע הארציגער — „חננו ועננו״ — האָב קיין פאַראיבעל נישט — „כי אין בנו מעשים״ — קיין מזומנים צו צאָהלען פאַר דעם אַלעם האָבען מיר נישט — „עשה עמנו צדקה וחסד״ — דו מוזט אונז טרויען אויף קרעדיט, אויפ׳ן וואָרט; העכסטענס קאָנען מיר געבען אַ ו ע ק ס ע ל ע!...

(דובנער מגיד)

תקיעת שופר

עס איז אַ משל צו אַ מלך וואָס זיינע קינדער האָבען פערבלאָנדזשעט און זיי זענען אָוועק ווייט פון דער היים און נישט געוואוסט דעם וועג צוריק, און וויפיעל זיי האָבען נישט געשריען צום מלך, ער זאָל זיי העלפען, האָבען זיי קיין ענטפער נישט בעקומען.

האָבען זיי זיך געטראַכט: אפשר האָבען מיר פערגעסען די שפּראַך פון מלך און מיר ווייסען נישט, ווי אַזוי צו ריידען צו איהם, לאָמיר דעריבער אָנהויבען שרייען מיט׳ן בלויזען קול, אָהן ווערטער —

תקיעת־שופר — דאָס איז דער קול אָהן ווערטער...

פאַר די תקיעות פלעגט רבי משה קאָברינער זיך אָוועקשטעלען ביי׳ם שלחן און אויסרופען צום עולם: הייליגע אידען, טייערע ברידערלעך! זאָל זיך קיינער פון אייך, אין דער איצטיגער הייליגער שעה, נישט פערלאָזען אויף מיר, זאָל איטליכער טהון פאַר זיך, זאָל איטליכער פון אייך זיך אַליין אין זינען האָבען... למנצח מזמור!

„תקעו לפני בשופר של איל כדי שאזכור לכם עקידת יצחק״ (ר״ה ט״ז)

האָט געזאָגט דערויף דעם רבי ר׳ בונים׳ס פאָטער, רבי הירש וואָדיסלאַווער:
לעולם, בכדי צו דערמאַהנען די עקידה, וואָלט דאָך גיכער געפּאַסט צו בעהמען אַ מעסער, דאָס איז דאָך אַ פיעל שטאַרקערער זכר איידער אַ שופר?... נאָר באמת זענען מיר אויסען דערמיט צו דערמאַהנען, נישט אַזוי ווייט די מעשה־עקידה גופא, אַז אברהם האָט מסכים געווען און יצחק איז געווען גרייט צו לאָזען זיך ברענגען פאַר אַ קרבן, ווי בעיקר דאָס, אַז השי״ת פערלאַנגט נישט קיין מענשליכע קרבנות און ער האָט דעם קרבן פון יצחק׳ן אויסגעטיישט אויף אַן־איל... און דעריבער, בשעת מיר

שטעלען זיך אַוועק אום ראש־השנה מתפלל זיין צו השי״ת, ער זאָל אונז, חלילה, נישט מעניש זיין פאַר אונזערע חטאים, ווייזען מיר אָן דערביי אויפ׳ן שופר של איל, אַז אויך מיט אונז זאָל ער זיך אַזוי נוהג זיין, ווי ער האָט זיך נוהג געווען מיט יצחק אבינו, וואָרום — „כי לא יחפוץ במות המת״...

„למה תוקעין בר״ה, כדי לערבב השטן״ (ר״ה ט״ז)

דערויף זאָגט רש״י: „שלא ישטין, כשישמע ישראל מחבבין את המצוות מסתתמין דבריו״.

אין פלוג, בשעת דער שטן זעהט, אַז די אידען זענען מחבב את המצוות און זיין גאַנצע אַרבייט איז אין געפאַהר, דאַרף ער דאָך דאַן פון גרויס פערביטערונג נאָכמעהר פערשטאַרקען אויף זיי דעם קטרוג?

נאָר די חז״ל זאָגען: „העושה תשובה מאהבה זדוניו נעשים לו כזכיות״, איז דעריבער, בשעת דער שטן דערזעהט, אַז די אידען זענען חוזר בתשובה און זענען „מחבבין את המצוות״, טהוענדיג די מצוות מאהבה, מתוך חיבה, שטעלט ער דאַן אָב דעם קיטרוג און הערט אויף אויסצורעכענען זייערע עבירות, מורא האָבענדיג, אַז די אַלע אויסגערעכענטע עבירות זאָלען נישט פערוואַנדעלט ווערען אין זכיות...

(הפלאה)

דער טעם פון תקיעת שופר איז: „כדי לערבב את השטן״, כדי דער שטן זאָל דורך די תקיעות צו׳חוש׳ט און מבולבל ווערען.

דערמיט, איז די כוונה דערפון, זענען מיר אויסען צו ווירקען אויפ׳ן שטן און צו ווייזען איהם אַ ביישפּיעל פון זיך זעלבסט: אָט זעה, אַדרבה, ווי בשעת דו ווערסט מבולבל אין די רעיונות און דאָס צוליב אַזאַ קליינינגקייט ווי תקיעות ווערט דיר דאַן דאָס לשון אָבגענומען און דו ווייסט נישט, וואָס עס טהוט זיך מיט דיר!... טאָ וואָס זאָלען שוין זאָגען די אידען, וועלכע געהען תמיד אַרום מיט צוטומעלטע מחשבות, פול מיט זאָרג און דאגות־פרנסה? און ווי־אַזוי קאָנסטו נאָך האָבען טענות צו זיי, הלמאַי זיי פיהרען זיך נישט אויף ווי עס דאַרף צו זיין!?...

(רבי ר׳ בונים)

בשעת דער רבי ר׳ העשעל איז נאָך אַ קליין אינגעל געווען, האָט איהם דער פאָטער איינמאָל געטראָפען, ווי ער שטעהט פאַר די תקיעות אין אַ ווינקעל און עסט.

— האַ? — מוסר׳ט איהם ליעבליך דער פאָטער: — פ אַ ר די תקיעות?...

ווערט ער נישט נתפעל און ענטפערט:

— מיר זוכען דאָך, טאַטע, פערשידענע תחבולות, און דער גאַנצער ענין פון שופר־בלאָזען איז דאָך נאָר צוליב דעם, כדי מבלבל צו זיין דעם שטן; נו, איז מיר איינגעפאַלען אַ גוט מיטעל... בעת דער שטן וועט זעהן, אַז איך עס, וועט ער זיך אויפהויבען און אַוועקגעהן און מעהר נישט מקטרג זיין, וואָרום ער וועט זיכער מיינען, אַז מיר האַלטען שוין נ אָ ך די תקיעות!...

„שופר אחד אמר רחמנא ולא שנים ושלשה שופרות״ (ר״ה כ״ח)

דאָס גרעסטע אומגליק אונזערס איז, וואָס מיר זענען צוטיילט און צושפּליטערט אויף אַהן אַ שיעור „שופרות״, און יעדער פון זיי בלאָזט און רופט און אַגיטירט צו עפּיס אַנדערש. אָבער — „שופר אחד אמר רחמנא ולא שנים ושלשה שופרות״! אונזער

איינציגע רעטונג איז אַ „שופר אחד", איין געמיינזאַמע אידישע שטרעבונג, די פער־איינינונג צום אַלגעמיינעם גרויסען אידישען ציעל, און דאָס איז דער זין פון׳ם נביא׳ס הבטחה: „והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול ובאו האובדים בארץ אשור והנדחים בארץ מצרים", דער קבוץ־גליות פון די „אובדים" און „נדחים" קאָן נור מעגליך זיין דורכ׳ן „יתקע בשופר גדול", ווען דאָס אָרט פון די פערשידענע שופרות וועט פער־נעהמען דער איינער און פעראייניגטער „שופר גדול", דען — „שופר אחד אמר רחמנא ולא שנים ושלשה שופרות"!...

(המגיד)

„ציפהו לשופר זהב במקום הנחת פה — פסול" (ראש השנה כ"ז)

אויב דאָס מויל פונ׳ם „שופר", פונ׳ם מוכיח און מוסר־זאָגער, איז בעדעקט מיט גאָלד, דאָס מוסר־זאָגען איז ביי איהם אַ געלד־געשעפט, אַ פרנסה־זאַך — אַזאַ מוכיח איז פסול!...

(ילקוט פנינים)

רבי שלמה קלוגער האָט אַמאָל גע׳מוסר׳ט אַ בעל־תוקע און געזאָגט צו איהם:

— אמת טאַקי אַז תקיעת שופר איז „חכמה ואינה מלאכה", מען דאַרף אָבער דערביי למעה"ש נישט פערגעסען, אַז „ראשית חכמה — יראת ד'".

רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער האָט אַמאָל געזוכט אַ בעל־תוקע אויף ראש־השנה, זענען געקומען צו איהם פיעל לומד׳ישע, חסיד׳ישע אידען, פון וועלכע יעדער האָט געוואָלט האָבען די זכיה צו זיין רבי לוי־יצחק׳ס בעל־תוקע. האָט ער זיי גענומען איינ־ציגווייז פערהערען און יעדען פון זיי געפרעגט:

— וואָס ביזסטו מכוון בעת די תקיעות?

האָט איטליכער, פערשטעהט זיך, גענומען אַרויסווייזען זיין בקיאות אין די פער־שידענע כוונות און יחודים, וואָס מען דאַרף עפ"י קבלה אין זינען האָבען בעת תקיעת־שופר. רבי לוי־יצחק הערט זיי אַלעמען אויס און איז עפּעס נישט צופרידען.

— נו, און דו? — ווענדעט ער זיך לסוף צו איינעם, וועלכער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין אַ ווינקעל, נישט־האָבענדיג די דרייסטקייט אַריינצומישען זיך אינ׳ם הויכען שמועס — וואָסערע כוונות ביזטו מכוון ביי די תקיעות?

— רבי!... — שטאַמעלט דער איד שעמעוודיג — כ׳בין אַ פּראָסטער איד, כ׳האָב פיער טעכטער חתונה צו מאַכען און האָב נישט פאַר זיי קיין גראָשען נדן... איז אַז עס קומט צו די תקיעות, בין איך מכוון: רבונו־של־עולם! איך האָב געטהון דיין רצון און געבלאָזען פאַר דיר שופר, טהו־זשע דו אויך מיין רצון און שיק מיר צו זיווגים פאַר מיינע טעכטער!...

— זעהר גוט! — האָט רבי לוי־יצחק אויסגערופען אַ צופרידענער — דו ביזט מכוון די אמת׳ע כוונות; אַט טאַקע אַזאַ בעל־תוקע זוך איך!...

רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער האָט זיך נוהג געווען אַליין צו זיין ראש־השנה בעל־תוקע.

איינמאָל פאַר תקיעות, האָט רבי לוי־יצחק אָנגעטהון דעם קיטעל, איינגעוויקעלט זיך אין טלית און אַרויף אויפ׳ן בעלעמער, אָבגעזאָגט זיעבען מאָל „למנצח", „מן־המצר", נעהמט דעם שופר אין האַנד — און שווייגט. ער לעגט אַוועק דעם שופר, נעהמט איהם צוריק

און לעגט איהם ווייטער אוועק. דער עולם שטעהט מיט די טליתים איבער די קעפּ, וואַרט אין ציטערניש און וואַרט — און מען הערט נ״שט קיין ברכה און מען הערט נישט קיין קול־שופר.

אַ טיעפע אימה׳דיגע שטילקייט הערשט אין בית־המדרש. און דאַן רופט זיך אָן רבי לוי־יצחק צום עולם און זאָגט:

— רבותי, אין פאַליש ביי דער טהיר זיצט אַ איד וועלכער איז כל ימיו געווען צווישען גוים און ער קאָן נעביך נישט דאַווענען. פון גרויס צער, וואָס ער קאָן נישט מיטדאַווענען מיט׳ן עולם, האָט דער דאָזיגער איד אָנגעהויבען צו וויינען און ער האָט געזאָגט צום רבונו־של־עולם: דו, רבונו־של־עולם, ווייסט דאָך די אמת׳ע כוונות פון אַלע תפלות און דו ווייסט דאָך דעם אמת, אַז מעהר ווי אַלף־בית קאָן איך נישט, בעט איך דיך: איך וועל פאַר דיר זאָגען אַלף, בית, גימל, דלית — און דו מאַך פון זיי תפלות...

— איצט — פיהרט אויס רבי לוי־יצחק — זיצט כביכול און מאַכט תפלות פון דעם אידענ׳ס אלף־בית — מוז מען דעריבער צוואַרטען...

איינמאָל, פאַר תקיעת־שופר, האָט זיך רבי לוי־יצחק אַוועקגעשטעלט און געזאָגט פאַר׳ן עולם פאָלגענדען משל:

עס איז אַמאָל אַ מלך געגאַנגען אין וואַלד אַריין אויף יאַגד און, געהענדיג אין טיעפען וואַלד, האָט ער פערבלאָנדזשעט און נישט געטראָפען דעם וועג צוריק. וואָכען זענען אַוועק און חדשים, די מדינה־לייט האָבען נאָך לאַנגע זוכענישען זיך שוין גע־וואָלט פון איהם מייאש זיין. די צייט איז געגאַנגען, זיי האָבען ביסלעכווייז אָנגעהויבען פערגעסען אין איהם און דער מלך האָט נאָך אַלץ אין וואַלד געבלאָנדזשעט און נישט געטראָפען דעם וועג צוריק. ויהי היום, האָט דער וואַלד־שומר אַ בלאָנדזשענדען מענש דערזעהען און איינקוקענדיג זיך אין זיין פנים האָט ער אין איהם דעם מלך דערקענט. מיט גרויס שמחה האָט ער דעם מלך אויפ׳ן וועג אַרויסגעפיהרט און בעגלייט צו זיין לאַנד און היים, וואו ער האָט די מדינה־לייט, וועלכע האָבען שוין געהאַט אין דעם מלך פערגעסען, מיט פערשידענע סימנים איבערצייגט, אַז דאָס איז זייער מלך און קעניג, וועלכער האָט אין טיעפען וואַלד פערבלאָנדזשעט און נישט געפונען דעם וועג צוריק... דער מלך איז מיט גרויס פּאַראַד צוריק אַוועקגעזעצט געוואָרען אויף זיין טראָהן און, אַלס בעלוֹיהנונג, האָט ער דעם וואַלד־שומר פאַר אַ גרויסען שר בעשטימט.

ויהי היום, האָט זיך דער שר זעהר שווער פערזינדיגט און דער קעניגליכער ראָט האָט איהם פער׳משפט צום טויט. ווען מען האָט איהם צו דער תליה געפיהרט, איז זיין לעצטער וואונש געווען, מען זאָל איהם אָנטהון אין זיינע אַמאָליגע וואַלד־קליידער און די תליה זאָל אַוועקגעשטעלט ווערען פאַר׳ן מלך׳ס פענסטער. זיין וואונש איז ערפילט געוואָרען און ווען דער מלך האָט דורכ׳ן פענסטער דערזעהען די תליה און דעם פער׳־משפט׳ן אין זיינע אַמאָליגע קליידער אַלס וואַלד־שומר, איז זיין האַרץ פול געוואָרען מיט גרויס רחמנות, ער האָט זיך דערמאָהנט אין יענער צייט, ווען ער איז אַליין בע־ונד געווען און אין טיעפען וואַלד געבלאָנדזשעט און נאָר ער איינער, דער שומר, האָט איהם דערקענט און איהם איינעם האָט ער צו פערדאַנקען, וואָס ער האָט צוריק דעם טראָהן און די הערשאַפט איבער זיין מדינה בעקומען, און דאַן האָט דער מלך דעם גזר־דין צוריסען און דעם פער׳משפט׳ען זיין בעגאַנגענע זינד מוחל געווען און איהם צוריק אויף זיין חשוב׳ן אַמט בעשטימט.

אויך מיר — האָט רבי לוי־יצחק אויסגעפיהרט — דערמאָהנען היינט מיט׳ן קול־שופר דעם רבונו־של־עולם, אַז מיר זענען די איינציגע געווען, וועלכע האָבען, דער־

הערענדיג דעם ערשטען קול־שופר פון סיני, דעם מלך דערקענט און זיין מלכות פער־שפרייט איבער דער וועלט, צווישען די מענשען פון אַלע מדינות, וואו גאָטס נאָמען איז געוועז פערגעסען און אונבעקאַנט... האָבען מיר דעריבער דאָס רעכט צו פער־לאַנגען, אַז ער זאָל אויך איין אונזערע חטאים פערגעסען און זיך בעגעהן מיט אונז לפנים משורת־הדין, ובכן, זאָגט, ליעבע אידען: — „למנצח לבני קרח מזמור, שמעו זאת כל העמים, האזינו כל יושבי חלד״..

אשרי העם יודעי תרועה...

„אשרי העם יודעי תרועה וכי אומות־העולם אינם יודעים להריע? אלא שיודעים לרצות את בוראם ובמה בתרועה והיינו בתשובה״ (מדרש רבה אמור)

משל למה הדבר דומה? צו אַ דאָרפישען פויער, וועלכער איז געקומען אין אַ שטאָדט אַריין, וואו עס איז גראָד דאַן אויסגעבראָכען אַ שרפה, און ער דערזעהט, ווי אויפ׳ן מאַרק שטעהען מענשען און טרומייטערען און פויקען און דאַן לויפט מען פון אַלע זייטען מיט העק אין די הענד און מיט לאָפּאָטעס און מיט פעסער און מיט פער־שיעדענע אַנדערע כלים. שטעהט דער פויער און וואונדערט זיך: מאָדנע מענשען די שטאָדט־לייט, אַז עס ברענט, שטעלען זיי גאָר אַוועק אין מיטען מאַרק כלי־זמרים, זיי זאָלען טרומייטערען און פויקען. וואָס איז מיט זיי די שמחה?... ענטפערט מען איהם, אַז דאָס טרומייטערט מען און מען פויקט צו לעשען דאָס פייער. דער פויער, וועלכער האָט ביז דאַמאָלס קיינמאָל ביי זיך אין דאָרף קיין שרפה נישט געזעהן, איז פון דער דאָזיגער וואונדערליכער המצאה שטאַרק נתפעל געוואָרען. ער איז אַוועק אין אַ קראָם און געקויפט אַ גרויסע פויק, וועלכע ער האָט מיטגעפיהרט אין דאָרף אַריין, און איינ־מאָל, בשעת עס איז אין דאָרף אויסגעבראָכען אַ שרפה און דער עולם איז זיך צונויפגע־לאָפען לעשען דאָס פייער, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט און ערקלערט אַז מען דאַרף נישט, עס זאָל זיך קיינער צום פייער נישט צוריהרען, מחמת ער האָט געברענגט פון שטאָדט אַזאַ מיטעל, פון וועלכען דאָס פייער וועט אַליין אַנטלויפען. ער האָט אַרויסגע־נומען די פויק און אַוועקשטעלענדיג זיך פאַר׳ן ברענענדען הויז, האָט ער גענומען פויקען מיט אַלע כוחות, וואָס אַמאָל העכער, וואָס אַמאָל שטאַרקער, אָבער וואָס מעהר ער פויקט, אַלץ מעהר צופלאַקערט זיך דאָס פייער, פערכאַפּענדיג איין כאַטע נאָך דער צווייטע, ביז... ביז דער גאַנצער עולם איז אָנגעפאַלען אויף איהם און געשריען: משוגענער! מיט׳ן פויקען אַליין פערלעשט מען נישט קיין שרפה, די פויק איז בלויז צו אַלאַרמירען די מענשען, זיי זאָלען זיך ראַטעווען און אָננעהמען מיטלען געגען דער געפאַהר!...

און דאָס איז דער זין: „אשרי העם יודעי תרועה״, וואויל די יעניגע, וועלכע ווייסען די בעדייטונג פון תרועה, אַז נישט דאָס בלאָזען און דאָס טרומייטערען אַליין איז דער עיקר. „וכי אומות העולם אינם יודעים להריע״, קענען דען נישט די אומות־העולם בעסער בלאָזען און בעסער טרומייטערען פאַר אונז? „אלא שיודעים לרצות את בוראם״, עס איז בלויז אַ סיגנאַל, צו וועקען און מעורר צו זיין דעם עולם, ער זאָל מפשפש במעשיו זיין, אויסמיידען די דראָהענדע געפאַהר און אַרומקוקען זיך וואו ער האַלט אין דער וועלט...

(דובנער מגיד)

„כתוב אחד אומר שבתון זכרון תרועה וכתוב אחד אומר יום תרועה יהיה לכם? לא קשיא, כאן ביו״ט שחל להיות בשבת כאן ביו״ט שחל להיות בחול״ (ראש־השנה כ״ט)

פרעגט זיך: אויב אין פסוק „שבתון זכרון תרועה״ רעדט זיך וועגען יום־טוב שחל להיות בשבת, טאָ נאָכוואָס איז דאָרט נויטיג דער „כל מלאכת עבודה לא תעשו״, עשית מלאכה איז דאָך אינ׳ם דאָזיגען טאָג ממילא אסור, צוליעב שבת?...
(אמרי נועם)

ערוב עבדך לטוב אל יעשקוני זדים...

„כל ישראל ערבים זה בזה״, אַלע זענען מיר געגענזייטיג פעראַנטוואָרטליך, אַלע זענען מיר שותפים איינער צום צווייטען, סיי צו די מצוות, סיי צו די עבירות. בעטען מיר דעריבער ביים רבונו־של־עולם: „ערוב עבדך לטוב״, העלף אונז, אַז מיר זאָלען קענען זיין „ערבים זה בזה״ בלויז „לטוב״, צו גוטע מעשים, און „אל יעשקוני זדים״, עס זאָל נישט קומען דערצו — אַז די רשעים זאָלען מיך בערויבען, זיי זאָלען ווערען שותפים צו מיינע מצוות און איך — צו זייערע עבירות...
(רבי משה לייב סאַסעווער)

ויכון בחסד כסאך ותשב עליו באמת...

בשעת רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער איז אין דער תפילה פון „ונתנה תוקף״ צוגעקומען צו דידאָזיגע ווערטער, האָט ער אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און געזאָגט: רבונו־של־עולם! אויב דו ווילסט זיצען אויף דיין כסא־הכבוד אויף אַנ׳אמת, אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר׳ן מלך־מלכי־המלכים, דאַן מוזטו זיך נוהג־זיין מיט אונז במדת־החסד און גוזר־זיין גזירות טובות, ישועות ונחמות; וואָרום טאָמער, חלילה, וועסטו זיך נוהג־זיין מיט אונז במדת־הדין, וועלען מיר דיך נישט לאָזען, כביכול, איינזיצען, וועסטו פון אונז, כביכול, קיין מנוחה נישט האָבען!...

ומלאכים יחפזון...

פאַרוואָס עפּעס איילען זיי זיך אַזוי, די מלאכים?

נאָר „העושה מצוה אחת קונה לו פרקליט אחד והעובר עבירה אחת קונה לו קטגור אחד״ (אבות פ״ד). פון איטליכע מצוה, וואָס אַ מענש טהוט, ווערט בעשאַפען אַ גוטער מלאך. נישט שטענדיג אָבער ווערען די מצוות געטהון בשלמות, וממילא זענען אויך די מלאכים, וואָס ווערען פון זיי בעשאַפען, נישט קיין שלמות׳דיגע און זיי קומען אַרויס בעלי־מומים, קאַליקעס... בשעת עס קומט, אַלזאָ, ראש־השנה און די אַלע מלאכים, וואָס זענען בעשאַפען געוואָרען פון די אידישע מצוות, מאַרשירען פאַרביי דעם בית־דין של מעלה, כדי צו דעמאַנסטרירען די אידישע מעשים־טובים, לויפען זיי פערביי אין איילעניש, כדי דאָס בית־דין של מעלה זאָל זיך נישט איינקוקען אין זייערע פעהלערען און זעהען, ווי די אידישע מעשים־טובים מ׳שטיינס געזאָגט, קוקען אויס...
(דבש וחלב)

כבקרת רועה עדרו מעביר צאנו תחת שבטו...

„ע ד ר ו״, זיינע איי ג ע נ ע שאָף!... בשעת דער פּאַסטוך פיטערט פרעמדע שאָף און זיי געהען נישט אין גלייכען וועג, שלאָגט ער זיי אָהן רחמנות; בעת אָבער ער

פיטערט זיינע אייגענע שאָף, דאַמאָלס איז ער אַ „מעביר צאנו תחת שבטו", ער הויבט־אויף בלויז אויף זיי די רוט, ער שרעקט זיי בלויז, אָבער — ער שלאָגט נישט...

(משמחי־לב)

אם ישוב מיד תקבלו...

איטליכע זאַך — פלעגט זאָגען רבי יצחק וואָרקער — האָט זיך איהר סעזאָן. די זעלבע זאַך, אויב מען וויל זי פערקויפען נישט אין סעזאָן־צייט קומט עס אָן שווער, דער קונה איז דאַמאָלס איבערקלויבעריש, ער האַלט דאָס שטיקעל סחורה אין האַנד און קווינקעלט זיך, גרייט יעדע מינוט חוזר צו זיין און וויפיעל מען זאָל איהם נישט ביטען, דינגט ער זיך. אַנדערש איז אָבער ווען עס קומט דער סעזאָן. בשעת'ן ברען איז דער קונה נישט שטאַרק מקפיד, אַלץ געהט דאַמאָלס אין גאַנג, אַלץ ווערט אויס־פערקויפט.

ראש־השנה איז דער סעזאָן פון תשובה און מען איז דאַמאָלס נישט שטאַרק מקפיד אויף דער קוואַליטעט. „אם ישוב מיד תקבלו". יעדע תשובה ווערט אָנגענומען — דאַ־מאָלס, אין סעזאָן־צייט, איז אַלץ סחורה...

ואתה יודע יצרם כי הם בשר ודם...

רבונו־של־עולם — פלעגט זיך דערביי אויס'טענה'ן רבי נח לעכעוויטשער — — אתה יודע, דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז צווישען דעם יצר־הרע און דעם בשר־ודם איז פאַרהאַן אַ גרויסער אונטערשיעד. דער יצר־הרע האָט נישט קיין ווייב און קינדער, דער יצר־הרע טראָגט נישט אויף זיך קיין דאגות־פרנסה, און דער עיקר, דער יצר־הרע האָט נישט קיין יצר־הרע, וואָס זאָל איהם אָנרעדען נישט צו פאָלגען, איז איהם דעריבער לייכט אויסצופיהרען בשלמות דיין בעפעהל און די מיסיע, וואָס דו האָסט אויף איהם אַרויפגעלעגט, אָנצורעדען דעם מענשען צו זינד. אַנדערש איז אָבער מיט'ן בשר־ודם, וועלכער האָט אַ ווייב און קינדער, וואָס דאַרפען עסען און וועלכע ער דאַרף פאַרזאָרגען יעדען טאָג מיט פרנסה, וועלכע איז שווער כקריעת ים־סוף, און דערצו בעזיצט ער אַ יצר־הרע אַ פגע־רע, וואָס קריכט איהם נאָך אויף שריט און טריט, טאָ וואָס־זשע איז דער וואונדער, וואָס נישט שטענדיג איז ער אימשטאַנד דאָס אַלץ בייצוקומען?...

אין ט"ז או"ח ס' קי"ז ווערט געזאָגט, אַז אַנשטאַט דעם נוסח אין די סליחות „מתרצה ומתפתה בתחנונים", ווי עס איז געדרוקט אין מאַנכע דפוסים, דאַרף זיין — „מתרצה ומתפייס בתחנונים", אָנווייזענדיג דערביי אויפ'ן רמב"ן, וועלכער ערקלערט אין פ' משפטים אויפ'ן פסוק „כי יפתה וכו'", אַז פיתוי איז שייך נור אויף אַ דבר־שקר, איבעררייידען יענעם צו האַנדלען געגען דעם אמת.

טאָ פאַרוואָס, פרעגט זיך, אַלזאָ, זאָגען מיר אין יוצר יום א' דר"ה — „בשופר אפתנו"?...

(שמעון זאַקאָן)

בנפשו יביא לחמו...

דער ביטערער גלות האָט דעם איד, ליידער, דערפיהרט דערצו, אַז אין געיעג

נאכ׳ן שטיקעל ברויט איז ער אָפּטמאָל געצוואונגען דעם טייערסטען פּרייז צו צאָהלען — דאָס אידישקייט צו פערברויגען, דעם נפש צו פערהאַנדלען, די נשמה ר״ל צו פערקויפען!...

„בנפשו יביא לחמו״!... אַ טרעגער, אַ געזונטער בעל־גוף, האָט אַמאָל געמאַכט שותפות מיט אַ ישיבה־בחור: ער, דער טרעגער, וועט אויסהאַלטען דעם ישיבה־בחור מיט עסען, און דערפאַר זאָל דער ישיבה־בחור לערנען פאַר זיינעטוועגען און אָוועק־שענקען איהם אַ העלפט פון זיין תורה... אין אַ שטיקעל צייט אַרום איז זיך דער טרעגער מיישב: ניין, עס טויג נישט אַזוי! דאָס זעלבע שותפות, פערלאַנגט ער, זאָל מען מאַכען פערקעהרט: דער בלייכער, אויסגעדאַרטער ישיבה־בחור זאָל אַרויס אין גאַס שלעפּען די משאות — און ער, דער טרעגער, וועט זיך נעהמען צו דער תורה!... פערשטעהט איהר דאָך, וואָס מען קאָן דערלעבען פון אַזא חילוף...

דאָסזעלבע איז מיט מאַנכע אידען. דער גוף און דער נפש האָבען צווישען זיך אַ שותפות געשלאָסען: דער גוף זאָל אויסהאַלטען דעם נפש מיט גשמיות, און דער נפש זאָל פערזאָרגען דעם גוף מיט רוחניות. זענען אָבער פאַרהאַן אַזעלכע אידען, וועלכע פערבייטען די יוצרות: דאַוונען דאַוונט דער גוף, דער גוף שאָקעלט זיך, מעכאַניש, אויטאָמאַטיש, אָהן שום מחשבה, אָהן שום כוונה, און — „בנפשו יביא לחמו״, דער נפש, די נשמה, שוועבט־אַרום בשעת׳ן דאַוונען אויפ׳ן מאַרק, אויפ׳ן יריד!...

(דובנער מגיד)

באין מליץ יושר וכו׳ תגיד ליעקב דבר חוק ומשפט...

דער זין פון די דאָזיגע לעצטע ווערטער זעהט־אויס צו זיין אונפערשטענדליך. וואָס ווערט געמיינט דערמיט און וואָס פאַר אַ צוזאַמענהאַנג האָט דער דאָזיגער אויספיהר מיט די פריהערדיגע ווערטער? די מבארים בעמיהען זיך צו זאָגען דערויף פשט אויף פערשידענע אופנים. אָבער, ווי עס שיינט, לאָזט זיך עס ערקלערען גאַנץ איינפאַך און נעמליך: אַלע מצוות אין דער תורה זענען איינגעטיילט אין צוויי קאַטעגאָריעס, איין טייל פון זיי זענען „משפטים״ און איין טייל — „חוקים״, בלויז איין מצוה איז פאַרהאַן, תקיעת שופר, וועלכע ווערט פעררעכענט גלייכצייטיג אי אַלס „חק״, אי אַלס „משפט״, ווי עס ווערט געזאָגט אין פסוק: „תקעו בחדש שופר וכו׳ כי חוק לישראל הוא, משפט לאלקי יעקב״. פאַר דער תפלה פון מלכיות זענען מיר דעריבער מתפלל, אַז „באין מליץ יושר״, אַז אויב עס וועט זיך חלילה נישט געפינען אויף אונז קיין שום המלצה לטובה, „תגיד ליעקב דבר חוק ומשפט״, זאָל אויף אונז ממליץ זיין די מצוה, וואָס מיר האָבען היינט, אָט נור־וואָס מקיים געוועזען, די מצוה פון תקיעת־שופר, וועלכע ווערט אָנגערופען „חוק ומשפט״...

(דער דאָזיגער באמת ריכטיגער און לאָגישער פשט ווערט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון הרבנית מרת שרה מייזעל ז״ל, די טאָכטער פון פּרוזשאַנער רב און די שנור פון לאָדזער רב, רבי אלי׳ חיים מייזעל, וועלכע האָט גע׳שמ׳ט אַלס גרויסע מלומדת, איבערלאָזענדיג פיעל כתבים מיט לומד׳ישע חדושי־תורה).

„באין מליץ יושר״ — אויב עס געפינט זיך נישט קיינער, וואָס זאָל ממליץ־טוב זיין אויף אידען, אויב אַלע זענען מקטרג און שרייען: חייב! „תגיד ליעקב דבר חק ומשפט״ — מוז מען זיך דאַמאָלס בעגעהן מיט אידען לויט׳ן געזעץ, לויט׳ן דין אין דער גמרא, אַז „סנהדרין שראו כולם לחובה — פוטרין אותו מיד!״ און אַז „כולו חייב — זכאי!״... און דעריבער: „וצדקנו במשפט״, קומט אונז על־פי־דין, מיר זאָלען אַרויס־געהן פון משפט אינגאַנצען ריין, אינגאַנצען גערעכט!...

(רבי ר׳ בונים)

„באין מליץ יושר וכו׳״... פונקט אַזוי ווי די אידען זענען מקיים דעם „דבר חוק ומשפט״, די „חוקים״ פון דער תורה, הגם מען ווייסט אויף זיי קיין טעם נישט, אַזוי זאָל אויך זיין „וצדקנו במשפט״, זאָלסטו זיי מצדיק־זיין בדין אָהן אַ מאָטיוו, אָהן אַ פאַרוואָס, אָהן שום טעם!...

(קדושת לוי)

„באין מליץ יושר״...

צוקומענדיג צו די דאָזיגע ווערטער האָט רבי משה לייב סאַסעווער זיך אָוועקגעשטעלט און געזאָגט: „באין מליץ יושר מול מגיד פשע״, אויב ס׳איז נישטאָ חלילה קיין מליץ־יושר, וואָס זאָל אויף אונז זאָל מלמד־זכות זיין, דאַן בעטען מיר דיך, רבונו־של־עולם: „תגיד ליעקב דבר חוק ומשפט״, אַז דו זאָלסט האַנדלען מיט אונז לויט די דינים פון דער תורה, און לויט דער תורה הקדושה מוזען מיר געווינען, מוזען מיר אַרויסגעהן זכאי, מחמת, ערשטענס, איז אַ בפירוש׳ער דין, אַז „זכין לו לאדם שלא בפניו ואין חבין לו לאדם אלא בפניו״, און דער משפט, וואָס ווערט געפיהרט וועגען אונז דורכ׳ן בית־דין־של־מעלה, איז „שלא בפניו״, דען מיר הערען נישט זייערע טענות און מיר זענען דעריבער נישט אימשטאַנד אויף זיי צו ענטפערען... צווייטענס, זאָגען אונזערע חכמים: „אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו״, אַז דער דיין דאַרף זיין זיכער ביי זיך, אַז ווען ער זאָל געשטעלט ווערען אויפ׳ן זעלבען אָרט און אין די זעלבע בעדינגונגען, וואָס דער געמשפט׳ער, וואָלט ער נישט דורכגעפאַלען, וואָלט ער דעם נסיון אויסגעהאַלטען, און דאָס קענען די מלאכים, וועלכע זיצען אַלס שופטים אין דער פמליא של מעלה, נישט זאָגען אויף זיך, מחמת עס איז זיי קיינמאָל נישט אויסגעקומען געפּרובט צו ווערען מיט אונזער טעם, זיי האָבען נישט קיין יצר־הרע און אין זיי האָט מען נישט איינגעוואָרצעלט די שלעכטע מדות פון „קנאה ותאוה וכבוד״, מיט וועלכע עס קומט אונז אויס צו ראַנגלען זיך גאַנצע טעג, און זיי זענען אויך קיינמאָל נישט געפּרובט געוואָרען מיט דעם ביטערען נסיון פון פרנסה, פון אַרומלויפען מיט לעדיגע הענד צו פערזאָרגען דאָס ווייב און קינדער מיט ברויט... דריטענס, פסקנ׳ט דער רמב״ם (הלכות סנהדרין פרק ב׳ הלכה ג׳), אַז „אין מעמידין בכל הסנהדרין לא זקן מופלג בשנים ולא סריס מפני שיש בהם אכזריות, ולא מי שאין לו בנים כדי שיהא רחמן״, און אַזוי זאָגט אויך רש״י (אין סנהדרין ל״ב), אַז זקנים האָבען אין זיך אכזריות, ווייל זיי האָבען שוין בעוויזען צו פערגעסען דעם צער פון גידול בנים און צוליעב דעם זעלבען טעם זענען אויך די מלאכים נישט ראוי צו משפט׳ן אונז, דען אויך זיי ווייסען נישט פונ׳ם צער גידול בנים... פיערטענס, נישט נור קיין דיינים, נור אַפילו קיין עדות קענען זיי אין אונזער משפט נישט זיין, דען דער דין איז, אַז ס׳דאַרף זיין „עדות שאתה יכול להזימה״ און די מלאכים זענען מיר נישט בכח מזים צו זיין... פינפטענס, טאָר איבערהויפּט נישט אַרויסגעשטעלט ווערען אַלס עדות דער שטן, הוא היצר־הרע, ווייל ראשית, איז ער דאָך אויך אַ מלאך, שנית, איז ער נישט מעהר ווי אַנ׳עד אחד, שלישית, איז ער אַ מחטיא את הרבים און ער איז פסול לעדות. חוץ דעם האָט ער דעם דין פון אַ מסית־ומדיח, וועלכען ס׳איז אַ מצוה עוקר צו זיין מן השורש, און נישט נור אַלס מקטרג, נאָר אַפילו מלמד־זכות צו זיין אויף אונז טאָר ער עפ״י דין נישט צוגעלאָזען ווערען... זעקסטענס, איז אַ בפירוש׳ע הלכה, אַז „התובע הולך אחר הנתבע״, און אויב דאָס בית־דין־של־מעלה האָט צו אונז תביעות, דאַרפען זיי אַראָבקומען אַהער און זיך משפט׳ן מיט אונז דאָ, פאַר׳ן בית־דין־של־מטה, לויט׳ן דין פון זה בורר לו אחד וזה בורר לו אחד... אַזוי איז דער חוק ומשפט לויט דער תורה הקדושה און מיר פערלאַנגען, רבונו־של־עולם, אַ ריינע דין־תורה!...

היודע יצר כל היצורים...

דער רבונו־של־עולם ווייסט און ער קען דעם יצר פון איטליכען מענש און יעדער איינער ווערט דעריבער געמשפט לויט דעם יצר, וואס האט איהם גורם געווען צו זינדיגען, דען נישט ביי אלעמען איז דער יצר־הרע גלייך און „כל הגדול מחברו יצרו גדול הימנו"...

(רבי אברהמ'לע סאכאטשעווער)

וכל מאמינים שהוא עונה לחש...

וכל מאמינים — האט רבי יענקעלע ראדזימינער זיך אויסגעדריקט איינמאל ראש־השנה ביים טיש — מיר אלע גלויבען און זענען פול מיט אמונה — שהוא עונה — אז השי"ת ענטפערט אויף אלע טענות פון מקטרג: לחש! שטיל זאל זיין!...

(תירוש ויצהר)

הטוב ומטיב לרעים ולטובים...

אויב השי"ת איז א מטיב לרעים איז ער דאך מיט די טובים אודאי מטיב און וואס איז עס פאר א רבותא?

נאר דער פשט איז: „לרעים", צו די וואס ווייסען, אז זיי זענען רעים און זינדיג, און זאגאר אויך „לטובים", צו די וואס האלטען זיך פאר טובים און זענען ביי זיך שטענדיג אין ארדנונג...

(רבי צבי הירש זדיטשעווער)

— אויב — פלעגט רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער אויסשרייען ביי דידאזיגע ווערטער — דו ווערסט זיין, רבש"ע, א „טוב ומיטיב", דו ווערסט העלפען דיין ביסעל אידען און זיי פערזארגען מיט פרנסה און מיט אלעם גוטען, דאן בין איך דיר ערב, אז אויך די „ר ע י ם" צווישען זיי וועלען ווערען „ט ו ב י ם"!...

היום הרת עולם וכו' אם כבנים ואם כעבדים...

לויט דער תורה שבכתב און לויט דער תורה שבעל־פה — האט רבי זושא האניפאלער זיך אויסגע'טענה'ט מיט'ן רבונו־של־עולם — ביזסטו מחויב, רבונו־של־עולם, צו בעפרייען אונז און אויסצולייזען מעבדות לחרות. ערשטענס, איז דער דין, אז אנ'עבד געהט ארויס פריי „בראשי איברים", אויב דער בעל־הבית האט איהם אויסגעשלאגען אנ'אויג, אויסגעהאקט א צאהן וכדומה, צווינגט מען איהם, אז ער מוז איהם שרייבען א „גט שחרור", ער מוז איהם בעפרייען, און צי דען דארף מען נאך אויסרעכענען, און צי איז דען מעגליך גאר אויסצורעכענען, וויפיעל ראשי איברים מען האט שוין פון אונז אבגעהאקט און וויפיעל מיר זענען שוין געשלאגען און געפייניגט געווארען במשך פונ'ם לאנגען און פינסטערען גלות?... ווידער ווערט גע'פסקנ'ט: „שאם הניח לו רבו תפלין בראשו או שאמר לו רבו לקרות ג' פסוקים בספר־תורה בפני הצבור", אז אויב דער בעל־הבית האט אנגעטהון דעם עבד תפלין אויפ'ן קאפ, אדער ער האט איהם געהייסען לייענען פאר'ן צבור דריי פסוקים אין דער תורה, „יוצא לחירות וכופין את רבו לכתוב

לו גט שחרור" (יורה דעה רס"ז). מאַך זשע, רבונו־של־עולם, אַ חשבון, ווי לאַנג מיר האָבען שוין פאַר דיר ביז'ן היינטיגען טאָג תפלין געלעגט, ווי לאַנג מיר זענען שוין מתפלל און וויפיעל פסוקים מיר האָבען שוין ביז היינט געלייענט אין דער תורה... דער דין איז אויך: „המוכר עבדו לעכו"ם או לגר תושב יוצא לחירות", דאָס זעלבע אויך: „המוכר עבדו לחוץ־לארץ או לסוריא או לעכו". ווי לאַנג־זשע איז דער שיעור, אַז מיר זאָלען זיין פערקויפט צו די גוים? ווי לאַנג איז דער שיעור, מיר זאָלען זיך אַרומוואַלגערען אין חוץ־לארץ? עס ווערט אויך גע'פסקנ'ט: „עבד שאמר לעלות לארץ־ישראל כופין את רבו לעלות עמו", אויב דער עבד וויל געהן קיין ארץ־ישראל, צווינגט מען דעם בעל־הבית ער זאָל מיטגעהן מיט איהם. און דער דאָזיגער דין — ווערט געזאָגט אין שולחן־ערוך — איז גילטיג אַפילו דאַן, ווען ארץ־ישראל געפינט זיך בידי עכו"ם, און אויך מיר, רבונו־של־עולם, ווילען, מיט אַלע כחות רייסען מיר זיך אַהין, ביזטו אַלזאָ עפ"י דין מחויב מיטצוגעהן מיט אונז... פינפטענס, ווערט געזאָגט אין רמב"ם, אַז עס איז אַ מדת חסידות, דאָס דער מענש זאָל זיין אַ רחמן און ער זאָל נישט בעשווערען דעם עול אויף זיין עבד, ער זאָל איהם נישט מצער זיין, ער זאָל איהם געבען צו עסען און צו טרינקען צו דער זעט „מכל מאכל ומשקה", און ער זאָל איהם נישט מבזה זיין, נישט פיזיש און נישט מיט ווערטער, און ער זאָל נישט שרייען און נישט בייזערען זיך, נאָר רעדען צו איהם בנחת און אויסהערען זיינע טענות. איז אויב דאָס ווערט פערלאַנגט פון אַ געוועהנליכען בשר־ודם, איז דאָך אַ קל־וחומר, בן בנו של קל־וחומר, אַז דער מלך־מלכי־המלכים, דער „יושב על כסא רחמים ומתנהג בחסידות", דאַרף זיינע אידישע קנעכט אַודאי און אַודאי פערזאָרגען מיט פרנסה, „בכל מילי דמיטב" ובדרך־כבוד, און זיך אויפפיהרען מיט זיי בחסד, לפנים־משורת־הדין... דאָס אַלץ, וואָס איז ביז אַהער אויסגערעכענט, איז נוגע אַנ'עבד כנעני, דעם עבד־עברי קומט עפ"י דין נאָך פיעל גרעסערע זכיות: מען טאָר איהם נישט פערקויפען לענגער ווי אויף זעקס יאָהר; דער בעל־הבית איז מחויב אויסצוהאַלטען מיט מזונות נישט בלויז איהם אַליין, נאָר אויך זיין ווייב און קינדער; בעהאַנדלען דאַרף ער איהם אויפ'ן איידעלסטען אופן; עס דאַרף זיין „כי טוב לו עמך" און „לא ירדנו בפרך" און בעת'ן בעפרייען איהם פון עבדות דאַרף ער איהם פערזאָרגען אויפ'ן וועג מיט אַלעם גוטען: „העניק תעניק לו"... פערלאַנגען מיר דעריבער פון דיר, רבונו־של־עולם: „אם כעבדים — עינינו לך תלויות עד שתחנינו ותוציא כאור משפטינו", אַז דו זאָלסט אונז משפט'ן לויט'ן משפט פון דער תורה!...

(דורש טוב לעמו)

ומפני חטאינו גלינו מארצנו...

רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער פלעגט, צוקומענדיג צו דערדאָזיגער תפילה, זיך אָוועקשטעלען און זאָגען: מיר האָבען ביי דיר, רבונו־של־עולם, אַ געוואונענע דין־תורה. די חז"ל זאָגען אונז, אַז דו האָסט חרוב געמאַכט דאָס בית־המקדש און פערטריבען אונז פון אונזער לאַנד מיט צוויי יאָהר פריהער פאַר'ן בעשטימטען זמן... „ומפני חטאינו גלינו מארצנו" — פריהער, פאַר די זינד, איידער די סאָה פון זינד איז פול געוואָרען, האָסטו אונז פונ'ם לאַנד פערטריבען; נו, האָבען מיר דעריבער דאָס רעכט פון דיר צו פערלאַנגען, אַז פונקט אַזוי ווי דו האָסט אונז פערטריבען פאַר'ן טערמין, איידער מיר האָבען זיך פערדיענט דערויף, זאָלסטו אונז אויך אויסלייזען פאַר'ן טערמין, איידער מיר האָבען זיך דערויף פערדיענט, איידער מיר טהוען תשובה!...

כי זכר כל המעשים לפניך בא וגם את נח באהבה זכרת...

צי האָבען מיר נישט קיין גרעסערע צדיקים, אויף וועלכע מיר זאָלען זיך פּער־רופען, דאָס מיר דאַרפען אַזש אַנקומען צום זכות פון נח'ן?

נאָר — טענה'ן מיר צום רבונו־של־עולם — אמת הדבר, אַז מיר זענען נישט ריין פון זינד, אַז מיט אונזערע מעשים און מיט אונזער אויפפיהרונג זענען מיר נישט אַזוי שטאַרק אין אָרדנונג, אָבער, בעטען מיר ביי דיר: „כי זכר כל המעשים לפניך בא ואתה דורש מעשי כולם", זאָלען פאַר דיר גלייכצייטיג דערמאָהנט ווערען די מעשים פון אַלע אַנדערע מענשליכע בעשעפענישען, פון אַלע אַנדערע פעלקער. טהו אַ קוק, ווי אַזוי זייער אויפפיהרונג זעהט אויס, וואָסערע מעשים נוראים עס ווערען דורך זיי אָבגעטהון און דו ווערסט דאַן זעהען, אַז אין פערגלייך מיט זיי זענען מיר צדיקים גמורים... „וגם את נח באהבה זכרת" — אויך צו נח'ן האָסטו אַנגעוואָנדען די זעלבע מאָס — „ותפקדהו בישועה ורחמים בהביאך את מי המבול לשחת כל בשר" — און דו האָסט זיך צו איהם אין דער מבול־צייט בעציגען בישועה ורחמים, נישט אַזוי ווייט צוליעב זיינע אייגענע מעשים טובים, ווי „מפני רוע מעלליהם" — ווייל, אין פערגלייך מיט די שלעכטע מעשים און מיט די רשעים פון דור־המבול, האָט ער אויסגעזעהען צו זיין אַ צדיק תמים...

(סידור דובר שלום)

זכרתי לך חסד נעוריך וכו' לכתך אחרי במדבר...

אויב דו געדענקסט אונז, האַרציגער טאַטע — פלעגט זיך אויס'טענה'ן רבי מענדעלי רימאַנאָווער — און דו האַלסט עס פאַר אַ זכות, וואָס מיר זענען נאָכגעגאַנגען נאָך דיר דאַמאָלס אין דער מדבר, על־אחת־כמה־וכמה דאַרפסטו געדענקען אונזער נאָכגעהן נאָך דיר אין דער היינטיגער מדבר, וואו מיר זענען אַרומגערינגעלט פון ווילדע חיות, פון די געפעהרליכסטע נחשים ועקרבים, און עס איז אונז פיעל, פיעל ערגער ווי אין דער דאַמאָלסדיגער מדבר, וואו עס איז געפאַלען פאַר אונז מן פון הימעל און מיר זענען כאָטש געווען פטור פון דער ביטערער דאגת־פרנסה...

כי זוכר כל הנשכחות אתה...

דיין שטייגער איז, רבונו־של־עולם, צו געדענקען נור דאָס, וואָס דער מענש פערגעסט, און דאָס איז סיי ביי מצוות, סיי ביי עבירות... בשעת אַ מענש טהוט אַ מצוה און ער פערגעסט זי, ווייל ער מאַכט קיין ווערזען נישט פון דער מצוה און ער האַלט זיך נישט גרויס מיט איהר — דאַן געדענקט זי השי"ת... אויב אָבער דער מענש פערגעסט נישט די מצוה, וואָס ער האָט געטהון, ער האַלט זיך מיט איהר אין איין אַרומטראָגען און ער איז שטאָלץ אויף איהר און צופריעדען מיט זיך — אַזאַ מצוה, אַ מצוה, וועלכע איז איינגעוויקעלט אין גאוה, וויל השי"ת נישט געדענקען...

און דאָס זעלבע איז, פערקעהרט, מיט עבירות. בשעת אַ מענש טהוט אַן'עבירה און ער פערגעסט זי, וואָרום עס אַרט איהם נישט און זי פערשאַפט איהם נישט קיין צער און קיין חרטה — געדענקט זי השי"ת... אויב אָבער דער מענש פערגעסט נישט די בעגאַנגענע עבירה, די זינד שטעהט איהם שטענדיג פאַר די אויגען און זי איז איהם גורם צער און וועהטאַג — אַזאַ עבירה ווערט אָוועקגערוקט אין דער זייט, השי"ת וויל זי מעהר נישט געדענקען...

וואָרום „כי זוכר כל הנשכחות אתה", געדענקען ווילסטו נור דאָס, וואָס דער מענש פערגעסט...

(רבי משה לייב סאַסעווער)

ועקדת יצחק לזרעו היום ברחמים תזכור...

דאָס פערופען זיך אויף דער עקידת יצחק, ווי בכלל דאָס פעררופען זיך אויף זכות־אָבות, קאָן אויסגענוצט ווערען נישט נור לטובה, נאָר אויך לרעה, נישט נור דורכ'ן סניגור, נאָר אויך דורכ'ן קטיגור, וועלכער קאָן זיך אָנקשטעלען און טענה'ן, אַז דוקא דערפאַר, וואָס דער בעשולדיגטער האָט געהאַט אַזעלכע זיידעס, וועלכע האָבען איהם געדאַרפט דיענען אַלסביישפיעל מיט זייערע גוטע מעשים, מיט זייער גרייטקייט צו לאָזען זיך מוסר נפש זיין על קידוש־השם, קומט איהם דערפאַר אַ פיעל האַרבערע שטראָף, בעטען מיר דעריבער און אַפעלירען: „ועקידת יצחק לזרעו היום ברחמים תזכור", די עקדת יצחק זאָל אונז דערמאָהנט ווערען נישט, חלילה, פון דער שלעכטער זייט נאָר — „ברחמים", צום גוטען, לזכות...

און אַזוי געפינען מיר אויך אין דער תפלה פון משה רבינו. בשעת ער האָט גע־בעטען: „זכור לעבדיך לאברהם ליצחק וליעקב", האָט ער גלייך דערויף צוגעגעבען: „אל תפן אל קשינו ואל רשענו ואל חטאתנו", אַז דערמאָהנט זאָל אונז ווערען דער זכות־אבות נישט צום שלעכטען, חלילה, נאָר צום גוטען...

(של"ה)

ואין שכחה לפני כסא כבודך ועקדת יצחק וכו' ברחמים תזכור...

מיר האָבען אַ טעות מיינענדיג, אַז דער אויבערשטער נויטיגט זיך, חלילה, מיר זאָלען איהם ראש־השנה דערמאָהנען עקדת יצחק. אַ, „כי זוכר כל הנשכחות אתה ואין שכחה לפני כסא כבודך", דער רבונו־של־עולם פערגעסט נישט, חלילה, און מען דאַרף עס איהם נישט דערמאָהנען... באמת אָבער איז „ועקדת יצחק לזרעו היום תזכור", דאָס איז מען אויסען אונז, יצחק'ס קינדער, צו דערמאָהנען וועגען דעם, דאָס דאַרפען מ י ר געדענקען וועגען עקדת יצחק, ווי אַזוי יצחק האָט זיך מוסר־נפש געווען, כדי אַראָבצונעהמען זיך פון איהם אַ ביישפיעל...

(יד יוסף)

ביי אַלע מדות — ערקלערט דער רמב"ם אין די שמונה פרקים — דאַרף מען אויסמיידען און זיך דערווייטערען פון די עקסטרעמען און דער ריכטיגער וועג איז נאָר דער „דרך־הממוצע", דער „שביל־הזהב". קלות־ראש, למשל, טויג נישט, אָבער אויך מרה־שחורה, עצבות, איז נישט גוט. דער דרך־הממוצע צווישען זיי איז — כובד־ראש, ערנסטקייט. גאוה טויג נישט, אָבער אויך צופיעל שפלות איז נישט גוט, דער דרך־הממוצע צווישען זיי איז —ענוה, בעשיידענהייט, און אַזוי ביי אַלע אַנדערע מדות. אַנ'אויסנאַהם איז בלויז דער בעל־תשובה. אויב אַ מענש איז זינדיג, זייענדיג אַריינגעטאָהן אין אַ וועלכער עס איז שלעכטער מדה, דאַרף ער אַלס תשובה איבערגעהן צום צווייטען עקס־טרעם פון דער זעלבער מדה: ווען ער איז פערזינקען, למשל, אין גאוה, מוז ער זיך פערנעהמען אויפ'ן וועג פון עכסטער שפלות, ביז ער וועט זיך מיט דער צייט אויסגלייכען און צוריקקומען צום דרך־הממוצע. אַזוי ווי אַ שטעקען — איז עס דער רמב"ם מסביר בדרך משל — וואָס האָט זיך אויסגעקרומט אויף איין זייט. ווען מיר ווילען איהם אויס־

גלייכען, מוזען מיר איהם אויסקרומען אויף דער להיפוך׳דיגער זייט און דאַן וועט ער מיט דער צייט זיך אויסגלייכען און צוריקקומען צו זיין נאָרמאַלען שטאַנד.

און דאָס איז אויך דער פשט: „במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד שם“. אויף דעם דרך הקצוני, דעם עקסטרעמען וועג, אויף וועלכען עס שטעהען די בעלי־תשובה, קענען די צדיקים נישט שטעהן, דען זיי דאַרפען געהן אין מיטען, אינ׳ם דרך־הממוצע...

(אור יקרות)

דער מדרש זאָגט, אַז בשעת אברהם אבינו האָט געפיהרט יצחק׳ן צו דער עקדה, האָט יצחק געזאָגט צום פאָטער: „עקוד אותי יפה, שלא אבעוט“... אַלזאָ, מה־דאָך אַזאַ צדיק ווי יצחק האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט נישט קאָנען אויסהאַלטען דעם נסיון, טאָ וואָסערע טענות קאָנסטו, רבונו־של־עולם, האָבען צו אונז? — וואָס זאָלען מיר שוין זאָגען?...

(רבי מרדכי באָנעט)

— דעם רבונו־של־עולם — פלעגט זאָגען דער בעריהמטער חסיד׳ישער ווארצלינג, ר׳ מרדכי ראַקאָווער — האָט אַ גרויס נס געטראָפען מיט דער עקדה, דען מה־דאָך ווען אברהם האָט בלויז געוואָלט שעכטען יצחק׳ן, הגם סוף־כל־סוף האָט ער דאָך איהם נישט געשאָכטען, איהם ממש נישט אָנגעריהרט, הערען אידען נישט אויף צו שרייען און מרעיש־עולם צו זיין: „זכור לנו עקדת יצחק!“... טאָ ווי וואָלט נאָך זיין, ווען ער וואָלט איהם טאַקע, חלילה, אויף אַנ׳אמת געשאָכטען — צי קאָנט איהר זיך פאָרשטעלען, וואָס ביי אידען וואָלט זיך דאַמאָלס אָבגעטהון? דער רבונו־של־עולם וואָלט דאָך שוין גאָרנישט אימשטאַנד געווען זיך אויסצוקויפען פון זיי!...

כי אתה שומע קול שופר וכו׳ ואין דומה לך...

וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָ דער אויספיהר: „ואין דומה לך“?

נאָר מיר, אידען, כידוע, איז אין כחנו אלא בפה, אונזער איינציג געוועהר איז בעטען און מתפלל זיין, וויינען און שרייען, אָבער בלויז ביים רבונו־של־עולם קענען מיר עפּעס אויס׳פועל׳ן מיט׳ן דאָזיגען כח. „כי אתה שומע קול שופר ומאזין תרועה“, דו ביזט דער איינציגער, וואָס דו הערסט דיך־צו צו אונזערע קולות און — „ואין דומה לך“, ביי אַנדערע האָט דער דאָזיגער כח אונזערער קיין שום ווערט נישט. אין דער וועלט, צו וועלכער מיר האָלטען אין איין אַפּעלירען געגען די אונרעכטען, וואָס ווערען געגען אונז בעגאַנגען, ווערט אויף אונזערע קולות און געשרייען, אויף אונזערע אונאויפהער־ליכע תפלות ותחנונים, קיין שום אַכט נישט געלעגט, קיינער הערט זיי נישט...

(דרשות אל עמי)

וועגען דעם מנהג צו פערזאַמלען זיך ראש־השנה ביים טייך, וואו עס ווערט גע־זאָגט די תפלה פון „תשליך“, ווערען געגעבען פערשיעדענע טעמים, אָבער דער איינ־פאַכסטער טעם, ווי עס ווייזט אויס, איז, ווייל מיר געפינען אין פסוק, אַז בשעת די אידען האָבען זיך אומגעקעהרט מיט עזרא׳ן פון בבל, וואו זיי זענען אָבגעטראָטען פון אידישען וועג און זיי האָבען מחלל געווען דעם שבת און געהייראַט מיט פרעמדע פרויען, איז דער אַקט פון חוזר זיין בתשובה און דאָס פאַרלייענען פאַר זיי די תורה פאָרגעקו־מען ביים וואַסער: „ויאספו כל העם כאיש אחד אל הרחוב אשר לפני שער המים“

(נחמיה ח. א.), און געשעהען איז דאָס אינ׳ם טאָג פון ראש־השנה: „ויביא עזרא הכהן את התורה וכו׳ ביום אחד לחודש השביעי, ויקרא בו לפני הרחוב אשר לפני שער המים״ (דאָרט)...

(מנהגי ישורון)

דער פיוט „אל חנן נחלתו בנועם להשפר״, וואָס ווערט געזאָגט אין דער צווייטער נאַכט ר״ה, איז, לויט דער לעגענדע, פערפאַסט געוואָרען דורכ׳ן פּאַטער פון רוימישען פּויבסט, אַנאַקליטוס דער צווייטער, וועלכער האָט געלעבט אין עלפטען יאָהרהונדערט. און וואָס זיין אידישער נאָמען זאָל האָבען געוועזען אלחנן בן שמעון הגדול פון מאַינץ. אַלס קינד זאָל אלחנן האָבען אַרויסגע׳גנב׳עט געוואָרען פון פאַטער׳ס הויז דורך אַ קריסטליכע דיענסט, וועלכע האָט איהם איבערגעגעבען אין די הענד פון גלחים און זיי האָבען איהם אָבגע׳שמד׳ט און אַוועקגעפיהרט קיין רוים. צוליעב די אונגעוועהנליכע פעהיגקייטען, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזען, האָט מען זיך אין די גלחישע קרייזען שטאַרק אָבגעגעבען מיט זיין ערציהונג. ער איז אויסגעוואַקסען אַלס גרויסער געלעהרטער און זיך פערפאָלקאָמט אין אַ סך שפּראַכען, ביז ער האָט אין זיין קאַריערע דערגרייכט צום אַמט פון אַ קאַרדינאַל און שפּעטער איז ער אויסגעוועהלט געוואָרען אַלס פּויבסט. צופעליג האָט ער זיך דערוואוסט וועגען זיין אידישער אָבשטאַמונג און זאָגאַר ווער זיין פאַטער איז. וועלענדיג זיך בעקענען מיט׳ן פאַטער האָט ער בכיוון אַרויסגעגעבען אַ גזירת־שמד אויף די אידען פון דער מאַינצער קהלה, מיט דער האָפנונג, אַז די מאַינצער קהלה וועט אַודאי שיקען צו איהם אַ דעלעגאַציע, אָבצושרייען די גזירה, און אין דער דעלעגאַציע וועט זיך געוויס בעטייליגען זיין פאַטער, ר׳ שמעון, וועלכער איז געוועזען איינער פון די קהלה־מנהיגים... וכך הוה. בשעת די דעלעגאַציע האָט זיך פאַר איהם פאָרגעשטעלט, האָט ער דערקענט דעם פאַטער, וועלכען ער האָט איינגע־לאַדען צו שפּיעלען מיט איהם אין שאַך. ביים שאַך־שפּיעל האָט זיך פערבונדען צווישען זיי אַ שמועס און ענדליך האָט זיך דער פּויבסט געגעבען צו דערקענען. געענדיגט האָט זיך עס דערמיט, וואָס דער פּויבסט האָט גלייך אַרויסגעגעבען אַ פעראָרדענונג, לויט וועלמער עס איז צוריקגעצויגען געוואָרען די פריהערדיגע גזירה און דאַן איז ער אין געהיים אַנטלאָפען קיין מאַינץ, וואו ער האָט זיך אומגעקעהרט צום אידענטום, און אַלס זכר צום דאָזיגען געשעהעניש האָט דער פאַטער פערפאַסט דעם פיוט „אל חנן נחלתו בנועם להשפר״, פון וועלכען די ערשטע ווערטער ענטהאַלטען דעם נאָמען פון זיין זוהן, דעם געוועזענעם פּויבסט — „אלחנן״...

עשרת ימי תשובה

אויב אַ איד — האָט אַמאָל רבי נפתלי ראָפּשיצער זיך אויסגעדריקט — וויל זוכה־זיין בדין, האָב איך פאַר איהם אַנ׳עצה, ער זאָל על־כל־פּנים דריי טעג פאַר יום־כפּור נישט זינדיגען, דען די גמרא זאָגט: „רשעים יצר־הרע שופטן״ — די רשעים ווערען גע׳משפט דורכ׳ן יצר־הרע אַליין... און ווידער איז פאַרהאַן אַ דין, אַז „שונא אסור לדין״, אַ שונא טאָר קיין דיין נישט זיין, און „איזהו שונא — זאָגען די חז״ל — כל שלא דבר עמו ג׳ ימים״. איז וויבאַלד מען האָט מיט׳ן יצר־הרע קיין מגע־ומשא נישט און מען רעדט נישט מיט איהם גאַנצע דריי טעג, האָט ער שוין דאַמאָלס דעם דין פון אַ שונא, און — „שונא אסור לדין״!...

אין די סליחות ליום ה׳ פון עשרת ימי תשובה, אינ׳ם פּיוט „תוחלת ישראל״, ווערט געזאָגט: „אשמתנו גדלה עד תומן ועוכלא״ — און וואַהרשיינליך בעציהט זיך עס אויפ׳ן מאמר חז״ל: „במדה שאדם מודד — מודדין לו וכו׳, לרבות תרקב וחצי תרקב וכו׳ תומן ועוכלא״. די ווערטער „תומן ועוכלא״ זענען נעמען פון משקלות, געוויכטער, און זיי ווערען אין דער גמרא (ב״ב צ׳) בעצייכענט אַלס די קלענסטע מאָסען: „תומן״ איז אַ „שמינית הלוג״, און „עוכלא״ — „אחד מחמשה ברביע״. איז אויב אַזוי, ווי פּאַסט זיך דאָ דער אויסדרוק „אשמתנו גדלה עד תומן ועוכלא״? מיט די ווערטער „אשמתנו גדלה״ מיינט דאָך דער פּייטן צו זאָגען, אַז אונזערע זינד זענען אונגעהויער גרויס — און לסוף קומט גאָר אויס, לויט׳ן אָנגעוויזענעם פאַרגלייך, דער היפּוך, אַז אונזערע זינד זענען כלל נישט אַזוי גרויס און הארב, אַז זיי דערגרייכען קוים צו דער מאָס פון „תומן ועוכלא״!... ווי־אַזוי זאָל מען עס פאַרשטעהן?

אייניגע פּרובען ערקלערען, אַז די כוונה פונ׳ם פּייטן איז: די מאָס פון אונזערע זינד איז שוין אַזוי ווייט איבערפולט, אַז עס איז מעהר נישט געבליבען אין איהר קיין אָרט פאַר׳ן קלענסטען שיעור, אַפילו פאַר אַזעלכע קליינע מאָסען, ווי „תומן ועוכלא״...

דערפאַר האָט מען אויסגעקליבען שבת אַלס תשובה־טאָג און איהם אַ נאָמען גע־געבען „שבת־תשובה״, ווייל **ת ש ו ב ה** — זאָגט דער של״ה — איז ראשי־תיבות: **ת**ענית, **ש**ק, **ב**כיה, **ה**ספד **ו**צדקה — און אום שבת איז דאָס אַלץ נישט שייך, שבת איז מען פּטור פון די אַלע זאַכען...

(תורת יצחק)

קחו עמכם דברים ושובו אל ד׳... (הושע יד. ג.)

די ווערטער, וואָס איהר זאָגט אין שוהל און לערנט אין בית־המדרש, זאָלט איהר דאָרט נישט איבערלאָזען, נאָר אַרויסגעהענדיג מיטנעהמען זיי מיט זיך!...

(מלבי״ם)

קחו עמכם דברים ושובו אל ד׳ וכו׳ כל תשא עון...

עס איז אַ פּלוגתא אין דער גמרא: „חד אמר תשובה עושה מחצה ותפלה עושה הכל, וחד אמר תפלה עושה מחצה ותשובה עושה הכל״.

כדי, אַלזאָ, עס זאָל זיין „כל תשא עון" און יוצא־צו־זיין לויט בידע מאַן־דאַמר׳ס, זענען דעריבער נויטיג בידע זאַכען: „קחו עמכם דברים" (תפלה) און „ושובו אל ד׳" (תשובה)...

(שכחת הלקט)

אַ חסיד האָט אַמאָל געביטערט פאַר רבי חיים צאַנזער, אַז ער קאָן קיין תשובה נישט טהון, ווייל ער פיהלט זיך, נעביך, זעהר צובראָכען, זעהר נידערגעשלאָגען צוליעב זיינע זינד, און ער האָט זיך דערביי שטאַרק פונאַנדערגעוויינט.

רופט זיך אָן צו איהם רבי חיים:

— נעהם דיר נישט אַזוי צום האַרצען, „קיין תשובה איז אויך אַ תשובה"...

קחו עמכם דברים ושובו אל ד׳ וכו׳ ונשלמה פרים שפתינו...

ביים דאַווענען איז דער איד מתפלל: „ונשלמה פרים שפתינו", אַז די ווערטער, וואָס ער זאָגט מיט׳ן מויל, זאָלען זיין חשוב, גלייך ווי ער וואָלט מקריב געווען קרבנות, צוגעבענדיג דערביי יעדעס מאָל דאָס וואָרט „כאלו": „כאלו הקרבתי חטאת, כאלו הקרבתי עולה" וכו׳... דאַגעגען אויף די „כאלו׳ס", וואָס ער זינדיגט מיט׳ן מויל, אויף לשון־הרע, וועלכע איז „כאלו הורג נפשות", אויף חניפה, וועלכע איז „כאלו עובד עבודה־זרה", דערויף איז ער נישט שטאַרק מקפיד, וואָרום וואָס האָט ער דען געטהון, ער האָט דאָך נישט מעהר, ווי געזאָגט?... וואָרענט אַלזאָ דער נביא און זאָגט: „קחו עמכם דברים", טהוט תשובה אויף די דברים, אויף די ווערטער, וואָס איהר זינדיגט מיט׳ן מויל, און דאַן ערשט וועט איהר קענען פערלאַנגען, אַז „ונשלמה פרים שפתינו", אַז מען זאָל אויך די ווערטער, וואָס איהר זאָגט ביים דאַווענען, פערעכענען פאַר מעשים, גלייך ווי איהר וואָלט מקריב געווען קרבנות.

(קול יהודה)

ונשלמה פרים שפתינו...

אין אונזער דאַווענען זענען מיר אָפט געגליכען צו די אָקסען, וועלכע טראַכטען נישט און פיהלען נישט און טהוען זייער אַרבייט מעכאַניש, אָהן שום פערשטאַנד: די ליפּען בעוועגען זיך, דאָס מויל דאַווענט — און אונזערע חושים זענען נישטאָ דערביי!...

רבי איצעלע וואָלאָזשינער האָט אַמאָל בעמערקט אין בית־המדרש, ווי איינער דאַווענט צו־גיך. נאָכ׳ן דאַווענען האָט ער דעם איד אַריינגערופען צו זיך און גענומען שמועסען מיט איהם מכח דעם ענין פון תפילה, אַז דאַווענען דאַרף מען מיט כוונה, מלה במלה, ווי מען צעהלט געלד.

— איהר ווייסט דאָך, רבי — ענטפערט איהם דער איד: — בעת מען פאָהרט פאַמעליך, כאַפּען זיך אַרויף שקצים אויפ׳ן וואָגען; ווען מען פאָהרט אָבער גיך — קאָנען זיי זיך נישט אַרויפכאַפּען... דאָס הייסט: ווען מען דאַווענט גיך — האָבען די מחשבות זרות קיין שליטה נישט!...

— און איך מיין — שמייכעלט דער וואָלאָזשינער — אַז ווען מען דאַווענט גיך, קאָן מען זיך אַליין אויך נישט אַרויפכאַפּען!...

רבי יעקב דוד סלוצקער האָט געהאַט אַ שם אַלס בעריהמטער דרשן, וועלכער איז

געוועז בכח מיט יעדע דרשה זיינע צו ברענגען דעם עולם צו טרעהרען. איינמאָל איז איהם אויסגעקומען צו זיין אום שבת־שובה אין אַ שטעדטעל אין קורלאַנד, וועלכע האָט געהאַט אַ נאָמען אַלס אַ נישט איבריג פרומע שטאָדט. מען האָט איהם פערבעטען צו האַלטען אַ דרשה אין שוהל, ווי עס פּאַסט פאַר שבת־שובה, האָט ער געהאַלטען אַ העכסט־פייערדיגע מוסר־דרשה, אָבער נישט קוקענדיג דערויף איז דער עולם געבליבען אייז־קאַלט, אָהן שום ווירקונג.

מען האָט נאָכהער געפרעגט דעם סלוצקער דרשן, פאַרוואָס זיין מוסר האָט דאָס מאָל קיין שום פּעולה נישט געהאַט, האָט ער געענטפערט: מיין עובדא איז בלויז צו קענען צופּאַסען דעם שליסעל און אויפצודרעהען דעם קראַן, אָבער אַז דאָס פאַס איז לעדיג — איז עס נישט מיין שולד...

עהנליכעס האָט פּאַסירט מיט'ן דובנער מגיד צווישען די בערלינער משכילים, פאַר וועלכע ער האָט געהאַלטען אַ שאַרפע מוסר־דרשה, אָבער זעהענדיג, אַז עס נעהמט זיי נישט, האָט ער די דרשה פערענדיגט, כדרכו, מיט אַ משל:

אַ קאָוואַל פון אַ פּראָווינץ־שטעדטעל האָט איינגעקויפט אין דער גרויסער שטאָדט און אַראָבגעבראַכט צו זיך אין קוזשניע אַ בלאָזער. ביז־אַהער האָט ער דאָס פייער געמוזט אַליין אויפבלאָזען, איצט וועט ער שוין האָבען אַ מעכאַנישען בלאָזער.

בלאָזט ער און בלאָזט און עס מאַכט זיך נישט קיין פייער.

מחמת איין קליינינקייט בלויז האָט ער פערגעסען, אַז דער בלאָזער קאָן נור דאַמאָלס אויפבלאָזען אַ פייער, ווען אינווייניג געפינט זיך כאָטש אַ פונק.

— אָבען ווען ביי אייך — האָט דער דובנער פערענדיגט — פעהלט אַפילו דער מינדעסטער פונק, וואָס קאָן דאָ העלפען מיין בלאָזען?...

רבי שמעלקי ניקעלשבורגער פלעגט זאָגען אויף די רבנים, וועלכע זענען יוצא מיט'ן דרשנ'ען פאַר'ן עולם צוויי מאָל אין יאָהר, שבת־הגדול און שבת־שובה, אַז אויף זיי קלאָגט דער נביא און זאָגט: „והגד לעמי פשעם ולבית יעקב חטאתם, ואותי יום יום ידרושון" (ישעי' נח. א). אַנשטאָט „והגד לעמי פשעם ולבית יעקב חטאתם", אַנ־שטאָט מדריך צו זיין דעם עולם בכל עת ובכל שעה, איהם כסדר מעורר צו זיין און צו לערנען דעם דרך־השם, זענען זיי יוצא מיט „ואותי יום יום ידרושון", מיט'ן דרשנ'ען „יום יום", צוויי טעג, צוויי שבתים אין יאָהר...

נושא עון ועובר על פשע... (מיכה ז. יח.)

ווען אַ גרושה האָט חתונה מיט אַ צווייטען — איז זי, לויט'ן דין, שוין אויף שטענדיג אָסור צום ערשטען מאַן. אָבער ווען די אידען טהוען תשובה, איז דאַן כביכול גרייט צו זיין אַ „נושא עון" און אַנ„עובר על פשע", עובר צו זיין אויף דעם איסור פון אַ „מחזיר גרושתו משנישאת"...

(שיר מעון)

רבי נפתלי ראָפּשיצער פלעגט זאָגען: דערפאַר האָט מען עס איינגעפיהרט דעם מנהג, אַז דער רב זאָל אום שבת־שובה זאָגען אַ דרשה, מחמת טאָמער איז דער רב אַ צדיק תמים און ער האָט נישט אויף זיך קיין שום עבירה, אויף וואָס תשובה צו טהון, און היות ווי אין די דאָזיגע טעג איז דאָך אַ מצוה צו טהון תשובה, זאָגט ער דעריבער אַ ד ר ש ה, און עפּ״י־רוב זענען אַזעלכע דרשות — „אַנ'עבירה יעדעס וואָרט"!...

יום־כּפּור

אַ טאָג פאַר ערב יום־כפּור איז צום רבי׳ן אלימלך פון ליזענסק געקומען צו פאָהרען אַ חסיד, וועלכער איז צוגעשטאַנען צום משמש און איהם שטאַרק געבעטען, ער זאָל איהם געבען די מעגליכקייט צו זעהען, ווי אַזוי דער רבי איז זיך נוהג ביים שלאָגען כפּרות... אַז דער רבי אלימלך האָט דאָס דערהערט, האָט ער געהייסען דעם חסיד אַריינרופען צו זיך און ער האָט איהם בעפוילען, ער זאָל תיכף נעהמען אַ פוהר און אַראָבפאָהרען אין דעם און דעם דאָרף, וואָס ליגט נישט ווייט פון ליזענסק, דאָרט זאָל ער זיך דערפרעגען און אַריינגעהן צו אַ געוויסען אַרענדאַר. אַריינקומענדיג אַהין האָט ער געטראָפען אַ פולע שטוב מיט האַלב שכור׳ע גוים, אַרום וועלכע דער אַרענ־דאַר, אַ פּראָסטער מגושמ׳דיגער איד, און זיין ווייב, אַ מגושמ׳דיגע אידענע, האָבען זיך אַרומגעפּאָרעט. דער חסיד האָט זיך אַ שוויגענדיגער אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקעל אויף אַ באַנק, מאַכענדיג זיך שלאָפען און געקוקט און געוואַרט...

נאָך האַלבע נאַכט, ווען די שכור׳ע גוים זענען זיך שוין געהאַט פונאַנדערגעגאַנגען און טהיר און פענסטער זענען שוין געווען געשלאָסען, זעהט ער, ווי דער אַרענדאַר דרעהט זיך היין און צוריק איבער׳ן צימער און זיפצט, און דאַן הייסט ער דעם ווייב, זי זאָל איהם דערלאַנגען דאָס בוך, וואָס ליגט אונטער׳ן בעט. זי האָט אַפּערגעשלעפּט פון דאָרט און איהם דערלאַנגט אַנ׳אַלט צופליקט בוך, איבער וועלכען דער אַרענדאַר האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און מיט אַ וויינענדיגער שטים אָנגעהויבען אַרויס־לייענען פון דאָרט, מישענדיג בלאַט נאָך בלאַט... אינ׳ם דאָזיגען בוך זענען געווען פערשריבען כל מיני עבירות, אין וועלכע ער איז נכשל געוואָרען במשך פונ׳ם גאַנצען יאָהר: אין דעם און דעם טאָג פון דער און דער וואָך האָט ער אַנ׳אָרימען דורכוואַנדערער נישט אויפגענומען ווי עס דאַרף צו זיין, נישט מקיים געווען די מצוה פון הכנסת־אורחים כראוי; אין דעם און דעם טאָג האָט ער זיך איינגעהערט אינ׳ם ניבול־פּה פון די שכור׳ע פויערן; אין דעם און דעם טאָג האָט ער ביים דאַווענען שמונה־עשרה געהאַט מחשבות־זרות, און אַזוי ווייטער, אַ לאַנגען צעטעל, בלאַט נאָך בלאַט. נאָך יעדע איבערגעלייענטע עבירה האָט ער שווער אָבגעזיפצט און ביי מאַנכע פון זיי זיך אויך שטאַרק צעוויינט.

פערטיג געוואָרען דערמיט, האָט דער אַרענדאַר זיך ווידער אַמאָל געווענדעט צום ווייב, זי זאָל איהם דערלאַנגען דאָס צווייטע בוך, וואָס ליגט דאָרט אינ׳ם ווינקעל אונטער׳ן אַנדערען בעט. ווידער האָט זי אַפּערגעשלעפּט און איהם דערלאַנגט אַנ׳אַלט צופליקט בוך, וואָס ער האָט גענומען מישען און אַרויסלייענען בלאַט נאָך בלאַט. אינ׳ם דאָזיגען בוך זענען געווען פערשריבען כל מיני דאגות, צרות און לידען, וואָס ער איז במשך פונ׳ם דאָזיגען יאָהר דורכגעגאַנגען. אַ לאַנגער, זעהר לאַנגער צעטעל. נישט געווען אַ טאָג אָהן עגמת־נפש און אָהן עפּעס אַ פּורעניות... און ווען ער איז אויך מיט׳ן דאָזיגען בוך פערטיג געוואָרען, האָט ער אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויפ׳ן טיש און זיך פערטראַכט אין טיפע מחשבות, און דאַן האָט ער אויפגעהויבען די אויגען אין דער הויך און געזאָגט: איך לייקען נישט, רבונו־של־עולם, אַ גרויסער חוב קומט

דיר ביי מיר, גאָר אַ גרויסער חוב, איך בין דיר אַ סך שולדיג, אָבער אויך מיר ביי דיר קומט אַ גרויסער חוב, אויך דו ביזט מיר, כביכול, אַ סך שולדיג. כ׳ווייס נישט, וועלכער חוב עס איז גרעסער און וועמען עס קומט אַ רעשט. עס איז אַ צו־שווערער און פערפּלאָנטערטער חשבון... ובכן, רבונו־של־עולם, לאָמיר זיין קוויט: דיין חוב פאַר מיין חוב, דאָס בוך פאַר דעם בוך, דער פנקס פון חטאים פאַר׳ן פנקס פון די צרות. זה חליפתי, זה תמורתי, זה כפרתי...

פאַרטאָג איז דער חסיד צוריקגעפאָהרען קיין ליזענסק און אַריינקומענדיג צום רבי׳ן אלימלך, האָט איהם דער רבי בעגעגענט מיט אַ שמייכעל:

— נו, וואָס האָסטו דאָרט געזעהען? — דער חסיד האָט איהם אַלץ געַנוי אי־בערדערצעהלט און דער רבי אלימלך האָט איהם דערויף געענטפערט:

— דאָס זעלבע, וואָס דער אַרענדאַר, האָט אויך דוד המלך גע׳טענה׳ט צום רבונו־של־עולם, און דאָס איז דער פשט אין תהלים (לא.): „ד׳ נגדך כל תאותי ואנחתי ממך לא נסתרה״. אמת טאַקי, אַז עס איז „נגדך כל תאותי״ אָבער אויך „ואנחתי ממך לא נסתרה״, טאָ לאָמיר זיין קוויט... איצט ווייסטו שוין, ווי אַזוי מען שלאָגט כפרות?

(געהערט פון הרב יחזקאל מיכעלזאָן)

דער מנהג פון כפרות שטאַמט נאָך, ווי עס שיינט, פון די צייטען פון בבל און פון דאָרט האָט ער זיך פערשפרייט קיין שפּאַניען, פראַנקרייך, דייטשלאַנד און אין די אַנדערע אידישע קיבוצים. אין שפּאַניען האָט דער מנהג אַרויסגערופען שטאַרקע געג־נערשאַפט בעזונדערס מצד דעם רמב״ן און זיין תלמיד דער רשב״א. עס האָט זיך זיי אָבער נישט איינגעגעבען דעם מנהג מבטל־צו־מאַכען.

צום ערשטען מאָל ווערט דער מנהג פון כפרות דערמאָנט אין די תשובות פון מר ששנא בר חלפתא, דער גאון פון סורא, וועלכער האָט געלעבט אין דער צווייטער העלפט פון זיבטען יאָהרהונדערט. עס ווערט אָבער אָנגעוויזען, אַז אויך אין דער גמרא ווערט שוין מרומז אויפ׳ן מנהג פון כפרות. די גמרא (כתובות ה׳) זאָגט: „אלא מעתה יום הכפורים שחל להיות בשני בשבת ידחה גזרה שמא ישחוט בו עוף״ (אַז אויב יום־כפור פאַלט אויס מאָנטאָג זאָל ער אָבגעלייגט ווערען, ווייל טאָמער וועט ווער שחט׳ן אַ עוף אום שבת). דערויף איז רש״י דאָרט מפרש: „שצריכין להרבות בסעודה אחר השבת שהנה ערב יום הכפורים״, אַז דערפאַר איז מען חושש, ווייל אויף ערב־יום־כפור דאַרף מען צוגרייטען אַ גרויסע סעודה. רבי עמרם, אָבער, דער גאון פון סורא, איז מפרש: „שכיוון שרגילים ישראל לשחוט תרנגולין כל אחד ואחד לכפרתו ויחוש שמא ימהרו וישחטו בין השמשות של שבת״, אַז היות ווי די אידען זענען זיך נוהג צו שעכטען יעדער איינער אַ עוף אויף כפרות איז מען חושש, אַז אויב יום־כפור וועט פאַלען אום מאָנטאָג וועלען זיי זיך צואיילען און אָנהויבען שחט׳ן אום שבת בין השמשות. דערפון איז, אַלזאָ, צו זעהן, אַז לויט רבי עמרם איז דער מנהג פון כפרות שוין געווען איינגעפיהרט בימי התלמוד...

פאַרוואָס — ווערט געפרעגט אין פערשידענע ספרים — מאַכט מען נישט קיין ברכה ביים מקבל זיין אויף זיך דעם תענית פון יום־כפור, פונקט אַזוי ווי מען דאַרף מאַכען אַ ברכה ביים מקיים זיין יעדע אַנדערע מצוה פון דער תורה?

— ווייל — האָט דערויף גאַנץ איינפאַך געענטפערט דער סאָכאַטשאָווער רבי, דער „אבני נזר״ — די מצוה פון תענית איז אַן אויסנאַהם פון אַלע אַנדערע מצוות; עס איז אַ מצוה פון „שב ואל תעשה״...

„ביום־הכפורים — ווערט געזאָגט אין מדרש — נוטל הקב״ה עוונותיהן של ישראל ונותנן על שרו של עשיו, כמה שנאמר ונשא השעיר עליו את כל עוונותם״.

אין פלוג: וואָס איז עס פאַר אַ יושר? פאַרוואָס קומט עס דעם שר של עשיו צו טראָגען אויף זיך די אידישע זינד?

נאָר די כוונה איז: ווערלענדיג אינ׳ם יום־הדין מלמד־זכות זיין אויף זיין פאָלק ישראל, איז השי״ת תולה זייערע חטאים אינ׳ם שרו של עשיו. אין אַ גרויסען טייל פון די אידישע זינד איז עשיו שולדיג. דער שווערער גלות, די אונאויפהערליכע ענויים, גזירות און רדיפות, וואָס די אידען לײדען פון עשיו׳ן, דאָס אַלץ איז גורם, זיי זאָלען אַראָבגעפיהרט ווערען פונ׳ם גלייכען עהרליכען וועג און נישט קענען ביישטעהן די שווערע טאָג־טעגליכע נסיונות...

„חוקת עולם לדורותיכם בכל מושבותיכם״ (אמור כג. לא.)

הלואי — ווינשט זיך די תורה — זאָלען ענטשטעהן אַזעלכע פרומע דורות, אין וועלכע דער יום־כפור מיט זיין „ועניתם את נפשותיכם״ זאָל געפייערט ווערען נישט אַלס טאָג, וואָס דאַרף מכפר זיין אויף די בעגאַנגענע זינד, נאָר אַלס „חק״, אַלס גע־וואוינהייט און טראַדיציע פון די פריהערדיגע צייטען...

(אלשיך)

„ועניתם את נפשותיכם״ (אמור כג. לב.)

דער מעזריטשער מגיד רבי בער שרייבט אין דער צוואה צו זיין זוהן, רבי אברהם המלאך: „...און דער עיקר זאָלסטו זיך נישט מסגף זיין, וואָרום, אַז עס ווערט אַ קליין לעכעל אין גוף, ווערט אַ גרויסער לאָך אין דער נשמה״...

עס איז בעקאַנט די קשיא פון די ראשונים (ווערט אויך געבראַכט אין כרתי פלתי סימן ק״י): פאַרוואָס איז יום־כפור נישט קיין צוויי טעג, פונקט ווי אַלע אַנדערע ימים־טובים, משום ספיקא דיומא? — און עס ווערען דערויף געגעבען פערשיעדענע תירוצים.

דער רבי ר׳ העשיל אָבער האָט געענטפערט דערויף גאַנץ איינפאַך: די גמרא זאָגט: „כל האוכל בתשיעי כאלו התענה תשיעי ועשירי״, הייסט דאָך עס שוין ממילא, אַז מען האָט געפאַסט צוויי טעג, געפראַוועט צוויי טעג יום־כפור...

די חז״ל זאָגען: „רבא הוה רגיל דהוה יתיב בתעניתא תרי יומי״ (ר״ה כ״א), אַז רבא האָט יום־כפור געפאַסט צוויי טעג משום ספיקא דיומא.

פרעגט זיך: אין אַ צווייט אָרט ווערט דערצעהלט, אַז „לרבא הוה אתי ליה שלמא ממתיבתא דרקיע כל מעלי יומא דכפורי״ (תענית כ״א), איז אויב אַזוי האָט ער דאָך שוין געניי געוואוסט, ווען יום־כפור איז, טאָ נאָכוואָס האָט ער ווידער געדאַרפט פאַסטען צוויי טעג?...

די דאָזיגע קשיא ווערט געבראַכט אין ספר „פתח עינים״ און עס ווערט דאָרט אַנגעוויזען, אַז אין מס׳ ר״ה איז רבינו חננאל גורס, נישט רבא נאָר רבה...

„כל האוכל ושותה בתשיעי — כאילו התענה תשיעי ועשירי״ (יומא פ״א)

אויפ׳ן דאָזיגען מאמר זענען שוין אַ סך פירושים געשריבען געוואָרען. מען קאָן איהם אָבער אויך ערקלערען אויף אַ גאַנץ פשוט׳ן אופן: די אנשי משמר שבמקדש — דערצעהלען אונז די חז״ל (תענית כ״ו) — האָבען נישט געפאַסט באחד בשבת, „כדי

שלא יצאו ממנוחה ועונג ליגיעה ותענית". ווייל — זענען עס מסביר די מפרשים — דער פלוצלינגער איבערגאַנג פון די זאַטע שבת'דיגע סעודות צום תענית ווירקט זעהר פיינליך און פערשאַפט אַ פיעל גרעסערען פיזישען צער, איידער אַ תענית נאָך אַ געוועהנליכען, וואָכעדיגען טאָג... און דאָסזעלבע איז אויך מיט יום־כפור: צוליב דעם, וואָס מען איז ערב יום־כפור מרבה באכילה ושתיה, איז דער צער און דער עינוי פון יום־כפור'דיגען תענית פיעל שטאַרקער; עס קומט אַלזאָ אויס, ווי דער ערב־יום־כפור וואָלט דעם תענית פערדאָפּעלט אין איכות, דען וואָס מעהר מען עסט, אַלץ שווערער איז נאָכדעם דאָס פאַסטען, און דעריבער — „כל האוכל ושותה בתשיעי, כאילו התענה תשיעי ועשירי"...

(תורה תמימה)

אויב אין אַזאַ טאָג — פלעגט זאָגען רבי משה קאָברינער — ערב דעם גרויסען יום־הדין, ווען מען דאַרף זיך שטעלען צום משפט און אָבגעבען אַ דין־וחשבון פאַר אַלע מעשים, פאַר אַלע בעגאַנגענע חטאים ועונות, קאָן זיך נאָך אַ איד אַוועקזעצען צום טיש און עסען, בלויז דערפאַר, ווייל אַזוי הייסט די תורה, איז אָט דאָס אַליין שוין אַ גרויסע מדרגה, און — „מעלה עליו הכתוב כאלו התענה תשיעי ועשירי", דען דאָס בעווייזט, אַז דער איד איז פול מיט בטחון צום רבונו־של־עולם, דאָס ער וועט איהם אודאי בעהאַנדלען מיט חסד, לפנים משורת־הדין און שוין צוליעב דעם אַליין פערדיענט ער, מען זאָל איהם מוחל זיין אַלע חטאים...

דעריבער — זאָגט דער מלבי"ם אין אַנ'אַרט — איז „כל האוכל ושותה בתשיעי כאילו התענה תשיעי ועשירי", ווייל עסען לשם־שמים איז שווערער, ווי פאַסטען לשם־שמים...

אויפ'ן פסוק „אך ביום הראשון תשביתו שאור מבתיכם" דרשנ'ט די גמרא: „אך — חלק", אַז דאָס וואָרט „אך" איז ממעט אַ האַלבען טאָג, נור אַ האַלבען טאָג איז ערב־פסח אסור צו עסען חמץ. דערויף ווערט געפרעגט אין זוהר: אויך ביי יום־הכפורים ווערט דאָך געזאָגט: „אך בעשור לחדש השביעי וכו' ועניתם את נפשותיכם"? און די תשובה פון זוהר איז, אַז דער עינוי בעשטעהט באמת נור פון צווייטען האַלבען טאָג, דען אינ'ם ערשטען האַלבען טאָג זענען אויך אַ גאַנץ יאָהר נישט אַלע מענשען געוואוינט צו עסען...

„האומר אחטא ויום־הכפורים מכפר — אין יוה"כ מכפר" (יומא פ"ה)

— מ'שטיינס־געזאָגט די אידישע פושעים — פלעגט זאָגען רבי יהושע־העשיל אַפּטער, דער „אוהב־ישראל": — דער ערגסטער פון זיי, אויף וועלכען עס איז שוין אַפּילו קיין תשובה נישטאָ, איז דער, וואָס זאָגט „אחטא ואשוב", אָדער „אחטא ויוה"כ מכפר" — אַפּילו בשעת ער זינדיגט, האָט ער פונדעסטוועגען אין זינען דעם ענין פון תשובה און געדענקט אינ'ם הייליגען טאָג יום־כפור... אָט ווי עס זעהען־אויס, מ'שטיינס־געזאָגט, די אידישע פ ו ש ע י ם!...

„רבי אומר: על כל עבירות שבתורה, בין עשה תשובה בין לא עשה תשובה, יוה"כ מכפר וכו', ומודה רבי בכרת דיומא, דאי לא תימא הכי, כרת דיוה"כ לרבי לית ליה?"
(שבועות י"ג)

האָט דער קאָצקער רבי געפרעגט: וואָס איז דאָ די גמרא'ס קשיא? אויך לויט רבי קאָן דאָך מעגליך זיין, אַז עס זאָל קומען כרת, און דאָס אין פאַל, אויב ער זאָגט:

„אחטא ואשוב״, דערויף איז דאָך קיינער נישט מחולק, אַז יום־כפור איז דאַן נישט מכפר?

נאָר — האָט דער קאָצקער געענטפערט — אויב ער זאָגט: „אחטא ואשוב ויום־הכפורים מכפר״, הייסט ער באמת אַ שוגג, וועלכער ווייסט נישט אַז יום־הכפורים איז דערויף נישט מכפר און מעגליך, אַז ווען ער זאָל געוועזן וויסען, וואָלט ער דעם חטא נישט בעגאַנגען, און אויף אַ שוגג קאָן דאָך ווידעראַמאָל נישט קומען קיין כרת...

„והסר שטן מלפנינו ומאחרינו״ — פלעגט זאָגען רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער — געהט־אַרויף אויף ערב־יום־כפור און פורים. אין דידאָזיגע בידע טעג קומט דער שטן מיט אַ קטרוג אויף אידען: פורים קומט ער מיט אַ געוואַלד, הלמאַי די אידען טרינקען און שכור׳ן און לאָזען זיך וואוילגעהן, — ווייזט מען איהם „מלפנינו״, אויפ׳ן פריהערדיגען טאָג, אויף אסתר־תענית, ווען זיי האָבען אַ גאַנצען טאָג געפאַסט, מתפלל געווען און געגעבען צדקה; ערב־יום־כפור קומט ער ווידער מיט אַנ׳עהנליכער טענה, הלמאַי די אידען האַלטען אין איין עסען — דאַן ווייזט מען איהם „מאחרינו״, אויף דעם שווערען, פיינליכען טאָג, וואָס עס ערוואַרט זיי צומאָרגענס...

רבי משה קאָברינער פלעגט זאָגען, אַז דאָס, וואָס נאָך דער סעודה המפסקת, ביים בענשען ברכת המזון, ביים צינדען די ליכט און ביים געהן אין שוהל אַריין, דערהערען זיך אין אַלע אידישע הייזער אַזעלכע מורא׳דיגע בכיות ויללות — דאָס איז דעם שטנ׳ס אַרבייט, דען די חז״ל זאָגען: „השטן בגמטריא שס״ד הוי, שס״ד יומי אית ליה רשותא לאסטוני, ביומא דכפורי לית ליה רשותא לאסטוני״ (יומא פ׳), איז פון גרויס כעס, וואָס ער בלייבט אַ גאַנצען מעת־לעת אַרבייטסלאָז, לאָזט ער איבער די אידען פאַר׳ן אַוועקגעהן אַלס „לעצט־געלד״ אַ פאַרציע מרה־שחורה און עצבות, וואָס דאָס איז איינס פון די ערגסטע מדות... אַ איד דאַרף טאָקי שטעהן יום־כפור פאַר׳ן אויבערשטען מיט אַ צובראָכען האַרץ, מיט אַ לב נשבר ונדכה, אָבער נישט מיט קיין עצבות, חלילה, נאָר מיט התחזקות און מיט בטחון, אַז — „כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם״!...

ערב יום־כפור, ביים שלאָגען מלקות, איז דער דין: „פניו יהיו מוטים לצד צפון״. דען „מצפון זהב יאתה״, הייסט מען איהם דעריבער אויסדרעהען זיך לצד־צפון: אָט איז דער מקור פון אַלדאָס בייז. פון דאָרט, פון געלד, שטאַמען אַלע חטאים...
(טורי זהב)

דעריבער מאַכט מען ביי כל־נדרי אַ „שהחינו״, ווייל מען זעהט דאַמאָלס זעהר פיעל „פנים־חדשות״, אַזעלכע, וועלכע ווייזען זיך נישט אין שוהל אַ גאַנץ יאָהר...
(אוסם בושם)

רבי זלמן וואָלאָזשינער האָט אַמאָל ערב יום־כפור בעמערקט, ווי איין איד געהט־צו צום צווייטען און בעט איהם מחילה, אָבער דער צווייטער איד קעהרט אַוועק פון איהם ברוגז׳דיג דעם קאָפּ און ענטפערט, אַז ער וועט איהם נישט מוחל זיין, ווייל ער האָט אויף איהם מוציא־שם־רע געווען און ביי מוציא שם רע דאַרף מען נישט מוחל זיין עפ״י דין... אַז רבי זלמן וואָלאָזשינער האָט דערהערט דעם דאָזיגען ענט־פער האָט ער אַוועקגערופען דעם איד אין אַ זייט און געזאָגט צו איהם: ליעבע, איד! די חז״ל זאָגען אונז, אַז „לא חרבה ירושלים, אלא על שהעמידו דבריהם על דין תורה״.

איז דאָך אין פלוג קשה: צי דען האָבען שוין די אידען נישט געהאַט דאַן אויף זיך קיין אַנדערע חטאים, אויסער דעם איינעם חטא, וואָס זיי האָבען זיך געשטיצט על דין תורה? אין די ספרי נביאים, איבערהויפּט אין ספר יחזקאל, ווערען דאָך אויס־גערעכענט אָהן אַ שיעור עבירות, די סאַמע האַרבסטע און מוראַ׳דיגסטע עבירות, וואָס די אידען זענען דאַן בעגאַנגען, טאָ ווי געשיקט זיך עס צו זאָגען, אַז דער חורבן־ירושלים איז געשעהען צוליעב דעם, וואָס זיי האָבען נישט געהאַנדעלט לפנים משורת הדין? נאָר דער ענין דערפון איז אַזוי: באמת האָבען דאַן די אידען עובר געווען אויף פיעל גרעסערע עבירות, אָבער כל־זמן זיי האָבען צווישען זיך, בין אדם לחברו, נישט גערעכענט זיך מיט׳ן דין און זיי זענען געווען „מעבירים על מדותיהם״, נאָכ־גיביג איינער צום צווייטען, איז אויך השי״ת געווען אַ מעביר על מדותיו און האָט זיך אויך נישט גערעכענט מיט׳ן דין, ווי די חז״ל זאָגען: „כל המעביר על מדותיו מעבירין לו על כל פשעיו״ (ר״ה י״ז). אָבער ווי נור זיי האָבען צווישען זיך אָנגעהויבען האַנדלען עפּ״י דין, נישט וועלענדיג אויף אַ האָהר מוותר זיין פון געזעץ, דאַן האָט שוין אויך השי״ת זיך גענומען בעגעהן מיט זיי לויט׳ן דין, פאָדערענדיג פון זיי אַ חשבון פאַר אַלע בעגאַנגענע חטאים ועונות.

רבי זישע האַניפּאָלער, אַריינקומענדיג איינמאָל אין בית־המדרש צו כל־נדרי און זעהענדיג מיט וואָס פאַר אַ וואַרימקייט און ברען דער עולם זאָגט די „תפלה זכה״, באַדענדיג זיך דערביי ממש אין טרעהרען, איז ער צוגעגאַנגען צום ארון־קודש, אויפ־געהויבען די אויגען צום הימעל און געזאָגט: שוין צוליעב דעם אַליין, רבונו־של־עולם, איז כדאי געווען, די אידען זאָלען זינדיגען, שוין צוליעב דעם אַליין, כדי זיי זאָלען איצט אַזוי וואַרים מתפלל זיין פאַר דיר... וואָרום וואָלטען זיי נישט געזינדיגט — וואו און ווען וואָלסטו דאַן געהערט אַזעלכע הערליכע, האַרציגע תפלות?...

רבי משה קאָברינער איז אַמאָל אַריינגעקומען אין קלויז צו כל־נדרי און זעהענדיג, ווי די חסידים זאָגען „תפלה זכה״, וואו עס זענען אויסגערעכענט כל־עבירות שבעולם, האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט און אַ געשריי געטהון: „המערת פריצים היה לי הבית הזה״? צי דען איז דאָ אַ גנבים־קניפּע, וואו יעדער איינער בעריהמט זיך פאַר׳ן צווייטען מיט זיינע שענע מעשים? חרטה וואו איז? בושה, וואָס זאָל ברענען און בראָטען און קיין מנוחה נישט געבען? בושה!...

ערב יום־כפור פאַרנאַכט, פאַר כל־נדרי, האָט איינמאָל רבי יחיאל־מאיר, דער רבי פון גאָסטינין, אָנגעכאַפּט דעם משמש זיינעם פאַר דער האַנד און זיך געבעטען ביי איהם:

— פּיוועל־קרוין, לאָמיר תשובה טהון! כאָטש ס׳איז אַזוי שפּעט, איז נאָך אַלץ דאָ צייט תשובה צו טהון, דען ס׳ווערט גע׳פּסקנ׳ט, אַז „מקצת היום ככולו״ און „יום אחד בשנה חשוב כשנה״, און אויב מיר זאָלען אין דער איצטיגער מינוט תשובה טהון, וועט עס זיין גליך, ווי מיר וואָלטען תשובה געטהון אַ גאַנץ יאָהר!...

יעדעס יאָהר, ערב יום־כפור, פאַר „כל־נדרי״, פלעגט דער בעלזער צדיק, רבי שלום, זיך אָוועקשטעלען אין בית־מדרש אויף דער בימה און אויסשרייען בקול רם: „שלשה דברים צריך אדם לאמר ערב־שבת עם חשיכה — עשרתם, ערבתם, הדליקו את הנר!״... „ערב־שבת עם חשיכה״ — דאָס מיינט מען ערב יום־כפור פאַרנאַכט, דאַמאָלס איז שוין דער לעצטער זמן, די לעצטע מינוט, און יעדער איד דאַרף דעריבער

דערציטערט ווערען און זיך דעריבער דערמאָהנען אָט די דריי זאַכען: „עשרתם!״ — עס זענען שוין אַוועק די עשרת ימי־תשובה; „ערבתם!״ — עס איז שוין פאַראיבער דער ערב יום־כפור; „הדליקו את הנר!״ — עס ברענען שוין די יום־כפור־ליכט... אויף ווען־זשע וואַרטען מיר מיט אונזער תשובה־טהון? אויף וואָס־זשע וואַרטען מיר?... ווער, וועה! אם לא עכשיו — אימתי?...

רבי ישראל סאַלאַנטער האָט אַמאָל פערשפעטיגט צו „כל־נדרי״. דער עולם וואַרט און וואַרט. עס ווערט שוין שפּעט און רבי ישראל איז נישטאָ. שיקט מען דעם שמש צו איהם אַהיים — קיינער איז נישטאָ, אַלע זענען אַוועק צו „כל־נדרי״. ווערט שוין דער עולם אונרוהיג: טאָמער האָט, חלילה, עפּעס פּאַסירט! לאָזט מען זיך אַרויס זוכען, מען געהט פון גאַס צו גאַס — מען זעהט נישט רבי ישראל׳ן! פּלוצים, פאַר־ בייגעהענדיג פאַר אַן אָרימער שטוב, נישט ווייט פון בית־המדרש, מען טהוט אַ קוק אַריין דורכ׳ן פענסטער און מען ווערט נבהל ונשתומם: רבי ישראל שטעהט איינגעבויגען ביי אַ וויגעל און וויגט אַ קינד... לויפט מען אַריין:

— ס׳טייטש, רבי! מיר זוכען דאָך אייך אַרום, מען וואַרט אויף אייך מיט „כל־ נדרי״...

— ששש... — זאָגט צו זיי רבי ישראל — איהר וועט אויפוועקען ס׳קינד, ס׳איז ערשט נאָר־וואָס איינגעשלאָפען... געהענדיג אין שוהל האָב איך געהערט ווי אַ קינד וויינט, בין איך אַריין אין שטוב — קיינער איז נישטאָ, אַלע זענען אַוועק אין שוהל... ווי־זשע האָב איך געקאָנט אַוועקגעהן פון דאַנען? ווי קאָן מען זיך עס אַוועקשטעלען זאָגען „כל־נדרי״, בשעת אַ אידיש קינד וויינט?

רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער האָט אַמאָל ערב יום־כפור פאַרנאַכט, בעת דער גאַנצער עולם איז שוין געווען פערזאַמעלט אין בית־מדרש צו „כל־נדרי״, גענומען אַ ליכט און אָנגעהויבען זוכען אונטער די בענק.

— וואָס זוכט איהר, רבי? — פרעגט מען איהם.

— כ׳זוך — ענטפערט רבי לוי־יצחק — אַ שכור׳ן איד און איך קאָן איהם בשום־ אופן נישט געפינען!...

און תיכף שטעלט ער זיך אַוועק און הויבט־אָן, אויף זיין שטייגער, זיך אויס־ טענה׳ען מיט׳ן רבונו־של־עולם:

— זעה, רבונו־של־עולם, וואָס פאַר אַ טייער פאָלק דיינע אידען זענען: דו האָסט זיי געבאָטען צו עסען און צו טרינקען אום ערב־יום־כפור און זיי נאָך צוגעזאָגט, אַז „כל האוכל ושותה בתשיעי״, אַז ווער עס עסט און טרינקט ערב יום־כפור, איז עס פונקט ווי ער וואָלט געווען געפאַסט; ווען די אומות־העולם וואָלטען געהאַט אַזאַ טאָג — וויפיעל וואָלטען זיך געוואַלגערט אין בלאָטע, וויפיעל וואָלטען געווען צו־ ממית׳טע, צו׳הרג׳עטע!... גיב אָבער אַ קוק אויף דיינע אידען: בייטאָג האָבען זיי מקיים געווען דיין מצוה, געגעסען, געטרונקען און געפּראַוועט יום־טוב׳דיגע סעודות — און איצט, נאָך אַ שטיק צו נאַכט, זענען זיי אַלע שוין דאָ אין בית־מדרש, קיינער איז נישט שכור, קיינער שלאָפט נישט, אַלע שטעהען אויף די פיס, גערייניגטע, גע־ הייליגטע, מוכן־ומזומן מקבל צו זיין אויף זיך אַלע עינויים פון יום־הקדוש, זיך מתודה זיין פאַר דיר און תשובה טהון מיט׳ן גאַנצען האַרצען! רבונו־של־עולם, צי פערדיענען זיי דען נישט דערמיט אַליין, אַז דו זאָלסט זיי מוחל זיין אַלע זייערע עבירות און זיי אַנ׳חתמ׳ענען לחיים־טובים, מיט אַ שנת ברכה והצלחה גאולה וישועה!?...

איינמאָל ערב יום־כפור פאַרנאַכט איז דער צדיק רבי יעקב־יצחק, דער רבי פון לובלין, צוגעגאַנגען צום עמוד זאָגען „כל־נדרי". ער איז אָבער געשטאַנען אַ לאַנגע צייט און געשוויגען. ס'איז שוין שפּעט, די נאַכט איז שוין צוגעפאַלען, אָבער דער רבי האַלט דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט איןביידע הענד, פאַרטיפט אין מחשבות, און שוויגט...
פּלוצים טהוט ער זיך אַ דרעה־אויס צום עולם און פרעגט: צי געפינט זיך נישט צווישען די מתפללים אַ איד פון פּילעווו? — קוקט מען זיך־אָן איינער דעם צווייטען מיט ערשטוינונג, און עס רופט־זיך־אָן אַ איד, וועלכער ציטערט אינגאַנצען פון פּחד, אַז ער איז פון פּילעווו... רופט איהם דער רבי צו צו־זיך און פרעגט איהם, צי ווייסט ער נישט, וויפיעל דער פּריץ פון זיין שטאָדט האָט בעצאָהלט פאַר'ן הונד, וואָס ער האָט היי־יאָהר געקויפט...

— יאָ, — ענטפערט דער איד און עס קלאַפּט איהם אַ צאָהן אָן אַ צאָהן פאַר פּחד פון דער אומגעריכטער שאלה. — יאָ, איך בין גראָד געווען דאָן אין „הויף", בשעת דער פּריץ האָט דעם הונד געקויפט... טויזענד רובל האָט ער פאַר איהם בעצאָהלט...

דערהערענדיג דידאָזיגע ווערטער, האָט זיך אויפ'ן פּנים פונ'ם רבי'ן אַ צופריעדענער שמייכעל בעוויזען און ער האָט זיך אויסגעדרעהט צום עמוד און אָנגעהויבען זאָגען „כל־נדרי" מיט גרויס שמחה...

דער עולם האָט געשטוינט; אָבער קיינער, פאַרשטעהט זיך, האָט די העזה נישט געהאַט איבערצופרעגען אַ וואָרט. ערשט מוצאי־יום־כפור נאָך הבדלה האָט דער רבי דערצעהלט זיינע מקורבים, וואָס אַזעלכעס עס האָט פּאַסירט:

— עס איז אויפ'ן הימעל — דערצעהלט ער — געווען אַ גרויסער קטרוג אויף אידען. דער שטן־המקטרג ימ"ש האָט זיך אַוועקגעשטעלט און איבערגעגעבען אַ מעשה מיט איינעם אַ בכבוד'יגען געפאַלענעם אידען, וועלכער איז אַרומגעגאַנגען איבער די שטעדט מקבץ־זיין נדבות אויף הכנסת־כלה און די אידישע גבירים האָבען איהם מדחה געווען און אָבגעפּטר'ט מיט גראָשענס; אָבער געהענדיג אַזוי אין וועג, איז איהם אַנטקעגענגעקומען דער פּילעווער פּריץ, וועלכער האָט זיך מיט איהם פונאַנדערגערעדט, און דערהערענדיג וועגען זיין שווערען מצב, האָט ער אַרויסגענומען, דער גוי'אישער פּריץ, דריי הונדערט רובל און איהם דערלאַנגט!...

— דעראָזיגער קטרוג — האָט אויסגעפיהרט דער רבי פון לובלין — האָט אַ גרויסען רושם געמאַכט און איך האָב זיך דעריבער בעמיהט צו בעווייזען, אַז נישט צוליב רחמנות האָט דער פּריץ דעם אידען אַזאַ גרויסע נדבה געגעבען, נאָר ווייל געלד האָט ביי איהם קיין ווערט נישט; והראיה — אָט איז דאָך רעכט ביי איהם צו בעצאָהלען טויזענד רובל פאַר אַ הונד!...

איינמאָל ערב יום־כפור פאַרנאַכט האָט זיך רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער אַוועקגעשטעלט פאַר'ן עמוד זאָגען „כל־נדרי". ס'געהט אָבער אַוועק אַ צייט, און רבי לוי־יצחק שווייגט. דער עולם שטעהט אין פּחד און וואַרט, אָבער רבי לוי־יצחק שווייגט. אין דאָ ווערט שוין שפּעטליך, די זון זעצט זיך, ס'איז שוין באַלד נאָכ'ן זמן...

פּלוצים קעהרט זיך רבי לוי־יצחק אום מיט'ן פּנים צום עולם און פרעגט דעם שמש: איז בערל דער שניידער דאָ אין בית־מדרש?

— ניין, רבי — ענטפערט דער שמש.

— געה, רוף איהם! — בעפעהלט רבי לוי־יצחק.

געהט דער שמש אַוועק און ברענגט בערלען אין בית־מדרש.

— בערל — פרעגט איהם רבי לוי־יצחק — פאַרוואָס ביזטו מעכב די תפילות?

— וואָס זאָל איך טהון, רבי — ענטפערט בערל — אַז כ'האָב נישט פאַר וועמען איהם מזמין צו זיין לדין! אדרבה, אויב דער רבי וויל זיך דער דיין, בין איך מסכים.

— לאָמיך הערען — זאָגט רבי לוי־יצחק — דיינע טענות.

און בערל דער שניידער הויבט־אָן צו טענה'ן:

— די מעשה, רבי, איז אַזוי געווען. אַנומעלט פאַר סליחות שיקט מיך דער פּריץ רופען, כ'זאָל איהם אויפנעהען אַ נייעם פעלץ אויף ווינטער. נעהם איך מיין געצייג, שער־און־אייזען, און געה אַוועק אין הויף, און דער פּריץ גיט מיר גוטע טכוירען, די בעסטע טכוירען, כ'זאָל איהם מאַכען אַ פּעלץ, ווי עס דאַרף צו זיין. טראַכט איך ביי מיר: כ'בין אַ איד אַנ'אָרימאַן, כ'האָב אַ טאָכטער חתונה צו מאַכען און ס'איז נישטאָ מיט וואָס, וועל איך מיר נעהמען יתור אַ צעהן טכוירען און האָבן צושטייער פאַר מיין טאָכטער אויף נדן. האָב איך אַזוי געטהון. אויפגענעהט דעם פּריץ אַ פּעלץ, ווי עס דאַרף צו זיין, און צעהן טכוירען האָב איך מיר גענומען יתור. אַז כ'האָב געענדיגט די אַרבייט און זיך אַנגעהויבען קלויבען אַהיים, האָב איך אויסגעהוילט אַ גרויסען לאַבען ברויט, פערבעהאַלטען דאָרט די טכוירען, גענומען דעם קלומיק אויף דער פּלייצע און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

אַבגעגאַנגען עטליכע וויאָרסט, הער איך, ווי אַ רייטער יאָגט זיך נאָך מיר — בעפאַלט מיך אַ פּחד, כ'בעהאַלט דעם קלומיק אונטער אַ בוים, און אַליין זעץ איך מיר אויפ'ן גראָז און וואַרט אויפ'ן רייטער.

— בערל, צוריק! — שרייט־אויס צו מיר דער רייטער — דער פּריץ דאַרף דיך האָבען!

כ'קום צוריק צום פּריץ און אַנ'אימת־מות בעפאַלט מיך. מי יודע, וואָס פאַר אַ פּסק ער וועט אויף מיר אַרויסגעבען!...

— בערקע! — מאַכט צו מיר דער פּריץ — אַזוי גיט מען אַרויס אַרבייט? דו האָסט דאָך אין פּעלץ קיין „הענגער" נישט אַנגענעהט!...

גיב איך אָב צום רבונו־של־עולם אַ שבח והודיה פאַר'ן נס, וואָס ער האָט געטהון מיט מיר, נעה־אָן אַ „העגנער" אין פּעלץ און לאָז מיך צוריק אין וועג אַריין.

כ'קום־צו צום בוים — נישטאָ מיין קלומיק מיט'ן ברויט מיט די טכוירען! זוך אַהין, זוך אַהער — נישטאָ! זעץ איך מיך אַוועק און הויב־אָן אַריינצוטראַכטען אין דעם ענין; פאַלט מיר איין, אַז נישט אַנדערש, נאָר דאָס איז זיין אַרבייט, כ ב י כ ו ל: ע ר וויל נישט, אַז אַ איד זאָל גנב'ענען טכוירען ביים פּריץ...

איז אויב אַזוי — זאָג איך — אַז דו, רבונו־של־עולם, האָסט מיר געקאָנט אַבטהון אַזאַ זאַך, וויל איך מעהר נישט אַרבייטען פאַר דיר און וויל נישט מעהר פרום זיין!...

כ'קום אַהיים, ס'ווייב געהט מיר אַנטקעגען: „בערל, וואַש דיך, וועסטו עסען וועטשערע". איך אָבער, אויף צו־להכעיס, זעץ מיך אַוועק און עס אומגעוואַשען; אָבגעגעסען און נישט געבענשט, נישט געדאַוונט קיין מעריב, זיך געלעגט שלאָפען אָהן קריאת־שמע; מאָרגען אינדערפריה — ווייטער ס'אייגענע: נישט געדאַוונט, נישט געמאַכט קיין ברכה; געקומען סליחות — נישט אויפגעשטאַנען צו סליחות; ראש־השנה — נישט געגאַנגען דאַוונען, נישט געהערט קיין שופר־בלאָזען. איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אַז ע ר האָט מיר געקאָנט אַבטהון אַזאַ זאַך — וויל איך נישט האָבען מעהר קיין געשעפטען מיט איהם!...

איז אָבער געקומען ערב יום־כפור, רבי, מוז מען דאָך אַלעמען מוחל־זיין; מוז איך דאָך דעם רבונו־של־עולם אויך מוחל־זיין, ווארום ער איז דאָך אויך אַלעמען מוחל...

איז ביי מיר געבליבען: גוט, כ'וועל איהם מוחל־זיין, נאָר מיט איין תנאי: ער, דער רבונו־של־עולם, זאָל אינ'ם דאָזיגען טאָג מוחל־זיין אַלע עבירות, אַ ל ע, אפילו אַזעל־כע עבירות, אויף וועלכע עס שטעהט געשריבען, אַז יום־כפור איז אויף זיי נישט מכפר! וועט ער אַלץ מוחל זיין — בין איך איהם אויך מוחל; טאָמער נישט — וויל איך נישט!... אדרבה, רבי פסק'ענט איהר אַליין, בין איך גערעכט?

האָט רבי לוי־יצחק אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און געזאָגט:

— רבונו־של־עולם! איך, לוי־יצחק דער דיין, פסק'ען, אַז בערל דער שניידער איז גערעכט: בערל דער שניידער איז דיר מוחל, אָבער דערפאַר מוזטו אויך מוחל זיין אַלע אונזערע עבירות, אַלע חטאים ועוונות פון גאַנצען כלל ישראל!...

און מיט שמחה און געזאַנג האָט ער זיך אויסגעדרעהט צום עמוד און אָנגעהויבען זאָגען „כל־נדרי"...

כל נדרי...

דער מנהג צו זאָגען אום יום־כפור „כל־נדרי" איז מרומז אין דער תורה אין פרשת מטות: „כל־נדר וכל־שבועת אסר — ל ע נ ו ת נ פ ש" (אין טאָג פון „ועניתם את נפשותיכם")...

ווי עס ווערט אָנגענומען, איז דער נוסח פון „כל נדרי" פערפאַסט געוואָרען אין שפּאַניען. בשעת די אַנוסים פלעגען זיך אין דער נאַכט פון יום־כפור פערזאַמלען אין געהיים אין די פערבאָרגענע מערות, פלעגען זיי דאָן פאַרלייענען דעם דאָזיגען נוסח פון התרת־נדרים, אַז עס ווערען אַנולירט די אַלע נדרים ושבועות, וואָס זיי זענען געצוואונגען געווען אָבצוגעבען ביים אָנערקענען דעם קריסטליכען גלויבען...

ווער אָבער האָט פערפאַסט די וואונדערבאַרע מעלאָדיע צו די ווערטער פון „כל־נדרי"? וועגען דעם גיט איבער דער בעריהמטער קאָמפּאָזיטאָר גאַלאָמב פאָלגענדע לעגענדע:

צווישען די מקורבים פון שפּאַנישען קעניג פערדינאַנד האָט זיך געפונען אַ גע־וויסער דאָן מאַנועל, וועלכער איז געווען אין לאַנד זעהר פּאָפּולער. דער דאָזיגער דאָן מאַנועל איז אָבער געווען איינער פון די אַנוסים, וועלכער איז ענטדעקט געוואָרען דורך די שפּיאָנען פון דער הייליגער אינקוויזיציע און דער טריבונאַל האָט איהם פער'משפט צו ווערען פערברענט אויפ'ן אויטאָ־דאַ־פע. דעם צערעמאָניאַל פון דער עקזעקוציע האָט בייגעוואוינט דער קעניג זעלבסט, וועלכער האָט אין דער לעצטער מינוט אויסגעדריקט זיין פערלאַנג צו בעגנאַדיגען איהם, בתנאי, אַז ער זאָל עפענט־ליך אויסדריקען זיין חרטה און שווערען פון היינט אָן טריישאַפט דער קריסטליכער אמונה.

דאָן מאַנועל האָט זיך פערטראַכט אַ ווייִלע און דאָן האָט ער זיך געווענדעט צום קעניג און גענומען שרייען:

— די קייט! די קייט! ווי אַזוי רייסט מען איבער די קייט?

— וועלכע קייט? — פרעגט איהם איבער דער קעניג — דו ביזט דאָך נישט געבונדען אין קיין קייטען?

— די קייט! — האָט דאָן מאַנועל נישט אויפגעהערט צו שרייען — די קייט פון אברהם, יצחק ויעקב, די קייט, וואָס ציהט זיך ביז דוד המלך (דאָן מאַנועל האָט געהאַט אַ יחוס־בריעף, אַז ער שטאַמט מגזע־דוד), ווי אַזוי קאָן איך עס פועל'ן ביי זיך די דאָזיגע קייט איבערצורייסען?

און דאַן האָט ער אויסגערופען: „שמע ישראל!" און איז אַריינגעשפּרונגען אינ׳ם ברענענדען שייטער־הויפען.

איינער פון די דאַמאַלסדיגע קאָמפּאָזיטאָרען זאָל די אַלע מאָמענטען האָבען פער־אייביגט אין אַ מוזיקאַלישער שאַפונג, וועלכע איז נאָכהער בכל תפוצות ישראל אָנגענומען געוואָרען אַלס טראַדיציאָנעלער ניגון צו „כל־נדרי": אין די ערשטע איינלייטונגס־טענער קומען צום אויסדרוק די הייליגע געפיהלען פון די אַנוסים, בשעת זיי פערזאַמלען זיך אינ׳ם פאַרכטיגען טאָג אין די אונטערערדישע חדרים מתפלל צו זיין צום בורא־עולם. דאַן ווערען די טענער וואָס אַמאָל העכער, שטורמישער, עס הערען זיך פערשטיקטע קולות, פול מיט פחד און פערצווייפלונג. עס איז דער פּלוצלונגער איבערפאַל פון די אינקוויזיציע־סאַלדאַטען, וועלכע רייסען זיך אַריין אינ׳ם פערבאָרגענעם בעהעלטעניש... און דאַן — די שטילע יאוש־זיפצען פון די אין קייטען געשמיעדטע מאַרטירער... דאַן — דאָס פיהרען דעם פעראורטיילטען צו דער עקזעקוציע... דאַן — דער הילכיגער „אוי־אוי־אוי", וועלכער איז פול מיט שטאָלץ, עקשנות, פערביסענקייט און פעראַכטונג צו די שונאים און אין וועלכען עס הערט זיך דער אויסגעשריי פון דאַן מאַנוּעל: „די קייט! די קייט!"... און דאַן — די לעצטע, כאַרכלענדיגע גסיסה־טענער, די אויסגעהענדע כחות, וועלכע פערענדיגען זיך מיט „שמע ישראל"!...

ונסלח לכל עדת בני ישראל ולגר הגר בתוכם...

עס שטעהט נישט „ולגר הגר ביניהם", נאָר „בתוכם", אין זיי. יעדער איד איז יום־כפור בבחינת גר, און אַזוי ווערט טאַקי געזאָגט אין טור און אין שלחן־ערוך, אַז דעריבער איז אַ מצוה ערב יום־כפור זיך טובל צו זיין, וויל אינ׳ם דאָזיגען טאָג, ווען מיר זענען זיך מתודה אויף אונזערע זינד און זענען מקבל אויף זיך מהיום והלאה מקיים צו זיין די תורה, זענען מיר בבחינת גרים, וועלכע דאַרפען האָבען טבילה...

(בית יעקב)

ונסלח לכל עדת בני ישראל וכו׳ כי לכל העם בשגגה...

כי לכל העם בשגגה — איטליכעס פאָלק האָט זיך זיין שגגה, זיינע פעהלערען, און ווען דו וועסט פערגלייכען, רבונו־של־עולם, אונזערע פעהלערען און אונזערע זינד צו די פעהלערען און זינד פון אַלע אַנדערע פעלקער, דאַן — „ונסלח לכל עדת בני ישראל", וועסטו אונז זיכער מוחל זיין, איינזעהענדיג, אַז אין פערגלייך מיט זיי אַלעמען זענען מיר צדיקים גמורים.

(חות יאיר)

ויאמר ד׳ סלחתי כדבריך...

דער קאָזשעניצער מגיד, בשעת ער איז אינ׳ם לעצטען יאָהר פאַר דער פטירה געשטאַנען ביים עמוד און האָט געזאָגט „כל־נדרי", האָט ער, צוקומענדיג צו די ווערטער „ויאמר ד׳ סלחתי כדבריך", אויפגעהויבען די הענד צום הימעל און געזאָגט: רבונו־של־עולם! קיינער, אויסער דיר, ווייסט נישט און איז נישט אימשטאַנד צו וויסען,

ווי גרויס דיין שטאַרקייט איז... און קיינער, אויסער דיר, ווייסט נישט און איז נישט אימשטאַנד צו וויסען, ווי גרויס מיין שוואַכקייט איז... דו ווייסט וואויל, אַז קוים וואָס די נשמה האַלט זיך אין מיר פון חולשות — און אויב אַ גאַנצען חודש אלול שטעה איך יעדען טאָג ביים עמוד און גיס־אויס פאַר דיר מיין האַרץ בתפילה ובתחנונים, ווייסטו דאָך, אַז איך טהו דאָס נישט פאַר מ י ר, נאָר פאַר דיין פאָלק ישראל!... און דעריבער פרעג איך דיך, רבונו־של־עולם: איז דאָס אַ יושר, אַז איך מיט מיין קראַנקען קערפּער זאָל טראָגען אויף זיך דעם גאַנצען עול פון דיינע קינדער, די בני־ישראל, און גאַנצע טעג פייניגען זיך, גאַנצע טעג פאַר זיי מתפלל זיין; דאַגעגען פאַר דיר — „לך ד׳ הגדולה והגבורה״ — זאָל חלילה זיין אַזאַ שווערע זאַך צו זאָגען בלויז אָט די צוויי ווערטער: „סלחתי כדבריך״!?... זאָל אפשר די מניעה זיין, ווייל מיר האָבען היינט ווייניג צדיקים אויף דער וועלט? — האָסטו דאָך דערפאַר רבי מענדעלי רימאַנאָווער, וועלכער איז שקול כנגד אַלע צדיקי הדור!... זאָל אפשר די מניעה זיין, ווייל מיר האָבען נישט קיין נביאים? — האָסטו דאָך דערפאַר רבי איציקעל דעם „חוזה״ פון לובלין, וועלכער לייכט אויף דער וועלט ווי דער אורים־ותומים!... זאָל אפשר די מניעה זיין, ווייל עס פעהלען בעלי־תשובה? — איז איך מיט מיין קראַנקען גוף בין גרייט תשובה צו טהון פאַר׳ן גאַנצען כלל־ישראל!... ובכן, בעט איך דיך, רבונו־של־עולם, טהו אונז צוליעב און זאָג: „סלחתי״!...

(עשר אורות)

רבי לוי־יצחק, זאָגענדיג איינמאָל „כל־נדרי״ מיט אַ געוואַלדיגע התעוררות, מיט גרויס בכיות און יללות, האָט ער זיך אינמיטען׳ געפיהלט זעהר מיעד און אָבגע־שוואַכט און ער האָט זיך דאַן אָוועקגעשטעלט און אויסגערופען: רבונו־של־עולם! כ׳האָב שוין קיין כח נישט ווייטער צו זאָגען, איצט זאָג דו: „ויאמר ד׳ סלחתי כדבריך״!...

איינמאָל יום־כפור נאָך „כל־נדרי״ גיט רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער אַ קלאַפּ אין טיש, שטילט־איין דעם עולם און רופט־אויס:

— רבותי! די חז״ל זאָגען אונז, אַז „כל האומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם״ — ובכן, זאָג איך טאַקע, ליעבע אידען, בשם אומרו, אַז — „ויאמר ד׳ סלחתי כדבריך״!...

אל תזכור לנו עונות ראשונים וכו׳ כי דלונו מאד...

די ערשטע שאלות, וואָס מען פרעגט דעם מענש ביום־דינו, זענען: „קבעת עתים לתורה?״ און „נשאת ונתת באמונה?״ — בעטען מיר דעריבער: דידאָזיגע ערשטע שאלות, די „עונות ראשונים״, זאָלסטו אונז נישט דערמאָהנען, „כי דלונו מאד״, דען דער דלות האָט אונז ב י י ד ע זאַכען געשטערט: דער דלות לאָזט נישט עוסק־זיין אין לערנען און דער דלות לאָזט, ליידער, קיין עהרליכער מאַן נישט זיין!...

(חיים־יוסף־דוד אזולאי)

כי אין לנו מלך מוחל וסולח אלא אתה...

ביי אַ מלך־בשר־ודם איז דער דין, אַז „מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול״, אָבער ביים מלך־מלכי־המלכים איז דער דאָזיגער דין נישט שייך... „כי אין לנו מלך

מוחל וסולח״, מיר האָבען נישט קיין אַנדערען מלך, וועלכער זאָל מעגען זיין אַ מוחל וסולח אויף זיין כבוד — „אלא אתה״, נאָר דו קאָנסט זיך דאָס ערלויבען...
(קרבן העני)

ברוך אתה וכו׳ מלך מוחל וסולח לעונותינו...

אויף וועלכען סמך מאַכען מיר אין דער יום־כפור׳דיגער שמונה־עשרה אַ ברכה: „ברוך אתה וכו׳ מלך מוחל וסולח״?... פונוואַנען זענען מיר זיכער, אַז השי״ת איז אונז ווירקליך מוחל און אַז עס איז נישט, חלילה, קיין ברכה לבטלה?

דער תירוץ איז: מיר טהוען עס טאַקע בכיוון... אַזוי פיהרט זיך אַ קלוג יונגעל, בשעת ער וויל, דער טאַטע זאָל איהם געבען אַן׳עפּעל און ער איז נישט זיכער, צי דער טאַטע וועט איהם געבען, כאַפּט ער זיך און מאַכט הויך אַ ברכה „בורא פּרי העץ!״ און הויבט־אָן שרייען: נו, אַ!... ער טאָר נישט מפסיק זיין!... און דאַמאָלס מוז איהם שוין דער פאָטער געבען, וואָרום צ׳ליב אַן׳עפּעל וועט ער דאָך נישט ברענגען זיין קינד צו אַן׳עבירה, צו אַן׳אומזיכטעו ברכה... און דאָסזעלבע טהוען מיר, אידען, אויך מיט׳ן רבונו־של־עולם: מיר מאַכען בכיוון אויף־גיך אַ ברכה, „ברוך אתה וכו׳ מלך מוחל וסולח״, וממילא מוז ער אונז שוין צוליעב־טהון און מוחל זיין — וואָרום ער וועט דאָך נישט געהן גורם זיין, אַז זיינע קינדער, מיליאָנען אידען, זאָלען האָבען געמאַכט אַ ברכה לבטלה!...
(רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער)

אבל אנחנו ואבותינו חטאנו...

היתכן? ווי געשיקט זיך עס, מיר זאָלען זיך אָנועקשטעלען און שרייען, אַז אונזערע עלטערען האָבען געזינדיגט? אדרבה, געדאַרפט וואָלטען מיר דאָך דערמאָהנען דעם זכות פון אונזערע עלטערן?... נאָר עס איז בעקאַנט די קשיא פון של״ה, וועלכער פרעגט אויפ׳ן פּסוק: „וזכרתי את בריתי יעקב ואף את בריתי יצחק ואת בריתי אברהם אזכור״, ווי קומט דער דאָזיגער פּסוק אין מיטען דער תוכחה, צווישען די קללות און שטראָף־רייד? דאָס איז דאָך גאָר, פערקעהרט, אַ לימוד־זכות? נאָר דער אמת איז, ענטפערט דערויף דער של״ה, אַז אויך דאָס געהער צו דער תוכחה און אויך דאָס איז אַ גרויסער קטרוג אויף אידען, דען אינו דומה, עס איז נישט גלייך, ווען עס געהט אַרויס לתרבות־רעה איינער, וועלכער שטאַמט פון נידריגע פּראָסטע עלטערען, ווי ווען דאָס טהוט אַזעלכער, וואָס שטאַמט פון אַ שיינע יחוס׳דיגע פאַמיליע, וואָס זיין זיידע איז געווען יעקב, זיין עלטער־זיידע — יצחק א. א. וו.

ווען מיר שטעלען זיך, אַלזאָ, אַוועק אום יום־כפור זיך מתנצל זיין פאַר אונזערע חטאים, זאָגען מיר: אמת טאַקי, מיר האָבען געזינדיגט, „אבל אנחנו ואבותינו חטאנו״, אָבער אויך אונזערע עלטערען זענען נישט געווען ריין פון זינד, אַ סך חטאים זענען צו אונז איבערגעגאַנגען בירושה און דעריבער איז אונזער שולד נישט אַזוי גרויס...
(רבי משה נפתלי טאַרניגראַדער)

על חטא...

דעריבער שלאָגט מען, בשעת׳ן „על־חטא״, מיט דער האַנד אין האַרצען, ווייל „היד כותבת״ און — „יד העדים תהיה בו בראשונה״...
(אגודת הטיול)

דאַרפֿען וואָלט געדאַרפֿט זיין, אַז דאָס האַרץ זאָל שלאָגען די האַנד, בשעת זי גרייט זיך צו טהון אַ שלעכטע זאַך — נישט די האַנד זאָל שלאָגען דאָס האַרץ!...

(דרשות אל עמי)

רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער פלעגט זאָגען:

— היינטיגע דורות זענען עהרליכער, ווי אַמאָליגע: אַמאָליגע דורות האָבען אַפילו יום־כפור אין שוהל נישט געזאָגט דעם אמת; זיי האָבען זיך געקלאַפּט אין האַרצען: „אשמנו, בגדנו, גזלנו", „על חטא שחטאנו" — און קיין איין וואָהר וואָרט איז נישט געווען אין דעם; זיי האָבען זיך מתוודה געווען אויף עבירות, וואָס זיי האָבען קיינמאָל נישט געטהון! היינטיגע דורות אָבער, ווען מיר קומען אין שוהל, זאָגען מיר דעם אמת פאַר'ן רבונו־של־עולם: „אשמנו, בגדנו, גזלנו, דברנו דופי" — אַלץ אמת, נישטאָ קיין וואָרט שקר... און דערפאַר אַליין זענען מיר ווערט, אַז השי"ת זאָל אונז מוחל־זיין אַלע אונזערע עבירות!...

על חטא שחטאנו לפניך בודוי פה...

אויף דעם חטא, וואָס מיר זענען זיך מתוודה בלויז מיט'ן מויל, און דאָס האַרץ איז נישטאָ דערביי...

(תורת יצחק)

און דאָס איז אויך דער פּשט: „כי עוני אגיד אדאג מחטאתי", מיין זינד בעשטעהט אין דעם, וואָס „אגיד אדאג מחטאתי", וואָס כ'זאָג בלויז, אַז „אדאג מחטאתי", וואָס כ'בין יוצא מיט'ן מויל און דאָס האַרץ איז נישטאָ דערביי...

(רבי מענדיל קאָסובער)

על חטא שחטאנו לפניך ביצר הרע...

וועלכער חטא ווערט דען בעגאַנגען אָהן יצר־הרע?!... — נאָר ס'זענען פאַראַהאַן אַזעלכע חטאים, ביי וועלכע נישט בלויז דער מענש, נאָר אויך דער יצר־הרע זינדיגט, און דאָס איז דאַמאָלס, ווען דער בעל־דבר, אַנשטאָט צוצורעדען דעם מענשען צו אַן עבירה, וואָס דאָס איז דאָך זיין אייגענטליכע מיסיע, נעהמט ער איהם גאָר איינרעדען, אַז דאָס איז אַ מצוה!... דאָ בעגעהט שוין דער יצר־הרע אַליין אויך אַ זינד, דען זיין אויפגאַבע איז דאָך נישט צו זיין אַ מעקלער ביי מצות... און אָט אויף אַזעלכע מיני עבירות, „פרומע עבירות", זענען מיר זיך מתוודה: „על חטא שחטאנו לפניך ביצר־הרע" — עבירות, וועלכע מיר האָבען אָנגענומען פאַר מצוות; עבירות, ביי וועלכע מיר האָבען געזינדיגט צוזאַמען און בשותפות מיט'ן יצר־הרע!...

(תפארת שלמה)

פון אַלע דריי און פופציג על־חטא'ס זאָגען מיר בלויז וועגען איינעם פון זיי, אַז מיר זענען דעם חטא בעגאַנגען מיט'ן יצר־הרע, מחמת ס'רוב זינדיגען מיר מיט'ן — יצר־טוב. זעלטען ווען אַ מענש פיהלט, אַז ער טהוט אַן עבירה. עפּ"י רוב איז ער

ביי זיך פולקאָם אין אָרדנונג און עס דוכט זיך איהם נאָך, אַז ער טהוט גאָר אַ וואוילע זאַך, אַ מצוה...

(רבי פנחס הורוויץ)

על חטא שחטאנו לפניך ביודעים ובלא יודעים...

פראָסטע מענשען, עמי־הארצים, זינדיגען מ ע ה ר, אָבער זייער עונש איז אַ קלענערער, ווייל זיי זינדיגען „ב ל א י ו ד ע י ם״, זיי ווייסען נישט, אַז מען טאָר נישט. לומד׳ישע מענשען, תלמידי־חכמים, זינדיגען װ ע נ י ג ע ר, אָבער זייער עונש איז אַ גרעסערער, ווייל זיי זענען דאָך „י ו ד ע י ם״, זיי ווייסען דאָך, אַז מען טאָר נישט!... א ו נ ז ע ר שולד — זענען מיר זיך מתוודה — איז אַ דאָפּעלטע: האַלטען האַלטען־מיר־זיך פאַר לומדים, פאַר שענע אידען, פאַר „י ו ד ע י ם״; זינדיגען אָבער זינדיגען מיר אַזוי פיעל, ווי די „ל א ־ יודעים״!...

(רבי משה פאָלאַק)

בשעת דער רעפאָרמאַטאָר יעקב בער (דער פאָטער פון קאָמפּאָזיטאָר מאיר בער) האָט אין יאָהר 1813 געגרינדעט אין בערלין אַ רעפאָרמירטע סינאַגאָגע, איז דאָן בע־האַנדעלט געוואָרען די פראַגע, צי מען זאָל איבערלאָזען אין דער שמונה־עשרה די תּפלה פון „ולמלשינים אל תהי תקוה״, אָדער מען זאָל עס בעזייטיגען, און נאָך אַ לאַנגע שקלא־וטריא איז געבליבען, אַז אין די טעג, ווען עס פערזאַמעלט זיך אין דער סינאַגאָגע אַ גרויסער עולם, ווי למשל יום־כפור, זאָל מען צוליעב טורח הצבור (כדי נישט צו פערמאַטערן דעם עולם מיט צופיעל תפלות) מקצר זיין און די דאָזיגע תפלה נישט זאָגען...

און אַזוי — בעשטעטיגט דר. ש. בערנפעלד אַלס אויטענטישען פאַקט — איז טאַקי בפירוש איינגעשריבען אינ׳ם פנקס התקנות פון יענער סינאַגאָגע, אַז — אין דער יום־כפור׳דיגער שמונה־עשרה זאָל מען נישט זאָגען דעם „ולמלשינים אל תהי תקוה״...

געדאַרפט האָט דאָך אין פלוג שטעהן: „בלא יודעים וביודעים״, דען זינדיגען בדעת, בעוואוסטזיניג, איז דאָך ערגער, ווי זינדיגען בלי דעת, און דאַרפען דאַרף מען דאָך, עפ״י דין, זיך מתודה זיין פריהער אויף די גרינגערע עבירות און נאָכהער אויף די האַרבערע?

נאָר „אם עבר אדם עבירה ושנה בה נעשה לו כהיתר״, בשעת דער מענש לאָזט זיך אַריין אין זינד, ווערט ער שוין צו זיי צוגעוועהנט, אַז ער הערט שוין אויף צו פיהלען, דאָס ער בעגעהט עפּעס אַ חטא און פערברעך, און דאָס איז דער פשט: „על חטא שחטאנו לפניך ביודעים״, אין תחילת האָבען מיר נאָך געוואוסט על־כל־פנים, אַז מיר זענען נישט אין אָרדנונג, אָבער מיט דער צייט האָבען מיר זיך אַזוי צוגעוועהנט צו די דאָזיגע עבירות, אַז מיר האָבען שוין געזינדיגט „בלא־יודעים״, נישט ווייסענדיג און נישט פיהלענדיג מעהר די זינד...

(אור כשלמה)

על חטא שחטאנו לפניך בנשך ובמרבית...

רבי יאָשע־בער בריסקער האָט אַמאָל ערב יום־כפור צו מנחה בעמערקט, ווי אַ

געוויסער בריסקער גביר, אַ בעקאַנטער פּראַצענטניק, קלאַפּט זיך גאָר שטאַרק אין האַרצען ביים דאַזיגען על־חטא, רופט ער זיך נאָכהער אָן צו איהם, אַז דאָס האָט געמיינט ישעי׳ הנביא בשעת ער האָט אויסגעשריען: „על מה תכו עוד תוסיפו סרה״! ער האָט געמיינט דערמיט די פּראַצענטניקעס, וועלכע זינדיגען אַפּילו דאַן ווען זיי קלאַפּען זיך אין האַרצען, מחמת צווישען איין קלאַפּ און צווייטען וואַקסט דערווייל דער פּראַצענט...

על חטא שחטאנו לפניך בצדית רע ועל חטא וכו׳ בצרות עין...

ווען מיר זאָלען האָבען אויף זיך בלויז דעם חטא פון קמצנות, פון „צרות־עין״, וואָלטען מיר זיך געקענט פאַרענטפערען, אַז דאָס האָבען מיר אין זיך די מדה פון צדיקים, דען „צדיקים — זאָגט די גמרא — ממונם חביב עליהם יותר מגופם, מפני שאין פושטין ידיהם בגזל״... ליידער, קאָנען מיר דאָך אָבער דאָס נישט זאָגען, דען — „על חטא שחטאנו לפניך בצדית רע״, גלייכצייטיג דערמיט נאַרען מיר דאָך און שווינדלען און בע׳גזל׳ענען איינער דעם צווייטען!...

דער רבי ר׳ בונם איז אַמאָל געווען אין קאַרלסבאַד צוזאַמען מיט׳ן וואָרקער רבי׳ן און זיי האָבען זיך געטראָפען דאָרטען מיט׳ן ניקעלשבורגער רב, רבי מרדכי באַנעט. איינמאָל, ווען זיי האָבען שפּאַצירט צוזאַמען אין וואַלד, פרעגט רבי מרדכי באַנעט דעם רבי׳ן ר׳ בונם, פאַרוואָס מען האָט מסדר געווען דעם ודוי פון יום־כפור, די על־חטא׳ס, לויט׳ן סדר פון א״ב?

ס׳איז גאַנץ פּשוט — ענטפערט איהם דער רבי ר׳ בונם — ווען דער „על חטא״ וואָלט נישט געווען לויט׳ן א״ב, וואָלט מען דאָך נישט געוואוסט ווען מען זאָל אויפהערען צו קלאַפּען...

רבי מרדכי באַנעט איז געוואָרען אויסער זיך פון אַזאַ כמעט הלצה׳דיגער תשובה און ער האָט אַ זאָג געטהון מיט כעס, אַז אַזאַ ענטפער פּאַסט פאַר׳ן פּשיסכער חדר...

(תירוש ויצהר)

עד שלא נוצרתי...

דער בעקאַנטער געלעהרטער, דער משומד פּראָפעסאָר דניאל כוואָלסאָן, איז איינמאָל, נאָכדעם ווי ער איז שוין געווען גע׳שמד׳ט, געקומען יום־כפור אין שוהל אריין צום דאַווענען, און אַז מען האָט איהם געפרעגט: ווי קומט ער דאָ אַהער? האָט ער געענטפערט, אַז ער איז געקומען זאָגען די תפלה: „עד שלא נוצרתי (איידער ער איז געוואָרען אַ נוצרי) איני כדאי, ועכשיו שנוצרתי כאלו לא נוצרתי״...

הריני לפניך ככלי מלא בושה וכלימה...

מיר זענען ווי אַ כלי, וועלכע איז פול מיט אומריינקייט; אָבער כל־זמן די כלי אליין איז גאַנץ, שאַדט נישט: מען קאָן זי אויסוואַשען, מען קאָן זי אויסרייניגען און צוריק מאַכען אין אָרדנונג...

(רבי שלמה רוקח מבעלז)

מעביר ראשון ראשון מרבה מחילה לחטאים...

די האַרבסטע עבירה איז די ערשטע עבירה. די שפּעטערדיגע עבירות זענען שוין אַ רעזולטאַט פון די פריהערדיגע, דען „עבר ושנה נעשה לו כהיתר". בעטען מיר דעריבער: „מעביר ראשון ראשון", השי"ת זאָל קודם כל מעביר זיין און אָבמעקען די ערשטע עבירות, וועלען די איבעריגע שוין במילא אַוועקפאַלען...

(רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער)

אל תבוא במשפט עמנו...

דעם דאָזיגען פּיוט פלעגט מען אין וואָרקער הויף זאָגען מיט אַ ניגון פון תהנונים און הכנעה, דאַגעגען דעם פּיוט „השופט כל הארץ לא יעשה משפט" פלעגט מען זאָגען הויך און מיט תקיפות. ווייל אויב עס האַנדעלט זיך וועגען משפּט'ן די גאַנצע וועלט, אויב השי"ת וועט געהן משפּט'ן אונז צוזאַמען מיט דער גאַנצער וועלט, דאַן זענען מיר זיכער אַז מיר וועלען אַרויס זכאים בדין, ווייל געגענאיבער זיי, געגענאיבער די אומות העולם, זענען מיר געוויס צדיקים גמורים...

למשפטיך עמדו היום כי הכל עבדיך...

„למשפטיך עמדו היום" — פלעגט זאָגען רבי לוי־יצחק — דיינע אידען ווילען היינט מיט דיר, כביכול, אַ משפּט, אַ דין־תורה האָבען. דען אַ גרויסע טענה האָבען זיי צו דיר און אַ גערעכטע טענה. זייער טענה איז: „כי הכל עבדיך", אַז די אַלע צרות, וואָס זיי ליידען, איז דאָס אַלץ דערפאַר, ווייל זיי זענען דיינע קנעכט. ווייל זיי זענען אידען. וואָלטען זיי קיין אידען נישט געווען, וואָלטען זיי נישט געווען אַזויפיעל גע־ליטען... און קוים ליידען זיי צוליעב דיר, איז דאָך ממילא מוטל אויף דיר, כביכול, דו זאָלסט זיי העלפען!...

הס קטיגור וקח סניגור מקומו...

הס קטיגור — זאָל שווייגען דער קטיגור, וקח סניגור — און נעהם־אָן אַלס סניגוריא, אַלס פערטיידיגונג — „מקומו", זיין אָרט, וואו דאָס פאָלק ישראל געפינט זיך און איין וועלכע שווערע, אומדערטרעגליכע בעדינגונגען עס לעבט...

(פרח לבנון)

כי הנה כחומר ביד היוצר וכו' כן אנחנו בידך...

פון לייהם — פלעגט דערויף זאָגען רבי זישא האַניפּאָלער — מאַכט מען ציגעל סיי צו אַ פּאַלאַץ, סיי צו אַ תפיסה... „כן אנחנו בידך", פון דיין ביסעל אידישען מאַ־טעריאַל קענסטו דיר, רבונו־של־עולם, אויפשטעלען אַ הערליך בנין, וואָס זאָל פער־שיינען די וועלט און דו קענסט אויך, אויב דו ווילסט, אויסקנעטען דערפון אַנ'אָרימע, פערוואָהרלאָזטע כאַטע... ס'איז דער זעלבער לייהם, די זעלבע ציגעל...

שמע קולנו...

אין די פנימ׳ער איז אונז שוין היינט אפשר שווער צו דערקענען, אונזערע פנימ׳ער זענען געוואָרען שטאַרק פער׳גוי׳אישט... אָבער — „שמע קולנו״, אינ׳ם קול דערקען אונז, אונזער קול האָט זיך נישט געענדערט. מיט אונזער זיפצען און קרעכצען, מיט אונזערע געוויינען און געשרייען, זענען מיר די זעלבע אידען ווי אַמאָל, די זעלבע בני אברהם, יצחק ויעקב...

(רבי ישכר הורוויץ)

אל תשליכנו לעת זקנה...

אויך די מינדערווערטיגע תשובה, וואָס דער מענש טהוט „בעת זקנה״, ווען ער האָט שוין סיי־ווי קיין כח נישט צו זינדיגען, אויך די דאָזיגע תשובה — בעטען מיר — זאָל אָנגענומען ווערען!...

(כתב סופר)

וסלחת לעוננו כי רב הוא...

זיי אונז מוחל, רבש״ע, אונזערע זינד, וואָרום „כי רב הוא״, די הלכה אין דער גמרא בלייבט ווי רב, וועלכער האָלט, אַז „מודה בקנס ואח״כ באו עדים — פטור״!...

(האר״י)

געוועהנליך איז דער דרך־העולם, אַז בשעת אַ מענש פיהלט זיך פאַר וועמען זינדיג און ער געהט יענעם מפיס זיין, בעמיהט ער זיך צו פערענטפערען און צו פער־קלענערען ביי יענעם אין די אויגען די בעדייטונג פון בעגאַנגענעם חטא. לסוף שטעהען מיר גאָר און ריהמען זיך: כי רב הוא! מיר האָבען אַ סך זינד, גרויסע זינד... היתכן?

נאָר — האָט געענטפערט דערויף דער דובנער מגיד — עס איז פאַרהאַן אַ צווייטער פאַל. בשעת איינער איז אַ גרויסער בעל־חוב און ער קומט צום קרעדיטאָר זיך פערגלייכען, בעמיהט ער זיך, פערקעהרט, פאַרצושטעלען, אַז ער פערמאָגט גאָר־נישט און ס׳איז נישטאָ, וואָס צו נעהמען ביי איהם, וואָרום ער איז פאַרשולדיגט אין חובות איבער׳ן קאָפּ, כדי יענער, דערהערענדיג אין וואָס פאַר אַ קלאָגעדיגען מצב זיין בעל־דבר געפינט זיך, זאָל מסכים זיין צו רעגולירען מיט איהם אויף די לייכטסטע בעדינגונגען...

און אויך מיר טענה׳ן דאָס זעלבע: „וסלחת לעונינו כי רב הוא״, מיר זענען מורא׳דיגע בעלי־חובות, און דעריבער זיי אונז מוחל און קום מיט אונז אַדורך...

אנו עזי פנים ואתה רחום וחנון...

און תיכף, תוך־כדי־דבור, זאָגען מיר: „שאין אנו עזי פנים לומר לפניך וכו׳״?

נאָר ס׳זענען פאַרהאַן פערשידענע מדרגות פון עזות. אמת טאַקי — זענען מיר זיך מודה ומתודה — אַז „אנו עזי פנים״, אַז מיר זענען עזות־פנימ׳ער. עס איז געווען

אַ גרויס עזות און חוצפה פון אונזער זייט, וואָס מיר האָבען געזינדיגט און נישט גע־פאָלגט, וואָס השי״ת האָט געהייסען, אָבער — „אין אנו עזי פנים לומר לפניך וכו׳ צדיקים אנחנו ולא חטאנו״, אַזעלכע גרויסע עזות־פּנים׳ער צו זיין, אָוועקצושטעלען זיך און לייקענען שטיין און בייז און טענה׳ן, אַז מיר האָבען לגמרי נישט געזינדיגט — צו אַזאַ מדרגה פון עזות זענען מיר נאָך, חלילה, נישט דערגאַנגען...

(דעת קדושים)

כי לא על צדקותינו אנחנו מפילים תחנונינו לפניך...

דער דובנער מגיד פלעגט זאָגען: „כי לא על צדקותינו אנחנו מפילים תחנונינו לפניך״, אויף אַלץ אין דער וועלט בעטען מיר ביים רבונו־של־עולם, אַ חוץ „על צדקותינו״, אַ חוץ אויף צידקות, אויף פרומקייט. דערויף איז קיינער נישט מתפלל...

אשמנו מכל עם בושנו מכל דור...

דעריבער איז „אשמנו מכל עם״, זענען אונזערע זינד אַזוי גרויס, ווייל — „בושנו מכל דור״, יעדע אומה צייכענט זיך אויס מיט איהר נאַציאָנאַלען שטאָלץ, מיט איהר זיכערקייט ביי זיך, אַז זי שטעהט העכער פון אַלע אַרומיגע פעלקער. בלויז מיר, כאָטש מיר זאָגען מיט׳ן מויל „אתה בחרתנו מכל העמים״, בעטראַכטען מיר זיך אין דער ווירקליכקייט אַלס מינדערווערטיגע פון אַלע אַנדערע, ווערענדיג פאַר אַלעמען בטל, שעמענדיג זיך מיט אונזער אידישקייט און מיט אונזערע טראַדיציעס פאַר׳ן מינ־דעסטען גוי...

(הגיונות אל עמי)

כתוב על יד נביאך בימים ההם ובעת ההיא נאום ד׳ יבוקש את עון ישראל ואיננו...

האָט רבי משה קאָברינער געפרעגט: דער דאָזיגער פסוק (ירמי׳ נ. ב.), וועלכער בעציהט זיך אויף ימות־המשיח, איז דאָך אין סתירה צו די פערשידענע מאמרי חז״ל, אין וועלכע עס ווערט געזאָגט, אַז „בעקבתא דמשיחא חוצפה יסגי וכו׳ ויראי חטא ימאסו והאמת תהא נעדרת וכו׳״ (סוטה מ״ט)?

נאָר — האָט ער דערויף געענטפערט — דער פשט איז: עס וועט דאַמאָלס זיין אַזאַ פערדאָרבענע צייט, אַז „יבוקש את עון ישראל ואיננו״, מען וועט מעהר נישט געפינען ביי קיינעם קיין חטאים, מען וועט אַלץ מעגען, אַלץ וועט זיין ערלויבט, מען וועט קאָנען אָבטהון אַלדאָס בייז און בלייבען אַ שענער איד...

עשה למען פארך...

— „עשה למען פארך!״ — האָט רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער גע׳טענה׳ט צום רבונו־של־עולם: — טהו עס, אויב נישט אין אונזער זכות, איז כאָטש צוליב׳ן כבוד פון די תפילין, וועלכע ווערען אין דער גמרא אָנגערופען „פאר״... וועה געשריען! אַ געוועהנליכער, פשוט׳ער איד, בשעת עס טרעפט, חלילה, אַז די תפילין פאַלען איהם

אומגערן אַראָב אויף דער ערד, הויבט ער זיי שנעל אויף און קושט זיי און איז זיך שרעקליך מצער און פאַסט תעניתים... און דו, רבונו־של־עולם, שוין אַכצען הונדערט יאָהר, ווי דיינע תפילין, אין וועלכע עס שטעהט געשריבען: „ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ״, וואַלגערען־זיך־אַרום ללעג ולקלס אין די שמוציגסטע בלאָטעס, אין די אומ־רייניגסטע, טמא׳דיגסטע ערטער, ווי־זשע קאָנסטו דאָס אַזוי לאַנג דולדען? ווי־אַזוי מעג מען דאָס עפ״י דין?...

עשה למען תינוקות של בית רבן...

די דאָזיגע האַרציגע און ריהרענדע ווערטער ווערען אויסגעשריען דורך די מתפללים מיט גרויס כוונה. עס שאָקירט אָבער און עס קלינגט משונה׳דיג אין די אויערען, ווען צווישען די דאָזיגע שרייערס אין שוהל געפינען זיך נישט ווייניג אַזעלכע, וועלכע שיקען נישט זייערע קינדער אין קיין חדרים, נאָר אין שולען, וואו עס איז נישטאָ קיין זכר פון תורה און אידישקייט, וואו זיי בעקומען אַ פרעמדע, גוי׳אישע ערציהונג, און זיי שעמען זיך גאָרנישט, די טאַטעס, אָוועקצושטעלען זיך און צו שרייען בקול רם: „עשה למען תינוקות של בית רבן״!...

(דרכי בקדש)

העלף אונז און לייז אונז אויס ווי אַמגיכסטען, דען מיר זענען שוין באַלד גע־בליבען אָהן קינדער, אָהן „תינוקות של בית רבן״, די חדרים און בתי־מדרשים פוס־טעווען, די קינדער געהען אַוועק לתרבות רעה און — מען קאָן שוין לענגער נישט וואַרטען...

(לחמי תודה)

מי שענה לאברהם אבינו בהר המוריה הוא יעננו...

האָט דער דובנער מגיד געפרעגט דערויף אַ קשיא, לויט זיין שטייגער, מיט אַ משל: אַ קרעמער האָט געהאַט אין שטעדטעל צוויי קונדען, וועלכע פלעגען ביי איהם קויפען אַלע זייערע הצטרכות׳ן. איינער איז געווען דער גביר פון שטאָדט, דער צווייטער אַן אָרימאַן, אַן אביון. ויהי היום, האָט דער גביר התונה געמאַכט אַ טאָכטער און, ווי דער מנהג איז, האָט איהם דער קרעמער געשיקט דרשה־געשאַנק — אַ טייער הפץ, פאַר וועלכען ער האָט בעצאָלט פופציג רובל. לימים, אין אַ צייט אַרום, האָט אויך דער אָרימאַן חתונה געמאַכט אַ טאָכטער און דער קרעמער האָט איהם אַריינגע־שיקט דרשה־געשאַנק אַ חפץ פאַר אַ צוויי־דריי רובל. האָט עס דעם אָרימאַן פאַרדראָסען און ער איז אַריין צום קרעמער מיט אַ טענה: היתכן? — מאַכט ער — יענער איז אַ גביר־אדיר, וואָס פערמאָגט אַלדאָס גוטס, שיקסטו איהם אַ מתנה פאַר פופציג רובל און מיר פטר׳סטו אָב מיט אַזאַ קלייניגקייט? בין איך דען נישט דיין שטענדיגער קונה, פונקט ווי ער? — עס איז אַ גרויסער אונטערשיעד — ענטפערט איהם דער קרעמער. — דעם גביר האָב איך געקויפט אַ גרויסע מתנה, נישט ווייל ער איז רייך און כ׳האָב דרך־ארץ פאַר זיין עשירות, נאָר ווייל ער גיט מיר זעהר פיעל צו לייזען, כ׳האָב פון איהם כמעט אַ האַלבע פרנסה, אָבער פון דיר, וואָס לייז איך? פאַר אַ האַלבען הערינג, פאַר אַ קווערטעלע נאַפט, פאַר אַ גראָשען שוועבעלעך, און דאָס מוז איך דיר אויך

אַפּט געבען אויף באַרג און עס קומט מיר אָן מיט שוויס, ביז כ'קאָן פון דיר אַ גראַ־שען אַרויסקריגען, טאָ ווי קאָנסטו זיך גלייכען צום גביר?

און דאָס זעלבע איז אויך מיט אונז. ווי קומט צו אונז אַזאַ העזה אַוועקצושטעלען זיך בעטען ביים רבונו־של־עולם, אַז „מי שענה לאברהם אבינו בהר המוריה הוא יעננו", אַז ער זאָל אונז ענטפערען פונקט אַזוי ווי ער האָט געענטפערט אברהם אבינו'ן? פון אברהמ'ען האָט דער רבונו־של־עולם געהאַט אַ היבשען פדיון, געלייזט ביי איהם אַ סך מצוות ומעשים טובים, וואָס האָט ער אָבער פון אונז, קבצנים? אונזערע קניות בעשטעהען פון אַ קאַפּיטעל תהלים, אַ קדושה, אַ ברכו, און אָפּטמאָל בלייבען מיר אויך דערויף בעלי־חובות, טאָ ווי נעהמט זיך צו אונז אַזאַ דרייסטקייט צו וועלען זיך שטעלען אויף איין ברעטעל מיט אברהם אבינו'ן?

און דער דובנער האָט אויף דער האַרבער קשיא געענטפערט מיט אַ צווייט משל:

אַמאָל איז געווען אַ ישוב'ניק, אַ פּראָסטער מענש, אַ גראָבער יונג, וועלכער האָט אָבער געהאַט אַ סך געלד און ער האָט זיך געוואָלט איינקויפען אין יחוס, און אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ גערעטען יונגעל האָט ער איהם אַוועקגעשיקט אין אַ ישיבה אַריין לערנען. דאָס יונגעל איז געווען אַ שטאַרקער מתמיד מיט אַ שאַרף קעפּעל און איז מיט דער צייט אויסגעוואַקסען אַלס גרעסטער למדן פון דער ישיבה. אין אַ צייט אַרום איז דער ראש־ישיבה געשטאָרבען און בשעת די שטאָדט האָט גענומען טראַכטען וועגען אַ ממלא־מקומו, האָבען איניגע אָנגעוויזען אויף דעם תלמיד זיינעם, דעם זוהן־כּונ'ם רייכען ישוב'ניק, וועלכער איז ראוי צו פערנעהמען זיין פּלאַץ. דאַגעגען האָבען זיך אָבער געפינען אַזעלכע, וועלכע האָבען גע'טענה'ט, אַז עס פּאַסט נישט צו בע־שטימען אַלס ראש־ישיבה אַ זוהן פון אַזאַ גראָבען יונג. דאַן האָט איינער פאָרגעלעגט אַ פּשרה, אַז מ'זאָל דערויף מסכים זיין בתנאי, אויב דער פאָטער וועט גרייט זיין צו געבען פאַר דער ישיבה פינף און צוואַנציג טויזענד רובל. דער ישוב'ניק האָט זיך דערין אָנגעכאַפּט, ער האָט בעצאָלט די פערלאַנגטע מזומנים און דער זוהן איז גע־וואָרען ראש־ישיבה.

יאָהרען זענען אַוועק און אויך דער נייער ראש־ישיבה איז געשטאָרבען און אַזוי ווי ער האָט איבערגעלאָזט אַ זוהן אַ גאון מופלג, איז געבליבען ביי דער שטאָדט, אַז ער זאָל פערנעהמען דעם פאָטער'ס אָרט. דאָ האָט זיך אָבער איינער פון די אַלטע בעלי־בתים דערמאָהנט, אַז ווען דער פערשטאָרבענער איז געוואָרען ראש־ישיבה האָט זיין פאָטער דאַן געגעבען פינף און צוואַנציג טויזענד רובל. ובכן — האָט ער פאָר־געלעגט — זאָל אויך דאָס איניקעל געבען אַזאַ סומע געלד. ניין! — האָבען דערויף די איבריגע בעלי־בתים געענטפערט — ס'איז אינו דומה. יענער האָט געמוזט צאָהלען, ווייל ער האָט געהאַט אַ טאַטען אַן עם־הארץ, אַ גראָבען יונג, דער אָבער האָט שוין געהאַט אַ שענעם טאַטען, קומט איהם דער כבוד אויך אָהן געלד.

און מיט'ן זעלבען תירוץ קומען אויך מיר צום רבונו־של־עולם: אברהם אבינו האָט געהאַט אַ טאַטען תרח, אַ געצענדינער, האָט ער דיר געמוזט געבען אַ סך צו לייזען, אויסקויפען זיך מיט אַ סך מעשים־טובים, מיר אָבער האָבען געהאַט אַ שענעם טאַטען — אברהם — קענען מיר שוין יוצא זיין מיט אַ קלענערען פדיון און דעריבער — „מי שענה לאברהם אבינו בהר המוריה, הוא יעננו!"...

סתרו יושר עצתו אמונה פעולתו אמת...

„סתרו יושר", דער יושר פון רבונו־של־עולם בנוגע צו אונז אידען איז פערבאָרגען

און פערהוילען פון אונז. מיר זעהען איהם, לײדער, נישט, דעם דאָזיגען יושר... „עצתו אמונה”, די אײנציגע עצה איז, צו האָבען אמונה און צו גלויבען, אַז „פעולתו אמת”, אַז דאָס אַלץ, וואָס ער טהוט מיט אונז, שטימט אודאי מיט'ן אמת און האָט געוויס אַ העכערען זין און אַ העכערען צוועק, וועלכער איז בלויז אונפערשטענדליך פאַר אונזערע מענשליכע השגות...

(רבי מענדעלי קאָצקער)

„ההיא עוברא דארחא, אתו לקמיה דרבי חגיגא, אמר להו לחושו לה ולא אילחישא, קרי עליה זורו רשעים מרחם” (יומא פ״ב)

וואָס פאַר אַ צוזאַמענהאַנג האָט דער דאָזיגער פסוק מיט דעם ענין, וואָס ווערט דאָ דערצעהלט?

נאָר — האָט געזאָגט דערויף דער ווילנער גאון — עס איז גאַנץ אָפט דער דרך־הגמרא צו ציטירען אַ פסוק ובאמת בעציהט זיך די כוונה אויף אַ שפּעטערדיגען, נאָהנטען פסוק, אין וועלכען עס רעדט זיך נאָך וועגען זעלבען ענין, און אײנער פון די נאָהנטסטע פסוקים איז: „אשר לא ישמע לקול מלחשים” (תהלים נח, ו).

„לא תצומו כיום להשמיע במרום קולכם” (ישעי' נח, ד)

אין יום־הכפורים, אינ'ם טאָג, וועלכער דאַרף זײן אַ יום סליחה ומחילה בין אדם לחבירו, קומען אָפט פאַר סכסוכים און מחלוקת'ן צוליעב'ן דאַוונען, צוליעב די בעלי־תפילות; דער וויל דאַוונען מוסף, יענער האָט אַ חזקה אויף נעילה... לא תצומו כיום, איהר זאָלט נישט אויסנוצען דעם יום־צום־הכפורים, להשמיע במרום קולכם, אויף אַרומצוקריגען זיך, ווער עס איז אַ בעסערער בעל־תפלה, ווער עס קאָן העכער און שענער דאַוונען!...

(עוללות אפרים)

וכך היתה תפלתו של כהן גדול...

רבי אלעזר פלעקלעש אין זײן ספר „תשובה מאהבה” ווײזט אָן אויף דער מערק־ווירדיגער און ווירקליך פּלאַ'דיגער שטעלע אינ'ם סדר העבודה לויט'ן נוסח אשכנז, וואו עס ווערט געזאָגט: „וכך היתה תפלתו של כהן גדול ביום הכפורים בצאתו מבית קדש הקדשים וכו' שנת נבואה לבית מקדשנו... שנת שתוליכנו קוממיות לארצנו... שנת תעלנו שמחים לארצנו”, ווי אַזוי געשיקט זיך צו בעטען די דאָזיגע תפלה בשעת דאָס בית־המקדש האָט עקזיסטירט און אידען זענען געזעסען אין זײער לאַנד? זאָל מען ווידער אָננעהמען, אַז מען האָט די דאָזיגע ווערטער מוסיף געווען אין די שפּעטערדיגע דורות, נאָכ'ן חורבן — טאָ ווי אַזוי לאָזט זיך דערבײ זאָגען: „וכך היתה תפלתו של כהן גדול”?...

פיעל מײנען, אַז דאָס, וואָס מען איז זיך נוהג אין די שוהלען אויסצושפּרייטען אום יום־כפור היי אויף דער פּאָדלאָגע, איז צוליעב דעם, כדי עס זאָל זײן לײכטער צו שטעהן און כדי נישט צו פערקיהלען די באָרפיסע פיס. באמת אָבער איז עס אַ טעות, און דער ריכטיגער טעם איז, ווייל מען דאַרף יום־כפור פאַלען כורעים און היות, ווי אין די שוהלען פלעגען זײן עפ״י רוב שטײנערנע פּאָדלאָגעס און עס שטעהט דאָך אין פסוק: „ואבן משכית לא תתנו בארצכם להשתחות עליה” (ויקרא כו, א),

שפריצט מען אויס דעריבער היי, כדי נישט צו בוקען זיך ביים כורעים־פאַלען צום שטיין (ראש־השנה איז דאָס נישט נויטיג, ווייל ביים ראש־השנה׳דיגען כורעים פאַלט מען נישט אויפ׳ן פנים, ווי יום־כפור).

(של״ה)

לשנה הבאה בירושלים...

איידער מען זאָגט „לשנה הבאה בירושלים״ דאַרף מען פריהער זאָגען זיבען מאָהל „ד׳ הוא האלקים״!...

דער מנהג צו בלאָזען שופר נאָך נעילה איז (ווי עס ווערט געזאָגט אין טור סי׳ תרכ״ד) לזכר פון יובל, וואָס לויט׳ן דין האָט ער זיך אָנגעהויבען פון יום־כפור.

דער דאָזיגער תקיעת־שופר — האָט דערויף צוגעגעבען רבי שלמה לייב לענטשיצער — איז מרמז אויף שמיטת חטאים, פונקט ווי יובל איז אַ שמיטת קרקעות וכספים, און פונקט אַזוי ווי יובל איז חל אַפילו אויף אַזעלכען, וועלכער האָט קיין געלד נישט אויסצולייזען זיין נחלה, אַזוי איז אויך יום־כפור מכפר אויף אַזעלכע, וועלכע קומען נעביך תשובה טהון מיט לעדיגע הענד, אָהן מצוות ומעשים־טובים...

דער „הגהות מימוני״ איז נישט מסכים מיט דער מיינונג פון טור, דען ערשטענס, וואָלט דאָך דאָס שופר־בלאָזען אום יום־כפור געדאַרפט פאַרקומען נאָר איינמאָל אין פופציג יאָהר, אין אַ יובל־יאָהר, צווייטענס, אויב עס איז צום זכר פון יובל, דאַרף מען דאָך בלאָזען שופר אין אָנהויב פון יום־כפור׳דיגען טאָג, נישט צום סוף, ערשט נאָך נעילה? באמת אָבער איז דאָס בלאָזען דאָן שופר נישט מעהר, ווי אַ פשוט׳ער סיגנאַל, דורך וועלכען מען איז מודיע דעם פאָלק, און איבערהויפט די פרויען, אַז דער תענית איז שוין געענדיגט און זיי זאָלען זיך צואיילען צוצוגרייטען אין דער היים די סעודה...

מען דערצעהלט וועגען רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער, אַז ער איז איינמאָל אום יום־כפור געווען אַ גאַנצען טאָג שטאַרק טרויעריג און ער האָט אָהן אויפהער געוויינט און געגאָסען מיט טרערען. אָבער אין מיטען דער תפלה פון נעילה איז דער טרויער פון זיין געזיכט פערשוואונדען געוואָרען און ער איז געוואָרען פרעהליך. מוצאי יום־כפור נאָך הבדלה האָט ער דערצעהלט, אַז עס איז אינ׳ם דאָזיגען טאָג געווען אין הימעל אַ שטאַרקער קיטרוג אויף אידען, אָבער פאַרנאַכט ביי נעילה האָבען זיך צוויי אידענעס ערגיץ אין אַ ווייבער־שוהל צושמועסט און איינע האָט געזאָגט צו דער צווייטער, אַז זי איז זיכער, דאָס מיר האָבען זיך אויסגעבעטען אַ גוט יאָהר. פון וואַנען ווייסטו דאָס? — פרעגט איהר די צווייטע — פון וואַנען ביזטו אַזוי זיכער? ענטפערט איהר דערויף די ערשטע אידענע: ווי קאָן דען, האַרציגע, אַנדערש זיין? ווען מיר וואָלטען געשטאַנען אַפילו פאַר אַ גזלן אין וואַלד און פאַר איהם אַזוי פיעל געבעטען און אַזוי פיעל געוויינט, וואָלט ער אויך דאָך אויף אונז רחמנות געקריגען!... די דאָזיגע ווערטער האָבען געמאַכט אַ שטאַרקען רעש אין עולם־העליון און דער סניגור האָט מנצח געווען דעם קטיגור...

מוצאי־יום־כפור האָט איינמאָל רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער געשיקט רופען צו זיך דעם גרעסטען מעקלער פון שטאָדט.

— ביזט עפּעס בעהאָוועגט — פרעגט איהם רבי לוי־יצחק — אין ענין פון מעק־לעריי?

— געוויס, רבי — ענטפערט דער סוחר — דורך מיין האַנד זענען שוין די גרעסטע עסקים דורכגעגאַנגען.

— נו, איז אויב אַזוי — זאָגט רבי לוי־יצחק — וואָלט איך וועלען, דו זאָלסט מיר זאָגען, וואָס פאַר אַ מעקלעריי כ'האָב דאָס רעכט צו פערלאַנגען פון אַזאַ מין געשעפט... כ'האָב היינט, פערשטעהסטו, דורכגעפיהרט גאָר אַ גרויסען עסק צווישען כביכול מיט די אידען, געמאַכט אַ טויש־געשעפט: כ'האָב געטוישט „עונות, חטאים ופשעים" אויף „מחילה, סליחה וכפרה"... איז, ווי מיינסטו, קומט מיר מעקלעריי?

— כ'מיין, רבי — שטאַמעלט דער מעקלער — אַז... געוויס קומט אייך.

— פאַר מיין מעקלעריי — זאָגט ווייטער רבי לוי־יצחק — פערלאַנג איך „בני, חיי ומזוני"... האָב איך רעכט?

— געוויס, רבי! — איז דער מעקלער מסכים.

— נו, און איצט — רופט־אויס רבי לוי־יצחק, ווענדענדיג זיך צום עולם, מיט שמחה — גיב איך אַוועק מיין מעקלעריי אַ מתנה גמורה דעם כלל ישראל!...

י ו נ ה

„כנסת ישראל מתילי ליונה" (ברכות נ"ג)

אָבער נישט נאָר צו אַ יונה ממש, צו אַ טויב, איז די כנסת ישראל געגליכען, נאָר אויך צו יונה הנביא. דאָס אַלץ וואָס יונה האָט דורכגעמאַכט אויף דער שיף שפּיגעלט אָב דעם גורל פון ישראל און וואָס ער האָט אויסצושטעהען איבעראַל וואו נאָר ער געפינט זיך.

ווען יונה הנביא ווערט דערצעהלט: „ויתן שכרה וירד בה", אַז בעת ער האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף דער שיף האָט ער פאַר זיין נסיעה אַ פולען פרייז בעצאָהלט, צוגלייך מיט די אַלע אַנדערע פּאַסאַזשירען, טראָץ דעם זענען זיי אַלע געזעסען אויבען, אויף דעם אויבערשטען דעק, געשעפּט פרישע לופט און הנאה געהאַט פונ'ם ים און פון דער נאַטור אַרום, בעת יונה אָבער — „ירד אל ירכתי האניה" — יונה איז געזעסען אונטען, אין אַ ווינקעלע וואו עס איז קיין ליכט־שטראַהל נישט דערגאַנגען — דאָרט איז זיין אָרט!... ווען עס איז געקומען דער שטורעם און די פּאַסאַזשירען האָבען אָנגעהויבען אַריינטראַכטען „בשלמה הרעה הזאת" — פאַרוואָס עס איז געקומען אויף זיי אָט דער שרעקליכער שטורעם — האָבען זיי זיך בעראַטען און בעשלאָסען, אַז שולדיג אין דעם אַלעם איז קיינער נישט צווישען זיי אַלע, נאָר — יונה. ווי עס שיינט, האָבען זיי גלייך דערקענט אין איהם, אַז ער איז אַ איד און דעריבער האָבען זיי איהם גלייך אַרומגערינגעלט און פערוואָרפען מיט פראַגען: „מה מלאכתך ומאין תבוא" וכו' — וואָס איז דיין בעשעפטיגונג, פון וואַנען קומסטו א. א. וו. — פונקט ווי עס זענען זיך נוהג אין אונזערע צייטען די אַלע מדינות, וואָס זייערע טויערען זענען אָפען פאַר אַלע אויסער פאַר'ן איד. אַ אידה, אַז ער וויל אַריינקומען אין אַ לאַנד פערהאַקט מען פאַר איהם די טיר און גלייך הויבט מען איהם אָן אויס־

פאַרשען און אויספרעגען: פונוואַנען קומסטו? ווער ביזטו? וואָס איז דיין בעשעפ־טיגונג? וכו׳ און ווען יונה האָט זיי געענטפערט: „עברי אנכי״, איך בין אַ איד — „וייראו האנשים יראה גדולה״, דערהערענדיג, אַז ער איז אַ איד זענען זיי אויפגעצי־טערט געוואָרען און אָנגעהויבען שרייען: „מה זאת עשית?״, וואָס האָסטו געטהון און פאַרוואָס ביזטו אַהער געקומען? עס איז דאָך קלאָר, אַז צוליב דיר איז אויף אונז געקומען די צרה און — האָבען זיי גע׳טענה׳ט צו איהם — זאָג אַליין „מה נעשה לך״, וואָס מיר זאָלען מיט דיר טהון. יונה האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז ער קאָן פון זיי קיין גוטס נישט ערוואַרטען, אַז אומזיסט וועלען זיין זיינע תחנונים און געבעטען — האָט ער זיי דעריבער געזאָגט מיט יאוש: „שאוני והטילוני אל הים וישתוק הים מעליכם״ — נעהמט און וואַרפט מיך אַריין אין ים און דער ים וועט זיך בערוהיגען און איהר וועט האָבען רוהע, וויל כל־זמן איך לעב וועט איהר דאָך נישט אויפהערען אויסצוטראַכטען אויף מיר כל־מיני בלבולים און מיך בעשולדיגען אין אַלץ וואָס נאָר מעגליך. אַ שטורעם אויפ׳ן ים — יונה! אַ הונגער אין לאַנד — יונה! אַ מלחמה ברעכט אויס — יונה! איז דעריבער נעהמט און וואַרפט מיך אַריין אין ים און אַ סוף!...

און זיי האָבען טאַקי לאַנג נישט געטראַכט און מאַכענדיג די הכנות האָבען זיי נאָך בשעת מעשה געמאַכט אַ פרום פנים, פערגלאָצט די אויגען צום הימעל: „כי אתה ד׳ הפצת עשית״ — אַז דאָס איז גאָר דער רצון, דער ווילען פון השי״ת... און אויך נאָכדעם ווי זיי האָבען איהם אַריינגעוואָרפען אין ים, האָבען זיי קיין חרטה און קיין געוויסענביסען נישט געהאַט און זיך אָוועקגעשטעלט מקריב זיין קרבנות...

אָבער — ווי גרויס זענען די וואונדער פון גאָט! אויך פון די אָבגרונדען פון ים האָט גאָט אַרויסגעראַטעוועט יונה׳ן, אויך פונ׳ם בויך פון פיש איז ער אַרויס אַ לעבעדיגער, אַ גאַנצער!...

(כנסת ישראל)

מה מלאכתך ומאין תבוא וכו׳ ואי מזה עם אתה... (א. ח.)

אויף די אַלע שאלות האָט יונה געענטפערט בלויז: „עברי אנכי״ — ער איז אַ איד. און נאָך דערדאַזיגער תשובה האָט ער שוין ממילא פערשפּאָרט צו ענטפערן אויף דער ערשטער שאלה: „מה מלאכתך״, מיט וואָס ער בעשעפטיגט זיך און מיט וואָס ער האַנדעלט, וואָרום — מיט וואָס האַנדעלט אַ איד נ י ש ט?...

(הנ״ל)

ויאמר אליהם עברי אנכי... (א. ט.)

„עברי אנכי״, און אַזוי איז שוין פון תמיד אָן דער אידישער גורל... יונה צאָהלט אָב פאַר דער גאַנצער שיף — און אַליין איז „ויונה ירד אל ירכתי האניה״, האָט ער קוים פאַר זיך אַ ווינקעל... יונה איז דער שטילסטער און רוהיגסטער פון אַלעמען, אָבער על כל צרה שלא תבוא, איז ער פעראַנטוואָרטליך, אויף איהם ווערט אָנגעוויזען אַלס אויף דעם שווערסטען פערברעכער, צוליעב וועלכע אַלע ליידען, אויף איהם פאַלט שטענדיג דער גורל און ער דאַרף זיין דער קרבן, וועלכער זאָל פער־לייכטערען די משא פון דער שיף, בכדי די איבריגע פּאַסאַזשירען זאָלען קאָנען אָנ־קומען צום ברעג בשלום... עברי אנכי...

(ילקוט מרגליות)

יום־כפור נאָך מנחה, האָט איינמאָל רבי מאיר׳ל פרימישלאַנער צוגערופען צו זיך אַ יונגענמאַן, וועלכער האָט אַלעמען איבערגעיאָגט מיט׳ן פרייז און געקויפט מפטיר יונה, און איהם אַ פרעג געטהון:

— נו, יונגערמאַן, האָסטו שוין עפּעס אַנ׳ענטפער אויפ׳ן רב־החובל׳ס קשיא?

דער יונגערמאַן בלייבט שטעהען אַ מבולבל׳ער: וועלכע קשיא?

— מען האָט דיר איצט פאַרגעלייענט די קשיא, וואָס דער רב החובל האָט געפרעגט יונה׳ן: „מה לך נרדם״? — וואָס שלאָפסטו? — „קום קרא אל אלקיך״!...

אין ספר „תופת ועדן״ פון עמנואל הרומי ווערט סאַרקאַסטיש אויסגעלאַכט דער מנהג צו האַנדלען אום יום־כפור מיט די עליות, וואָס עס ברענגט צו קריגערייען און קנאה־שנאה, און ער שרייבט וועגען דעם:

„ביום הכפורים באשמורת הבקר יקומו
ולריב ומצה יצומו
יריבו על המקומות ויקראו בגרון —
כי הם ראויים לשבת אצל הארון״...

סֻכּוֹת

דער טריסקער מגיד פלעגט זאָגען, אַז אין די ימים־נוראים, אין די טעג פון ראש־השנה און יום־כפור, גרייט ער זיך אָן אויף אַ גאַנץ יאָהר יראת־השם און אין די טעג פון סוכות, וועלכע זענען רייך מיט מצוות, וואָס ווערען אויפגענומען בחיבה, מיט ליבשאַפט, גרייט ער זיך דאַן אָן אויף אַ ג אַ נ ץ יאָהר אהבת־השם...

סוכה, די דירת־ארעי, איז מרמז אויפ׳ן גלות, און די דינים, וואָס זענען פער־בונדען מיט דער דאָזיגער מצוה, שטעלען־פאָר מיט זיך דאָס לעבען פונ׳ם גלות־איד.

דער סכך טאָר נישט זיין פון מחובר־לקרקע — אַ רמז אויף דער אידישער באַדענלאָזיגקייט...

אַ סוכה, וועלכע איז הויך ס״ה צעהן טפחים און מען קאָן אין איהר דעם קאָפּ נישט אויפהויבען — איז אויך אַ סוכה, דען אין גלות איז דער איד געצוואונגען צו געהן מיט אַנ׳אַראָבגעבויגענעם קאָפּ...

דער דין איז ביי סוכה: „תעשה ולא מן העשוי״. אַ איד מוז אַלץ אַליין שאַפען און בויען און יעדעס מאָל מוז ער אָנהויבען פון אָנהויב. זיין אויפגאַבע איז צו בויען כסדר פערשידענע אינדוסטריע־צווייגן, צו שאַפען נאָכאַנאַנד פערשידענע האַנדעלס־פלעצער, פון וועלכע ער ווערט שפּעטער אַרויסגעשטויסען און וועלכע ווערען פער־נומען דורך אַנדערע, און ער מוז זיך אָוועקשטעלען בויען פון דאָס ניי...

(כנסת ישראל)

„כי בסכות הושבתי את בני ישראל״ (ויקרא כג. מג.)

פאַרוואָס די תורה האָט בעשטימט דעם זמן פון חג הסוכות אויף ט״ו תשרי, ווערען געגעבען פערשידענע טעמים; אָבער אַמאינטערעסאַנטסטען איז די ערקלערונג, וואָס עס גיט דערויף דער ווילנער גאון, נעמליך:

די סוכה, כידוע, איז מרמז אויף די „ענני־כבוד״. אויפ׳ן פסוק „כי פרוע הוא״, נאָך דער מעשה פון עגל, זאָגט דער מדרש: „שנסתלקו העננים ולא חזרו עד שהתחילו לבנות את המשכן״, אַז די „ענני־כבוד״ זענען נסתלק געוואָרען און זיי האָבען זיך צוריק בעוויזען ערשט דאַן, ווען מען האָט אָנגעהויבען בויען דעם משכן. אויף „ויקהל משה״ זאָגען די חז״ל (און רש״י ברענגט עס אויפ׳ן אָרט): „למחרת יום הכפורים״, דאָס הייסט, אַז דער ציווי וועגען ברענגען נדבות צום משכן איז געגעבען געוואָרען אין י״א תשרי. אויפ׳ן פסוק „והם הביאו אליו בבקר בבקר״ זאָגט דער מדרש, אַז דאָס ברענגען די נדבות האָט זיך געצויגען בלויז צוויי טעג — י״ב און י״ג תשרי. אַ טאָג שפּעטער, דאָס הייסט י״ד תשרי, איז „ויצו משה ויעבירו קול במחנה וכו׳״, האָט מען אויסגערופען, מען זאָל מעהר נישט ברענגען קיין נדבות. צומאָרגענס, אַלזאָ, אום ט״ו תשרי, איז מען צוגעטראָטען צו דער אַרבעט פון משכן און אינ׳ם זעלבען טאָג, ווי

עס ווערט געזאָגט אינ׳ם איבענדערמאָהנטען מדרש, האָבען זיך צוריק בעוויזען די „ענני־הכבוד״, און אַלס זכר דערצו האָט דעריבער די תורה בעשטימט צו פייערען אינ׳ם דאָזיגען טאָג דעם חג־הסוכות...

אין פ׳ אמור (כג. לד.), ווערט געזאָגט: „בחמשה עשר יום לחודש השביעי הזה חג הסכות וכו׳ ביום הראשון וכו׳ כל מלאכת עבודה לא תעשו״, און אין עטליכע פסוקים ווייטער (כג. לט.) ווערט וועגען דעם נאָכאַמאָל געוואָרענט: „אך בחמשה עשר יום לחדש השביעי וכו׳ תחוגו את חג ד׳ שבעת ימים, ביום הראשון שבתון וכו׳״.

צוליעב וואָס ווערט די זעלבע מצוה אין דער זעלבער פרשה איבערגע׳חזר׳ט צוויי מאָל? חוץ־לזה, פאַרוואָס ביים ערשטען מאָל ווערט געזאָגט: „בחמשה עשר יום לחדש השביעי הזה״ דאַגעגען ביים צווייטען מאָל סתם: „בחמשה עשר יום לחדש השביעי״, אָהן דעם וואָרט „הזה״? און דאָן, הלמאַי ווערט געזאָגט ביי דער ערשטער אזהרה: „ביום הראשון וכו׳ כל מלאכת עבודה לא תעשו״, דאַגעגען ביי דער צווייטער אזהרה, נישט מעהר, ווי: „ביום הראשון שבתון״? און פאַרוואָס ווערט די מצוה פון די ארבעה מינים, דער „ולקחתם לכם ביום הראשון״, דערמאָהנט ערשט ביי דער צווייטער אזהרה און נישט ביי דער ערשטער?

האָט רבי מרדכי ראַזינויער געגעבען דערויף פאָלגענדע שאַרפזיניגע ערקלערונג:

דער ערשטער פסח, ווען די אידען זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, זאָגען אונז די חז״ל (שבת פ״ו), איז אויסגעפאַלען ביום חמישי בשבת, דאָנערשטאָג, און לויט׳ן סדר המועדים, ווי ס׳איז ידוע, געפאַלט שטענדיג דער ערשטער טאָג סוכות (און דאָס זעלבע אויך דער ערשטער טאָג ראש־השנה) אינ׳ם דריטען טאָג פון פסח. וויבאַלד, אַלזאָ, דער ערשטער פסח איז אויסגעפאַלען דאָנערשטאָג, איז דער ערשטער סוכות אויסגעקומען שבת. די תורה געפינט דעריבער פאַר נויטיג צו רעדען צוויי מאָל וועגען דעם דאָזיגען יום־טוב. פריהער ווערט ערקלערט, אַז „בחמשה עשר יום לחדש השביעי הזה״, אַז אינ׳ם דאָזיגען ערשטען סוכות אין דער מדבר, „השביעי הזה״, וועלכער איז גראַד אויסגעפאַלען אום שבת, איז „כל מלאכת עבודה לא תעשו״, איז פערבאָטען יעדע מין מלאכה אָהן אויסנאָהם, אַפילו אוכל נפש, און דערפאַר ווערט אויך דאָ נישט דערמאָהנט די מצוה פון די ארבעה מינים, דען „אין נוטלים לולב בשבת״... דאַגעגען אין ווייטערען פסוק קומט די אזהרה וועגען סכות לדורות, וועלכער קאָן אויך אויספאַלען אין די איבריגע טעג פון דער וואָך, און דעריבער ווערט שוין דאָ נישט דערמאָהנט דאָס וואָרט „הזה״ און נישט דער „כל מלאכת עבודה״ און דאָ ווערט שוין ענדליך גערעדט וועגען דער מצוה פון די ארבעה מינים...

„כל האזרח בישראל ישבו בסכות״ (ויקרא כג. מב.)

אין געגענזאַץ צו פיעל אַנדערע מצוות, וואו די תורה איז אונז מזהיר, אַז זיי זענען חל אויך אויפ׳ן גר, ווענדעט מען זיך מיט דער דאָזיגער מצוה דאָ, אַלס אויס־נאָהם, נאָר צום אזרח.

דען דוקא איהם, דער אזרח, דאַרף מען דער עיקר וואָרענען און דערמאָהנען וועגען דירת־ארעי, מחמת גאַנץ אָפט דוכט זיך איהם, דעם איינגעזעסענעם אידישען אזרח, וועלכער איז פערזאָרגט מיט פרנסה און געניסט פון אַלע בירגער־רעכט, אַז ער איז שוין זיכער מיט זיך, אַז זיין דירה איז שוין אַ דירת־קבע, אין וועלכער ער קאָן שוין שלאָפען רוהיג...

(רבי חיים אלפאנדרי)

דער פירשט פון מאַנהיים האָט אַמאָל געפרעגט רבי צבי־הירש בערלינער: פאַר־וואָס פרעגט מען ביי אידען די קשיא פון „מה נשתנה" נור אום פסח און נישט אום סוכות? אויך דאַמאָלס זעהט דאָך דאָס קינד פאַר זיך אויסטערלישע זאַכען. מען פערלאָזט מיטאַמאָל די שטוב און מען זעצט זיך אַוועק עסען אין אַ ביידעל, אין אַ סוכה, דאַרף ער דאָך געוויס אַנהויבען פרעגען: מה נשתנה?

— דאָס איז דערפאַר — האָט איהם רבי צבי־הירש געענטפערט — ווייל פסח זעהט פאַר זיך דאָס קינד אַזעלכעס, וואָס איז געגען דעם אידישען שטייגער: די גאַנצע פאַמיליע זיצט זיך ביים טיש במנוחה, מעשה בני־חורין, און עס ווערט אַלץ געפראַוועט מיט אַ סדר, וואונדערט זיך עס: „מה נשתנה"? ווי קומט צו אידען מנוחה און סדר? סוכות דאַגעגען, ווען ער זעהט, ווי מען וואַנדערט אויס פון שטוב און מען טראַגט זיך איבער אין אַ סוכה, איז עס פאַר איהם גאַנץ פערשטענדליך און נאַטירליך, וואָרום ער ווייסט, אַז אידען זענען אַ וואַנדער־פאָלק, שטענדיגע נע־ונד'ניקעס, וועלכע זענען קיינמאָל נישט זיכער מיט זייער היים און עס דערוועקט דעריבער נישט ביי איהם קיין שום חדוש און קיין שום קשיא...

אין פיוט פון צווייטען טאָג סוכות ווערט געזאָגט: „אל תהי מצות סוכה בעינך קלה, מפני שהיא שקולה כנגד כל המצוות כולה". וואו געפינען מיר, אַז די מצות סוכה איז שקולה כנגד כל המצוות?

דאָס איז משמע פון דער גמרא: „לעתיד לבא וכו' יאמרו לפניו רבש"ע תנה לנו מראש ונעשנה, אמר להן הקב"ה וכו' מצוה קלה יש לי וסוכה שמה לכו ועשו אותה" (ע"ז ג'). וויבאַלד, אַלזאָ, אויף דער טענה פון די אומות־העולם, אַז זיי זענען פון איצט אָן גרייט מקיים צו זיין די תורה, וועט מען זיי הייסען מקיים זיין די מצות סוכה, איז דאָך דערפון משמע, אַז די מצוה פון סוכה איז שקולה כנגד כל המצוות.

רבי פישל סטריקאָווער פלעגט זיצען אין סוכה אַפילו בשעת אַ רעגען. האָט מען איהם איינמאָל געפרעגט: היתכן? עס ווערט דאָך בפירוש געזאָגט אין שולחן־ערוך (שו"ע או"ח סי' תרל"ט): „ירדו גשמים הרי זה יכנס לתוך הבית" און דערויף ווערט צוגעגעבען אין הגהות הרמ"א: „וכל הפטור מן הסוכה ואינו יוצא משם אינו מקבל עליו שכר ואינו אלא הדיוט"?

— באַדיי אַ הדיוט זאָל איך זיין — האָט רבי פישל דערויף געענטפערט — און אין סוכה זאָל איך זיצען...

דער חדושי הרי"ם האָט געטייטשט: „ואינו אלא הדיוט", דאָס וואָרט „הדיוט" איז דאָ דער פשט: אַ פשוט'ער, ־איינפאַכער איד, אַ איד אָהן קונצען...

און דער איזשביצער האָט דערויף געזאָגט: דער טעם, פאַרוואָס ירדו גשמים איז מען פטור מן הסוכה איז דאָך נור דערפאַר, ווייל ער הייסט אַ מצטער, איז וויבאַלד אַ איד האָט מעהר צער דערפון, וואָס ער זיצט נישט אין סוכה, איז ער שוין דאָן ממילא מחויב בסוכה...

(בית יעקב)

דער קאָצקער רבי, ר' מענדעלי, פלעגט זיצען אין סוכה אַפילו בשעת עס האָט

גערעגענט. ער פלעגט זאָגען דערויף: אַ איד, וואָס קאָן פיהלען אין סוכה דעם רעגען און זיין דערביי אַ מצטער — אַזעלכער איז באמת נישט ווערט צו זיצען אין סוכה...

דעריבער — פלעגט זאָגען דער חדושי הרי״ם — איז נאָר ביי סוכה דער דין, אַז „המצטער פטור מן הסוכה" און נישט ביי קיין שום אַנדערע מצוה, ווייל ביי סוכות שטעהט „למען ידעו דורותיכם כי בסוכות הושבתי וכו׳", ביי דער מצוה פון סוכה פאַדערט זיך דער „למען ידעו", ישוב־הדעת, געמיטליכקייט, צופרידענהייט, און אַ מצטער איז דער היפוך דערפון...

מען האָט דערצעהלט רבי מענדעלי קאָצקער וועגען אַ געוויסען רבי׳ן, וועלכער זאָגט אויף זיך, אַז ער זעהט שטענדיג אַלע ז׳ אושפיזין ביי זיך אין סוכה. האָט רבי מענדעלי דערויף געענטפערט: איך זעה זיי נישט, אָבער איך גלויב די חז״ל, אַז די אושפיזין קומען צו אונז אין סוכה און מיט אמונה זעהט מען מעהר, ווי מיט די אויגען...

איינמאָל, ערב־סוכות, איז ביי׳ם אפטער רב, רבי אברהם יהושע־העשיל, נישט געווען קיין פרוטה אין שטוב מיט וואָס איינצוקויפען אויף יום־טוב. אַ דערשלאָגענער האָט זיך דער אפטער אָבגערופען צו זיין ווייב: איך האָב געטהון אַלץ וואָס איך האָב געקאָנט טהון — כ׳האָב צוגעגרייט אַ סוכה מקיים צו זיין די מצוה פון השי״ת און ווייטער, איז ווי גאָט וועט געבען אַזוי וועט זיין. און ער האָט זיך אויפגעהויבען און אַוועק אין בית־המדרש און דאָרט אָבגעזעסען אין התבודדות אַ גאַנצען טאָג.

מיטאָג־צייט איז אין רב׳ס הויז אַנגעקומען אַ חשוב׳ער אורח, אַ רייכער איד, און געזאָגט דער רבי׳צין, אַז היות ווי ער קומט פון דער הויפט־שטאָט און אַז היות ווי ער וועט נישט באַוויזען זיך אומצוקערען אַהיים, וואָלט ער איהר בעטען זי זאָל איהם נעהמען אַלס אַ אורח אויף יום־טוב.

האָט זיך די רבי׳צין שטאַרק צעוויינט און געזאָגט: איך וואָלט אייך, ר׳ איד, מיט׳ן גאַנצען האַרצען איינגעלאַדען, אָבער וואָס זאָל איך טהון, אַז אין שטוב ביי מיר איז גאָרנישט דאָ, נישט קיין פלייש, נישט קיין וויין, אַפילו נישט קיין שטיקעל ברויט. הלואי וואָלט איך כאָטש געהאַט ליכט לכבוד יום־טוב...

— אויב דאָס איז די מניעה — האָט זיך דער איד אָבגערופען — דאַן האָט איהר נישט וואָס צו זאָרגען. דאָ האָט איהר געלד און קויפט־איין אַלץ וואָס איהר דאַרפט און שפאָרט נישט. און דער איד האָט איהר דערלאַנגט פיר גאָלדענע רענדלעך. די רבי׳צין איז גלייך אַוועק אין מאַרק און געקויפט גרויסע יום־טוב׳דיגע ליכט און צוגע־גרייט פיש און פלייש און וויין אַזוי ווי אין די רייכסטע הייזער.

פאַרנאַכט־צו איז דער איד אַוועק אין בית־המדרש דאַווענען. נאָך דער תפלה איז ער צוגעגאַנגען צום אפטער און איהם געבעטען ער זאָל איהם נעהמען צו זיך אַלס אַ אורח אויף יום־טוב.

— ליידער קאָן איך נישט — האָט איהם דער אפטער געענטפערט — ווייל איך ווייס נישט אויב עס איז דאָ אין דער היים עפּיס־וואָס פאַר מיר צו׳עסען.

דער אפטער האָט זיך געלאָזט אויפ׳ן וועג אַהיים און דער אורח איז איהם שטי־לערהייד נאָכגעגאַנגען. צוקומענדיג נישט ווייט פון דער סוכה, האָט זיך דער אפטער אָבגעשטעלט און געזאָגט: סוכה, סוכה! איך האָב געטהון אַלץ וואָס כ׳האָב געקאָנט,

כ׳האָב דיך מכבד געווען, כ׳האָב דיך באַציהרט מיט כל מִיני פּירות און גרינסען און איצט שעהם איך זיך אַריינצוקומען צו דיר... אויפמאַכענדיג דאָס טירעל פון דער סוכה, איז ער געבליבען שטעהן פאַרגאַפט. דערזעהענדיג די ברענענדע ליכט און דעם געדעקטען טיש מיט גרויסע ווייסע חלות און פיש און מיט דער רבי׳צין און די ב״ב פול מיט שמחה... ער האָט אָבער נישט געפרעגט פון וואַנען דאָס אַלץ האָט זיך פלוצים גענומען, נאָר מיט גרויס שמחה אַרויסגעזאָגט דעם ״גוט־יום־טוב״ און דערזעהן, אַז אויך דער אורח, וועמען ער האָט געטראָפען אין בית־המדרש, איז אַריין נאָך איהם אין דער סוכה. מען האָט געמאַכט קידוש און געגעסען און געטרונקען און אָבגעבענשט און געזונגען...

נאָך דער סעודה האָט דער אַפּטער אַ זיפץ געטהון: השי״ת האָט מיר צוגעשיקט די גשמיות׳דיגע צרכים מיינע, אָבער וואו וועל איך נעהמען אַ אתרוג און אַ לולב?...

— איך האָב מיט זיך אַ אתרוג אַ מובחר שבמובחר — האָט זיך אָבגערופען דער אורח — און אַ שעהנעם גרינעם לולב. דערזעהענדיג דעם אתרוג און דעם לולב האָט זיך דער אַפּטער פון גרויס שמחה אויפגעשטעלט און אַרומגענומען דעם אורח און מיט איהם געטאַנצט די גאַנצע נאַכט ביז פאַרטאָג...

אינדערפריה איז דער אַפּטער אַוועק אין בית־המדרש אַהן צו פרעגען דעם אורח ווער ער איז, אָדער פון וואַנען ער קומט. אָבער ווען דער רב האָט זיך אומגעקעהרט אַהיים, האָט ער געפונען ליגען דעם אורח אין בעט אַ נוטה למות. אין אַ פּאָר שעה אַרום איז ער געשטאָרבען.

און זייט דאַן האָבען זיך נוהג געווען די אייניקלעך פונ׳ם אַפּטער רב יעדעס יאָהר ערב־סוכות אָנצוצינדען אַ יאָהרצייט־ליכט נאָך אָט דעם וואונדערליכען אורח, וואָס קיינער האָט נישט געוואוסט ווער ער איז געווען...

(מגבורי החסידות)

אין די גאַליציאַנער רבי׳שע הויפען ווערט זעהר פיעל געלד אויסגעגעבען אויף ״נוי־סוכה״. אין אַ טייל הויפען פלעגט מען זאָגאָר ברענגען ספּעציעלע דעקאָראַציעס פון אויסלאַנד אויף צו בעצירען די סוכה, אָבער רבי חיים צאַנזער איז געווען אַ שטאַרקער געגנער דערפון און ער פלעגט שרייען, אַז מען איז עובר אויף ״בל תשחית״. דאָס גאַנצע געלד פון די ״פדיונות, וואָס די חסידים פלעגען איהם איבערלאָזען נאָך יום־כפּור, פלעגט ער ערב־סוכות צוטיילען צווישען אַרימעלייט און אַ סוכה פלעגט ביי איהם זיין אַ פשוט׳ע, מיט נאַקעטע ווענט.

דער שענסטער ״נוי־סוכה״ איז — פלעגט ער זאָגען — אַז די אַרימעלייט זאָלען אום יום־טוב נישט הונגערען...

רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער פלעגט אַריינעהמען אַלס שכנים צו זיך אין סוכה דוקא פּראָסטע מענשען, פון דער נידריגסטער קלאַס.

אַז מען האָט איהם איינמאָל געפרעגט אַ טעם דערויף, הלמאי עס געפעלט איהם דוקא צו זיצען ביי איין טיש מיט אַזעלכע פּראָסטע לייט, האָט ער געענטפערט בדרך־הלצה:

לעתיד־לבא, בשעת מען וועט אַריינבעטען אַלע צדיקים אין דער ״סוכת עור של לויתן״, און איך, לוי־יצחק, וועל אויך האָבען חשק אַריינצוקריגען זיך אַהין, וועט דאָך מיך אודאי דער מלאך אָבשטעלען ביים אַריינגאַנג און אַ פרעג טהון מיט כעס: האַ,

ווי קומסטו, דו פראָסטער מענש, אַריינצושטופּען זיך אַהער צווישען סאַמע לויטער צדיקים? וועל איך איהם דערויף ענטפערען: האָט קיין פעראיבעל נישט. צו מיר, אין מיין סוכה, האָב איך אויך אַריינגעלאָזט פראָסטע מענשען און זיך לגמרי מיט זיי נישט געשעמט...

רבי משה קאָברינער פלעגט האָבען שטאַרק הקפדה אויף די גאוה׳דיגע בעלי־בתים, וועלכע פלעגען נישט וועלען זיצען ביי זיך אין סוכה מיט די אָרימע שכנים, און ער פלעגט זאָגען דערויף: אין דער גמרא שטעהט (ע״ז ב׳), אַז לעתיד לבוא, בשעת השי״ת וועט וועלען אויספּרובען די בני עשו, וועט ער זאָגען צו זיי: „מצוה קלה יש לי וסוכה שמה״ און „כל אחד ואחד עושה סוכתו בראש גגו״. פאַרוואָס וועלען זיי עפּעס מאַכען די סוכות אויף די דעכער? ווייל יעדער ערל וועט זיך דערמיט וועלען בעוואָרענען, אַז דער שכן זיינער זאָל זיך נישט מיטכאַפּען צו איהם אין סוכה אַריין...

אין דער זעלבער שטעלע אין דער גמרא ווערט אויסגעפיהרט, אַז נאָכדעם ווי די בני עשו וועלען זיך אַריינזעצען אין די סוכות און די זון וועט אָנהויבען ברענען איבער זייערע קעפּ, וועלען זיי ברוגז ווערען מיט דער מצוה און „כל אחד ואחד בועט בסוכתו ויוצא״. האָט רבי צבי־הירש האָראָוויץ געזאָגט דערויף בדרך־הלצה, אַז דערמיט ווערט פערשטענדליך דער פסוק: „אָז ירננו כל עצי יער״, אַז לעתיד לבוא וועלען אַלע בוימער אָנהויבען צו זינגען. אין פלוג, וואָס וועלען זיי עפּעס זינגען? נאָר אין תחילת, בשעת זיי וועלען דערהערען, אַז אַלע גויים זענען אויף זיך מקבל די מצות סוכה, וועלען זיי זיך שטאַרק דערשרעקען, וואָרום קוים וועט מען אָנהויבען אויפצושטעלען יעדעס יאָהר אַזויפיעל סוכות פאַר אַלע גויים וועט מען דאָך אין אַ קורצע צייט אַלע וועלדער אויסהאַקען און ס׳וועט קיין בוים אויף אַ רפואה נישט בלייבען. בשעת זיי וועלען, אַלזאָ, דערהערען, אַז די גויים זענען ברוגז געוואָרען און „כל אחד ואחד בועט בסוכתו ויוצא״, וועלען די בוימער צוריק ווערען פרעהליך, און דעריבער — „אָז ירננו כל עצי יער״...

פאַרוואָס אויף פסח פּיהלט יעדע אידישע קהלה אויף זיך אַ שטרענגע פליכט צו זאָרגען פאַר די אָרימעלייט, צו פערזאָרגען זיי מיט „ארבע כוסות״ און מיט „מעות־חטים״, דאַגעגען האָט מען זיי גאַנץ װעניג אין זינען אויף סוכות, הגם אויך דער־דאָזיגער יום־טוב וועלכער דויערט נאָך דערצו מיט אַ טאָג לענגער ווי פסח, קומט־אָן דעם אָרימאַן געװױנג שווער?

ווייל ביי פסח שטעהט בפירוש: „שבעת ימים תאכלו מצות״, דאַגעגען ביי סוכות ווערט געזאָגט סתם: „בסוכות תשבו שבעת ימים״; דאָס וואָרט „תאכלו״ ווערט דערביי לגמרי נישט דערמאָהנט!...

(אַ פאָלקס־ווערטעל)

— דערפאַר — פלעגט זאָגען רבי משה פאָלאַק בדרך־הלצה — זענען „נשים פטורין מן הסוכה״, ווייל וועגען די חייבי־גלות דרש׳ענט די גמרא, „משום רשעה אחת אתה מחייבו, ואי אתה מחייבו משום שתי רשעיות״ (מכות י״ג). אי אָבצוריכטען גלות און אויסצוואָנדערען פון שטוב אין סוכה אַריין, אי צו זיצען דאָרט מיט׳ן ווייב — מיט צוויי זאַכען שטראָפט מען נישט!...

„ולקחתם לכם ביום הראשון" (ויקרא כג. מ.)
„לכפר על חטא ראשון" (מדרש רבה)

וועגן וועלכען חטא ראשון רעדט זיך דאָ?

נאָר אין מדרש פ' בראשית אויפ'ן פסוק „ויהי ערב ויהי בקר יום אחד" זאָגט איך מאן דאמר: „זה יום הכפורים", אַז דער ערשטער טאָג פון ששת ימי בראשית איז געווען יום־כפור. לויט דעם קומט, אַלזאָ, אויס, אַז דער זעקסטער טאָג, אין וועלכען אדם איז בעשאַפען געוואָרען, איז געווען דער ערשטער טאָג סוכות, און אינ'ם זעלבען טאָג, ווי עס ערקלערען די חז"ל, איז ער בעגאַנגען דעם חטא פון עץ־הדעת, און דעריבער: „ולקהתם לכם ביום הראשון — לכפר על חטא ראשון"...

(קול קול יעקב)

„ראשון לחשבון עוונות" (תנחומא)

וועגן עץ־הדעת איז פאַרהאַן אַ מיינונג ביי די חז"ל: „ר' אבא דעכו אמר אתרוג היה" (ב"ר, פרשה ט"ו). עס קומט אַלזאָ אויס, אַז די ערשטע זינד, וואָס דער ערשטער מענש איז בעגאַנגען, האָט זיך אָנגעהויבן פון אתרוג, און דאָס איז דער פשט — „ראשון לחשבון עוונות"...

(כרם הצבי)

פאַרוואָס איז עפּעס גראָד דער ערשטער טאָג סוכות דער „ראשון לחשבון עוונות"?

האָט געזאָגט דערויף בדרך־צחות דער „תפארת־שלמה", דער רבי פון ראַדאָמסק: בשעת דער שטן קומט צוגעהן אין די ימים־נוראים מיט די שווערע פּעק עבירות און הויבט אָן אויסרעכענען די זינד, וואָס איטליכער איד איז בעגאַנגען במשך פון יאָהר, שטעלען זיך אַוועק די מליצי יושר און טענה'ן, אַז די אַלע זינד זענען די אידען בעגאַנגען בשוגג, בטעות, פאַר וועלכע מען דאַרף זיי מוחל זיין, דען נישט זיי, נאָר ער, דער שטן און יצר־הרע, איז אין דעם אַלעם שולדיג. ער האָט זיי גענאַרט און פאַרפיהרט מיט פערשידענע שקרים און פאַלשקייטען, איינרעדענדיג זיי, אַז די עבירות זענען לגמרי קיין עבירות נישט, און זיי האָבען איהם געגלויבט און זיך געלאָזט פון איהם פערפיהרען... ענטפערט דערויף דער שטן: פאַרוואָס לאָזען זיי זיך אָבנאַרען דוקא דאַמאָלס בשעת מען רעדט זיי צו צום שלעכטען? צי זענען זיי אין זייערע געלד־עסקים אויך אַזעלכע תמימים, צו גלויבען יעדען איינעם אויפ'ן וואָרט? זאָל איינער פון זיי פערלאַנגען ביים צווייטען, אַז ער זאָל איהם פאַר אַ חפץ, וואָס איז ווערט צעהן פרוטות, געבען דאָפּעלט, וועט ער איהם געבען?... און אַלס פשרה צווישען די טענות פון די צוויי צדדים ווערט דאַן בעשלאָסען, אַז מען זאָל אָבוואַרטען עטליכע טעג און מאַכען אַ פּראָבע בכדי פעסטצושטעלען, צי זענען די אידען לייכטגלויביג נור בשעת'ן איינהאַנדלען דעם יצר־הרע'ס עבירות, אָדער די זעלבע לייכטגלויביגקייט וויעזען זיי אַרויס אויך ביי אַנדערע ענינים... און אָט, בשעת די אידען לאָזען זיך אַרויס נאָך יום־כפור אין גאַס איינקויפען די ארבעה מינים, פאַר וועלכע זיי צאָהלען געזאָלצענע פּרייזען, און זיי קומען אינ'ם ערשטען טאָג סוכות אין שוהל מיט די אתרוגים און לולבים אין די הענד, ווייזט מען דעם שטן, אַז אויך אין דיני ממונות לאָזען זיך די אידען אָבנאַרען, אַ ראיה פון די דאָזיגע אתרוגים מיט די לולבים, פאַר וועלכע זיי האָבען געצאָהלט אַזעלכע הויכע פּרייזען, הגם די דאָזיגע פּראָדוקטען האָבען בעצם אַ גאַנץ קנאַפּען ווערט און אַ גוי וואָלט פאַר אַלע ארבעה מינים קיין צעהן גראָשען נישט

געגעבען... און אויב אַזוי קאָן מען דאָך שוין גלויבען, אַז אויך מיט די עבירות האָבען זיי זיך געלאָזט אָבנאַרען פון יצר־הרע, אַנגעהמענדיג עס פאַר גוטע סחורה...

נאָכ'ן דאָזיגען ריכטיגען בעוויז, נאָך וועלכען דער שטן בלייבט אָהן לשון, ווערען די פריהערדיגע פעקלעך עבירות אָבגעמעקט, אַנולירט און — „ראשון לחשבון עוונות", פונ'ם דאָזיגען טאָג אָן הויבט זיך אָן אַ נייער חשבון, אַ פרישע קאָנטאָ...

דעם ערשטען טאָג סוכות אין דער פריה איז איינמאָל רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער אַריינגעלאָפען אין בית־המדרש און אויסגערופען: ווער פון אייך, אידען, האָט עפּעס אַנ'עבירה? פון אונטער דער ערד זוכט אויס און ברענגט אַהער די עבירות!... דען דער מדרש זאָגט: „ולקחתם לכם ביום הראשון — ראשון לחשבון עוונות". ראש־השנה און יום־כפור טהוט אַ איד תשובה מיראה און דאַמאָלס ווערען די זדונות כשגגות, אום סוכות אָבער, ווען מען איז מקיים און מען איז מחבב די מצוה פון ארבעה מינים, איז עס תשובה מאהבה און דאַמאָלס איז „זדונות נעשו לו כזכיות". וואָס מעהר, אַלזאָ, אַלטע עבירות עס האָבען זיך פערוואַלגערט פון פריהער, אַלץ מעהר זכיות קאָן מען האָבען... דערמאָהנט־זשע אייך, אידען, ווער פון אייך האָט עפּעס אַנ'עבירה, זאָל ער זי היינט צושטעלען צום חשבון!...

פאַרהאַן אַ מדרש אגדה:

„ולמה באתרוג? שהוא דומה ללב, לכפר על הרהורי הלב, ולמה בהדס? הוא דומה לעינים, לכפר על סיקור עינים וכו'".

וועגען בוים, אויף וועלכען עס וואַקסט דער אתרוג, ווערט געזאָגט: „טעם עצו ופריו שוים", די פרוכט האָט דעמזעלבען טעם, וואָס דער בוים — און דערפאַר טאַקע האָט זיך די תורה אָבגעשטעלט הויפּטזעכליך אויף דערדאָזיגער פרי, אַלס רמז, אַז אונזער הויפּט־אויפגאַבע דאַרף זיין צו זאָרגען דערפאַר, אַז די קינדער זאָלען געהן אין די וועגען פון די עלטערן, אַז עס זאָל זיין — „טעם עצו ופריו שוים"...

(דרשות אל עמי)

„אם לא אעלה את ירושלים על ראש שמחתי" — „אעלה" זענען די ראשי־תיבות: אתרוג, ערבה, לולב, הדס... עס איז דער אונבעדינגטער חוב אויף יעדען איד, אַז די ארבעה מינים, איבער וועלכע ער בענשט, זאָלען זיין פון ארץ־ישראל!

(רבי צבי־יחזקאל מיכלזאָהן)

„ולקחתם לכם פרי עץ הדר — זהו אתרוג הדר באילנו משנה לשנה" (סוכה ל"ח)

איטליכע פרי האָט זיך איהר צייט און איהרע קלימאַטישע בעדינגונגען, אין וועלכע זי קאָן בליהען און וואַקסען. פאַרהאַן פירות, וועלכע וואַקסען נאָר דאָן, ווען די זון וואַרימט און קיין קעלט קענען זיי נישט פערטראַגען, און ווידער זענען פאַרהאַן פירות, וועלכע וואַקסען נאָר ווען עס איז קאַלט, און בעת עס ווערען היצען, וועלקען זיי. אתרוג איז די איינציגע פרי, וועלכע וואַקסט און זיצט אויפ'ן בוים אַ גאַנץ יאָהר, זומער און ווינטער, איבערטראַגענדיג פרעסט און היצען, שניי און רעגען.

אַזוי ווי די פירות — אַזוי זענען אויך די פעלקער. איטליכעס פאָלק האָט זיך זיין אַרט און אַנגעצייכענטע בעדינגונגען, ביי וועלכע עס קאָן זיך ענטוויקלען.

אתרוג איז דער סימבאָל פונ'ם איד, דעם אייביגען וואַנדערער, וועלכער מאַכט

מיט אין זיין גלות־וועג אַלערליי ענדערונגען, לעבט אין אַלערליי אָרדנונגען און פּאַסט זיך צו צו אַלע בעדינגונגען...

(בית יעקב)

אתרוג, דער „פרי עץ הדר", סימבאַליזירט די שענע אידען, ערבה „שאין בה לא טעם ולא ריח" — דעם המון, הדס „שיש בו ריח ולא טעם" — די יעניגע, וואָס האָבען מעשים אָהן תורה, לולב „שתמריו יש בהם טעם ולא ריח" — די יעניגע, וואָס האָבען תורה אָהן מעשים.

און אַ מערקווירדיגע זאַך: די לעצטע דריי מינים לאָזען זיך אַלע צונויפבינדען צוזאַמען, בלויז דער אתרוג, דער „שענער איד", בלייבט אָנ'אָבגעזונדערטער, אַ מיוחס פאַר זיך...

(לקוטי מרגליות)

צווישען מהר"י סגל און די גאונים פון זיין דור איז ענטשטאַנען אַ שאַרפע מחלוקת וועגען דער פראַגע פון „לולבים מורכבים". מהר"י סגל האָט זיך פעסט גע־האַלטען אין דער מיינונג, אַז דידאָזיגע לולבים זענען כשר — און זעהענדיג, אַז אַלע זענען געגען איהם, האָט ער זיך געווענדעט נאָך הילף צום גאון רבינו פרץ, צו וועלכען ער שרייבט דאָן אין אַ בריעף:

„רבים אומרים זנתה תמר,
ואני יחיד, מה אענה, מה אומר?
עליך פרץ להפוך בזכותה,
אמך היא — לא תגלה ערותה!"...

אין די שו"ת „בכורי יעקב" פון רבי יעקב עטינגער, געפינען מיר אַ זעהר כאַראַק־טעריסטישע און קוריאָזע שאלה. עס ווערט דאָרט נעמליך געפרעגט, צי קאָן אַ איד פון אייראָפּע יוצא זיין און אַ ברכה מאַכען איבער די ארבעה מינים, וואָס זענען גע־בראַכט געוואָרען פון אַמעריקא, אָדער פון אויסטראַליען (און דאָס זעלבע פערקעהרט, צי קענען די דאָרטיגע אידען יוצא זיין מיט די ארבעה מינים פון אייראָפּע), מחמת דער דין איז דאָך, אַז די ארבעה מינים דאַרפען געהאַלטען ווערען אין האַנד כדרך גדולתן און היות, ווי די ערד איז קיילעכיג און די געוויקסען פון אַמעריקא און אויסטראַליען וואַקסען אויף אַזאַ אופן אונטער אונזערע פיס, קומט דאָך אַלזאָ אויס, אַז די דאָרטיגע ארבעה מינים, בשעת מיר נעהמען זיי דאָ אין דער האַנד אַריין צום בענשען, זענען זיי להיפוך מדרך גדולתן...

אגב, אַ עטוואָס עהנליכע, און אין דעם פאַל גראַד גאַנץ ערנסטע שאלה, ווערט געבראַכט אין שו"ת „תורת חיים" (ח"ג סי' ז). די דאָזיגע שאלה איז געפרעגט געוואָ־רען דורכ'ן ערשטען אידישען קיבוץ אין בראַזיליען און נעמליך: היות, ווי דער סדר־הזמנים, די קלימאַטישע ענדערונגען פון יאָהר זענען דאָרט פערקעהרט, ווי ביי אונז: בשעת ביי אונז איז ווינטער איז דאָרט זומער און אין אונזערע זומער־חדשים איז דאָרט ווינטער, לכן, צי דאַרפען זיי נישט איבערדרוקען די ברכות פון „משיב הרוח" און „ותן טל ומטר" און צופּאַסען זיי צום דאָרטיגען צייט־סדר?...

אין בערדיטשעוו, און אין דער גאַנצער סביבה אַרום, האָבען איינמאַל פאַר סוכות

אויסגעפּעהלט אֶתרוגים. ס'איז שוין צוויי טעג צו סוכות, דער בערדיטשעווער צדיק, רבי לוי־יצחק, איז אונרוהיג און עס איז אונרוהיג און עס וואַרט מיט אומגעדולד דער גאַנצער קהל — און נישטאָ קיין אתרוג. האָט דער בערדיטשעווער גענומען עטליכע שליחים און זיי אַרויסגעשיקט אויף די וועגען אויסקוקען, אפשר וועלען זיי בעגעגענען אַ איד מיט אַנ'אתרוג. זענען זיי געגאַנגען און געזוכט אַזוי לאַנג, ביז זיי האָבען ענדליך דערזעהען אָנפאָהרען אַ בויד און אין דער בויד זיצט אַ איד מיט אַנ'אתרוג און לולב אין האַנד. זיי האָבען זיך דערפרעהט און אָבגעשטעלט די בויד, אָבער זייער שמחה האָט נישט לאַנג געדויערט, מחמת דער איד האָט זיי ערקלערט, אַז נישט בערדיטשעוו איז דער ציעל פון זיין נסיעה, ער פאָהרט בלויז פאַרביי אויפ'ן בערדיטשעווער וועג און וואוינען וואוינט ער אין אַ שטעדטעל, וואָס ליגט זעהר וויט פונדאַנען. די שלוחים האָבען איהם פונדעסטוועגען נישט אָבגעלאָזט און געבעטען, ער זאָל זיך אויף אַ ווילע אָבשטעלען און אַריינגעהן מיט זיי צום בערדיטשעווער צדיק און דער איד האָט זיך געלאָזט איבעררייידען. דערזעהענדיג דעם איד מיט'ן אתרוג און לולב ווערט דער בער־דיטשעווער מלא־שמחה און ער בעט דעם אורח, ער זאָל איהם טהון צוליב און בלייבען יום־טוב אין בערדיטשעוו, וואו ער וועט קענען מזכה זיין דעם גאַנצען קהל מיט דער מצוה פון בענשען אתרוג. אָבער דער איד איז נישט מסכים: וואָס הייסט? ער האָט אין דער היים ב"ה אַ פאַמיליע, אַ ווייב מיט קינדער, זאָל ער זיך פערשטערען דעם יום־טוב און זיך אַוועקזעצען אין אַ פרעמדער שטאָדט? איז איהם דער בערדיטשעווער מבטיח, אַז ער וועט אין דעם זכות געהאָלפען ווערען מיט עשירות און מיט גוטע קינ־דער, דער איד וויל אָבער נישט הערען: ער דאַרף נישט קיין עשירות, ער איז ב"ה אַ גאַנץ שענער בעל־פּרנסה און אויך קינדער האָט ער ב"ה גוטע. ניין, ער קאָן דאָ נישט בלייבען, ער מוז זיין יום־טוב אין דער היים... געזעהען אַז דער איד איז איינגעשפּאַרט, רופט זיך אָן צו איהם דער בערדיטשעווער: ווייסט איהר וואָס, אויב איהר וועט ער־פילען מיין בקשה, זאָג איך אייך צו אַ פּלאַץ אין גן־עדן נעבען מיר... ווי דער איד האָט דאָס דערהערט, איז זיין עקשנות מאָמענטאַל געבראָכען געוואָרען, ער האָט מסכים געווען צו בלייבען און עס האָט זיך געפרעהט דער גאַנצער קהל, עס האָט זיך געפרעהט דער בערדיטשעווער צדיק און אויך דער פרעמדער איד האָט זיך געפרעהט.

דער איד האָט איבערגעלאָזט דעם אתרוג מיט'ן לולב און איז אַוועק אין שטאָדט אַריין זיך מכין זיין צום יום־טוב, און דאַן האָט דער בערדיטשעווער גענומען אַ שליח און אַרומגעשיקט צו אַלע בעלי־בתים פון שטאָדט מיט אַ בעפעהל, אַז עס זאָל קיינער פון זיי נישט אַריינלאָזען דעם איד צו זיך אין סוכה אַריין. עסען און טרינקען זאָל מען איהם נישט זשאַלעווען פון שענסטען און פון בעסטען, קיין סוכה אָבער זאָל מען איהם נישט געבען. פאַרוואָס? — דאָס האָט קיינער נישט פערשטאַנען און עס האָט קיינער נישט געהאַט די העזה איבערצופרעגען, אָבער אַז דער צדיק הייסט, מוז מען פאָלגען...

ביינאַכט נאָכ'ן דאַווענען, דער איד געהט פון שוהל צו זיך אויף דער אכסניא, ער קומט אַריין אין זיין צימער, זעהט ער: אַ שען געגרייטער טיש מיט אַ סך ליכט, וויין, חלות, פיש א. א. וו. און ער חדוש'ט זיך, וואָס האָט מען איהם עפּעס צוגעגרייט די סעודה אין שטוב? געשיקט זיך עס, אַז דער בעל־הבית, וועלכער זעהט אויס צו זיין אַ פרומער איד, זאָל קיין סוכה נישט האָבען? ער געהט אַרויס אויפ'ן הויף און עס ווערט איהם פרעהליך אויפ'ן האַרצען: עס שטעהט אַ גרויסע סוכה און אין דער סוכה זיצט דער בעל־הבית מיט'ן בני־בית, ער עפענט די טהיר פון דער סוכה מיט אַ ברייטען „גוט יום טוב!" אָבער מען לאָזט איהם נישט אַריין... ער בלייבט שטעהן ערשטוינט,

דערשראָקען: וואָס בעדייט דאָס? נאָר קיינער ענטפערט איהם נישט... לאָזט ער זיך אַריין אין אַ צווייטע שכנ׳ישע סוכה, און ווידער דאָס זעלבע: מען לאָזט איהם נישט אַריין, און אַזוי אין אַלע אַנדערע סוכות... וואָס זאָל דאָס בעדייטען? סוף־כל־סוף דערגעהט ער דעם סוד: עס איז אַ שטרענגער בעפעהל פון בערדיטשעווער צדיק, מען זאָל איהם אין קיין שום סוכה נישט אַריינלאָזען... אַ דערשראָקענער לויפט ער אַריין צום צדיק און פון גרויס צער און בזיון גיסען זיך איהם טרעהרען פון די אויגען: פאַרוואָס קומט עס מיר, רבי? מה פשעי ומה חטאתי? ענטפערט איהם רבי לוי־יצחק, אַז אויב ער וויל דורכאויס זיצען אין סוכה, וועט ער איהם הייסען אַריינלאָזען, נאָר מיט אַ תנאי, ער זאָל איהם געבען תקיעת־כף, אַז ער איז מוחל אויפ׳ן פלאַץ אין גן־עדן, וואָס ער האָט איהם צוגעזאָגט צוליב׳ן אתרוג... דערהערענדיג דעם דאָזיגען תנאי בלייבט דער איד שטעהן אין פערלעגענהייט. פון איין זייט: ווי קאָן ער זיך אָפּזאָגען פון אַזאַ גליק, פון אַ געזיכערטען חלק עולם־הבא, פון אַ פלאַץ אין גן־עדן נעבען בערדיטשעווער צדיק? און צוליעב וואָס, אויב אַזוי, האָט ער זיך געלאָזט איינרעדען, צו פערשטערען זיך דעם יום־טוב, צו זיין אָבגעריסען פון ווייב און קינדער און צו ווערען אומזיסט פאַרשוואַרצט אין דער פרעמד? פון דער צווייטער זייט: ווי קאָן ער עס פועל׳ן ביי זיך, אַז ער זאָל עובר זיין אויף דער מצוה פון סוכה, וואָס ער האָט אָבגעהיטען אַלע זיינע יאָהרען, ווי געשיקט זיך עס, אַז אַלע אידען זאָלען זיצען אין סוכה און ער זאָל עסען אין שטוב?... און דאָן האָט ער זיך פלוצים בעשלאָסען און ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנד צו רבי לוי־יצחק׳ן און אויסגערופען: נאָט אייך תקיעת־כף, כ׳בין אייך מוחל אויפ׳ן חלק גן־עדן און — לאָזט מיך זיצען אין סוכה!...

אַ גאַנצען יום־טוב האָט זיך רבי לוי־יצחק אויף איהם נישט אומגעקוקט און נישט גערעדט מיט איהם, ערשט שמיני־עצרת האָט ער נאָך איהם געשיקט, אַוועקגעזעצט איהם אויבנאָן נעבען זיך און איהם שטאַרק נוהג־כבוד געווען, און דאָן רופט ער זיך אָן צו איהם און זאָגט: האָב נישט פעראיבעל, מיין קינד, וואָס כ׳האָב דיך פריהער אַזוי שלעכט בעהאַנדעלט, כ׳האָב נישט געוואָלט, אַז אַ איד זאָל זיך איינקויפען עולם־הבא דורך אַזאַ ביליגען, הפקר׳דיגען אופן, דורך שאַכער־מאַכער און תקיעת־כף. אַזאַ עולם־הבא, מיין קינד, איז גאָרנישט ווערט. עולם־הבא דאַרף מען זיך אַליין אויסאַרבייטען, צו עולם־הבא דאַרף מען זוכה זיין דורך אייגענע גוטע מעשים, און דעריבער האָב איך דיך געוואָלט דערפיהרען צו אַ נסיון און זעהן, צי דו וועסט דעם נסיון אויסהאַלטען, און איצט, ווען דו האָסט ב״ה אויסגעהאַלטען און אַרויסגעוויזען צוליב דער מצות־סוכה אַזוי פיעל מסירות־נפש, אַזש ביז צום אָבזאָגען זיך פון עולם־הבא, גיב איך דיר צוריק מיין פריהערדיגע הבטחה און איך זאָג דיר צו, אַז מיר וועלען ביידע אי״ה זיצען אין גן־עדן צוזאַמען.

(ש. י. זעווין, מספורי החסידים)

דער ווילנער גאון איז, כידוע, געווען אַ שטאַרקער מחמיר אין דיני סוכה און אין אַלע מצוות, וואָס האָבען אַ שייכות צום דאָזיגען יום־טוב; איבערהויפּט האָט ער אויסער־געוועהנליך מדקדק געווען אויפ׳ן אתרוג, ער זאָל זיין אַ הדר־שבהדר. אין יענע צייטען, ווען עס איז נאָך קיין באַהן נישט געווען, פלעגען ספּעציעלע שלוחים פון ווילנא, ווי פון יעדער גרעסערער קהלה, זיך אַרויסלאָזען בעצייטענס, נאָך אינמיטען זומער, אין וועג אַריין איינצוקויפען כשר׳ע אתרוגים.

האָט איינמאָל פּאַסירט, אַז די ווילנער שלוחים זענען צוריקגעקומען מיט לעדיגע הענד, און דאָס האָט געמאַכט אַ שטאַרקען רושם אין שטאָדט; איבערהויפּט אָבער האָט

מען זיך מצער געווען, וואָס דער ביי אַלעמען אַזוי בעליעבטער גאון וועט קיין אתרוג נישט האָבן און ער וועט דערפון געוויס גרויס עגמת־נפש ליידן. די ראשי־הקהל האָבן אָבגעהאַלטען איין אסיפה נאָך דער צווייטער, מען האָט אַרויסגעשיקט בריעף אין פערשידענע שטעדט און אויך אַ שליח מיוחד האָט מען נאָכאַמאָל אַרויסגעשיקט, ער זאָל אונבעדינגט זעהן ערגעץ צו בעקומען אַ כשר'ן אתרוג, כאָטש איין אתרוג פאַר'ן גאון'ס וועגען, וויפיעל עס זאָל נישט קאָסטען!...

דאָסמאָל האָט דער שליח מצליח געווען. צופעליג האָט ער פערבלאָנדזשעט אין וועג צו אַ אידען, וועלכער האָט איינגעהאַנדעלט אויף יום־טוב אַ זעלטען־שענעם אתרוג, אַן אמת'ן הדר. ער פרובט מיט איהם אונטערהאַנדלען וועגען אַ פרייז, אָנבאָטענדיג איהם אַ גרעסערע סומע געלד, אָבער דער איד וויל נישט הערען — פאַר כל הון דעלמא וועט ער דעם אתרוג נישט פערקויפען!... דערזעהן, אַז מיט געלד וועט ער מיט איהם גאָרנישט מאַכען, האָט דער שליח, נישט האָבענדיג קיין אַנדער ברירה, איהם אויסגע־זאָגט דעם סוד, אַז דעם אתרוג וויל ער קויפען פאַר'ן גאון'ס וועגען, פאַר'ן ווילנער גאון... ווי דער איד האָט דאָס דערהערט, איז ער שטאַרק איבערראַשט געוואָרען. גוט — זאָגט ער — ער איז מוכן אָוועקצוגעבען דעם אתרוג, און אָהן אַ גראָשען געלד, אָבער מיט איין תנאי: דער שכר פון דער ברכה, וואָס דער גאון וועט איבער'ן אתרוג מאַכען, זאָל געהערען צו איהם — אַנדערש בעשטעהט ער נישט, אַנדערש איז ער דעם אתרוג נישט מקנה!... ווידער האָט דער שליח קיין ברירה נישט געהאַט. וואָס זאָל ער טהון? האָט ער מסכים געווען און געבראַכט דעם אתרוג קיין ווילנא. שטאָדט איז שטאַרק צופרידען געווען און אויך דער גאון האָט זיך זעהר דערפרעהט. בלויז דער שליח איז אַרומגעגאַנגען אַ פער'דאגה'טער צוליב דער הבטחה, וואָס ער האָט יענעם אידען געגעבען. דעם תנאי מוז ער ערפילען — אַנדערש טאָר מען איבער דעם אתרוג נישט בענשען, אַזוי האָט דער איד מיט איהם בפירוש אויסגענומען!... ערב־סוכות איז ער מיט אַ צובראָכען געמיט אַריין צום גאון און האָט איהם דערצעהלט די גאַנצע מעשה. אָבער צו זיין גרויסער איבערראַשונג, האָט דער ווילנער גאון, אויסהערענדיג די געשיכטע, זיך געוואַלדיג דערפרעהט.

— געלויבט השי"ת! — האָט דער גאון אויסגערופען — אַ גאַנץ לעבען האָב איך געהאָפט דערויף און געוואַרט צו קאָנען מקיים־זיין כאָטש איין מצוה כתיקונה, שלא על־מנת לקבל פרס!...

רבי מרדכי נעסוויזשער, וועלכער איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן, איז איינמאָל פאַר יום־טוב געפאָהרען קיין בראָד קויפען אַן אתרוג. געהאָט האָט ער ביי זיך זעקס רובל, וואָס ער האָט אָבגעשפאָרט צו דעם צוועק במשך פון אַ גאַנצען זומער, זאַמלענדיג אַ גראָשען צו אַ גראָשען. אויפ'ן וועג, צוקומענדיג שוין נאָהענט צו דער שטאָדט, דער־זעהט ער, ווי אַן אָרימער איד זיצט אויפ'ן פעלד, די הענד פערבראָכען, און וויינט אויפ'ן קול... וואָס איז אייך, ר' איד? — פרעגט איהם דער נעסוויזשער. דערצעהלט איהם יענער: ער איז אַ וואַסער־טרעגער; אַ פערד און וועגעלע האָט ער געהאַט, מיט וועלכע ער פלעגט פיהרען פאַר די בעלי־בתים וואַסער פון הינטער־שטאָדטישן טייך און דערפון זיין אָרימע חיונה געצויגען. איצט איז איהם פלוצים אַן אומגליק געשעהען: דאָס פערדעל — צעוויינט ער זיך — איז איהם נעבעך אָוועקגע'פגר'ט, פינסטער איז איהם זיין וועלט!... דערהערענדיג דאָס, האָט דער נעסוויזשער איהם אָוועקגעגעבען די זעקס רובל, ער זאָל זיך קויפען אַן אַנדער פערד, און אַליין איז ער צוריקגעפאָהרען אַהיים אָהן אַן אתרוג...

— געלויבט דער אויבערשטער! — האָט ער אויסגערופען, אַריינקומענדיג אין שטוב: — אויף׳ן היינטיגען סוכות האָט מען מיר צוגעשיקט פון הימעל דעם אמת׳ען „הדר״... די גאַנצע וועלט וועט בענשען איבער אַנ׳אתרוג, און איך וועל בענשען — איבער אַ פערד!...

(זכרון טוב)

ביים מקיים־זיין די מצוה פון אתרוג ווערט דער מענש נכשל אין דער מיאוס׳ער מדה פון גאוה. „אל תבואני רגל גאוה״ — זענען די ראשי־תיבות: „אתרוג״...

ומעשה שהיה. רבי מאיר תאומים, דער לעמבערגער רב, האָט איינמאָל בעמערקט, ווי איינער אַ פּראָסטאַק, אַנ׳אויפגעקומענער עושר, וועלכער האָט, בשעת׳ן זאָגען די „הושענות״, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע שענע בעלי־בתים, געמאַכט הקפות אַרום דער בימה, שפּאַצירענדיג זיך ברייטליך, מיט אַ פּעררינסענעם קאַפּ, מיט׳ן שענעם אתרוג און לולב אין דער האַנד, האָט יעדעס מאָל געשטויסען ברוטאַל מיט די עלענבויגענס די אָרימע אידען, תלמידי־חכמים, וועלכע זענען, נישט־האָבענדיג קיין אייגענעם אתרוג און לולב, געשטאַנען אַן אַ זייט און האָבען איהם נישט אַזוי גיך אָבגעטרעטען דעם וועג.

— איצט — רופט־זיך־אָן רבי מאיר תאומים נאָכ׳ן דאַווענען צום עולם — איז מיר ענדליך פערענטפערט געוואָרען, פאַרוואָס די „הושענות״ ענדיגען זיך מיט׳ן פּסוק, וועלכען מען שרייט־אויס הויך, מיט אַ ספּעציעלען ניגון: „למען דעת כל עמי הארץ כי ד׳ הוא האלקים אין עוד״! אין פלוג — ווי קומט עפּעס אַהער פלוצים דערדאָזיגער פּסוק און הלמאי שרייט מען איהם אַזוי אויס אויפ׳ן קול? איצט איז מיר אָבער די זאַך פערשטענדליך... איהר ווייסט דאָך, רבותי, אַז אומעטום, וואו עס שטעהט אין דער תורה דאָס וואָרט „את״, בעוויזט עס אויף אַ „רבוי״ און איז מרבה נאָך אַ זאַך. וואָס טהוט מען אָבער — קלערט די גמרא — מיט׳ן „את ד׳ אלקיך תירא״, ווי־אַזוי און וועמען קאָן עס מצרף זיין צום אויבערשטען? — דערויף ווערט געענטפערט, אַז דער־דאָזיגער „את״ איז „לרבות תלמידי־חכמים״... בשעת עס קומט אָבער צו די „הושענות״, ווען די עמי־הארצים, מיט די אתרוגים אין די הענד, זענען מבזה די תלמידי־חכמים, בעוויזען זיי דאָך דערמיט, אַז זיי האַלטען נישט פונ׳ם דערמאָהנטען דרש אין דער גמרא, טאָ וואָס טהוען זיי מיט׳ן „את״? לויט זיי קומט דאָך אויס, אַז דער „את״ איז חלילה מרמז אויף „שתי רשויות״! — מוז מען דעריבער תיכף מכריז־ומודיע זיין, אַז מ׳זאָל חלילה נישט האָבען דעמדאָזיגען טעות און — „למען דעת כל עמי הארץ״ — זאָלסט וויסען, דו עם־הארץ איינער, כאָטש דו האַלסט נישט פון יענעם דרש אין דער גמרא, אַז — „כי ד׳ הוא האלקים, אין עוד!״...

די ברעזשאַנער קהלה האָט זיך געהאַט געווענדעט צו רבי יעקב קאָזלאָווער, וועל־כער האָט גע׳שמ׳ט אין דער גאַנצער סביבה אַלס גדול בתורה, ער זאָל אָננעהמען ביי איהר דעם כסא־רבנות. אָבער רבי יעקב האָט נישט געוואָלט, ער האָט בכלל נישט גע־וואָלט זיין קיין רב. זיין ווייב איז אָבער צוגעשטאַנען צו איהם און האָט דורכאויס פער־לאַנגט, ער זאָל אָננעהמען דאָס ברעזשאַנער רבנות. געווען איז דאָס גראָד פאַר סוכות. רופט זיך רבי יעקב אָן צום ווייב:

— ווייסטו וואָס? אַז דו וועסט מיר קויפען אַנ׳אתרוג אַ הדר, וועל איך זעהן...

איז זי תיכף אַוועקגעפאָהרען קיין ברעזשאַן, האָט נישט געזשאַלעוועט קיין געלד און איהם געבראַכט אַנ׳אתרוג אַ מהודר, אַ יופי.

אַז מען איז געוואויר געוואָרען אין שטעדטעל, אַז רבי יעקב האָט אַנ׳אתרוג אַ

הדר, איז גאַנץ שטעדטעל געקומען צו איהם בענשען אתרוג — און תיכף אינ׳ם ערשטען טאָג האָט דער אתרוג פערלוירען זיין מראה, ער איז געוואָרען שוואַרץ, פערפלעקט, נישט צום דערקענען גאָר!

ווענדעט זיך רבי יעקב צו זיין ווייב און ווייזט איהר:

— זעהסט? דער שענסטער אתרוג ווערט אויס „הדר״, בעת ער פאַלט אַריין אין קהל׳שע הענד!...

פאַרהאַן אַ ילקוט שמעוני:

„אתה מוצא שלש שמחות כתיב בחג: „ושמחת בחגך״, „והיית אך שמח״, „ושמחת לפני ד׳ שבעת ימים״, אבל בפסח אין אתה מוצא וכו׳ אפילו שמחה אחת, וכן אתה מוצא שאין כתיב בעצרת אלא שמחה אחת דכתיב: ושמחת אתה וביתך״.

ביי פסח, אינ׳ם יום־טוב פון פרייהייט, ווערט דאָס וואָרט „שמחה״ נישט דער־מאָהנט, ווייל פרייהייט אַליין פאַר זיך איז גאָרנישט. די ערוואַרבענע פרייהייט בעקומט ערשט אַ זין נאָך מתן־תורה, אין חג־השבועות, און דאַן ווערט שוין געברויכט דאָס וואָרט „שמחה״, אָבער נאָר איינמאָל, דען די שמחה איז נאָך אַלץ נישט בשלמות. די אמת׳ע שמחה איז ערשט אום סוכות, ערשט דאַן, ווען צו דער ערוואָרבענער פרייהייט און צו דער נתינה פון אַ תורה, ווערט צוגעגעבען דער „קמח״, דער „חג־האסיף״, די מאַטעריעלע פערזיכערונג, ערשט דאַן ווערען די אַלע דריי ימים־טובים געגענזייטיג פערפאַלקאָמט און — דריי מאָל ווערט דעריבער איבערגע׳חזר׳ט דאַן דאָס וואָרט „שמחה״...

(הרב משה הורוויץ)

אויפ׳ן פסוק „והיית אך שמח״, דרשנ׳ען די חז״ל: „לרבות לילי יו״ט האחרון לשמחה״, הגם אומעדום איז דאָס וואָרט „אך״ אַ מיעוט. דאַגעגען אויפ׳ן פסוק „ארבעים יכנו״ געפינען מיר פערקעהרט: „אתו רבנן ובצרי חדא״, הגם אין פסוק שטעהט בפירוש „ארבעים״.

אָט דאָס איז דער כח פון די חכמים: דאָרט, וואו עס האַנדעלט זיך מהנה צו זיין אידען און זיי משמח צו זיין, מאַכען זיי פון אַ מיעוט אַ רבוי, דאַגעגען אָבער וואו עס האַנדעלט זיך וועגען מלקות, מאַכען זיי פון אַ רבוי — אַ מיעוט...

(בית יעקב)

וואָס איז דער טעם, וואָס אום שבת חול־המועד פסח איז דער מפטיר מסיים די ברכות און לאָזט אויס בלויז: „מקדש השבת״, דאַגעגען אום שבת חול־המועד סוכות פערענדיגט ער: „מקדש השבת וישראל והזמנים״?

עס איז דערפאַר, ווייל חול־המועד פסח ווערען יעדען טאָג אַרויסגענומען צוויי ספרים צו קריאת־התורה און שבת (אין וועלכען עס ווערען אויך אַרויסגענומען צוויי ספרים) איז דאַן נישט קיין אויסנאַהם פון יעדען אַנדערען טאָג חול־המועד, חול־המועד סוכות דאַגעגען ווערט יעדען טאָג אַרויסגענומען נאָר איין ספר און בלויז שבת חול־המועד — צוויי ספרים, און צוליעב דעם, אַלזאָ, וואָס דער שבת איז אינ׳ם דאָזיגען יום־טוב אַנ׳אויסנאַהם פון אַלע אַנדערע טעג, ווערט דעריבער אונטערגעשטראָכען זיין בעזונדערע חשיבות און מען לאָזט אויס די ברכות מיט „מקדש השבת וישראל והזמנים״...

(מהרי״ל)

הושענא-רבה

עס איז ביי אידען פערשפרייט געווען דער גלויבען, אז דער, וואס זעהט נישט זיין שאטען אין דער נאכט פון הושענא־רבה, איז עס א סימן רע. אז ער וועט, חלילה, נישט אויסלעבען דאס יאהר. דער מקור דערפון נעהמט זיך פון דער גמרא (הוריות י״ב), וואו עס ווערט געזאגט: „האי מאן דבעי לידע אי מסיק שתיה אי לא, ניתלי שרגא בעשרה יומי דבין ר״ה ליוה״כ בביתא דלא נשיב זיקא, אי משיך נהוריה נידע דמסיק שתיה וכו׳ האי מאן דבעי למיפק לאורחא וכו׳ אי חזי בבואה דבבואה לידע דהדר ואתי לביתא״, און דערפון איז נאכהער אנגענומען געווארען, אז דאס בעציהט זיך אויף הושענא־רבה, הגם אין דער גמרא רעדט זיך נישט ספעציעל וועגען דעם דאזיגען טאג. אזוי ווערט געזאגט, למשל, אין „כל־בו״ (ס״י נ״ב): „לפיכך נהגו בני אדם לקום ממשכבם בליל יום הערבה ומסתכלים אם יראו צל ראשם בלבנה״. און נאך אויספיהרליכער אין „אבודרהם״, נעמליך: „יש אנשים שנוהגים בליל הושענא רבה לצאת למקום שמגיעם אור הלבנה ופושטים אבריהם ואצבעותיהם, אם צלו שם — טוב הוא, ואם יחסר צל ראשו — בנפשו הוא, ואם יחסר צל אחד באצבעות ידיו — סימן באחד מקרוביו שימות, ואם יד ימין הוא — סימן לבניו הזכרים, ויד שמאל — סימן לבניו הנקבות״...

און מערקווירדיג! אויך דער רמב״ן, אויפ׳ן פסוק „סר צלם מעליהם״ שרייבט דאס זעלבע און זאגט: „יתכן שירמוז הכתוב למה שנודע כי בליל החותם (הושענא־רבה) לא יהי׳ צל לראש האיש אשר ימות בשנה ההיא, לכן יאמר כי סר צלם מעליהם, כי כבר נגזרה עליהם מיתה״...

א זעהר אריגינעלען טעם אויפ׳ן מנהג פון חבוט־הערבה, צו קלאפען די ערבה (אום הושענא־רבה, נאך די הושענות) אן דער ערד, ברענגט דער בעקאנטער חוקר א. ש. הערשבערג, און נעמליך:

ביי פיעל פון די פארצייטישע פעלקער איז די ערבה געווען פערהייליגט אלס געטין, וואס האט צו שאפען איבער די פרוכטבארקייט פון דער ערד. אין א הונגער־יאהר פלעגט מען קושען די ערבה און מתפלל זיין צו איהר, אז זי זאל פייכט מאכען די ערד און איהר בענשען מיט גערעטעניש. א געוויסער היסטאריקער פערזיכערט זאגאר, אז דעריבער הייסט אראביען „ערב״, אויפ׳ן נאמען פון דער געטין „ערבה״...

דער דאזיגער גלויבען — ווי עס שטעלען פעסט די עגיפטאלאגער — האט אויך געהערשט אין מצרים, און צוליעב דעם, אלזא, האט מען ביי אידען בעת׳ן חג־האסיף, בשעת מען האט מתפלל געווען אויף רעגען, געקלאפט די ערבות און געווארפען זיי אויף דער ערד, בכדי אויסצולאכען און אויסצווארצלען דעם נארישען אבערגלויבען וועגען דער הייליגקייט פון דער ערבה, אלס משפיע פון רעגען און גערעטעניש...

(עזרת ישראל)

בדרך־הלצה:

דעריבער ווערט בשעת׳ן קלאפען די ערבה אויסגעשריען: „למען דעת כל עמי הארץ״, דען כידוע זענען די פיער מינים, ווי עס ווערט געזאגט אין מדרש, מרמז אויף פיער־ערליי פערשידענע קאטעגאריעס אידען, און די ערבה סימבאליזירט די סאמע נידעריגסטע אידען, די יעניגע, „שאין בהם לא טעם ולא ריח״. בשעת עס קומט אלזא צו די תפלות נאך די הושענות, ווען אלע אנדערע מינים ווערען אוועקגעלעגט אן א

זייט און אין האַנד האַלט מען בלויז די ערבה, ווערט זי מיטאַמאָל זעהר שטאָלץ ביי זיך און זי הויבט זיך אָן איינריידען, אַז פון אַלע ארבעה מינים איז זי די חשוב'סטע, דער עיקר, די מיוחסת... איז מען איהר דעריבער תיכף מכבד מיט קלעפּ און מען שרייט: „למען דעת כל עמי הארץ״! זאָל זיך דער עם־הארץ, „שאין בו לא טעם ולא ריח״, נישט גרויס האַלטען, זאָל ער נישט מיינען און זאָל ער זיך נישט איינרעדען, אַז ער איז טאַקי באמת דאָס אויבערשטע פון שטויסעל...

(אוסם בושם)

דריי מאָהל אַ יאָהר איז מען זיך נוהג צו עסען קרעפּלאַך, און דאָס אין טעג וואָס זענען פערבונדען מיט הכאה און חביטה, מיט קלעפּ: ערב יום־כיפור — ווען מען באַקומט מלקות; הושענא רבה — ווען מען קלאַפּט הושענות; פורים — ווען מען קלאַפּט המנ'ען. און דאָס, ווערט געזאָגט בדרך־הלצה, איז מרומז אין די ווערטער: „הכה תכה״ (שלאָגען זאָלסטו, שלאָגען), וואָס די ראשי תיבות פון זיי מאַכען: הושענא, כפּור, המן, תאכל, כרעפּלאַך, הרבה...

ביי „הודו לד׳״ און ביי „אנא ד׳ הושיעה נא״ דאַרף מען ווענדען דעם לולב און איהם שאָקלען לארבע הרוחות, אין אַלע פיר זייטען און אויך אַרויף־צו און אַראָב — ווייל אומעטום וואו מיר געפינען זיך, נויטיגען מיר זיך אין אַ ישועה, אין הילף, ווייל אומעטום לויערן אויף אונז געפאַהרען און מיר זענען נישט זיכער, אין קיין שום אָרט נישט — אין מזרח און מערב, אין דרום און אין צפון און סיי אויב מיר געפינען זיך צווישען הויך־ציוויליזירטע פעלקער און סיי אויב צווישען דריי־מטה, צווישען פעלקער, וואָס זייער קולטור איז אָרים און נידריג...

(כנסת ישראל)

רבי חיים צאַנזער האָט אַמאָל ביי הושענות געזאָגט: אדון המושיע... עס טרעפט אָפט, אַז בעת אַן אָרימאַן קומט צו אַ מכובד, אַ נגיד, בעטען ער זאָל איהם אַרויסהעלפען אין אַ שווערער לאַגע, ענטפערט יענער, אַז געוויס וואָלט ער עס וועלען טהון, אַז געוויס וואָלט ער איהם וועלען העלפען, אָבער לײדער איז ער נישט אומשטאַנד, זיין פינאַנ־סיעלע לאַגע ערלויבט עס איהם נישט און ער גיט איהם, דעם נצרך, אַן עצה ער זאָל זיך ווענדען צו אַ צווייטען... קומט ער צום צווייטען, ווערט יענער אין כעס: הלמאי קומט מען עס מיט אַלעם צו איהם, צי דען זענען נישט פאַראַאַן אַנדערע עסקנים־גבירים אין שטאָדט, וועלכע קאָנען זיך ענדער ערלויבען צו געבען פון איהם? און ער פער־ענטפערט זיך, אַז ער איז באַלעסטעט, אַז ער האָט שוין מעהר קיין כוח נישט צו געבען צדקה... קומט דער אָרימאַן צו אַ דריטען, פאַלט יענער אויף איהם אָן: ווי שעהמט ער זיך נישט, אָהן עין־הרע אַ געזונטער איד, צו קומען און בעטען נדבות אַנשטאָט צו געהן אַרבייטען...

אָבער דו, רבש״ע — האָט אויסגערופען דער צאַנזער — דו קאָנסט נישט זאָגען, אַז דו קאָנסט נישט העלפען ח״ו, ווייל דו ביזט דאָך דער א ד ו ן ה מ ו ש י ע, דו קאָנסט נישט זאָגען מיר זאָלען געהן צו אַן אַנדערן ער זאָל אונז העלפען, ווייל — ב ל ת ד א י ן ל ה ו ש י ע — אָהן דיר איז קיין הילף נישטאָ; דו קאָנסט נישט זאָגען, אַז דו ביזט שוין מיעד, חלילה, ווייל ג ב ו ר ו ר ב ל ה ו ש י ע, דו ווערסט נישט חלילה מיעד. דו קאָנסט נישט זאָגען, אַז מיר ברויכען נישט די ישועה, ווייל דו ווייסט דאָך דעם אמת, אַז — ד ל ו ת י ו ל י י ה ו ש י ע! . . .

הושענא למענך דורשנו...

הושענא! — האָט רבי משה־לייב סאַסובער גע'טענה'ט צום רבונו־של־עולם — דו האָסט דאָך בפירוש געשריבען אין דיין הייליגע תורה, אַז ווען עמיצער געפינט אַן־אבידה, מעג ער זי האַלטען נאָר אַזוי לאַנג, „עד דרוש אחיך אותו", ביז דער בעל־הבית פאָדערט זי צוריק, און אָט איז שוין באַלד צוויי טויזענד יאָהר, ווי מיר, דיין פאָלק ישראל, זענען פערלוירען און וואַלגערען זיך אַרום צווישען די אומות, בעטען מיר דעריבער: דורשנו! עס איז שוין די העכסטע צייט, דו זאָלסט מקיים זיין דעם „עד דרוש אחיך אותו" און אויסלייזען די אבידה!...

הושענא למען בריתך...

די גמרא זאָגט: „נאמר ברית במלח ונאמר ברית ביסורים, מה מלח ממתיק את הבשר אף יסורים ממתיקים את הגוף". בעטען מיר דעריבער ביי'ם רבונו־של־עולם: „הושענא למען בריתך!" זאָל דער „ברית ביסורים" בעהאַנדעלט ווערען אויפ'ן זעלבען אופן, ווי דער „ברית במלח", ביי וועלכען מען גיט אַכטונג, נישט איבערצוכאַפּען די מאָס, דען — צופיעל זאַלץ טויג אויך נישט, און דאָס זעלבע איז מיט יסורים...
(רבי שלמה־לייב לענטשנער)

הושענא שלש שעות...

די חז"ל דערצעהלען אונז, אַז בשעת הקב"ה האָט געזאָגט צו יצחק'ן: „בניך חטאו", האָט יצחק דערויף געענטפערט: „רבונו־של־עולם! כמה שנותיו של אדם — ע' שנה. דל כ' דלא ענשת עליהו פשו להו חמשין, דל כ"ה דלילותא פשו להו כ"ה, דל י"ב ופלגא דצלוי ומיכל ודבית הכסא פשו להו י"ב ופלגא וכו' פלגא עלי ופלגא עליך" (שבת פ"ט)... ווען מען זאָל נעהמען דעמזעלבען חשבון, וואָס יצחק האָט געמאַכט לויט די יאָהרען, און עס איינטיילען אויף די ט ע ג, קומט עס אויס אַזוי: דער מעת־לעת האָט פיער־און־צוואַנציג שעה; אַראָברעכענענדיג אַ העלפט דערפון אויף די נעכט — בלייבט־איבער צוועלף; אַראָברעכענענדיג אַ העלפט דערפון אויף תפילה, אכילה און בהכ"ס — בלייבט־איבער זעקס; אַ העלפט דערפון האָט געגומען אויף זיך יצחק — בלייבט־איבער דריי שעה. איז דאָס, אַלזאָ, בעטען מיר: „הושענא ש ל ש ש ע ו ת"!...
(רבי יעקב־יצחק מלובלין)

הושענא גולה וסורה הושענא דמתה לתמר...

כאָטש די כנסת־ישראל איז „גולה וסורה", כאָטש דו האָסט זי פערטריבען און דערוויטערט פון זיך, דאָך — „דמתה לתמר", איז זי געגליכען צו תמר'ן, וואָס בשעת יהודה איז אַוועק פון איהר, האָט זי זיך בשום־אופן נישט געוואָלט פון איהם שיידען און האָט אַנגעווענדעט די פערשידענסטע תחבולות, כדי אַריינגענומען צו ווערען צוריק אין זיין הויז, ביז זי האָט סוף־כל־סוף דאָס איהריגע אויסגעפיהרט...
(רבי ישראל מקאָזשעניץ)

למען נאמן בית וכו' סלע הך ויזובו מים...

עהנליכעס ווערט אויך געזאָגט אין דער תפילה פון גשם: „על הסלע הך ויצאו מים

— בעבורו חון חשרת מים". איז אין פלוג: וואָס איז עס פאַר אַ זכות? דאָס איז דאָך, פערקעהרט, געווען גאָר אַ חטא, פאַר וועלכען ער איז נענש געוואָרען? — נאָר דער תירוץ איז: משה איז בכיוון דעמדאָזיגען חטא בעגאַנגען און האָט געשלאָגען דעם שטיין, אַנשטאָט צו רעדען צו איהם, כדי נישט צו דערוועקען דאַדורך קיין קטרוג אויף אידען, מען זאָל נישט זאָגען, אַז אַפילו אַ שטיין איז געהאָרכזאַמער פון זיי... און דערפאַר דערמאָהנען מיר דאָס אין דער תפילה, דען טהון אַן׳עבירה פאַר אידענ׳ס וועגען — דאָס אַליין איז אַן׳אונגעוועהנליך צדקות און אַ גרויסער זכות!...
(רבי מנחם־מענדעל מוואָרקע)

שמיני־עצרת

ביום השמיני עצרת תהיה לכם...

ראש־השנה און יום־כפור האָבען מיר מתפלל געווען פאַר׳ן נפש, אָבגעגעבען זיך בלויז מיט הימעל־זאַכען. שמיני־עצרת איז דער ערשטער טאָג, ווען מען נעהמט מתפלל זיין אויף גשם, זאָרגענדיג פאַר די מאַטעריעלע, ערדישע, קערפּערליכע בעדערפעניסען — פאַר׳ן „לכם"...

און דאָס איז דער טייטש: „שמיני רגל בפני־עצמו הוא", שמיני־עצרת איז דער יום־טוב, ווען מען הויבט־אָן צו זאָרגען „בפני־עצמו", פאַר זיך!...
(רבי משה־לייב סאַסובער)

אַלע אַנדערע טעג פונ׳ם „זמן שמחתנו" איז די שמחה פערבינדען מיט נאָך אַנדערע מצוות: סוכה, לולב וכו׳. די מצוה אָבער פון שמיני־עצרת בעשטעהט בלויז פון שמחה, בלויז פון — „לכם"...

סוכות, ווי עס ערקלערט דער מדרש, האָט מען מקריב געווען שבעים פּרים פאַר׳ן וואויל און שלום פון די שבעים אומות. ערשט דעם לעצטען טאָג, שמיני־עצרת, האָט מען מקריב געווען אַ קרבן פאַר אידען.

אַזוי איז שוין די אייביגע טראַגעדיע אונזערע: מיר זאָרגען רק פאַר פרעמדע, רק פאַר דער וועלט. אונזערע אייגענע אינטערעסען לאָזען מיר צום סאַמע סוף... און דערפאַר טאַקי האָבען מיר אַזאַ שעהן פּנים.

וועגען שמיני־עצרת זאָגען די חז"ל (סוכה נ"ה): „משל למלך שעשה סעודה וכו׳ לאחר שבעה ימים אמר קשה עלי פרידתכם".

דערויף ווערט געטייטשט: „קשה עלי פרידתכם", ס׳איז מיר שווער דער פּירוד, וואָס הערשט ביי אידען... און דעריבער, כדי צו בעזייטיגען דעם פּירוד, איז אַ מנהג, מען זאָל זיך שמיני־עצרת צונויפקומען און זיך משמח זיין בחברותא, וואָס ברענגט צו התקרבות, צו אהבה ואחוה...
(צרור החיים)

און דאָס — פלעגט זאָגען רבי ישראל ריזשינער — איז דער פּשט אין דער גמרא (שבת ל"א), וואו עס ווערט דערצעהלט וועגען דעם גר, וועלכער האָט פערלאַנגט

פון הלל: „גיירני על מנת שתלמדני כל התורה כולה על רגל אחת" און הלל האָט איהם דערויף געענטפערט: „מה דעלך סני לחברך לא תעביד".

דען וועגען יעדען יום־טוב ווערט געגעבען אין דער תורה אַ טעם, פּאַרוואָס און צוליעב וואָס דער יום־טוב ווערט געפּייערט. דער טעם ווערט אָנגעוויזען אין יעדען נאָמען גופא: חג־המצות, חג־השבועות, חג־הסוכות. בלויז איין יום־טוב איז פאַרהאַן, שמיני־עצרת, וועגען וועלכען עס ווערט אין דער תורה קיין שום טעם נישט אָנגעוויזען. דער גר האָט, אַלזאָ, פערלאַנגט פון הלל, ער זאָל איהם לערנען די תורה, דעם זין און דעם טעם פון יענעם „רגל אחת", פונ'ם דאָזיגען איינעם יום־טוב, שמיני־עצרת, וועלכער איז לגמרי נישט קלאָר. דערויף האָט ער איהם געענטפערט: „מה דעלך סני לחברך לא תעביד", אַז דער טעם פונ'ם דאָזיגען יום־טוב איז, אַז עס זאָל בעזייטיגט ווערען דער פּירוד ביי אידען, עס זאָל אויפגעוועקט ווערען אינ'ם דאָזיגען טאָג אַ התעוררות פון אהבה און אחדות פון איין איד צום צווייטען, דען — „קשה עלי פרידתכם"...

פערשיעדענע ערקלערונגען ווערען געגעבען וועגען דעם, פּאַרוואָס מען זיצט נישט שמיני־עצרת אין סוכה (הגם די גמרא זאָגט: „מיתב יתבינן, ברוכי לא מברכינן"), אָבער דעם איינפאַכסטען און פשוט'סטען טעם געפינען מיר אין תנחומא פ' פנחס. עס איז דערפאַר, ווייל שמיני־עצרת איז מען מתפלל אויף גשם, און אויב מען זאָל דאַן זיצען אין סוכה, וועט מען דאָך נישט מתפלל זיין אויפ'ן גשם בלב שלם. מען וועט דאָך באמת נישט וועלען, אַז עס זאָל אינ'ם דאָזיגען טאָג רעגענען...

זכור טען מקלו וכו' לכן הבטחתו היות עמו באש ובמים...

וואו — ווערט געפרעגט — געפינען מיר אין דער תורה אַזאַ אויסדריקליכע הבטחה, אַז השי"ת זאָל האָבען מבטיח געווען יעקב'ן צו זיין מיט איהם „באש ובמים"?

אַלס ענטפער דערויף ווערט אָנגעוויזען אויפ'ן פּסוק אין ישעי' מ"ג: „ועתה כה אמר ד' בוראך יעקב וכו' כי תעבר במים אתך אני וכו' כי תלך במו־אש לא תכוה"...

כן נזכה לישב בסוכת עורו של לויתן...

— ווי־אַזוי — האָט זיך אַמאָל אַ געוויסער משכיל געווענדעט מיט אַן'איראָנישער שאלה צו רבי ישעיה'לע פּראַגער — וועט מען מעגען מאַכען אַ סוכה פונ'ם „עורו של לויתן"? „עור" איז דאָך פון די „דברים המקבלים טומאה", מיט וועלכען מען טאָר עפ"י־דין נישט מסכך זיין?

— איהר האָט פערגעסען — האָט איהם דערויף רבי ישעיה'לע אָבגעענטפערט — אַז עס איז אַ בפירוש'ע משנה אין כלים: „כל שבמים — טהור"!...

שמחת־תורה

פון ווען אָן עקזיסטירט דער יום־טוב פון שמחת־תורה? וואו געפינען מיר דעם ערשטען מקור וועגען דעם?

עס ווערט אָנגעוויזען אויפ'ן זוהר פ' פינחס, וואו עס ווערט געזאָגט: „ונוהגין

למעבד ישראל עמה חדוה ומתקריאת שמחת־תורה ומעטרין לספר־תורה בכתר דיליה״. עהנליכעס אין „תיקוני זוהר״ (תקונים חד ועסרין).

דאַגעגען ווערט לגמרי וועגען דעם נישט דערמאָהנט אין תלמוד, אַ חוץ די עטליכע ווערטער אין מגילה ל״א: „והאידנא דאיכא תרי יומין — למחר קורין וזאת הברכה״; אָבער קיין איין וואָרט נישט וועגען אַ ספּעציעלען יום־טוב מיט׳ן נאָמען „שמחת־תורה״.

געענוי ווערט דערדאָזיגער יום־טוב דערמאָהנט ערשט דורך די גאונים און בעלי־התוספות. אין „אור־זרוע״ ווערט געבראַכט אין נאָמען פון רבי עמרם גאון, אַז מען איז נוהג צו מאַכען אַ יום־טוב שמחת־תורה, שטיצענדיג זיך אויפ׳ן מדרש שיר־השירים: „ויעש משתה, א״ר אלעזר מכאן שעושין סעודה לגמרה של תורה״.

אין מהרי״ך, שורש ט׳, ווערט עהנליכעס געזאָגט אין נאָמען פון רב האי גאון.

אין תוספות ביצה ל׳: „ומזה הטעם, שנזהרים כשחל שמחת־תורה אחר השבת וכו׳״.

און דאָן, אין הגהות אשר״י סוף סוכה, אין טור אורח־חיים, אין בית־יוסף, וועלכער דערמאָהנט עס אַלס מנהג אשכנזים („מנהג אשכנזים לסיים התורה ביום־טוב־שני של גליות ולשמוח בסיומה״), און אין רמ״א.

ווי עס איז אַלזאָ אָנצונעהמען, איז דערדאָזיגער יום־טוב איינגעפיהרט געוואָרען ערשט בימי הגאונים; דאַגעגען אין די צייטען פון תלמוד, וואו עס ווערט געזאָגט אין אַנ׳אָרט: „בני מערבא סיימו את התורה חד לתילתי שנין״, האָט מען נאָך פונ׳ם דאָזיגען יום־טוב נישט געוואוסט.

„שישו ושמחו בשמחת תורה״...

אַ שמחה, אויף וועלכער נאָר איין צד איז זיך משמח און דער צווייטער צד געהט אַרום פער׳מרה־שחורה׳ט, איז נישט קיין עכטע, אמת׳ע שמחה.

שישו ושמחו בשמחת תורה. ביידע צדדים, ביידע מחותנים זאָלען זיך משמח זיין. נישט־נאָר איהר זאָלט זיך פרעהען מיט דער תורה, נאָר די תורה זאָל זיך אויך פרעהען מיט אייך...

(פנינים)

— שמחת־תורה — פלעגט זאָגען רבי יאָשע־בער בריסקער — איז דער טייטש, אַז די תורה זאָל זיך משמח זיין. נישט בלויז דו זאָלסט זיך פרעהען מיט איהר, נאָר אויך — זי מיט דיר!...

רבי משה קאָברינער פלעגט זאָגען: דער גאַנצער חודש אלול, דער ראש־השנה, תקיעת־שופר, די עשרת ימי תשובה, דער יום־כפור, דער סוכות, די מצוה פון סוכה און די ארבעה מינים, דער הושענא־רבה און דער חבוט־הערבה, - דאָס אַלץ איז בלויז אַ הקדמה און אַ הכנה צום — „אתה הראית לדעת״!...

מיט „חתן־תורה״ איז, מען עפ״י־רוב מכבד די גבירים, אַזעלכע, וועלכע נעהמען זעלטען אַ ספר אין האַנד... אַזאַ איינער איז אַ „חסיד׳ישער חתן״ — ער זעהט זיך נישט אַ גאַנץ יאָהר מיט דער כלה!...

(אַ פאָלקס־ווערטעל)

אין רוקח (סימן שע״א) ווערט גע׳פסק׳נט, אַז דער חתן בראשית, וועלכער הויבט־

אַן די תורה, איז מחויב צו מאַכען אַ שהחיינו. און די שפּעטערע מפרשים וואונדערען זיך, פאַרוואָס דאָס איז ביי אונז נישט איינגעפיהרט און מיר וויסען גאָרנישט פונ׳ם דאָזיגען מנהג.

ענטפערט דערויף דער „זר זהב״, אַז די ברכה פון „שהחיינו״ איז שייך נאָר אויף אַזאַ זאַך, ווי אַ פרישע צייטיגע פּרי, וואָס אַ געוויסע צייט איז עס נישט געווען און מען מאַכט דעריבער אַ „שהחיינו״, וואָס מיר האָבען דערלעבט און זיך דערוואַרט אויף דער דאָזיגער צייט. אויף דער תורה, אָבער, איז נישט שייך צו מאַכען קיין „שהחיינו״, וואָרום אין איהר זמן איז גאָר קיין הפסקה נישטאָ — „והגית בה יומם ולילה״!...

„הכל תלוי במזל אפילו ספר תורה שבהיכל״ (זוהר פ׳ נשא דף קל״ד)

פאַרהאַן אַ ספר תורה וואָס איז מצליח און האָט מזל און מען לייענט אין איהר יעדען מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, יעדען שבת און יו״ט; פאַרהאַן אָבער אַ ספר תורה וואָס אַ גאַנץ יאָהר שטעהט זי אין ארון־קודש פערדוקט אין אַ ווינקעל, וועלכע מען נעהמט אַרויס נאָר איין מאָהל אַ יאָהר — אום שמחת־תורה, וואָס דאַן איז מען זיך נוהג אַרויסצונעהמען אַלע ספרי־תורה צו הקפות...

(בית יצחק)

לויט אַ מסורה אין דער אַלטער שול אין קראָקא, האָט זיך מיט איינינגע הונדערט יאָהר צוריק, אין דער נאַכט פון שמחת־תורה, בעת מען האָט אין דער שול געהאַלטען ביי דער פירטער הקפה, אַריינגעריסען אַ באַנדע יעזואיטען און אויסגעהרג׳עט דאָרט הונדערטער אידען. דערפאַר האָט מען זיך אַלע יאָהרען נוהג געווען אין דער קראָקאווער שול צו האָבען נאָר דריי און אַ האַלבע הקפות. אינמיטען פון דער פירטער הקפה פלעגט מען צוריק אַריינשטעלען די ספרי־תורה אין ארון־קודש און אַלע מתפללים האָבען זיך אויסגעזעצט אויף דער ערד ווי אבלים און איינער פון קהל האָט געזאָגט „יגדל א׳ חי וישתבח״ מיט׳ן ניגון פון איכה — אַלס אַ אָנדענק פאַר די אידען וואָס זענען געהאַט אומגעקומען אין דער שול על קידוש־השם...

רבי נפתלי ראָפּשיצער פלעגט זעהר אָפט דערצעהלען פאַר זיינע מקורבים און ריהמען פאַר זיי דעם „אָבשניט״, וואָס ער האָט אַמאָל בעקומען פון אַ פּראָסטען מענש, אַ טרעגער. ער האָט אַמאָל בעמערקט ווי דער דאָזיגער טרעגער, אַ גרויסער עם־הארץ, האָט זיך גאָר געוואַלדיג משמח געווען אום שמחת־תורה, האַלטענדיג אין איין זינגען און טאַנצען. האָט איהם רבי נפתלי צוגערופען און געפרעגט:

— וואָס איז מיט דיר די שמחה אַזוי גרויס? אַזוי פיעל תורה האָסטו עס געלערענט דאָס יאָהר, וואָס דו פרעהסט זיך אַזוי?

דערויף האָט איהם דער טרעגער געענטפערט:

— רבי! און אַז מיין ברודער מאַכט אַ שמחה, דאַרף איך מיך נישט פרעהען?...

עס האָט זיך אַמאָל אַ רב געווענדעט צו איינעם פון די בעלי־בתים, וועלכער האָט זיך שטאַרק משמח געווען אום שמחת־תורה, און איהם געפרעגט: וואָס איז מיט אייך, ר׳ איד, די שמחה? איך לערן, און איהר פרעהט זיך?

דערויף האָט איהם יענער געענטפערט: הלמאי, רבי, ערב יום־כפור, בין איך זיך מתודה און זאָג: „על חטא שחטאנו לפניך בכפת שוחד״. וואָס פאַר אַ שייכות האָט צו

מיר דער דאָזיגער חטא? בין איך דען אַ רב, וואָס איך נעהם שוחד? אלא וואָס דען, „כל ישראל ערבים זה בזה״, איין איד איז ערב פאַר׳ן צווייטען, איז אויב איך בין אַ שותף צו אייערע חטאים, מעג איך דאָ אויך זיין אַ שטיקעל שותף צו אייער תורה־לערנען...

יום־טוב נאָכ׳ן דאַווענען זענען עטליכע סלאָנימער בעלי־בתים אריינגעקומען צו רבי אייזלען מקיים זיין דעם חוב פון „כיבוד יום־טוב״ און פון „חייב אדם להקביל פני רבו ברגל״. אָבגעזעסען עטליכע מינוט בעמערקט רבי אייזיל, ווי זיי איילען זיך און ווילען שוין געהן אַ היים, מאַכט ער צו זיי: היות, ווי איהר איילט זיך און עס איז איצטער נישט קיין זמן צו זאָגען תורה, וועל איך אייך בלויז זאָגען אַ טעם אויף דעם מנהג, וואָס איז אָנגענומען ביי די בעלי־בתים, צו מאַכען די יום־טוב׳דיגע וויזיטען ביים רב פאַר׳ן עסען, געהענדיג אַ היים פון שוהל. דאָס ערקלערט זיך דערמיט, וואָס יום־טוב, ווי איהר ווייסט, דאַרף זיין „חציו לד׳ וחציו לכם״, און פון איין העלפט צו דער צווייטער העלפט קאָן מען נישט אַריבערשפּרונגען אַזוי לייכט, עס מוז דערביי זיין אַ געוויסער איבערגאַנג, פונקט, למשל, ווי צווישען ווינטער און זומער איז דער איבערגאַנג — דער פריהלינג, צווישען זומער און ווינטער — דער הערבסט, צווישען טאָג און נאַכט — דער בין־השמשות און שקיעת־החמה, און צווישען נאַכט און טאָג — דער עמוד־השחר און נץ־החמה. ווי אַזוי־זשע געהט מען איבער פון „חציו לד׳״ צום „חציו לכם״? — איז די עצה דערצו, מען זאָל אין דער צווישען־צייט, געהענדיג פון שוהל, אריינגעהן צום רב; היות, ווי דער רב לערנט נישט און די בעלי־בתים צאָהלען איהם קיין פּענסיע נישט, איז ער דער ריכטיגער איבערגאַנג, דער אמת׳ער פערמיטלער צווישען די צוויי העלפטען, מחמת ער איז נישט „לד׳״ און נישט „לכם״...

(שיחות חכמים)

דער נודע־ביהודה איז געווען אַ געגנער פונ׳ם דאָזיגען מנהג צו געהן שמחת־תורה מיט וויזיטען צום רב, און ער האָט איהם ביי זיך אין פּראָג אָבגעשאַפט. דער דאָזיגער מנהג, האָט ער ערקלערט, נעהמט זיך פונ׳ם מאמר אין דער גמרא: „חייב אדם להקביל פני רבו ברגל״ (ר״ה ט״ז), ווייל פונקט אַזוי, ווי מען דאַרף אום יו״ט עולה רגל זיין קיין ירושלים און מקבל זיין פני השכינה, דאַרף מען אויך מקבל זיין פני רבו. היות אָבער, ווי מיר זענען דאָך בזמן־הזה נישט ביכולת מקיים צו זיין די מצוה פון „ראיה״, פון „לעלות ולראות״, דאַרף מען אויך די מצוה פון „להקביל פני רבו״ מבטל זיין, כדי דער כבוד רבו זאָל נישט זיין גרעסער, ווי דער כבוד שמים... און אַזוי ווערט טאַקי גע׳פסק׳נט אין „נודע ביהודה״ (מהדורא תנינא אוח׳ סי׳ צ״ד), אַז בזמן הזה איז נישט שייך די מצוה פון „חייב אדם להקביל פני רבו ברגל״...

רבי משה־לייב סאַסובער האָט אַמאָל, מוצאי שמחת־תורה נאָך מעריב, בעמערקט, ווי ביי אַ טייל פון עולם הויבען אָן די פּנימ׳ער צו ווערען ערנסט און פער׳דאגה׳ט צוליעב׳ן יום־טוב, וואָס געהט אַוועק, צוליב די וואָכעדיגע, שווערע ווינטער־טעג וואָס קומען אָן, האָט ער אַ קנאַק געטהון מיט׳ן פינגער און אויסגערופען: נישט גע׳דאגה׳ט, אידען! דער רבונו־של־עולם פון „אתה חוננתנו״ איז דער זעלבער רבונו־של־עולם פון „אתה בחרתנו״, נישט געזאָרגט!...

חנון בידם מעבידים...

וואָס איז דער פּשט „בידם מעבידים״?

נאָר ראש־השנה און יום־כּפּור — האָט געזאָגט דערויף רבי ברוך מעזשיבוזשער — דיענען אידען דעם אויבערשטען בלויז מיט׳ן מויל, בתפלה ובתחנונים, סוכות דאַגעגען הויבט מען איהם אָן דיענען מיט די הענד, מיט׳ן „ולקחתם לכם״, מיט׳ן האַלטען אין דער האַנד די ארבעה מינים... און מיר ווייזען, אַלזאָ, דעם רבונו־של־עולם, אַז מיר זענען נישט יוצא בלויז מיט׳ן מויל, נאָר — „חנון בידם מעבידים״, מיר זענען גרייט צו דיענען איהם אויך מיט די הענד...

חֲנֻכָּה

אַלע יעניגע אידישע ימים־טובים וועלכע ווערן געפייערט צוליעב געשעהענע נסים, האָבען אַ שייכות מיט ליכטיגקייט, מיט דער פערשטאַרקונג פון האור על החושך.

ביי די נסים פון מצרים — „ולכל בני ישראל היה אור במושבותם״; ביי׳ם נס־פורים — „וליהודים היתה אורה״; ביי׳ם נס־חנוכה — פך שמן, הדלקת הנרות...

(אסיפת חכמים)

אין ספר „טעמי המנהגים״ ווערט געבראַכט אין נאָמען פון חתם סופר אַ מערק־ווירדיגער טעם, פאַרוואָס דער נס חנוכה ווערט כלל נישט דערמאָהנט אין דער משנה.

דאָס זאָל זיין דערפאַר, ווייל רבינו הקדוש, דער מסדר המשנה, האָט געשטאַמט, כידוע, פון מלכות בית־דוד, פון די זרע־המלוכה, און דער נס חנוכה איז געשעהען דורך די חשמונאים, וועלכע האָבען נאָכ׳ן נצחון פערכאַפּט די מלוכה, הגם זיי זענען דערצו נישט בערעכטיגט געווען, ווייל זיי זענען נישט געווען פון בית־דוד, און דעריבער האָט ער דעם דאָזיגען יום־טוב אינגאַנצען נישט דערמאָהנט...

פון צווישען אַלע מועדים און ימים־טובים איז חנוכה דער איינציגער מועד, וואָס ווערט נישט דערמאָהנט אין תנ״ך, און דעריבער פרעגט די גמרא: „מאי חנוכה״?

(מגיד משנה)

„מאי חנוכה? דתני רבנן בכ״ה בכסליו וכו׳ ולא הי׳ בו אלא להדליק יום אחד, נעשה בו נס והדליקו ממנו ח׳ ימים״ (שבת כ״א)

אויף דער בעקאַנטער קשיא פון „בית־יוסף״, הלמאי מיר פייערן אַכט טעג חנוכה, ווערענד דער נס איז דאָך נאָר געווען ז י ב ע ן טעג — דען אויף דער ערשטער נאַכט איז דאָך אינ׳ם פך־שמן געווען גענוג בוימאייל — ווערן געענטפערט פערשידענע תירוצים. אַמ׳פשוט׳סטען ענטפערט דער ט״ז, נעמליך, אַז דער נס איז געווען אויך אין דער ערשטער נאַכט: דער בוימאייל (כאָטש ער האָט נישט געקלעקט מעהר ווי אויף איין נאַכט) האָט נישט אויסגעברענט אינגאַנצען, כדי דער וויטערער נס און ברכה זאָל האָבען אויף וואָס חל צו זיין.

דערויף בעמערקט דער חתם־סופר, אַז אינ׳ם פיוט־לחנוכה „מעוז צור ישועתי״ געפינען מיר אַ בפירוש׳ע בעשטעטיגונג צום ט״ז׳ס ענטפער, עס ווערט דאָרט דייטליך געזאָגט: „ומנותר קנקנים נעשה נס לשושנים, בני־בינה ימי שמונה קבעו״. דערפאַר, הייסט עס, האָבען די בני־בינה, די חכמים, קובע געווען גאַנצע אַכט טעג חנוכה, ווייל דער נס איז געשעהען „מ נ ו ת ר ק נ ק נ י ם״, דערפון, וואָס אין דער ערשטער נאַכט האָט דער בוימאייל נישט אויסגעברענט אינגאַנצען — ובמילא איז דאָך דער נס געווען באַלד ביי׳ם ערשטען נר־תמיד...

דער „קומץ המנחה" ענטפערט אויף דער דאָזיגער קשיא מיט אַ משל:

עס איז אַמאָל אַ רייכער סוחר געפאָהרען קיין לייפציג אויף אַ יריד און ער האָט געהאַט ביי זיך אַכט זעקלעך מיט גאָלדענע טאַלערס. אויפ'ן וועג זענען איהם בעפאַלען גזלנים, וועלכע האָבען פון איהם צוגערויבט דאָס געלט און עפ"י נס האָבען זיי איין זעקעל מיט גאָלד נישט דערזעהן און עס איבערגעלאָזען.

קומענדיג אין נאָהענטסטען ישוב האָט ער געדינגען פויערים, זיי זאָלען נאָכיאָגען די גזלנים און דערביי האָט ער אַ נדר געטהון, דאָס באם השי"ת וועט איהם העלפען און ער וועט אָבראַטעווען זיין געלד, וועט ער דערפון אָראָבגעבען מעשר אויף צדקה. זיין תפלה איז דערהערט געוואָרען און דער סוחר איז אַהיימגעפאָהרען מיט זיין געלד שמח וטוב לב. דאַן זענען געקומען צו איהם די גבאי־צדקה איינקאַסירען דעם מעשר און דאָ איז ענטשטאַנען צווישען זיי אַ שקלא־וטריא: לויט'ן חשבון פון סוחר איז אויסגעקומען, אַז ער דאַרף געבען מעשר נור פון די זיבען אַוועקגערויבטע און צוריק געפינענע זעקלעך מיט גאָלד, אָבער נישט פון אַכטען זעקעל, וואָס מען האָט איהם לגמרי נישט געטשעפעט, דערויף האָבען איהם די גבאים ערקלערט, אַז ער האָט אַ טעות, אַז אויך דערפון דאַרף ער אָראָבגעבען מעשר, מחמת מיט'ן דאָזיגען אַכטען זעקעל איז געשעהען דער וויכטיגסטער נס: ווען מען וואָלט איהם נישט איבערגעלאָזט דאָס דאָזיגע זעקעל מיט'ן געלד, וואָלט ער נישט געהאַט די מעגליכקייט צו דינגען מענשען נאָכ־צויאָגען די גזלנים און ער וואָלט דאַן קיין איין גראָשען נישט געווען אָבגעראַטעוועט...

און דאָס זעלבע איז אויך מיט'ן פך שמן: ווען נישט דער נס, וואָס די יונים, דורכנישטערענדיג דעם בית־המקדש, האָבען פערזעהען דאָס דאָזיגע קריגעל בוימאייל און עס נישט אָנגעריהרט, וואָלט דאַן נישט געקענט געשעהען דער וויטערער נס, אַז אַנשטאָט איין טאָג זאָל דער בוימאייל ברענען גאַנצע אַכט טעג און אָט צוליעב'ן דאָזי־גען נס, וואָס האָט גורם געווען צו די וויטערע נסים, ווערט דעריבער געפייערט אַ בעזונדערער טאָג חנוכה...

תוספות — האָט געענטפערט דערויף רבי יעקב יצחק פון פשיסכע (דער „יוד הקדוש") — פרעגט, ווי אַזוי האָט מען זיך געמעגט בענוצען מיט'ן געפונענעם פך שמן, הגם ער איז געווען פער'חתמ'עט בחותמו של כהן גדול. מען האָט דאָך גוזר געווען, אַז עכו"ם האָבען דעם דין ווי זבים, וועלכע זענען מטמא אויך „בהיסט" (מיט דער בלויזער בעוועגונג)?

אָבער — האָט דער „יוד הקדוש" אויסגעפיהרט בבדיחות — אַ טייל פונ'ם גרויסען נס איז טאַקי בעשטאַנען אין דעם, וואָס עס איז דאַן קיינעם בעת־מעשה נישט איינגעפאַלען צו פרעגען תוספות'ס קשיא... און דער דאָזיגער נס איז דאָך ממילא חל געווען אויך אויפ'ן ערשטען טאָג.

אינטערעסאַנט איז אָבער, דאָס אין די „שאילתות דר' אחאי גאון", ווערט געבראַכט דער נוסח פון דער גמרא: „ולא היה בו להדליק אפילו יום אחד", ד. ה. אַז אפילו אויף איין טאָג איז אויך נישט געווען קיין בוימאייל וממילא פאַלען שוין אַוועק אַלע קשיות...

אין פסיקתא רבתי פרק ב' ווערט אָנגעגעבען אַ גאַנץ אַנדערער טעם ווי אין דער גמרא, וועגען דער פייערונג פון אַכט טעג חנוכה.

„בשעה — ווערט דאָרט געזאָגט — שנצחו בניו של חשמונאי כהן גדול למלכות יון וכו׳ נכנסו לבית־המקדש ומצאו שם שמונה שפודין של ברזל וקבעו אותם והדליקו בתוכם נרות״.

לויט דעם קומט אַלזאָ אויס, אַז די אַכט טעג חנוכה זענען כנגד די שמונה שפודין של ברזל, אין וועלכע מען האָט אָנגעצינדען ליכט.

אַנ׳אָנדייטונג דערצו געפינען מיר אויך אין מס׳ מנחות, פונוואַנען עס איז צו זעהען, אַז אין בית־המקדש האָט זיך געפינען אַ מנורה פון די חשמונאים, וועלכע איז געווען געמאַכט פון שפודין של ברזל (מנחות כ״ח).

דער נצחון פון די חשמונאים און דער אָנהויב פון זייער הערשאַפט איז געפייערט געוואָרען מיט אַכט טעג חנוכה און — מערקווירדיג! אַכט הערשער האָט פון זיך אַרויסגעגעבען די דינאַסטיע פון די חשמונאים: יהודה, יונתן, שמעון, יוחנן, אַריס־טובול, אלכסנדר־ינאי און די ברידער אריסטובול און הורקנוס. די אַכט טעג חנוכה האָבען, אַלזאָ, פאָראויס מרמז געווען אויף די אַכט הערשער פון בית־חשמונאי...

(דר. אהרן יעלינעק)

פערשיעדענע ערקלערונגען ווערען געגעבען וועגען דער בעדייטונג פון וואָרט „חשמונאים״, מיט וועלכען יהודה און מתתי׳ און זייערע קינדער ווערען אָנגערופען אין דער משנה (מדות פ״א ו׳) און אין דער גמרא (שבת כ״א: „מלכות בית חשמונאי״; בבא־קמא פ״ב: „כשצרו מלכי חשמונאים זה על זה״).

דער רד״ק, אין זיין פירוש אויף תהלים, בעמערקט, אַז „חשמונאים״ ווערט גע־מיינט אין זין פון „חשמנים״, שרים, נכבדים, ווי — „יאתיו חשמנים מני מצרים״ (תהלים סח. לב.). אַנדערע ווילען האָבען (און אַזוי ווערט אויך געבראַכט אין ספר „חמש ידות״), אַז „חשמונאי״ זאָל זיין אַ צוזאַמענשטעל פון ראשי־תיבות, וועלכע זענען מרמז אויף די גזירות, וואָס די יונים האָבען דאַמאָלס גוזר געווען אויף אידען, און נעמליך: חדש, שבת, מילה, נדה, אישות...

עס זענען אָבער פאַרהאַן נאָך פערשיעדענע אַנדערע ערקלערונגען. עס איז פאַרהאַן, למשל, א מיינונג, אַז דער זיידע פון מתתי׳, דער פאָטער פון יוחנן כהן גדול, זאָל האָבען געהייסען „חשמונאי״. אָבער אַמוואָהרשיינליכסטען זעהט אויס צו זיין די אייג־פאַכע ערקלערונג, אַז „חשמונאים״ האָט מען זיי גערופען דערפאַר, ווייל זיי זאָלען האָבען געשטאַמט פון אָרט „חשמון״ אין נחלת־יהודה, וואָס ווערט דערמאָהנט אין יהושע (טו. כז.).

מערקווירדיג! די בעקאַנטע ברייתא (שבת כ״א), וואו עס ווערט דערצעהלט און ערקלערט דער טעם פון „מאי חנוכה״, ענדיגט זיך סתם: „לשנה אחרת קבעום יו״ט בהלל והודאה״, נישט דערמאָהנענדיג דערביי לגמרי דעם חוב און די מצוה פון נר־חנוכה!...

(אמרי אמת)

„לשנה אחרת קבעום ועשאום יום־טוב בהלל והודאה״ (שבת כ״א)

פאַרוואָס ערשט לשנה אחרת און נישט אינ׳ם זעלבען יאָהר?

נאָר אויף דער קשיא פון ט״ז: פאַרוואָס פורים ווערט געפייערט במשתה ושמחה און חנוכה בלויז בהלל ובהודאה, ווערט געענטפערט, אַז פורים, הגם די גזרה איז דאַן

געווען: „להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים", איז דאָך אָבער פאַקטיש, איידער דער נס איז געשעהען, קיין שום איד נישט אומגעקומען, איז דעריבער פייערט מען דעם יום־טוב במשתה ושמחה. חנוכה דאַגעגען, טראָץ דעם נס, וואָס די אידישע מינ־דערהייט האָט אין דער מלחמה גובר געווען דעם גרעסערען און שטאַרקערען שונא, זענען דאָך אָבער אין דער דאָזיגער מלחמה אַ סך אידישע קרבנות געפאַלען, און דער־פאַר ווערט אינ׳ם דאָזיגען יום־טוב נישט געפראַוועט קיין משתה ושמחה...

און צוליב אָט דעם דאָזיגען טעם, אַלס טרויער־צייכען פאַר די געפאַלענע קרבנות, האָט מען אויפ׳ן זעלבען יאָהר בכלל נישט בעשטימט קיין יום־טוב און מען האָט עס אָבגעלעגט — לשנה אחרת...

(פתחי תורה)

אין נאָמען פון הרב קוק ווערט נאָכגעזאָגט, אַז דעריבער האָט מען געפייערט דעם יום־טוב ערשט לשנה אחרת און נישט אינ׳ם זעלבען יאָהר, ווייל בשעת עס געשעהט פלוצלינג אַ נס דאַרף מען פריהער אָבוואַרטען אַ געוויסע צייט און זעהען, ווי אַזוי דער נס וועט זיך ענטוויקלען און וואָס דערפון וועט ווערען, דען אין דער אידישער געשיכטע האָט שוין בעוונותינו הרבים נישט איינמאָל פּאַסירט, ווען נאָך דער פלוצלינגער פרייד, בעת מען איז געווען זיכער אינ׳ם געשעהענעם נס און אין דער ערוואַרטעטער ישועה, איז געקומען די טרויעריגע ענטוישונג און מען האָט זיך אַרומגעזעהן, אַז די שמחה איז אַ פאַלשע און פריהצייטיגע געווען...

דעריבער ווערט חנוכה געפייערט בלויז בתפלה ובהודאה און פורים — במשתה ושמחה, ווייל די יונים האָבען בעיקר געשטרעבט אויסצוראָטען די אידישע תורה, צו בעקעמפען אונז גייסטיג, דאַגעגען המן האָט אונז געוואָלט אומברענגען פיזיש. איז דער־פאַר ווערט חנוכה געפייערט ברוחניות און פורים — בגשמיות...

(חנוכת יוסף)

דעריבער — פלעגט זאָגען דער אַלעקסאַנדערער רבי, רבי העניך — ווערט דער נס־פורים געפייערט במשתה ושמחה און דער נס־חנוכה בהלל והודאה, ווייל די גזירה פון המן ימ״ש איז געווען געווענדעט געגען אַלע אידען גלייך, אַלע האָבען זיך דאַן געפינען אין דער זעלבער סכנה, די סכנה פון „להשמיד להרוג ולאבד", און דעריבער ווערט אויך דער נצחון געפראַוועט דורך אַלעמען גלייך, במשתה ושמחה, דאַגעגען די גזירה פון אנטיוכס ימ״ש איז געווען מעביר צו זיין די אידען על דתם, און דאָ זענען שוין נישט געווען אַלע גלייך, דען דער, וואָס איז געווען מעהר פרום, מעהר ירא וחרד, דער האָט פון דער דאָזיגער גזירה מעהר געליטען, מעהר יסורי הנפש אויסגעשטאַנען... און דעריבער האָט מען דעם דאָזיגען יום־טוב קובע געווען בהלל והודאה, אַ זאַך, וואָס איז אויך נישט גלייך ביי אַלעמען — יעדער איינער לויבט און דיענט השי״ת לויט זיין מדרגה אין עבודת־השם...

דער נס־חנוכה איז בעשטאַנען, כידוע, אין דעם, וואָס עס זענען טמא געוואָרען אין בית־המקדש „כל השמנים", אַלע איילען, און מ׳האָט דאַן געפונען בעהאַלטען אַ פך שמן פער׳חתמ׳עט בחותמו של כהן גדול. פרעגט מען אַ האַרבע קשיא: דער דין איז דאָך אין דער גמרא און אַזוי פסקנ׳ט אויך להלכה דער רמב״ם, אַז „משקין של בית מטבחים", ס׳הייסט פון בית־המקדש, זענען נישט מקבל טומאה?

ענטפערט דערויף דער חדושי הרי״ם: ווען זאָגען מיר, אַז די משקין, וועלכע גע־פינען זיך אין בית־המקדש זענען נישט מקבל טומאה, ווען דער בית־המקדש אַליין איז טהור. דאַמאָלס אָבער איז דאָך דער בית־המקדש גופא געווען טמא און נישט געהאַט אין זיך קיין קדושה, ווי מיר זאָגען: „ואח״כ באו בניך לדביר ביתך ופינו את היכלך וטהרו את מקדשך״, אַז מען האָט דעם בית־המקדש זעלבסט געדאַרפט מטהר זיין, וממילא האָבען שוין די אַלע איילען נישט געהאַט מעהר דעם דין פון „משקין של בית מטבחים״...

צווישען די אַלטע אידישע היסטאָריקער הערשט אַ שטאַרקע חלוקי־דעות, צי יוחנן כהן־גדול, וועלכען מיר דערמאָהנען אין דער תפלה פון על־הנסים, איז דער זעל־בער, וועגען וועמען די חז״ל זאָגען, אַז „שימש שמונה שנים בכהונה גדולה ולבסוף נעשה צדוקי״, אָדער עס איז אַן אַנדערער. דער רמב״ם, אין דער הקדמה צו משניות, זאָגט בפירוש: „יוחנן כה״ג בן מתתיהו המוזכר בתפלות״, אַז עס איז, הייסט עס, יאָ דער זעלבער יוחנן, דערויף ווייזט אָן דער יוחסין, אַז דער רמב״ם האָט געהאַט אַ טעות און ער בעווייזט מיט פערשידענע ראיות, אַז דער יוחנן, וואָס ווערט דערמאָהנט אין דער תפלה איז נישט דער זעלבער שנעשה צדוקי. די היסטאָריקער זענען מסכים מיט׳ן יוחסין, אַז דער רמב״ם האָט געהאַט אַ טעות. ובכלל — וואונדערען זיי זיך — ווי גע־שיקט זיך עס, אַז דער נאָמען פון יוחנן כהן גדול שנעשה צדוקי זאָל דערמאָהנט ווערען אין דער תפלה?

באמת אָבער האָט מען אינ׳ם דאָזיגען גרויסען אָמפערניש פערזעהען אַ קליינ־קייט: אין דער תפלה פון על הנסים ווערט געזאָגט: „בימי מתתיהו בן יוחנן כהן גדול חשמונאי״, מתתיהו דער זוהן פון יוחנן כהן גדול, אין רמב״ם דאָגעגען ווערט געזאָגט גאַנץ אַנדערש: „יוחנן כהן גדול בן מתתיהו המוזכר בתפלות״, יוחנן כהן גדול דער זוהן פון מתתיהו וועלכער ווערט דערמאָהנט אין די תפלות. די ווערטער „המוזכר בתפלות״ בעציהען זיך, אַלזאָ, אויף מתתיהו׳ן. אָט דער דאָזיגער מתתיהו האָט געהאַט אַ זוהן, וועלכער האָט אויך געהייסען יוחנן און איז אויך געווען אַ כהן־גדול און וועגען איהם איז עס געזאָגט געוואָרען, אַז — „לבסוף נעשה צדוקי״...

(הרב ישכר גראָס)

„מסרת גבורים ביד חלשים ורבים ביד מעטים וטמאים ביד טהורים ורשעים ביד צדיקים״...

מילא „גבורים ביד חלשים ורבים ביד מעטים״ איז טאַקי אַ רבותא, אַ וואונדער־ליכע זאַך, אָבער וואָס פאַר אַ רבותא איז עס, וואָס די טמאים זענען איבערגעגעבען געוואָרען ביד טהורים און רשעים ביד צדיקים?

באמת אָבער איז אויך דאָס אַ גרויס נס, אַ זאַך, וואָס איז חוץ לדרך־הטבע, דען בדרך־הטבע איז שטענדיג דער טמא גובר דעם טהור און דער רשע — דעם צדיק...

(אמרי חן)

„בהרת זו יון שהיתה מבהרת בגזירותיה של ישראל ואומרת להן: כתבו על קרן השור שאין לכם חלק באלקי ישראל״ (מדרש רבה ויקרא פ׳ טו.)

וואָס עפּעס „על קרן השור״?

נאָר וועגען אַ שור המזיק ווערט געזאָגט, אַז זיינע היזקות טיילען זיך אין פער־

שידענע קאַטעגאָריעס: „שן — יש הנאה להיזקו", „רגל — אין כוונתו להזיק", „קרן — כוונתו להזיק ואין הנאה להיזקו".

די יונ'ישע גזירות ווערן דעריבער דורך די חז"ל כאַראַקטעריזירט אַלס „כתבו על קרן השור", פונקט ווי ביים „קרן השור" איז זייער כוונה בלויז להזיק, צו פייניגען די אידען, כאָטש עס איז „אין הנאה להיזקו", הגם זיי אַליין האָבען עפ"י רוב דערפון קיין שום נוצען און קיין שום הנאה נישט...

(הרב צבי יחזקאל מיכעלזאָהן)

ווי באַקאַנט, איז איינע פון די שאַרפסטע געגענזאַצען צווישען דער אידישער און גריכישער קולטור בעשטאַנען דעריין, וואָס אין דער צייט, ווען ביים אידענטום איז דער עיקר די עטישע השלמה פון מענש, זיין מאָראַלישע און גייסטיגע דערהויבונג, פאַר־נעהמט ביים העלעניזם דעם ערשטען פּלאַץ די עסטעטיק און פיזישע קראַפט. דער אָקס, דער עגיפּטישער „אַפּיס", איז ביי די גריכען פערהערליכט געווען אַלס סימבאָל פון שענקייט און גבורה און דאָס, אַלזאָ, ווערט געמיינט מיט די ווערטער: „ואומרת להן כתבו על קרן השור"...

(חיים צבי יודקעוויטש)

„מהדרין מן מהדרין — נר לכל אחד ואחד" (שבת כ"ב)

פאַרוואָס געפינען מיר נישט ביי קיין שום מצוה דעם אויסדרוק „מהדרין מן המהדרין", אַ חוץ ביי נר־חנוכה? — דערויף ענטפערט דער חדושי־הרי"ם: אין פלוג איז דאָך קשה, פאַרוואָס האָט מען דאַן געדאַרפט אָנקומען צו אַ נס? מען האָט דאָך אַ ברירה געהאַט, איינטיילענדיג דעם „חצי לוג שמן" אויף אַכט חלקים, אָנצוצינדען זעהר דינע קנייטלעך, וועלכע זאָלען קאָנען ברענען גאַנצע אַכט טעג? איז אויב מען האָט אַזוי נישט געטהון, איז עס דערפאַר, ווייל זיי האָבען געוואָלט, אַז די הדלקה זאָל גע־מאַכט ווערען בדרך־יופי, בהידור — און דעריבער, אַלזאָ, ווערט ספּעציעל ביי דער־דאָזיגער מצוה אַ בעזונדער אַכט געלעגט אויף די „מהדרין מן המהדרין"...

דער גערער רבי האָט אויף דער דאָזיגער קשיא געענטפערט מיט פאָלגענדען פּלפּול:

אין פלוג איז דאָך אייגענטליך אונפערשטענדליך דאָס, וואָס די גמרא דערצעהלט, אַז דער פּך שמן איז געווען מיט דער חתימה פון כהן גדול. ווי קומט אויפ'ן בוימאייל דעם כהן גדול'ס חתימה? גיכער האָט זיך געדאַרפט געפינען דערויף די חתימה פון גזבר, וועלכער האָט געהאַט השגחה איבער די אַלע זאַכען? נאָר מוז זיין, אַז דער פּך שמן, וואָס מען האָט דאַמאָלס געפינען האָט גראד געהערט צום כהן גדול זעלבסט און געזאָלט האָט דער דאָזיגער בוימאייל דינען צום מנחת חביתין, וואָס דער כהן גדול פלעגט מקריב זיין. איז דאָך אָבער ווייטער קשה: ווי אַזוי האָט מען דעם בוימאייל פון דער מנהה געמעגט נוצען צו דער מנורה, דער דין איז דאָך, אַז דער שמן צו דער מנורה האָט געמוזט זיין „כתית" און — „כתית למאור ואין כתית למנחות"? נאָר מוז אודאי זיין, אַז דער כהן גדול איז געווען אַ מהדר במצוות און אַפילו צו דער מנחת חביתין האָט ער אויך גענוצט דעם ריינסטען בוימאייל, ווי צו דער מנורה.

באופן זה קומט אַלזאָ אויס, אַז דער נס־חנוכה איז געשעהען אַ דאַנק דעם, וואָס דער דאַמאָלסדיגער כהן־גדול איז געווען אַ מהדר במצוות און דעריבער זענען ביי דער דאָזיגער מצוה פאַרהאַן „מהדרין" און „מהדרין מן המהדרין"...

פריהער רעכענט די גמרא אויס אַלע דינים פון נר־חנוכה: וועלכע בוימאיילען און קנייטלעך מען מעג נוצען און וועלכע נישט; ווי אַזוי און וויפיעל ליכטלעך מען דאַרף צינדען און ווען, און ווי לאַנג זיי דאַרפען ברענען — און ערשט דאַן פרעגט די גמרא: מאי הנוכה, וואָס איז דאָס אַזעלכעס חנוכה? איז אייגענטליך וואָלט דאָך די דאָזיגע פראַגע געדאַרפט געשטעלט ווערען פריהער, צום סאַמע אָנהויב, פאַר׳ן אויסרעכענען די דינים?

— נאָר דאָס איז אַ למוד — האָט דערויף געענטפערט רבי משה קאָברינער — אַז אַ איד דאַרף קודם טהון די מצוה, אַפילו ווען ער ווייסט נישט און פערשטעהט נישט איהר טעם און זין. וועגען דעם האָט ער צייט אַריינצוטראַכטען שפּעטער, נאָכ׳ן מקיים זיין די מצוה...

„נר חנוכה מצוה להניחה על פתח ביתו מבחוץ... ובשעת הסכנה מניחה על שלחנו ודיו״
(שבת כ״א)

איינס פון די עקרי־היהדות איז: נישט צו זאָרגען בלויז פאַר זיך, נאָר אויך עוסק זיין אין דער מצוה פון „חנוכה״, פון חינוך און ערציהונג, אויך די אַנדערע אידען „מבחוץ״ מחזיר־למוטב זיין. אָבער „ובשעת הסכנה״, אין אַ צייט, ווען דאָס איז אונמעגליך צו טהון, אין אַ צייט, ווען מען געפינט זיך אין דער לאַגע פון „והמשכיל בעת ההיא ידום״ איז „מניחה על שלחנו״, דאַרף מען כאָטש השגחה געבען אויפ׳ן אייגענעם הויז, אויף די אייגענע קינדער...

(עוללות אפרים)

פאַרצייטענס, ווי עס איז צו זעהען פון דער גמרא (שבת כ״א), האָט מען געצינדען דעם נר־חנוכה מבחוץ, אין דרויסען. פאַרוואָס היינט צינדען מיר מבפנים, אין שטוב?

ווייל אַמאָל זענען אונזערע שונאים געווען אין דרויסען און מיט׳ן נר־חנוכה האָבען מיר דעמאָנסטרירט דעם נצחון, וואָס מיר האָבען אָבגעהאַלטען איבער די דאָזיגע אויסערליכע שונאים, די יונים, וועלכע האָבען געוואָלט עוקר זיין דעם דת.

היינט אָבער געפינען זיך די שונאים פון אידישקייט אינעווייניג, מבפנים, און געגען זיי דאַרפען מיר היינט דעמאָנסטרירען דעם נצחון פון יהדות, געגען אונזערע אייגענע, היימישע שונאים...

(דברים בעתם)

לויט׳ן דין, אויב איינער האָט קיין געלד נישט צו קויפען נרות־חנוכה, און דאָס זעלבע אויך אויב ער האָט נישט אויף ארבע כוסות, איז ער מחויב צו זיין אַ „מחזר על הפתחים״, אַרומצוגעהן פשוט בעטלען און צו קלויבען נדבות דערויף. פאַרוואָס האָט מען דוקא ביי די דאָזיגע צוויי מצוות מחמיר געווען אין דער הינזיכט מעהר ווי ביי אַלע אַנדערע מצוות?

ווייל וועגען יעדע אַנדערע מצוה — האָט דערויף ערקלערט רבי אברהמ׳לע סאָכאַטשאָווער — ווערט געזאָגט: „חשב אדם לעשות מצוה ונאנס ולא עשה מעלה עליו הכתוב כאלו עשאה״, דען „מחשבה טובה הקב״ה מצרפה למעשה״. ביי אַלע אַנדערע מצוות, אויב ער איז אַנ׳אנוס, איז אַלזאָ די מחשבה טובה אַליין אויך גענוג. ביי נרות־חנוכה אָבער, ווי אויך ביי ארבע כוסות, איז דאָך דער עיקר טעם פון דער מצוה — „לפרסומי ניסא״, און דאָ קאָן מען שוין נישט יוצא זיין מיט דער מחשבה, מיט דער בלויזער מחשבה קאָן מען דעם נס נישט מפרסם זיין...

דער סדר־הברכות ביי חנוכה־ליכט איז: להדליק נר של חנוכה, שעשה נסים און שהחיינו.

דער סימן פונ׳ם דאָזיגער סדר — האָט דערויף בעמערקט רבי יצחק וואָלאָזשינער — איז אָנגעוויזען אין אַ פסוק אין דער תורה: „עשה לך שרף (להדליק) ושים אותו על נס (שעשה נסים) וראה אותו וחי״ (שהחיינו)...

ביים אָנצינדען די נרות־חנוכה איז מען זיך נוהג צו זאָגען: „ויהי נועם וכו׳ ומעשה ידינו כוננה עלינו״.

דען ביי אַלע אַנדערע היסטאָרישע געשעהענישען, וועלכע זענען פערבינדען מיט נסים, ווי פסח און פורים, זענען די נסים געקומען אַליין, אָהן דער אידישער מיטהילף, אָהן שום מעשים פון זייער זייט. דאָגעגען דער נס פון חנוכה איז געגאַנגען צוזאַמען מיט מעשים, וואָס די אידען גופא האָבען דערביי אַרויסגעוויזען, מיט די העלדישע מעשים פון די חשמונאים, און דעריבער זאָגען מיר דערביי און זענען מרמז: „ומעשה ידינו כוננה עלינו ומעשה ידינו כוננהו״, מיר האָבען זיך נישט סומך געווען בלויז אויפ׳ן נס, נאָר אויך אויסגעצייכענט זיך מיט „מעשה ידינו״...

(רבי יעקב יצחק ריינעס)

„מצותה משתשקע החמה״ (שבת כ״א)

די מצוה פון הדלקת נר־חנוכה איז בעיקר נויטיג און נוצליך אין דער צייט פון שקיעת־החמה, ווען עס הויבט אָן ווערען פינסטער, ווען עס לאָזט זיך אויס דאָס חמימות און וואַרימקייט, ווען מען ווערט איז׳ם אַרומיגען חשכות דערדריקט פון ספיקות און יאוש און עס נעהמט זיך דוכטען, אַז עס איז כלו כל הקיצין, אַז עס איז שוין, חלילה, קיין שום האָפענונג נישטאָ. אין אַזאַ מאָמענט איז בעזונדערס נויטיג דאָס אָנצינדען די נרות־חנוכה, וועלכע זאָלען פערטרייבען דעם יאוש און וועקען התעוררות און בטחון אויף בעסערע, ליכטיגע צייטען...

(חרוזי פנינים)

„עד שתכלה רגל מן השוק״ (שבת כ״א)

פאַרוואָס ווערט אין דער גמרא נישט אָנגעוויזען בפירוש דער זמן, נאָר עס ווערט אָנגעגעבען אַ סימן: „עד שתכלה רגל מן השוק״?

נאָר דער נר־חנוכה — האָט געזאָגט דערויף רבי משה לייב סאַסעבער — דאַרף יעדען אידען דיענען אַלס לימוד, אַז מען דאַרף לעבען מיט בטחון, נישט איינרייסען די וועלט און „ולא כל המרבה בסחורה מחכים״, אַז פונקט אַזוי, ווי דער פך־שמן, וואָס האָט עפ״י דרך־הטבע נור געקלעקט אויף איין טאָג, האָט געברענט גאַנצע אַכט טעג, אַזוי קאָן אויך השי״ת העלפען דעם סוחר מיט ווייניג סחורה און קנאַפּ געלד, און דעריבער „מצותה — דאַרף מען זיך אַזוי פערטיעפען אין דער דאָזיגער מצוה — עד שתכלה רגל מן השוק״, ביז מען זאָל אָנהויבען צו פערשטעהן, אַז מען דאַרף נישט ליגען ביז שפּעט אין דער נאַכט אויפ׳ן מאַרק און נישט זיין פערהאָרעוועט צופיעל אין די עסקים...

„מצותה״ — פלעגט זאָגען דער חדושי הרי״ם — די מצוה פון נר־חנוכה דאַרף משפיע זיין אויפ׳ן יחיד אויף אַזוי ווייט, „עד שתכלה רגל מן השוק״, אַז עס זאָל

אויסראַטען פון איהם דאָס רגילות, די גשמיות'דיגע געוואוינהייטען און גראָבע מדות, מיט וועלכע ער שטעקט זיך אָן אין דער גאַס...

„פתילות ושמנים שאין מדליקים בהם בשבת מדליקים בהם בחנוכה"... (שבת כ"א)

אַפילו אַזעלכע נשמות („נר ד' נשמת אדם"), וואָס שבת איז זיי נישט מעורר און האָט אויף זיין קיין השפעה נישט, קאָן זיי חנוכה מעורר זיין, דען אויך אין די צייטען פון די חשמונאים האָבען זיך דאָן אַ גרויסער טייל אידען געפינען אין אַ זעהר נידריגע מדרגה און דאָך האָט זיי השי"ת געהאָלפען און עס האָט זיך מיט איינמאָל דערוועקט אין זיי די גרויסע התעוררות...

(רבי מענדעלי קאָצקער)

„אסור להרצות מעות כנגד נר חנוכה" (שבת כ"א)

ווייל דאָס איז „כנגד", אין קאָנטראַסט, צום נר־חנוכה, וועלכער איז דער סינאָנים פון אונזער גייסטיגען כח, מיט וועלכען מיר האָבען אין אַלע צייטען אויסגעהאַלטען די אָנגריפען פון אַלע אונזערע שונאים און וועלכער וועט סוף־כל־סוף פאַר אונז עפענען דעם וועג צו אונזער ענדגילטיגער ערלייזונג און בעפרייאונג. „חנם נמכרתם ולא בכסף תגאלון"...

„הדלקה עושה מצוה" (שבת כ"א)

דער עיקר זין פון דער דאָזיגער מצוה איז — די הדלקה, דאָס התלהבות, דער חשק, דער ברען!...

(קדושת לוי)

„כל התופס נר חנוכה בידו ועמד — ווערט געזאָגט אין שלחן־ערוך — לא עשה כלום".

דער וואָס האַלט דעם נר־חנוכה אין דער האַנד, „ועומד", און ער איז דערביי אַנ'עומד, וואָס ריהרט זיך נישט און פיהלט נישט דערביי דעם טיעפען רעיון, וואָס ליעגט אינ'ם נר־חנוכה — „לא עשה כלום", האָט ער גאַרנישט געטהון, האָט עס קיין שום ווערט נישט, דען די מצוה בעשטעהט נישט אין סתם אָנצינדען אַ ליכטעל. נישט דאָס מיינט מען...

(רבי ישראל טשאָרטקאָווער)

דער חדושי־הרי"ם האָט זיך אַמאָל פערשפעטיגט און געצינדען חנוכה־ליכט שפעט אין דער נאַכט.

— רבי — האָט דערויף עמיצער בעמערקט — די חז"ל זאָגען דאָך: „אין מחמיצין את המצוות"?

— די חז"ל זאָגען אָבער אויך — האָט דער חדושי־הרי"ם אָבגעענטפערט מיט אַ שמייכעל — „מי שאמר לשמן וידליק, יאמר לחומץ (אַנ'אָנדייטונג אויפ'ן „מחמיצין") וידליק"...

מען איז זיך נוהג, אַז דעם „שמש", מיט וועלכען מען צינדט אָן די ליכטלעך, שטעלט מען אַוועק העכער, איבער די נרות־חנוכה. דער מהר"ל גיט אָן דערויף אַ סימן: „שרפים עומדים ממעל לו". די „שרפים", די אָנצינדער, ווערען געשטעלט „ממעל לו", איבער די ל"ו, די זעקס און דרייסיג נרות חנוכה...

ווי עהנליך מיר זענען און ווי סימבאָליש אונזער גורל איז צום שמש פון די נרות־חנוכה! ער איז דער „ליכט־טרעגער״, וואָס צינדט־אָן אַלע ליכטלעך און — אַליין בלייבט ער נאָכהער שטעהן אין דער זייט, ווי אַן׳איבעריגער, אין וועלכען קיינער נויטיגט זיך נישט מעהר...

(עזרת ישראל)

פונוואַנען נעהמט זיך דער מנהג, וואָס אום חנוכה ווערען געפּראַוועט פערשידענע פערוויילונגען און שפּילערייען פאַר קינדער?

דאָס נעהמט זיך וואָהרשיינליך דערפון, וואָס, ווי עס איז צו זעהן פון ספר חשמונאים, האָבען זיך די מתיונים, די העלעניסטען, געווענדעט צו אנטיכוס׳ן מיט אַ פאָרשלאָג, „להקים בתי משחק בירושלים לחנך בתוכם את הנערים״ און מיט זיין הסכמה, ווערט דאָרט ווייטער דערצעהלט, איז הינטער ירושלים אויפגעשטעלט געוואָרען אַ גרויסער בית־משחק, אַ סטאַדיאָן, און עס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אַ בעפעהל צו אַלע פיזיש־געזונטע אידישע בחורים, זיי זאָלען קומען אַהין מיט מאַסקעס אויף די פנים׳ער און זיך פערנעהמען מיט ספּאָרט און מיט פוטבאָל־שפּיל און זיי זאָלען פעכטען צווישען זיך מיט שפּיזען און שווערדען...

נאָכ׳ן אָבגעהאַלטענעם נצחון, ווען מען האָט זיך בעפרייט פון דער גריכישער הערשאַפט און פון אַלע אויפגעצוואונגענע גריכישע מנהגים, האָט מען דעריבער, אַלס זכר, איינגעפיהרט אין די חנוכה־טעג קינדער־פערוויילונגען, וועלכע זאָלען טראָגען אַ ריין־אידישען כאַראַקטער...

(הרב י. ל. פישמאַן)

צווישען די ספרד׳ישע אידען אין ירושלים עקזיסטירט אַ זעלטענער מנהג: אינ׳ם לעצטען טאָג חנוכה געהען אַרום די ת״ת־קינדער איבער די הייזער פון די בעלי־בתים, ביי וועלכע זיי זאַמלען נדבות, זינגענדיג דערביי דעם פסוק: „שבו שברו לנו מעט אוכל״. פון די געזאַמעלטע נדבות ווערט געפּראַוועט אַ סעודה פאַר די תלמידים און מלמדים אַלס זכר פון חנוכת־המזבח. פאַר דער סעודה ווערט דער דערמאָהנטער פסוק געזונגען דריי הונדערט און אַכט מאָל, לויט דער גמטריא פון וואָרט „שבו״, און אַ חוץ דעם ווערט אויך געזונגען גאַנץ שיר־השירים...

דער ראַדזינער רבי, רבי גרשון־העניך, האָט אַמאָל אום חנוכה געלאָזט רופען צו זיך אַ דענטיסט, ער זאָל איהם אַרויסרייסען אַ קראַנקען צאָהן. ביים אַוועקגעהן האָט זיך דער דענטיסט אָבגעזאָגט און נישט געוואָלט נעהמען דעם דערלאַנגטען האָנאָראַר.

— זאָל דאָס זיין — מאַכט ער — במקום חנוכה־געלד, וואָס איך וואָלט אַלס בעל־הבית געדאַרפט געבען דעם רב.

רופט זיך אָן צו איהם רבי גרשון־העניך:

— דערצעהלט עס נאָר נישט, למען־השם, מיינע ראַדזינער בעלי־בתים, וואָרום עס קענען זיך געפינען צווישען זיי גאָר אַ סך בעלנים, וואָס אַנשטאָט צו געבען חנוכה־געלד, וועט איטליכער פון זיי בעסער וועלען אַרויסרייסען דעם רב אַ צאָהן...

אין חנוכה איז אַ מנהג צו שפּילען אין דריידעל, פּורים ווידער ווערט געדרעהט מיט אַ גרעגער. די דאָזיגע שפּילערייען סימבאָליזירען די געשעהענישען פוןביידע

צייטען און זיי זענען אויך אַנ׳אָנדייטונג לדורות, זיך נישט מייאש צו זיין אין די שווערסטע און פינסטערסטע מאָמענטען... עס ווערט אונז געוויזען דערמיט, אַז אין די ערגסטע צייטען, ווען מען מיינט, אַז עס איז שוין, חלילה, קיין שום רעטונג נישטאָ, ווי בימי המן, ווען די גזירה פון להשמיד ולהרוג איז שוין געווען אונטערגעחתמ׳עט פון קעניג זעלבסט, אָדער ווי אין דער מלחמה מיט די יונים, וועלכע זענען מיט זייער פילפאַכיגער צאָהל געווען זיכער אין נצחון, דאַך איז מיט איין „דרעה״ — אַלץ אַנדערש געוואָרען...

(דברי אליעזר)

רבי ישראל׳שע ריזשינער, דערצעהלט מען, איז אַמאָל אַריינגעקומען חנוכה ביינאַכט אין בית־המדרש אַריין און האָט געטראָפען דאָרט עטליכע בחורים שפילען אין „דאַמקע״. די בחורים זענען געבליבען שטאַרק פערשעהמט און דערשראָקען, דער ריזשינער אָבער האָט זיי בערוהיגט און געזאָגט:

— שפיעלט, קינדערלעך, עס איז דאָך היינט חנוכה, אָבער פערגעסט נישט אינ׳ם מוסר־השכל, וואָס מען קאָן זיך אָראָבלערנען פונ׳ם דאָזיגען שפיעל. ראשית, אַז מען מעג אַוועקגעבען איינס כדי צו בעקומען צוריק צוויי. שנית, צווי גענג מיט איינמאָל טאָר מען נישט געהן. דריטענס, געהן מעג מען נור אַרויף, אָבער נישט אויף צוריק, און פירטענס, אויב מען איז שוין אין דער הויך — מעג מען דאָן שוין געהן וואו מען וויל...

דער גאַסטינינער רבי האָט אַמאָל געטראָפען אום חנוכה עטליכע חסידים שפילען אין „אקא״. האָט ער זיך אָנגערופען צו זיי און געזאָגט: אַמאָל, אַלס אינגעל, האָב איך זיך איינמאָל צוגעקוקט, ווי מען שפילט אין „אקא״, האָב איך זיך דאָן אַראָבגעלערענט דערפון צוויי זאַכען: ערשטענס, אויב מען האָט שלעכטס, שלעכטע קאָרטען, וואַרפט מען עס אַוועק, דאַגעגען צווייטענס, אויב מען האָט גוטס, באַהאַלט מען עס ביי זיך און מען וויזט עס נישט אַרויס...

וועגען דעם זעלבען גאַסטינינער רבי׳ן ווערט דערצעהלט, אַז ער האָט אַמאָל, אַלס אינגעל, זיך געוואָלט אויסלערנען שפילען אין שאַך, אָבער בשעת מען האָט איהם צווישען די אויסגערעכענטע כללים פון שאַך־שפיל, ערקלערט, אַז אויב מען געהט אַ גאַנג איז שוין פערפאַלען, טאָר מען נישט געהן צוריק, איז עס איהם נישט געפעלען און ער האָט זיך אָבגעזאָגט דערפון:

— ניין — האָט ער ערקלערט — קיין „פערפאַלען״ איז ביי אַ איד נישטאָ און טאָר נישט זיין! אויף אַלעם פועל׳ט תשובה!...

פֶּסַח

פון וואַנען נעהמט זיך עס, וואָס דער שבת פאַר פסח ווערט גערופען „שבת־הגדול״?

דען לויט די חז״ל — ערקלערט דערויף רבי יעקב אָרנשטיין, דער בעל „ישועות יעקב״ — ווערט דער חג־הפסח אָנגערופען אין פסוק מיט'ן נאָמען „שבת״ — „ממחרת השבת״ (געגען דער דעה פון די צדוקים). עס קומט אַלזאָ אויס, אַז די דאָזיגע וואָך ענטהאַלט צוויי שבתים, און כדי צו אונטערשיידען צווישען זיי, ווערט דעריבער דער אמת'ער שבת אָנגערופען „שבת־הגדול״...

עס ווערען אַ חוץ דעם געגעבען דערויף נאָך פאָלגענדע ערקלערונגען:

„שבת־הגדול״ הייסט עס דערפאַר, ווייל עס ווערט דאַן געלייענט די הפטרה, וועלכע ענדיגט זיך מיט'ן פסוק: „הנני אנכי שולח לכם את אליהו הנביא לפני בוא יום ד׳ הגדול והנורא״.

(מטה משה)

אינ'ם דאָזיגען שבת, פאַר פסח, איז דער עולם דעם צווייטען האַלבען טאָג ביז מנחה פערזאַמעלט אין בית־המדרש, וואו דער רב דרשנ'ט פאַר זיי מעניני דיומא, צוליעב וואָס דער טאָג זעהט אויס ביי אַלעמען זעהר לאַנג. צוליעב דעם זעלבען טעם ווערט אויך יום־כפור אָנגערופען „צומא־רבה״, ווייל מען פערברענגט דאַן אַ גאַנצען טאָג אין בית־הכנסת.

(שבלי הלקט)

עס איז פאַרהאַן אַ חוץ דעם נאָך אַ מיינונג, אַז דעריבער הייסט עס „שבת־הגדול״, ווייל אינ'ם דאָזיגען שבת דרשנ'ט פאַר'ן עולם דער רב, דער גדול פון שטאָדט.

רבי מענדעלי ליסקער (דער פאָטער פון רבי נפתלי ראָפּשיצער), האָלטענדיג איינ־מאָל אום שבת־הגדול אַ דרשה, האָט ער זיך געווענדעט צום עולם און געזאָגט:

— ווי איהר ווייסט, רבותי, זענען זיך די רבנים נוהג אין דער שבת הגדול'דיגער דרשה צו פערענטפערען אַ האַרבען רמב״ם. נו, וואָלט איך אויך וועלען טהון דאָס זעל־בע... אַלזאָ, דער רמב״ם פסק'ענט, אַז יעדער איד איז מחויב צו עסען מצה בפסח. אויך פסק'ענט דער רמב״ם, אַז מען טאָר נישט גנב'ענען און ער איז גאָר שטאַרק מחמיר אין דעם ענין... פרעגט זיך ׳דאָך בכן אַ האַרבע שאלה: וואָס זאָלען טהון די אָרימעלייט, וועלכע האָבען נישט אויף קיין מצה און עובר זיין אויפ'ן האַרבען איסור פון גנבה וואָלטען זיי אויך נישט וועלען? אָבער לפי עניות דעתי איז דער תירוץ גאַנץ פשוט: עס ליגט אַ חוב קדוש אויף אַלע בעלי־בתים צו זעהען, אַז די אָרימעלייט זאָלען

פערזאָרגט ווערן מיט מצה און מיט אַלע איבריגע צרכי־פסח און דאַמאָלס וועלען מיט איינמאָל פערענטפערט ווערןביידע האַרבע רמב״מ׳ס על צד היותר טוב...

דער מאמר „אלמלי שמרו ישראל שתי שבתות מיד נגאלו״ — פלעגט זאָגען רבי שמעלקי ניקעלשבורגער — בעציהט זיך אויף שבת־הגדול און שבת־תשובה, דען דאָס איז דאָך ידוע, אַז „כל האומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם״, און היות, ווי אין די דאָזיגע צוויי שבתים זענען זיך די רבנים נוהג צו דרשנ׳ען פאַר׳ן עולם און עפ״י רוב בענוצען זיי זיך מיט פרעמדע חידושים, וועלכע זיי זאָגען נישט בשם־אומרם, קומט דאָך אויס, אַז זיי זענען אין די דאָזיגע צוויי שבתים מעכב די גאולה...

בשעת רבי צבי־הערש בערלינער איז געוועזן רב אין מאַנהיים, וואו ס׳האָבען זיך שוין דאַן געפונען אַ סך מאָדערנע, רעפאָרמירטע אידען אוכלי־טריפות, האָט ער איינמאָל, נאָכ׳ן ענדיגען שבת־הגדול די דרשה, אַ פּאַטש געטהון אין בעלעמער און אויסגערופען:

— ענטשולדיגט, רבותי!... נאָך איין זאַך האָב איך אייך פערגעסען צו זאָגען. זייט וויסען, ליעבע אידען, אַז אויך „קנאַק־וואורשט״ (טריפה וואורשט) איז חמץ גמור!...

איינמאָל אין אַ שבת־הגדול האָט רבי צבי־הערש אינגאַנצען קיין דרשה נישט געהאַלטען. ווען איניגע בעלי־בתים האָבען איהם אויפמערקזאַם געמאַכט, הלמאי ער איז מבטל דעם מנהג, וועלכער איז אָנגענומען אין אַלע אידישע קהלות, האָט ער זיי געענטפערט:

— די חז״ל זאָגען אונז: „שואלין ודורשין בהלכות הפסח קודם הפסח״. פאַרוואָס שטעהט עפעס דאָפּעלט: „שואלין ודורשין״? — נאָר די כוונה איז: וואו ס׳איז „ש ו א ל י ן״, וואו די בעלי־בתים און בעלי־בית׳טעס קומען צום רב מיט שאלות, איז „ד ו ר ש י ן״, איז דער חוב פון רב צו האַלטען אַ דרשה און אויפצוקלערען זיי אַלע מעגליכע ספקות; אָבער אין אַזאַ שטאָדט ווי מאַנהיים, וואו ס׳איז לגמרי קיין „ש ו א ל י ן״ נישטאָ, מען פרעגט גאָר קיינמאָל ביים רב קיין שאלות נישט, מחמת זיי וויסען שוין אַלץ אַליין, דאָרט איז מען פטור אויך פון „ד ו ר ש י ן״!...

אין דער גמרא ווערט דערצעהלט, אַז רב מתנה איז געקומען קיין פפוניא און ער האָט אויסגערופען: „אשה לא תלוש אלא במים שלנו״, אַז די מצות מוזען געקנעטען ווערען נאָר מיט וואַסער, וואָס האָט איבערגענעכטיגט אין אַ כלי ביז צומאָרגענס, אָבער די שטאָדט־לייט האָבען געמיינט, אַז מיט די ווערטער „מים שלנו״ ווערט געמיינט: אונזער וואַסער, נאָר אַזאַ וואַסער, וואָס געפינט זיך ביי רב מתנה, און צומאָרגענס זענען אַלע דעריבער געקומען צולויפען צו איהם מיט די קרוגען אין די הענד און געבעטען „הב לן מיא!״ ער זאָל זיי געבען וואַסער, און דאַן האָט ער זיי אויפגעקלערט דעם טעות, אַז זיי האָבען איהם שלעכט פערשטאַנען (פסחים מ״ב)...

צוליעב וואָס דערצעהלען עס אונז די חז״ל וועגען דעם דאָזיגען עם־הארצות פון די אנשי פפוניא?

— נאָר די חז״ל — האָט געזאָגט דערויף דער סאָכאַטשעווער רבי, דער „אבני נזר״ — זענען אונז דערמיט אויסען צו בעווייזען, ווי גרויס עס איז דאַמאָלס געווען

די אמונת־חכמים אַפילו ביי די פּראָסטע, אונוויסענדע אידען. שטעלט אייך פאָר, ווען אַ רב וואָלט היינט, למשל, געלאָזט אויסרופען אַזאַ עהנליכע חומרא, אַז דאָס וואַסער צו די מצות מוז מען נעהמען נור ביי איהם, ביים רב, און קיין שום אַנדער וואַסער טאָר מען נישט נוצען, וואָלט דאָך געוואָרען אַ רעש און מהומה, דאָס גאַנצע שטעדטעל וואָלט זיך צעבונטעוועט: היתכן? מיט וואָס איז עס דעם רב׳ס וואַסער חשוב׳ער און הייליגער, ווי אַנדער וואַסער? מען וואָלט דעם רב געזידעלט און מען וואָלט איהם חושד געווען אין פערשידענע נגיעות און פניות, נישט אַנדערש, ער איז אויסען דער־מיט ווער ווייסט וואָסערע קאָמבינאַציעס... די אנשי פּפוניא, אָבער, בעת זיי האָבען געמיינט, אַז זייער רב, רב מתנה, הייסט זיי נוצען „מים שלנו״, נור זיין אייגען וואַסער, האָבען זיי נישט געפרעגט קיין שאלות, נור מיט גרויסע תמימות געבראַכט זייערע כלים צום רב און געבעטען: „הב לן מיא!״ אַזוי גרויס איז אַמאָל געווען אַפילו ביי די פּשוט׳ע אידען די אמונת־חכמים...

(דער תורה־קוואַל)

אין או״ח הלכות פסח ס״י תכ״ט ווערט געזאָגט: „שואלין ודורשין קודם הפסח שלשים יום וכו׳״, און דערויף קומט די בעמערקונג פון רמ״א: „ומנהג לקנות חטים לחלקן לעניים לצורך הפסח״.

ווי קומט דאָ אַהער די דאָזיגע בעמערקונג און וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס איינס צום אַנדערען?

נאָר — האָט געזאָגט דערויף רבי מאיר׳ל פּרימישליאַנער — דער מחבר פון שולחן־ערוך רעדט ווי אַ רב און אין וואָס איז אַ רב עוסק פאַר פּסח? אין דרשות, אין דינים, אין שאלות. דער רמ״א אָבער רעדט ווי אַ חסיד: ווידער דינים און אָבער דינים? בעסער לאָמיר וואָרענען דעם עולם און איהם בעצייטענס דערמאָהנען צו קויפען אויף פּסח ווייץ פאַר די אָרימעלייט!...

רבי שמואל מאָהילעווער פלעגט זיך שטאַרק אָבגעבען מיט די אידישע זעלנער, וועלכע ער פלעגט בעזאָרגען מיט כשר עסען און מיט בכבוד׳יגע סעודות אויף יעדען שבת און יום־טוב.

איינמאָל, פאַר פּסח, קומט אַריין צו איהם דער ראש־הקהלה און קלאָגט זיך, אַז עס איז דאָס יאָהר אַ געוואַלדיגער יקרות אויף שפּייז־פּראָדוקטען און די אָרימקייט אין שטאָדט איז גרויס, און ער קאָן זיך קיין עצה נישט געבען.

— אויב עס איז אַזאַ מצב — רופט זיך אָן רבי שמואל מאָהילעווער — דאַרף מען, מיין איך, צונויפרופען די דיינים און מתיר מאַכען, אַז מען זאָל דעם היינטיגען פּסח מעגען נוצען קטניות.

— אַ, תבוא עליכם ברכה! — רופט אויס דער ראש־הקהלה אַ צופרידענער — כ׳בין כסדר אַרומגעגאַנגען און גע׳דאגה׳ט וואָס מען טהוט מיט די אידישע זעלנער, ווי אַזוי מען פערזאָרגט זיי מיט פּסח׳דיג עסען, איצט אָבער, קוים וועט מען די זעלנער מעגען געבען קטניות, וועט עס שוין אָנקומען אַ סך לייכטער...

— חס־ושלום! — שפּרינגט־אויף רבי שמואל — ניט זיי האָב איך געמיינט מיט דעם היתר. קטניות וועלען מ י ר עסען: איך, איהר, די בעלי־בתים פון שטאָדט, די זעלנער אָבער — זיי מוזען מיר אונבעדינגט פערזאָרגען מיט די בעסטע פּסח׳דיגע מאכלים, פּונקט ווי יעדעס יאָהר...

די קעניגסבערגער ראשי־הקהל זענען איינמאָל געקומען נאָך מעות־חטין צו אַ רייכען רוסישען איד, וועלכער האָט געפיהרט אין קעניגסבערג גרויסע געשעפטען און ער פלעגט דאָרט פערברענגען דעם גרעסטען טייל פון יאָהר. דערויף האָט זיי דער רוסישער איד ערקלערט, אַז אויף מעות־חטין זענען מחויב צו געבען נאָר די אָרטיגע, שטענדיגע בעלי־בתים, ער אָבער איז נישט קיין היגער בעל־הבית, מחמת פאַקטיש וואוינט ער מיט זיין פאַמיליע אין רוסלאַנד. די ראשי־הקהל האָבען זיך מיט דעם תירוץ נישט בעפרידיגט און זיי האָבען איהם גערופען צו אַ דין־תורה צום מלבי״ם, וועלכער איז דאַן געווען רב אין קעניגסבערג.

אַריינקומענדיג צום מלבי״ם און פאַרלעגענדיג פאַר איהם זיינע טענות, האָט דער רוסישער איד, וועלכער האָט זיך אגב גערעכענט צו די משכילים, געשטעלט אַ תנאי, אַז ער איז גרייט מקיים צו זיין דעם פסק, נאָר בתנאי, אַז מען זאָל איהם בפירוש אָנווייזען אין דער תורה און טאַקי דייטליך אין תנ״ך.

גוט — שמייכעלט דער מלבי״ם — און ער נעהמט אַ תנ״כ׳ל, מישט אויף און ווייזט איהם: — איהר זעהט? עס שטעהט אין פסוק: „ואיש במעון ומעשה בכרמל" (שמואל א׳ כה. ב.), אַז נבל האָט געוואוינט אין דער שטאָדט מעון, נאָר די עסקים זיינע האָט ער געפיהרט אין כרמל, און אין אַ ווייטערען פסוק שטעהט: „ואביגיל אשת נבל הכרמלי" (ל. ה.), פאַרוואָס עפּיס וועט ער אָנגערופען נבל הכרמלי, זיין וואוין־אָרט איז דאָך געווען אין מעון? איז דערפון צו זעהן, אַז אַלס בעל־הבית ווערט מען פער־רעכענט צו יענער שטאָדט, וואו מען פיהרט די געשעפטען און — דאָרט דאַרף מען אויך געבען מעות־חטין...

(אמרי צדיקים)

רבי לוי־יצחק איז אַמאָל פאַר פסח אַרומגעגאַנגען איבער די בעקערייען, וואו ער האָט קאָנטראָלירט און אַכטונג געגעבען נישט־נאָר אויפ׳ן כשרות פון די מצות, נאָר אויך, אַז די בעקערס זאָלען נישט צו־שווער אַרבעטען מיט די געדונגענע ווייבער און קינדער... דערזעהענדיג אין איין בעקעריי, ווי שרעקליך די דאָזיגע ווייבער און קינ־דער ווערען עקספּלואַטירט דורכ׳ן בעל־הבית, וועלכער צווינגט זיי צו אַרבייטען פון פאַרטאָג ביז שפעט אין דער נאַכט, רופט זיך אָן רבי לוי־יצחק:

— די שונאי־ישראל האָבען אויף אונז אַ בלבול אויסגעטראַכט, אַז מיר באַקען, חלילה, די מצות מיט גוי׳איש בלוט, אָבער השם יודע און איהר אַלע ווייסט, אַז דאָס איז אַ נאַרישער שקר! בעוונותינו הרבים זעה איך אָבער, אַז עס זענען פאַרהאַן אַזעלכע בעקער, וועלכע באַקען די מצות מיט אידיש בלוט, מיט׳ן בלוט פון אַרימע אידישע קינדערלעך, פון וועלכע מען זויגט, נעביך, אויס די לעצטע כוחות!...

רבי יהושע׳לע קוטנער׳ס ווייב איז געווען אויסערגעוועהנליך פרום און אַז עס איז געקומען אַ פאַר־פסח איז פון איהר פרומקייט נישט געווען ממש אויסצוהאַלטען. זעהט איינמאָל רבי יהושע׳לע, ווי זי שטעהט שעה׳ן לאַנג און רייבט די הילצערנע בענקלעך, אַזש שוויס גיסט זיך פון איהר.

— גענוג שוין — מאַכט ער צו איהר — לויט׳ן שלחן־ערוך איז עס שוין די־והותר.

— נו, יאָ, נו — רופט זיך אָן צו איהם די רבי׳צין מיט כעס — ווען איך זאָל הערען דיך מיט דיין שלחן־ערוך, וואָלט איך שוין לאַנג געגעסען חמץ אום פסח...

אַ חסיד׳ישער איד, וועלכער איז שטאַרק נזהר געווען נישט צו עסען אום פסח קיין „שרויה״, איז אַמאָל געקומען צולויפען צום חידושי־הרי״ם מיט אַ שאלה: היות, ווי ס׳האָט אין שטוב ביי איהם אַ מכשול געטראָפען, ס׳איז אַריינגעפאַלען אַ שטיקעל מצה אינ׳ם טאָפּ מיט יויך, ווייסט ער נישט, וואָס ער האָט צו טהון, צי ער מעג די יויך נוצען?

— כ׳האָב ב״ה דורכגעלערענט — האָט איהם דער חידושי הרי״ם געענטפערט — דעם גאַנצען שולחן־ערוך און אומעטום רעדט זיך וועגען אַ משהו חמץ, ווי אַזוי אָבער דער דין איז ביי אַ משהו מצה — דאָס האָב איך אין ערגעץ נישט געפונען...

רבי יאָשע־בער בריסקער איז געווען אַ שטאַרקער מחמיר, דאַגעגען דער וואָלאָזשינער נצי״ב האָט געהאַט אַ שם אַלס מקיל.

פלעגט דער נצי״ב זאָגען:

— וואָס איז דער חילוק פון מיר ביז רבי יאָשע־בער׳ן? ביי מיר, בשעת עס קומט די נאַכט פון פסח און איך דערזעה, וואָס פאַר אַ היבש פעקעל מצוות דער יום־טוב האָט פאַר מיר געעבערענגט: בדיקת־חמץ, אכילת־מצה, ארבע כוסות, עונג יום־טוב, ווער איך ביי זיך זעהר אויפגערוימט און מיט גרויס שמחה מאַך איך די ברכה: „שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה״. רבי יאָשע־בער, דאַגעגען, בעת ער זעצט זיך אַוועק צום סדר, איז ער פול מיט פחד און זאָרג, טאָמער האָט ער נאָך אַלץ עפ״י דין נישט יוצא געווען: טאָמער האָט ער דעם חמץ נישט מבער געווען ווי עס דאַרף צו זיין, טאָמער איז פאַרהאַן, חלילה, עפּיס אַ חשש אינ׳ם כזית מצה, טאָמער איז דער וויין צו די ארבע כוסות נישט געווען כשר בתכלית הכשרות, אַזוי, אַז דאָס גאַנצע פעקעל מצוות ווערט אין איין רגע שיער נישט פערוואַנדעלט אין אַ פעקעל עבירות...

רבי אייזיל סלאָנימער זעהט אַמאָל, ווי אַ סלאָנימער גביר, אַ גרויסער קמצן, שטעהט ערב־פסח פאַר דער טהיר פון זיין הויז און שאָקעלט־אויס זעהר זאָרגפעלטיג די קעשענעס פון זיינע מלבושים, עס זאָל זיך, חלילה, נישט פערוואַלגערען אין זיי קיין ברעקעל חמץ. רופט ער זיך אָב צו איהם: עפ״י דין, ר׳ איד, דאַרפט איהר אייער קעשענע נישט בודק זיין, דען בודק זיין דאַרף מען, עד מקום שידו מגעת, און די האַנד אייערע דערגרייכט דאָך נור ב י ז צו דער קעשענע...

רבי יחזקאל קוזמירער פלעגט זאָגען: פאַרהאַן אידען, וועלכע זענען געגליכען צו אַ מצה־טייג; זיי זענען נור כשר דאַמאָלס ווען מען וועלגערט זיי, ווי־נור אָבער מען לאָזט זיי צו־רוה און מען הערט זיי אויף צו וועלגערען — ווערען זיי חמץ...

רבי אברהם־יעקב, דער סאַדיגורער רבי, פלעגט אָפט אין דער נאַכט פון בדיקת־חמץ דערצעהלען פאָלגענדע געשיכטע:

אין אַ דאָרף נעבען קולבעסאוו האָט געוואוינט אַ אידישער אַרענדאַר, וועלכער איז געווען שולדיג דעם פריץ עטליכע ראַטעס און נישט געהאַט צו בעצאָהלען. איינמאָל, ווען דער שליח, וואָס דער פריץ האָט געשיקט צו איהם אויפמאַהנען דעם חוב, איז צוריקגעקומען אָהן געלד, איז דער פריץ געוואָרען אין כעס און ער האָט געשיקט עטליכע קאָזאַקען, זיי זאָלען דעם איד אָנלערנען.

געווען איז דאָס אום שבת־הגדול. די קאָזאַקען האָבען זיך אַריינגעריסען אינ׳ם הויז פון אָרימען אַרענדאַר און פון אַלעמען געמאַכט אַ חורבן, צובראָכען דאָס מעבעל מיט אַלע כלים, צופליקט דאָס בעטגעוואַנד, און אַ וויסטען תל געמאַכט פון אַלעם, וואָס ס׳איז זיי געקומען אונטער די הענד.

דער איד מיט זיין בני־בית זענען געשטאַנען און בעוויינט דעם חורבן און דאַן איז ער מלא צער אַוועק אין שטאָדט און אַריינגעגאַנגען אין בית־המדרש הערען דעם רב׳ס דרשה צו שבת־הגדול.

רב אין קולבעסאָוו איז דאַמאָלס געווען רבי יהושע־העשיל, דער „אוהב ישראל״, וועלכער איז שפּעטער נתפרסם געוואָרען אַלס אַפּטער צדיק. ער האָט זיך אַוועקגע־שטעלט ביי דער טהיר און דאַן האָט ער געהערט ווי דער רב זאָגט אין זיין דרשה:

— צוויי ברכות זענען פאַרהאַן, איין ברכה ענדיגט זיך (אין די ברכות אחרונות פון קריאת־שמע און אין דער הגדה של פסח) מיט די ווערטער „גאל ישראל״, אַ לשון עבר, און איין ברכה (אין שמונה עשרה) — „גואל ישראל״, אַ לשון הווה. „גאל ישראל״ געהט אַרויף אויף דער געוועזענער גאולה, אויף דער גאולה פון גלות מצרים, און „גואל ישראל״ — אויף דער גאולה, וואָס קומט־פאָר מיט אונז שטענדיג און מיט יעדען איד בעזונדער. אַפילו דאַמאָלס, ווען אַ איד זיצט אין אַ דאָרף ביי אַ בייזען פריץ, וועלכען ער האָט נישט צו צאָהלען קיין אַרענדע־געלד און דער פריץ שיקט קאָזאַקען זיי זאָלען חרוב מאַכען זיין הויז, אַפילו דאַמאָלס זאָל זיך אַ איד נישט מייאש זיין און האָבען בטחון צום גואל ישראל, אַז ער וועט איהם אויסלייזען פון זיינע צרות...

דערהערענדיג די דאָזיגע ווערטער איז דער אַרענדאַר צוריקגעלאָפען אין דאָרף אַריין און אַוועקגעשטעלט זיך טאַנצען אַרום זיין חרוב־געוואָרענער שטוב, געטאַנצט און גע־זונגען:

— „גואל ישראל״ — האָט דער רבי געזאָגט — „גואל ישראל״! גואל ישראל!...

דערזעהענדיג, אַז דער איד טאַנצט אויף זיין חורבה און זינגט, איז זיך דאָס גאַנצע דאָרף צונויפגעלאָפען און אויך דער פריץ איז געקומען און האָט געפרעגט דעם אַרענ־דאַר מיט פערוואונדערונג, וואָס די דאָזיגע ווערטער בעדייטען, און הערענדיג דעם טייטש דערפון, איז דער פריץ שטאַרק געריהרט געוואָרען, ער האָט איהם געשאָנקען דעם חוב און נאָך אויסגעבאָרגט איהם אַ גרעסערען סכום געלד צו האַנדלען און דער אַרענדאַר מיט זיין הויזגעזינד האָבען געפראַוועט אַ פרעהליכען פסח...

(ש. י. זעווין „מספורי החסידים״)

אַן׳אינטערעסאַנטע שאלה געפינען מיר אין ריד ב״ז ת״א און נעמליך: אַן׳אַמערי־קאַנער איד איז אַוועקגעפאָהרען אויף פסח קיין איראָפּע. ערב־פסח אין דער פריה האָט ער זיך דערמאָהנט, אַז פאַר׳ן אַוועקפאָהרען האָט ער פאַרגעסען אין דער היים אָנצור־זאָגען, אַז מען זאָל מאַכען אַ שטר־מכירה אויפ׳ן חמץ. עפ״י דין קאָן מען עס אמת אויך דאָ טהון, איז אָבער די פראַגע, ביז ווען האָט ער ערב־פסח צייט דאָ עס צו פער־קויפען? צי איז ער עס מחויב צו פערקויפען ביז דער פינפטער שעה לויט דעם איראָ־פּעאישען זייגער, אָדער, ווייל דאָס חמץ געפינט זיך אין אַמעריקאַ, האָט ער דאָס רעכט צוצופאַסען זיך צום אַמעריקאַנער זייגער, לויט וועלכען די פינפטע שעה קומט־אויס, אין פערגלייך מיט אונזער צייט־רעכנונג, מיט היפשע עטליכע שעה שפּעטער?...

עס ווערט וועגען דעם אַרומגערעדט באריכות און דער אויספיהר איז, אַז ער דאַרף זיך רעכענען לויט דער צייט פון אונזער זייגער.

אַנ׳עהנליכע שאלה געפינט זיך אין „תפארת ישראל״ אין דער הקדמה למס׳ ברכות וועגן קריאת־שמע.

רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער איז אַמאָל ערב־פסח, נאָך ביעור־חמץ, אַרויס אין מאַרק. טרעפט ער אַ גוי אַ שמוגלער, וואָס שמוגעלט סחורה איבער׳ן גרעניץ.

— האָסטו — פרעגט איהם רבי לוי־יצחק — אויסלענדיש זיידענס?

— יאָ — זאָגט דער גוי.

— וויפיעל איילען האָסטו? — פרעגט ער איהם ווייטער.

— כ׳קאָן דיר קריגען — זאָגט דער גוי — וויפיעל דו ווילסט.

געהט ער אַוועק פון גוי און בעגעגענט אַ איד.

— האָסטו — פרעגט איהם רבי לוי־יצחק — ביי זיך עפּעס חמץ?

— חמץ? — ווערט יענער אַ פערציטערטער — חלילה, רבי! אַלץ מבער געווען!

שטעלט זיך אַוועק דער בערדיטשעווער, הויבט־אויף די אויגען צום הימעל און זאָגט:

— זעה, רבונו־של־עולם, וואָס פאַר אַנ׳עם־הנבחר אידען זענען! דער רוסישער קייזער איז אַ מלך אדיר, האָט מעכטיגע חיילות, מיט כלי־זין, מיט תפיסות; האָט ער פערבאָטען אַריינצופיהרען סחורה מן־החוץ און אַוועקגעשטעלט אויף דער גרעניץ אַ וואַך, וואָס היט טאָג און נאַכט — און אף־על־פּי־כן, פונדעסטוועגען פיהרט מען אַריין כל מיני סחורות און מען פערקויפט זיי בריש־גלי. און דו, רבונו־של־עולם, האָסט גע־שריבען אין דיין הייליגער תורה איין פסוק: „לא יראה לך חמץ״! — אָהן אַ גרעניץ, אָהן אַ וואַך — און ערב־פסח נאָכ׳ן זמן געפינט מען אין גאַנצען אידישען גבול קיין ברעקעל חמץ נישט!...

אינ׳ם יום־טוב פסח — פלעגט זאָגען רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער — מאַכען מיר זיך איינער דעם אַנדערען קאָמפּלימענטען. אני לדודי ודודי לי, מיר — דעם רבונו־של־עולם און דער רבונו־של־עולם — אונז.

די תורה רופט דעם יום־טוב: „חג המצות״, אַלס שבח און לויב פאַר׳ן פאָלק ישראל, וואָס האָט מקיים געווען דעם „ויאפו את הבצק עגות מצות וכו׳ וגם צדה לא עשו להם״, און דערויף זאָגט רש״י: „מגיד שבחן של ישראל״.

מיר, דאַגעגען, רופען איהם מיט׳ן נאָמען „פסח״, אַלס שבח און לויב פאַר׳ן רבונו־של־עולם: „ואמרתם זבח פסח הוא לד׳ אשר פסח על בתי בני ישראל״...

די מקובלים וויזען אָן, אַז אום פסח פערנעהמט אַ בעדייטענד אָרט די צאָהל פיר. פיר נעמען האָט דער דאָזיגער יום־טוב: חג־הפסח, חג־האביב, חג־המצות און זמן חרותנו; צום סדר ווערען געטרונקען פיר כוסות (אַנטקעגען די פיר לשונות של גאולה); עס ווערען געגעסען פיר מאכלים: פסח, מצה, מרור וחרוסת; עס ווערען געפרעגט פיר קשיות א. אַ. וו.

חסידים דערצעהלען: דעם לעצטען סדר פאַר זיין פטירה אין יאָהר תר״י האָט רבי ישראל ריזשינער געפראַוועט מיט אַנ׳איבערגעוועהנליכער התעוררות און דבקות, וואָס האָט אויף אַלע אַרומיגע גרויס פחד אָנגעוואָרפען. דעם „והיא שעמדה לאבותינו ולנו״ האָט ער איבערגעזאָגט זעכציג מאָל און ביי יעדען מאָל איז זיין פנים בשתנה

געוואָרען. נאָכ'ן ענדיגען דעם סדר האָט ער זיך געווענדעט צום עולם און געזאָגט: זייט וויסען, ליעבע אידען, עס וועט קומען אַ צייט ווען, רחמנא לצלן, די גוים וועלען אַרומגענומען ווערען מיט אַנ'אויסערגעוועהנליכער שנאה צו אידען און זיי וועלען אונז פערטרייבען מיט געוואַלד קיין ארץ־ישראל, ווייל קיין שום לאַנד וועט אונז נישט וועלען אַריינלאָזען. אודאי וועט עס זיין אַ גרויסער בזיון פאַר אידען, וואָס די אתחלתא־דגאולה וועט זיך אָנהויבען אויף אַזאַ אופן, אודאי וועט עס זיין אַ גרויסער בזיון, אָבער בעסער אַ בזיונ'דיגע גאולה, איידער אַ בכבוד'יגער גלות...

דעריבער — ווערט געזאָגט אין מהר"ל — ווערען די ערשטע פסח־נעכט גערופען מיט'ן נאָמען „סדר", בכדי מרמז צו זיין דערמיט, אַז אַלץ וואָס געשעהט מיט אונז זינט יציאת־מצרים, זינט די אידען זענען געוואָרען אַ פאָלק, ביז היינט, איז קיין זאַך, חלילה, נישט צופעליג, אַלץ איז אויסגערעכענט לויט אַ געוויסען, פאַר אונז אונפער־שטענדליכען חשבון — עס איז אַלץ מיט אַ סדר...

הא לחמא עניא...

די דאָזיגע ווערטער זענען געווענדעט צו די איינגעלאַדענע אָרימעלייט, וועלכע פיהלען זיך פערשעהמט און נידערגעשלאָגען, זיצענדיג אין דער דאָזיגער פייערליכער יום־טוב־נאַכט ביי אַ פרעמדען טיש, איז מען זיי דעריבער מקבל־פנים מיט וואַרימע טרייסט־ווערטער און מען רופט אויס: „הא לחמא עניא די אכלו אבהתנא בארעא דמצרים!" זייט נישט ביי זיך געפאַלען, אויך אונזערע עלטערען האָבען זיך אַמאָל אינ'ם זעלבען מצב געפינען און אָרים בעטעל־ברויט געגעסען און דער אויבערשטער האָט זיי נאָכהער געהאָלפען און זיי זענען אויפגעריכט און אויסגעלייזט געוואָרען... זייט, אַלזאָ, נישט טרויעריג און נישט געפאַלען ביי זיך: „כל דכפין ייתי וייכל!" און אויך אייך וועט גאָט העלפען: „השתא הכא — לשנה הבאה בארעא דישראל, השתא עבדי — לשנה הבאה בני חורין"...

(בינה לעתים)

די גוים פלעגען שטענדיג קוקען אויפ'ן אידישען סדר און זיינע מנהגים, ווי אויף עפּעס אַ טיעפע געהיימניס, אַ מין אַלוועלטליך־אידישע פערשווערונג און דעריבער האָבען די חכמים דאָן איינגעפיהרט, אַז די איינלייטונג צום סדר זאָל אָנגעהויבען ווערען אויף דער דאָמאָלסדיגער פאָלקס־שפּראַך, אַראַמעאיש, בכדי אויך די נישט־אידישע שכנים זאָלען פערשטעהען און איינזעהען, אַז עס זענען דאָ קיין שום אונלעגאַלע סודות. בלויז די לעצטע ווערטער: „לשנה הבאה בני חורין", האָט מען אויסגעלאָזט אויף העברעאיש, וואָס ס'איז שוין פאַר די שכנים אונפערשטענדליך געווען, כדי מען זאָל נישט זאָגען אויף די אידען, אַז זיי זענען מורדים, אַז זיי שטרעבען צו ווערען פריי און זעלבסטשטענדיג...

(רבי אליהו הכהן תמרי)

דעריבער ווערט „הא לחמא" געזאָגט אויף תרגום־לשון, ווייל געוועהנליך מיינט מען נישט ערנסט מיט'ן אויסשרייען: „כל דכפין ייתי וייכול!" — ס'רוב איז די טהיר בעת־מעשה פערשלאָסען פאַר אָרימעלייט... עס קאָן דאָך אָבער אַמאָל טרעפען, עס זאָל גראָד קומען אַזאַ אורח, פאַר וועלכען אַ געשלאָסענע טהיר איז קיין בעוואָרעניש

נישט, געמליך: אַ מלאך איז געשטאַלט פון אַ מענש, אַזוי ווי ביי אברהם אבינו — דעריבער זאָגט מען עס בלשון־ארמית, מחמת ארמית, זאָגט די גמרא, איז אַ „לשון שאין מלאכי השרת מכירין בו״, אַ שפּראַך, וואָס די מלאכים פאַרשטעהען נישט...

(הרב צבי יחזקאל מיכלזאָהן)

אויפ׳ן פסוק „גלתה יהודה מעוני״, ווערט געזאָגט אין מדרש: „על שלא קימו לחם עוני, ואידך, על שבטלו מהעניים הצדקה והמעשרות״ (מדרש רבה איכה).

אין דער דאָזיגער נאַכט פון זמן חרותנו, ווען מיר זענען פול מיט בענקשאַפט צו חירות און גאולה, רופען מיר דעריבער אויס און ערקלערען, אַז מיר האָבען זיך די מיה געגעבען צו בעזייטיגען די דאָזיגע ביידע חטאים, צוליעב וועלכער מיר זענען פאַר־טריבען געוואָרען פון אונזער לאַנד: „הא לחמא עניא״, אָט זענען מיר אַלע מקיים די מצוה פון לחם־עוני! און גלייכצייטיג זענען מיר אויך מקיים די צווייטע מצוה, די מצוה פון צדקה — „כל דכפין ייתי וייכול״! עס איז, אַלזאָ, שוין די העכסטע צייט, אַז מיר זאָלען צוריק אומגעקעהרט ווערען אין אונזער לאַנד און — „השתא הכא לשנה הבאה בארעא דישראל״...

(שמחת הרגל)

די אכלו אבהתנא בארעא דמצרים...

הגם דער חג־המצות ווערט געפייערט אַלס זכר אויפ׳ן „ולא יכלו להתמהמה״, ווייל אַרויסגעהענדיג פון מצרים האָבען אונזערע עלטערען קיין צייט נישט געהאַט צו באַקען חמץ, האָבען זיי באמת אויך די גאַנצע צייט פריהער געגעסען מצות, און דערי־בער טאַקי זאָגען מיר: „די אכלו אבהתנא בארעא דמצרים״, דען אַזוי איז געווען איינ־געפיהרט ביי די פאַרצייטישע פעלקער, אַז זייערע קנעכטען פלעגען זיי געבען צו עסען מצות, וועלכע ווערען שווער פערדייהעט.

און אַזוי דערצעהלט אויך רבי אברהם אבן־עזרא, אַז בשעת ער איז געווען אין הודו און איז דאָרט גענומען געוואָרען אין געפאַנגענשאַפט, האָט מען איהם די גאַנצע צייט געשפּייזט מיט מצות...

(רבי יוסף האזורי)

כל דכפין ייתי וייכול...

„כל דכפין ייתי וייכול״, און דאַן — „השתא הכא, לשנה הבאה בארעא דישראל״, דען דער וועג צו דער גאולה פיהרט דורך צדקה, רחמנות, ברידערליכע מיטהילף פון איין איד צום צווייטען, פון זאַטען צום הונגעריגען — „ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה״...

(שמחת הרגל)

ערב־פסח פאַרנאַכט איז צו רבי יאָשע־בער בריסקער אַריינגעקומען אַ איד מיט אַ שאלה:

— רבי, צי מעג איך יוצא זיין די ארבע־כוסות מיט מילך?

— איהר זענט, חלילה, קראַנק? — פרעגט איהם דער רב.

— כ׳בין ב״ה געזונד — ענטפערט דער איד — נאָר וויין... פערשטעהט איהר מיך, רבי, ווין איז היי־יאָהר פאַר מיר צו־טייער!

דער רב האָט איהם ערקלערט, אַז מען קאָן עפ״י דין יוצא־זיין אויך מיט מילך — און אַרויסבעגלייטענדיג איהם צו דער טהיר, האָט ער דעם אידען אַריינגעשטופט אין האַנד אַ פינף־און־צוואַנציגער, וואָס דער איד האָט אין תחילת נישט געוואָלט נעהמען, ערקלערענדיג, אַז ער איז נישט געקומען, חלילה, נאָך קיין נדבות, נאָר בלויז אַ שאלה פרעגען; אָבער נאָכדעם ווי דער רב האָט איהם איינגעבעטען, אַז דאָס גיט ער איהם בלויז בתורת־הלוואה, האָט זיך דער איד געלאָזט איבעררעדען און צוגענומען.

אַז דער איד איז אַוועקגעגאַנגען, פרעגט די רבי׳צין דעם רב:

— וואָס האָסטו איהם עפּיס געגעבען אַ גאַנצען פינף־און־צוואַנציגער, אויף ווין צו ארבע־כוסות איז דאָך אַ צוויי־דריי רובל אויך גענוג?...

— לויט דער שאלה — ענטפערט איהר רבי יאָשע־בער — וואָס דער איד האָט געפרעגט, צי ער מעג יוצא זיין די ארבע־כוסות מיט מילך, פערשטעהט מען גלייך, אַז אויסער ווין פעהלט דעם אידען נאָך עפּעס, אַז ער האָט אויך קיין ביסעל יויך און קיין שטיקעל פלייש נישט אויף יום־טוב; וואָרום אַנדערש — ווי־אַזוי מעג ער טרינקען מילכיגע ארבע־כוסות?...

כל דצריך ייתי ויפסח...

אַ טייל מפרשים זענען נישט גורס צו זאָגען: „כל דצריך ייתי ויפסח״, ווייל היינט האָבען מיר דאָך נישט קיין קרבן־פסח.

באמת אָבער — ערקלערט דער „תניא רבתי״ (פון רבינו יחיאל דער פאָטער פון רא״ש) — איז דער פשט פון „ייתי ויפסח״: זאָל ער איבערטרעטען די שוועל פון דעם הויז, זאָל ער קומען אין מיטעסען מיט אונז...

השתא הכא לשנה הבאה בארעא דישראל...

צוויי בקשות בעטען מיר. ערשטענס, אַז „השתא הכא, לשנה הבאה בארעא דישראל״, אַז איבעראיאָהר זאָלען מיר זוכה זיין צו זיין אין ארץ־ישראל, און דאַן — „השתא עבדי, לשנה הבאה בני חורין״, מיר זאָלען דאָרט זיין פריי, זעלבסטשטענדיג, נישט אונטער קיין פרעמדע הערשאַפט, דען עס איז מעגליך צו זיין אין ארץ־ישראל און נישט צו זיין דערביי קיין בן־חורין...

(בית דוד)

השתא הכא... השתא עבדי...

אַ צווייפאַכע בקשה, סיי אַנטקעגען די אידען פון חוץ־לארץ, סיי אַנטקעגען די אידען פון ארץ־ישראל. אויף די אידען פון חוץ־לארץ בעטען מיר: „השתא הכא — לשנה הבאה בארעא דישראל״... און אויף די אידען, וועלכע זענען שוין זוכה צו זיצען אין ארץ־ישראל, זענען מיר מתפלל: „השתא עבדי — לשנה הבאה בני חורין״...

(שפת הים)

מה נשתנה הלילה הזה...

און דערויף קומט דער ענטפער: עבדים היינו! פרעג נישט קיין קשיות, דען „עבדים היינו לפרעה במצרים" און אויך דאָרט האָסטו קיין קשיות נישט געפרעגט, נאָר געטהון אַלץ, וואָס פרעה האָט געהייסען, און אויב דו האָסט געפאָלגט פרעה'ן דעם נוגש, וועלכער האָט דיר בלויז שלעכטס געטהון, מעגסטו דעם אויבערשטען, וועלכער מיינט בלויז דיין גוטס, אודאי און אודאי פאָלגען...

(רבי יעקב, ליסער רב)

„מה נשתנה הלילה הזה"... פאַרוואָס איז אַנדערש דידאָזיגע גלות-נאַכט פון אַלע פריהערדיגע גלות'ן? פאַרוואָס איז דערדאָזיגער גלות אַזוי אומענדליך-לאַנג און עס זעהט זיך גאָר קיין סוף און קיין ברעג נישט? — דערויף קומט דער ענטפער: ווייל „הלילה הזה כלו מצה", ווייל זי איז פול מיט „מצה ומריבה" (פון לשון „לריב ומצה תצומון", ישעיה נח.), פול מיט מחלוקת, קריגערייען און שנאת-חנם — און דאָס, בעוונותינו הרבים, פערלענגערט דעם גלות!...

(עוללות אפרים)

בשעת דער פאָטער שרייט-אויס מיט התלהבות: „כל דכפין ייתי וייכול"! קוקט איהם דער זוהן אָן אַ פער'חידוש'טער און פרעגט: „מה נשתנה?" — מיט וואָס זאָל זיך עס ערקלערען, טאַטע, וואָס דו ביזט עפּעס היינט פלוצים אַזוי מילד געוואָרען, וועהרענד אַ גאַנץ יאָהר לאָזטו קיין אָרימאַן אויף דער שוועל נישט אַרויף?... דערויף בערוהיגט איהם דער פאָטער און ענטפערט: „עבדים היינו לפרעה במצרים", קנעכט זענען מיר געווען ביי פרעה'ן און מיר האָבען זיך אַראָבגעלערענט פון זיינע מדות: „מה פרעה גוזר ואינו מקיים" — אַזוי אויך מיר מיינען עס נישט, חלילה, מקיים צו זיין!...

(קול אומר קרא)

שבכל הלילות אנו אוכלין בין יושבין ובין מסובין...

פאַרוואָס האָט עפּעס דער בעל-הגדה מוסיף געווען די פיערטע קשיא, וועלכע געפינט זיך כלל נישט אין דער משנה פון פסחים?

האָט געזאָגט דערויף רבי שאול אמסטערדאַמער:

די משנה האַלט, ווי רבי אלעזר בן עזריה, אַז דער זמן פון אכילת מצה איז נאָר ביז חצות, און לויט דער משנה איז דעריבער קיין קשיא נישט, פאַרוואָס מען עסט מסובין, מחמת מען טהוט עס דערפאַר, ווייל מען איילט זיך, וועלענדיג פערענדיגען פאַר חצות, און אַז מען איילט זיך עסט מען אָנגעלעהנט, ווי מיר געפינען אין דער גמרא: „הנכנס לבית המנוגע וכו' מסב ואוכל" (ברכות מ"א) און דערויף זאָגט דאָרט רש"י: „דרך הסבה שהיא נאכלת מהר שאינו פונה אנה ואנה". דער בעל-הגדה אָבער האַלט, ווי די הלכה איז לויט די חכמים, אַז זמן אכילת מצה איז כל הלילה און אויב אַזוי איז דאָך אַ קשיא, פאַרוואָס עסט מען מסובין...

„...אמר ליה פטרתן מלומר מה נשתנה, פתח ואמר עבדים היינו" (פסחים קט"ז)

דערויף זאָגט דאָרט דער רשב"ם: „פתח ואמר, לאחר שאילת הבן התחיל לומר עבדים היינו".

פרעגט מען: די גמרא זאגט דאך בפירוש: „פטרתן מלומר מה נשתנה״, טא ווי אזוי זאגט דער רשב״ם: „לאחר שאילת הבן״?

עס איז אַן אַלטע וועלט־קשיא, אויף וועלכער עס זענען שוין פאַרהאַן אַהן אַ שיעור פשטים און פשט׳לעך, אָבער די בעסטע תשובה ווערט געגעבען אין „דקדוקי סופרים״, וואו עס ווערט אַנגעוויזען, אַז אין אַן אַלטען כתב־יד פון רשב״ם אויף פסחים פעהלען אינגאַנצען די ווערטער „לאחר שאילת הבן״... ·

ואלו לא הוציא וכו׳ הרי אנו ובנינו ובני בנינו...

דעריבער איז נויטיג געווען, אַז פּרעה זאָל פּייניגען די אידען און געגען זיין ווילען זאָל זיי השי״ת אַרויסנעהמען פון דאָרט, ווייל „ואלו לא הוציא הקב״ה את אבותינו ממצרים״, ווען פּרעה וואָלט גוט געווען צו די אידען און מען וואָלט זיי נישט געדאַרפט בגוואַלד אַרויסנעהמען פון דאָרט, „הרי אנו ובנינו ובני בנינו משועבדים היינו לפרעה במצרים״, וואָלטען די אידען נישט געוואָלט זיך פון אָרט ריהרען און עד־היום נאָך וואָלטען מיר געבליבען דאָרט זיצען...

(רבי אליעזר אשכנזי)

אַנשטאָט דער גזירה פון „ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה״, זענען די אידען געווען אין מצרים נור צוויי הונדערט און צעהן יאָהר, אַרויסגעהענדיג פון דאָרט מיט הונדערט און נײַנציג יאָהר פאַר׳ן בעשטימטען טערמין. צו די יוצאי־מצרים זענען פערעכענט געוואָרען, לויט די אַנגעגעבענע צעהלונגען אין דער תורה, בלויז די־יעניגע, וועלכע האָבען שוין דערגרייכט די עלטער פון צוואַנציג יאָהר... אַלזאָ — „אילו לא הוציא הקב״ה את אבותינו ממצרים״, ווען הקב״ה זאָל נישט געווען פערקירצען דעם טערמין, דאַן „הרי אנו״, וואָלט קודם־כל דער ערשטער דור, די צוואַנציג־יעהריגע יוצאי־מצרים, פערבליבען דאָרט נאָך פופציג יאָהר (זיעבציג יאָהר רעכענט זיך געוועהנליך דאָס לעבען פון אַ דור), דאַן „ובנינו״, דער גאַנצער צווייטער דור (זיעבציג יאָהר), און — „ובני בנינו״, דער גאַנצער דריטער דור (ווידער־אַמאָל זיעבציג יאָהר); צוזאַמען: הונדערט־און־נײַנציג יאָהר — אַזוי פיעל, וויפיעל עס האָט געפעהלט צום פריהערדיגען טערמין פון „ארבע מאות שנה״...

(רבי שאול אמסטערדאמער)

הרי אנו וכו׳ משועבדים היינו לפרעה במצרים ואפילו כלנו חכמים...

זאָלען מיר זיך נישט איינרעדען, ווי עס פלעגען זיך איינרעדען בטעות די אַמאָליגע משכילים, אַז פּייניגען פייניגט מען אונז דערפאַר, ווייל מיר זענען אָבגעשטאַנען און פערפינסטערט. האַלטענדיג זיך עקשנות׳דיג אַן אַלטען, פאַרצייטישען אידישען לעבענס־שטייגער, ווייל מיר דערוויטערען זיך פון דער מאָדערנער קולטור און ציוויליזאַציע... שקר וכזב! מיר האָבען שוין אויך דאָס פּרובירט און אויך דאָס האָט נישט געהאָלפען... די ביטערע ערפאַהרונג האָט אונז בעוויזען, אַז מיר זענען געווען און מיר זענען משועבד „לפרעה במצרים״ אַפילו דאַן, ווען „כלנו חכמים, כלנו נבונים״, ווען מיר זאָלען אַפילו זיין העכסט געבילדעט און העכסט מאָדערן...

(הרב יהודה לייב צירעלסאָן)

מעשה ברבי אליעזר וכו׳ שהיו מסובין בבני ברק...

גענוועהנליך איז אנגענומען, און אזוי האלטען טאקי דאס רוב מפרשים, אז „בני ברק״ איז דער נאמען פון אנ׳ארט, וואס געפינט זיך אין נחלת מטה דן, אין דרום־מזרח פון יפו (יהושע יט. מה.) און ווערט פיעל מאל דערמאהנט אין תלמוד (סנהדרין נ״ב, שבת מ׳, בבא־בתרא קנ״ד). אינ׳ם דאזיגען ארט האבען די חכמים אין א שעת־הגזירה, אין דער צייט פון אדרינוס, זיך פערזאמעלט אין געהיים און אבגעריכט דעם סדר.

אנ׳אויסנאהם איז בלויז דער אברבנאל, וועלכער טייטשט „בבני ברק״ — „בכלי מילת״, און דער פשט איז, אז די פערזאמעלטע חכמים זענען געווען אנגעטהון „בבני ברק״, אין זיידענע מלבושים... וואס עס האט דעם אברבנאל געצוואונגען צו אזא מערקווירדיגען פירוש איז ווירקליך אונפערשטענדליך!

רבותינו הגיע זמן קריאת שמע של שחרית...

צי דען האבען זיי אליין נישט געוואוסט, ווען זמן קריאת־שמע איז און זיי האבען געדארפט ווארטען, ביז די תלמידים וועלען קומען און זיי דערמאהנען?

נאר, כידוע, האבען די דאזיגע חכמים געלעבט אין דער צייט פון אדרינוס קיסר ימ״ש, וועלכער האט גוזר געווען אויף אי׳ען גזירת שמד און דאס אבהיטען די אידישע דינים איז געווען פערבינדען מיט מסירת־נפש. עס איז אלזא העכסט־וואהרשיינליך, אז דער דאזיגער סדר אין בני־ברק איז אבגעריכט געווארען אין געהיים, ערגיץ אין א בעהעלטעניש, אין א פערבארגענע מערה, וואו עס איז נישט אריינגעדרינגען קיין שום ליכט־שיין און זיי האבען נישט געקענט וויסען, צי עס טאגט שוין. ערשט די אנגע־קומענע תלמידים, וועלכע זענען געשטאנען אויף דער וואך, האבען זיי דערויף אויפ־מערקזאם געמאכט און זיי צוויסן גענעבען: „רבותינו, הגיע זמן קריאת שמע של שחרית״...

(ילקוט מנחם)

ולא זכיתי שתאמר יציאת מצרים בלילות עד שדרשה בן זומא...

פארוואס האט רבי אליעזר בן־עזריה נישט זוכה געווען, מען זאל אנגעהמען זיין דרש וועגען „שתאמר יציאת מצרים בלילות״, ביז בן־זומא האט עס גע׳דרש׳ענט? — ווייל אויפ׳ן „אמר רבי אלעזר בן־עזריה הרי אני כבן שבעים שנה״ זאגען די חז״ל, אז ער האט בלויז אויסגעזעהען ווי א „בן שבעים שנה״, באמת אבער איז ער דאן אלט געווען נישט מעהר ווי אכצעהן יאהר. די חכמים האבען דעריבער אין תחילת קיין גרויס אכט נישט געלעגט און זיך נישט געאיילט אנצונעהמען די הלכה, וואס אנ׳אכצעהן־יעהריגער יונגערמאן האט מחדש געווען; „עד שדרשה בן־זומא״ — ערשט דאן, ווען זיי האבען זיך בעקענט מיט׳ן דרש פון בן־זומא, אז „איזהו חכם — הלומד מכל־אדם״ (אבות פ״ד), האבען זיי בעוויליגט מקבל־צו־זיין די הלכה, כאטש זי שטאמט פון א צעיר.

(מלבי״ם)

ימי חייך הימים כל ימי חייך הלילות...

אין וואס אייגענטליך בעשטעהט די חילוקי־דעות צווישען בן־זומא און די חכמים,

וואס עס צווינגט דעם ערשטען צו טייטשען, אַז „כל" איז מרבה די נעכט, און די לעצטע — אַז „כל" איז מרבה די „ימות המשיח"? — מחמת דאָס וואָרט „כל" האָט אין לשון־קודש צוויי בעדייטונגען. „כל" בעדייט: „ד י ג אַ נ צ ע", און „כל" בעדייט אויך: „אַ ל ע". בן־זומה האַלט, אַלזאָ, אַז אינ'ם פסוק „כל ימי חייך" ווערט געמיינט מיט'ן וואָרט „כל" — „ד י ג אַ נ צ ע טעג", אַלזאָ אויך „ה ל י ל ו ת", די נעכט אין כלל; דאַגעגען די חכמים זענען אין דער מיינונג, אַז „כל ימי חייך" איז דאָ דער טייטש: „אַ ל ע טעג", און דעריבער — „להביא לימות המשיח"...

(ווילנער גאון)

כל ימי חייך להביא לימות המשיח...

פון דאַנען — פלעגט זאָגען דער ווילנער גאון — איז אַ ראיה צום מאמר חז"ל, אַז „לעתיד לבא הכל יתרפאו חוץ מנחש", דען ביים נחש שטעהט: „ועפר תאכל כל ימי חייך", און — „כל ימי חייך להביא לימות המשיח"...

„כל ימי חייך", אַלע דיינע מעשים אין לעבען דאַרפען זיין געווענדעט צו איין זאַך און צו איין שטרעבונג — „להביא לימות המשיח"...

(בית אברהם)

כנגד ארבעה בנים דברה תורה...

די מעהרסטע גזירות און ענויים אין מצרים זענען געווען געווענדעט געגען די אידישע קינדער. עס זענען געמאַכט געוואָרען די אידען די פערשידענסטע שוועריגקייטען, אַז זיי זאָלען בכלל נישט קענען פיהרען קיין פאַמיליען־לעבען און נישט האָבען קיין קינדער, ווי עס ווערט געזאָגט: „וירא את ענינו — זו פרישות דרך־ארץ". דאַן איז געקומען דער בעפעהל צו די מילדות, אַז פון די קינדער, וואָס וועלען געבוירען ווערען ביי אידען, זאָלען זיי די זכרים דער׳הרג׳נען: „אם בן הוא — והמתן אותו"! און ווען דאָס האָט נישט גע׳פועל׳ט, איז געקומען אַ צווייטע ווילדע גזירה: „כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו"! בשעת די אידען זענען אין זייער עבודת־פרך נישט אים־שטאַנד געווען צוצושטעלען טעגליך די נויטיגע צאָהל ציגעל, וואָס פרעה האָט פון זיי געפאָדערט, האָבען די מצרים — ווי עס דערצעהלען די חז"ל — גענומען אידישע קינדער און זיי איינגעמויערט אין די בנינים אויפ׳ן אָרט פון די פעהלענדע ציגעל. אויף „וימת מלך מצרים" ווערט ערקלערט: „נצטרע והיה שוחט תינוקות ישראל ורוחץ בדמם", אַז פרעה האָט זיך געבאָדען אינ׳ם בלוט פון אידישע קינדער...

און דעריבער האָט די תורה, מעהר ווי ביי אַלע אַנדערע מצוות און אַנדערע ימים־טובים, אָנגעזאָגט, אַז ביי׳ם פייערען דעם יום־טוב פון דער גאולה זאָל מען זיך דער עיקר בעמיהען צו וועקען די אויפמערקזאַמקייט פון די קינדער, וועלכע האָבען אין יענע געשעהענישען אַזאַ בעדייטענד אָרט פערנומען, און צו זיי זאָל זיין הויפטזעכליך געווענדעט דער ספור וועגען יציאת־מצרים...

(תולדות משה)

פיר בנים — פיר דורות. דער פאָטער פונ׳ם ערשטען בן איז אַ פאַרצייטישער און אַ שטרענג־אָבגעהיטענער פרומער איד, אָבער ער, דער זוהן, איז שוין אַ „חכם",

אַ משכיל, אַ חקרן, וועלכער וויל דורכאויס וויסען דעם שכל פון יעדע מצוה און ער שטעלט פערשידענע שאלות, אויף וועלכע ער בעקומט פון פאָטער איין ענטפער: „אין מפטירין", מען דאַרף זיך נישט חקרנ'ען, מען טאָר זיך נישט צופיעל גריבלען...
דער דאָזיגער זוהן, דער חכם און משכיל, פיהרט נאָך אַליין אַ טראַדיציאָנעל אידיש הויז, אָבער די קינדער גיט ער שוין אַ מאָדערנע וועלטליכע ערציהונג, פון וועלכער עס וואַקסט שוין אַרויס אַ זוהן אַ „רשע", אַ שונא פון אידישקייט, פאַר איהם איז שוין זאָגאַר דער משכיל'ישער טאַטע צו־פרום און ער פרעגט שוין: „מה העבודה הזאת לכם", נאָכוואָס דאַרף מען זיי, די אַלע פינסטערע צערעמאָניעס און זאַבאַבאָנעס?...
אינ'ם רשע'ס הויז איז שוין קיין זכר נישט פאַרהאַן פון אידישקייט און פון אידישע טראַדיציעס און זיין זוהן איז שוין אַ פאָלקאָמענער „תם", וועלכער האָט מעהר קיין אָהנונג נישט פון די אַלע זאַכען, און בשעת ער קומט אַמאָל צום זיידען זיינעם, דעם „חכם", און ער דערזעהט דאָרט די אידישע מנהגים, שטעלט ער אויס אַ פאָר פער־וואונדערטע אויגען און פרעגט בתמימות: „מה זאת"?... דער זוהן פונ'ם „תם" האָלט שוין נאָך ווייטער, ער איז שוין אַ „שאינו יודע לשאול", ער איז שוין פטור אפילו פון צו פרעגען, ווארום דער עלטער־זיידע, דער „חכם", לעבט נישט מעהר, און סיי ביי זיין פאָטער, סיי זאָגאָר ביי זיין זיידען, זעהט ער שוין מעהר נישט אַזעלכע זאַכען, אויף וועלכע ער זאָל האָבען צו שטעלען שאלות...

(ילקוט הדרוש)

דעריבער — פלעגט זאָגען רבי נפתלי ראָפשיצער בדרך־הלצה — האָט דער בעל־הגדה געשטעלט דעם רשע פאַר'ן תם, ווייל אַ נאַר שטעהט נידריגער פון אַ רשע. אַ רשע קאָן תשובה טהון און ווערען אויס רשע, אַ נאַר אָבער — דאָס איז שוין אַ פערפאַלענע זאַך...

אַנ'אַרימאַן — פלעגט ר' דוד'ל טאָלנער זאָגען בדרך־הלצה — איז כולל אין זיך אַלע אַרבעה בנים צוזאַמען. אַ חכם איז ער, דען — „לא לחכמים לחם". אַ רשע, דען — „לוה רשע ולא ישלם", ער באָרגט און האָט נישט צו בעצאָהלען. אַ תם איז ער, דען ס'איז ביי איהם — „תם הכסף", און אַ „שאינו יודע לשאול", פשוט — ער האָט נישט ביי וועמען צו באָרגען...

אחד חכם ואחד רשע...

— דעריבער — פלעגט זאָגען רבי נפתלי ראָפשיצער — דרוקט מען יעדעס יאָהר פרישע הגדות, ווייל די, וואָס דער בעל־הגדה האָט פאַראיאָהרען געהאַלטען פאַר רשעים, הייסען שוין היינט „צדיקים"...

ואף אתה אמור לו כהלכות הפסח אין מפטירין אחר הפסח אפיקומן...

וואָס פאַר אַ תשובה איז עס אויף דער שאלה פון חכם? צי ווייסט ער דען אַליין נישט פון די אַלע הלכות הפסח?
נאָר דער חכם פרעגט: „מה העדות והחוקים והמשפטים אשר צוה ד' א' אתכם", נאָכוואָס איז נויטיג צו לערנען די אַלע דינים פון קרבן־פסח אין דער היינטיגער צייט, „אתכם", ביי אייך, אין גלות, וואו עס איז קיין קרבן־פסח נישטאָ?

און דערויף קומט דער ענטפער: „ואף אתה אמור לו כהלכות הפסח״ ערקלער איהם, אז דער דין איז: „אין מפטירין אחר הפסח אפיקומן״, אז דער אפיקומן איז אויפ׳ן ארט פון קרבן־פסח, און אז א גאנצע רייה דינים, וועלכע זענען נוהג ביי׳ם קרבן־פסח (ווי „נאכל על השובע״ וכו׳) זענען אויך נוהג ביי׳ם אפיקומן, און דעריבער איז נויטיג צו וויסען די אלע „עדות וחוקים ומשפטים״...

(רבי יוסף ניטקולא)

אהן א שיעור פשטים און דרושים זענען פארהאן אויפ׳ן דאזיגען מאמר, וועלכער לאזט זיך אויפ׳ן איינפאכען אופן נישט איינטייטשען, באמת, אבער, איז דא ארייגעפאלען א טעות־הדפוס. אין שטראשונ׳ס ביבליאטעק געפינט זיך אן־אלטער ש״ס, אין וועלכען דער נוסח איז: „ואף אתה אמור לו בהלכות (מיט א ב׳) הפסח עד אין מפטירין אחר הפסח אפיקומן״. ד. ה. דו זאלסט מיט איהם לערנען אלע הלכות פון פסח, ביז צו דער משנה פון לעצטען פרק אין פסחים (פרק י׳ משנה ח׳), וועלכע הויבט זיך אן מיט — „אין מפטירין אחר הפסח אפיקומן״...

דעריבער איז מען זיך נוהג צו בעהאלטען דעם אפיקומן אונטער׳ן קישען, וויל עס שטעהט אין פסוק: „ושמרתם את המצות״, ווי אויך אלס זכר צום — „משארותם צרורות בשמלותם״...

(עמודי אור)

אין די שאלות־ותשובות פון רבי משה בן־גרשון דערצעהלט דער מחבר אין איין ארט א קוריאז פון זיין שטאדט, אז איינמאל, שבת נאך פסח, בשעת מען האט ביי קריאת־התורה אויפגערופען צו „מפטיר״, האט דער פרנס־חדש און שוהל־גבאי, א גרויסער עם־הארץ און מחוצף, א קלאפ געטהון אין בעלעמער און אויסגעשריען מעשה־פוסק, אז היינט דארף מען קיין „מפטיר״ נישט לייענען, דען עס שטעהט בפירוש — „אין מפטירין אחר הפסח״...

ווייזט אויס, אז שוין דאמאלס, מיט הונדערטער יאהרען צוריק, זענען די אידישע שטעדטלעך געבענשט געווען מיט גאר וואזשנע פרנסים און ראשי־הקהל, נישט ערגער ווי היינט...

רשע מה הוא אומר מה העבודה הזאת לכם...

דערויף גיט דער ווילנער גאון פאלגענדע קורצע בעמערקונג: „וראיתי אני שיש יתרון לחכמה מן הסכלות כיתרון האור מן החושך״ (קהלת ב. יג.).

וואס ווערט געמיינט דערמיט?

נאר דער גאון איז דערמיט אויסען צו פערענטפערען די בעקאנטע פראגע: מיט וואס אונטערשיידעט זיך די שאלה פון חכם, וועלכער זאגט: „מה העדות וכו׳ אשר צוה ד׳ א׳ אתכם״, ביז די שאלה פון רשע: „מה העבודה הזאת לכם״? מיט וואס איז „אתכם״ בעסער פון „לכם״? און דערויף בעמערקט דער גאון, אז „יתרון לחכמה מן הסכלות״, דער יתרון פון שאלת חכם ביז דער שאלה פון רשע איז „כיתרון האור מן החושך״, ביי אור ווערט דערמאהנט דעם אויבערשטענס נאמען: „ויקרא אלקים לאור יום״, דאגעגען ביי חושך ווערט געזאגט סתם: „ולחושך קרא לילה״, און אין דעם בעשטעהט אויך דער אונטערשיעד פון חכם, וועלכער איז אין זיין שאלה מזכיר דעם

שם־שמים, אויסדריקענדיג זיך: „אשר צוה ד׳ אלקינו אתכם", ביז צום רשע, וועלכער זאָגט: „מה העבודה הזאת לכם", נישט דערמאָהנענדיג דערביי גאָט׳ס נאָמען...

עס איז שוין אָהן אַ שיעור טינט פערגאָסען געוואָרען אויף דער פראַגע פון די מפרשים, וואָס איז דער אונטערשיעד פונ׳ם חכם ביז׳ן רשע, מיט וואָס איז דעם חכם׳ס אויסדרוק „אתכם" בעסער פונ׳ם רשע׳ס אויסדרוק „לכם"? באמת אָבער איז עס אַ פלא, וואָס קיינער פון די מחברים בעמערקט נישט, אַז אין ירושלמי פרק ערבי פסחים, ווי אויך אינ׳ם נוסח־ההגדה פון רמב"ם אין „יד החזקה", איז דער בפירושער נוסח פונ׳ם חכם׳ס שאלה — „אשר צוה ד׳ א׳ אותנו", נישט „אתכם", נאָר — „אותנו"!...

צו רבי נפתלי ריינהערץ זענען אַמאָל געקומען צוויי מחברים בעטען ביי איהם הסכמות אויף זייערע ספרים; איינער איז געווען אַ רב, וועלכער האָט פערפאַסט אַ רבנ׳יש ספר אויף הלכה, דער צווייטער איז געווען אַ משכיל און זיין ספר האָט גע־שמעקט מיט מאָדערניזם, מיט השכלה.

דעם משכיל האָט רבי נפתלי אָבגעזאָגט צו געבען אַ הסכמה, געפינענדיג אַן׳אויס־רייד, באשר איניגע שטעלען אין זיין ספר זענען נישט אויסגעהאַלטען עפ"י דקדוק. דאַגעגען דעם רב האָט ער יאָ געגעבען אַ הסכמה.

דער משכיל נעהמט דעם רב׳ס חבור אין האַנד און זעהט, אַז עס איז פול מיט דקדוק־פעהלערען און האָט בכלל נישט קיין אויסגעהאַלטענעם סטיל, ווי דער שטייגער איז אין די רבנ׳ישע חבורים, און ער לויפט אַוועק מלא פערדרוס צו רבי נפתלי׳ן:

— היתכן — פרעגט ער — ביי מיר האָט איהר זיך צוגעטשעפעט צו אַ גרייז פון דקדוק און דאָ האָט איהר געגעבען אַ הסכמה אויף אַ ספר וואָס איז בלויז גרייזען, אין וועלכען עס איז קיין איין רעכטער גראַמאַטיקאַלישער זאַץ נישטאָ?

— די אייגענע קשיא — ענטפערט איהם דערויף רבי נפתלי — קאָן מען אויך פרעגען אין דער הגדה. דער חכם מיט׳ן רשע שטעלען דאָך אייגענטליך די זעלבע שאלה און כמעט מיט׳ן זעלבען לשון. דער חכם זאָגט: „מה העבודה הזאת אשר צוה ד׳ א׳ אתכם", און דער רשע: „מה העבודה הזאת לכם", טאַ פאַרוואָס ווערט פון רשע׳ס אויסדרוק, „לכם", געדרינגען: „לכם ולא לו" און עס קומט איהם דערפאַר אויסצוהאַקען די צייהן, דאַגעגען דעם חכם מאַכט מען נישט קיין פאַרוואורף, אַז אויך דער אויסדרוק „אתכם" איז משמע: „אתכם ולא לו"?

דער תירוץ איז: דער חכם איז אַ פאַרצייטישער איד, מעגליך אַ קליינשטעדטעלדי־גער רב, איז מען אויף איהם נישט מקפיד, וואָס ער זאָגט „אתכם", און מען איז איהם נישט חושד, אַז ער מיינט דערמיט: „אתכם ולא לו", דען עס איז מסתמא דערפאַר, ווייל ער קאָן נישט קיין דקדוק... אָבער דו רשע, דו קענסט דאָך יאָ דקדוק, פאַרוואָס זאָגסט דו „לכם"? איז נישט אַנדערש, נאָר ער מיינט דערמיט צו בעטאָנען: „לכם ולא לו", און דעריבער — „הקהה את שיניו"...

ולפי שהוציא את עצמו מן הכלל כפר בעיקר...

פאַרוואָס, אייגענטליך, איז ער דערמיט, וואָס ער איז זיך מוציא פון כלל, אַ כופר בעיקר?

דער ווילנער גאון איז דעריבער מגיה, אַז עס דאַרף זיין, נישט „כפר בעיקר",

נאָר — „וכפר בעיקר", און דאָס זענען צוויי גאַנץ בעזונדערע זאַכן. ערשטענס, האָט ער מיט זיין אויסדרוק „לכם" זיך מוציא געווען פון כלל, צווייטענס, דערמיט, וואָס דער רשע האָט אין זיין שאלה נישט דערמאָהנט (ווי אין דער שאלה פון חכם) דעם אויבערשטענ'ס נאָמען, האָט ער בעוויזען, אַז ער איז אויך אַ כופר בעיקר...

אויף אַנ'אַנדער אופן איז נאָמען פון רבי יאָשע־בער בריסקער:

וואָס איז דער אונטערשיעד פון חכם ביז'ן רשע? אויך דער חכם מיט זיין אויסדרוק „אתכם" איז זיך דאָך מוציא מן הכלל? צווייטענס, פאַרוואָס איז ער דערמיט אַ כופר בעיקר?

נאָר „את עצמו" מיינט מען דעם אויבערשטען, ווי מיר געפינען: „טיטוס הרשע כסבור שהרג את עצמו" (גיטין נ"ז), און „שהוציא את עצמו מן הכלל" איז דער פשט, אַז דער רשע, להיפוך צום חכם, האָט מוציא־געווען פון זיין שאלה און נישט דערמאָהנט דעם אויבערשטענ'ס נאָמען...

ואף אתה הקהה את שיניו...

פאַרוואָס בעקומט נישט דער רשע אין דער תורה דעם זעלבען פסק, ווי פון בעל־הגדה?

ווייל אין דער תורה רעדט זיך וועגען אַ רבים: „והיה כי יאמרו אליכם בניכם". בשעת די שאלה ווערט געשטעלט דורך אַ סך רשעים, און בשעת די רשעים זענען אַ רבים, איז אַ מורא מיט זיי אָנצוהויבען. דאַגעגען דער בעל־הגדה האָט נאָר צו טאָ־ן מיט איין רשע: „רשע מה הוא אומר", און אויב ער איז נור איינער, דאַן — „הקהה את שניו", געב איהם אין די ציינער...

(רבי יחזקאל מיכעלזאָהן, בדרך־הלצה)

וועגען רשע ווערט געזאָגט: „זומם רשע לצדיק וחורק עליו שניו" (תהלים לז.) און דערויף קומט דער אויסדרוק: „ואף אתה הקהה את שניו", פון וועלכען דער איינפאַכער פשט איז: מיט דער דאָזיגער תשובה זאָלסטו אָבטעמפּען די שאַרפקייט פון זיינע ציינער, ער זאָל נישט האָבען מעהר וואָס צו טענה'ן, פון לשון „אם קהה הברזל והוא לא פנים קלקל" (קהלת י. י.)...

(באר מרים)

עפ"י דין דאַרף דער צדיק מקיים זיין איבער'ן רשע דעם „ואף אתה הקהה את שניו", אין דער ווירקליכקייט אָבער, אין לעבען, איז עס ליידער פערקעהרט...

(ילקוט יהודה)

מה העבודה הזאת לכם וכו' לכם ולא לו אילו היה שם לא היה נגאל...

דערפאַר וואָלט ער נישט געוואָרען אויסגעליזט, ווייל השי"ת האָט דאַן געהייסען אָנשמירען די אידישע טהירען מיט בלוט, אַלס צייכען פאַר'ן מלאך־המשחית, ער זאָל מבחין זיין פון אידישע ביז נישט־אידישע הייזער. אָבער ער, דער רשע, וועלכער

שליסט זיך אויס פון כלל, ערקלערענדיג: „לכם ולא לו״, ער וואָלט דאָך געוויס זיך געשעמט אָנצושמירען אויף זיין טהיר אַ צייכען, אַז דאָ וואוינט אַ איד, וממילא וואָלט דאָן דער משחית נישט דורכגעלאָזט זיין הויז, און דעריבער — „אילו הי׳ שם לא הי׳ נגאל״.

(שער בת רבים)

דער רשע פרעגט: „מה העבודה הזאת לכם״? נאָכוואָס דאַרף מען די עבודה, די אַלע דאָגמען און צערעמאָניעס. גאָט דיענען איז גענוג בלויז מיט׳ן האַרצען. „רחמנא לבא בעי״. דאָס איז בלויז אַנ׳ענין — טענה׳ט ער — „לכם״, פאַר אייך, קליינליכע, בעגרעניצטע מענשען, „ולא לו״, אָבער נישט פאַר איהם, דעם משכיל, דעם אויפגע־קלערטען... דערמיט איז ער אַ „כפר בעיקר״, אין די עיקרי היהדות, וועלכע זענען געבויט הויפטזעכליך אויף די מצוות מעשיות, און דעריבער — „אילו היה שם לא היה נגאל״, וואָרום דיענען גאָט בלויז מיט׳ן האַרצען, מיט דער מחשבה, דאָס קאָן מען דאָך אין מצרים אויך...

(רבי אברהם׳לע טשעכאַנאָווער)

רבי צבי־הירש קאַלישער האָט אַמאָל געהאָט אַ וכוח מיט אַ דייטשען אַסימילאַטאָר פון גייגערס חדר, וועלכער האָט גע׳טענה׳ט, אַז אידען דאַרפען נישט שטרעבען צו קיין בעזונדער לאַנד, צו ארץ־ישראל, דען יהדות איז נאָר אַ דבר שבמחשבה, אידענטום איז בלויז אַ אידעאישע בעוועגונג און אונזער אויפגאַבע איז בלויז צו פערשפרייטען איבער דער וועלט דעם אידישען געדאַנק, די אידישע עטיק... אָט דאָס טאַקי — האָט איהם רבי צבי־הירש דערויף געענטפערט — ווערט אָנגעוויזען אין דער הגדה. די טענה פון רשע איז: „מה העבודה הזאת לכם״, וואָס דאַרפט איהר עפּיס אַ ספּעציעלע עבודה פאַר אידישקייט? דאָס אידענטום בעשטעהט דער עיקר פון געדאַנק, פון אידעע... און דערויף פיהרט אויס דער בעל־הגדה: „אילו היה שם לא היה נגאל״, ווען ער וואָלט געווען אין מצרים וואָלט ער נישט געוואָלט פון דאָרט אויסגעלייזט ווערען, האַלטענדיג אַז ס׳איז נישט קיין אומגליק צו זיין אין גלות, פערקנעכטעט ביי די מצרים, דען די הויפט־זאַך איז צו זיין אַ איד אין געדאַנק און צו פערשפרייטען צווישען די מצרים די אידישע מאָראַל...

וואָס איז דער חילוק צווישען דער שאלה פון חכם און די שאלה פון רשע? — ביים חכם שטעהט: „והיה כי ישאלך בנך מחר״. קודם־כל טהוט ער, וואָס מען הייסט איהם, און ערשט שפּעטער, אויף צו־מאָרגענס, פרעגט ער. דאַגעגען ביי דער שאלה פון רשע: „מה העבודה הזאת לכם״, שטעהט נישט דערמאָהנט דאָס וואָרט „מחר״. ער וויל באַלד נישט אָנהויבען צו טהון די מצוה און נעהמט גלייך פרעגען קשיות...

(אמרי יעקב)

יכול מראש חדש...

פאַרוואָס האָט געזאָלט זיין אַ הוה־אמינא און ווי אַזוי האָט מען עס געקענט מיינען, אַז פסח זאָל געפייערט ווערען אום ראש־חדש?

ווייל אין דער גמרא ווערט געדרינגען, אַז מיט׳ן וואָרט „הזה״ מיינט מען ראש־חדש.

„כתיב הכא ביום הזה באו מדבר סיני וכתיב התם החדש הזה לכם ראש־חדשים, מאי להלן ראש־חדש אף כאן ראש־חדש" (שבת פ"ו).

און היות, ווי אויך דאָ שטעהט דאָס וואָרט „הזה", „בעבור זה עשה ד' לי בצאתי ממצרים", איז דעריבער — „יכול מראש חדש"...

(כתנות אור)

שהקב"ה חשב את הקץ...

ער האָט אַראָבגערעכענט דעם „קץ"... אַנשטאָט פיער הונדערט, האָט דער גלות־מצרים געדויערט נאָר צוויי הונדערט און צעהן יאָהר — מיט ק"ץ (190) ווייניגער...

(חזון למועד)

„שהקב"ה חשב את הקץ לעשות" ווערט געטייטשט, אַז הגם דער זמן פון גלות מצרים איז בעשטימט געוואָרען אויף גאַנצע פיער הונדערט יאָהר, האָט השי"ת געמאַכט אַ חשבון, אַז צוליעב'ן קושי־השעבוד, צוליעב דעם, וואָס מען האָט מיט די בני־ישראל צו־שווער געאַרבייט, דאַרף זיי דער זמן פערקירצט ווערען אויף צוויי הונדערט מיט צעהן יאָהר.

איז, אייגענטליך, נאָכוואָס איז נויטיג געווען דער חשבון, און אָהן דעם חשבון וואָלט השי"ת נישט געקענט צואיילען דעם זמן?

נאָר — האָט געזאָגט דערויף רבי יעקב פאָליאַק — צוזאַמען מיט דעם זמן פון „וענו אותם ארבע מאות שנה" איז אויך געגעבען געוואָרען די הבטחה: „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול", און קוים איז בעשטימט געוואָרען אַ טערמין, אַז מען זאָל ביי די מצרים צונעהמען דאָס רכוש אין פיער הונדערט יאָהר אַרום, איז דאָך עס נישט קיין יושר און נישט עפ"י דין, אַז דאָס זאָל געטהון ווערען מיט גאַנצע הונדערט און ניינציג יאָהר פריהער, און דעריבער איז דערצו נויטיג געווען דער חשבון...

ברוך שומר הבטחתו לישראל...

פרעגט מען: וואָס פאַר אַ שבח איז עס לגבי השי"ת, אַז ער איז אַ שומר הבטחותיו, אַז ער האַלט וואָרט; די דאָזיגע מעלה קאָן מען דאָך אָפט טרעפען אויך ביי אַ געוועהנ־ליכען בשר־ודם?

נאָר די הבטחה פון השי"ת איז געווען: „ידוע תדע כי גר יהיה זרעך וכו' וגם את הגוי אשר יעבודו דן אנכי" און עס איז דערביי נישט אַרויסגעזאָגט געוואָרען, אויף וועלכע קינדער דאָס בעציהט זיך: פון ישמעאל'ן, צי פון יצחק'ן. מיר דריקען דעריבער אויס אונזער דאַנקבאַרקייט, וואָס „ברוך שומר הבטחתו", וואָס השי"ת האָט די דאָזיגע הבטחה אָבגעהיטען און אָנגעווענדעט בלויז — „לישראל"...

(קהלת משה)

כי גר יהיה זרעך וכו' והיא שעמדה לאבותינו...

די גזירה פון „גר יהיה זרעך", וואָס גילט נאָך ביז היינט, דאָס, וואָס די גוים לאָזען אונז זיך נישט אַסימילירען און דערמאָהנען אונז ביי יעדע געלעגענהייט, אַז מיר

זענען פרעמדע — „והיא שעמדה לאבותינו ולנו", אַט דאָס איז אונז בייגעשטאַנען צו דערהאַלטען עד־היום אונזער זעלבסטשטענדיגקייט...
(רבי נפתלי צבי בערלין)

ואחרי כן יצאו ברכוש גדול...

ערשט ביים אַרויסגעהן פון דאָרט האָט מען זיי געגעבען דעם רכוש גדול, וואָרום ווען מען וואָלט עס זיי געגעבען פריהער, וואָלטען זיי שוין קיין חשק נישט געהאַט אַרויסצוגעהן פון מצרים...
(אמרי חן)

והיא שעמדה לאבותינו ולנו...

דאָס איז אַ המשך צו די פריהערדיגע ווערטער: „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול", און נעמליך: „והיא שעמדה", אַט די דאָזיגע הבטחה וועגען אידישען רכוש, איז בייגעשטאַנען לאבותינו ולנו, „שלא אחד בלבד עמד עלינו לכלותינו אלא שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו", אין אַלע דורות זוכען אונזערע פיינד תחבולות, ווי אַזוי צו רואינירען די אידען און צוצונעהמען זייערע פערמעגענס — „והקדוש ברוך הוא מצילנו מידם". דאָס קאָן זיי בלויז געלינגען לגבי יחידים, אָבער אויף קיין פאַל נישט אין בעצוג צום כלל־ישראל...
(הגדה ילקוט שמעוני)

„והיא", אַט דער דאָזיגער „רכוש גדול", איז שטענדיג בייגעשטאַנען „לאבותינו ולנו", עס איז דאָס איינציגע מיטעל, מיט וועלכען מיר ראַטעווען זיך אָפּט אין גלות בעת פערשיעדענע אומגליקען און גזירות ר"ל...
(דודאי ראובן)

די דאָזיגע פסוקים ווערען געזאָגט האַלטענדיג בשעת־מעשה דעם כוס וויין אין דער האַנד, דען — „אסרו יינן משום בנותיהן". דער דאָזיגער שטרענגער גדר, וואָס מען האָט ביי אונז איינגעפיהרט, נישט צו טאָרען טרינקען מיט די עכו"ם אַפילו קיין וויין צוזאַמען, איז כדי נישט צו קומען מיט זיי אין קיין נאָהנטע התקרבות, און „והיא שעמדה לאבותינו ולנו" — אַט דאָס האָט במשך פון לאַנגע דורות געשיצט אונזער קיום און אונז אָבגעהיטען פון אַסימילאַציע...
(כסף נבחר)

שלא אחד בלבד עמד עלינו לכלותנו...

דער „לא אחד בלבד", בלויז דאָס, וואָס עס איז ביי אונז קיין אחדות נישט געווען, „עמד עלינו לכלותנו", האָט תמיד גורם געווען צו אַלע אונזערע צרות...
(שפת אמת)

אלא שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותנו...

אַלע האָבען זיי אונז פיינד תכלית־שנאה און אַלע שטרעבען זיי אונז צו פערניכטען,

אַפילו די יעניגע, וועלכע דעקלאַרירען זיך מכלומר׳שט אַלס אונזערע גוטע פריינד און בעלי־טובה... אַלס ביישפּיעל וויזט־אָן דער בעל־הגדה אויף לבנ׳ען. אויך ער האָט מכלומר׳שט געשפּילט די ראָליע פון יעקב׳ס ידיד, צו וועלכען ער האָט כסדר גערעדט מיט די ליבליכסטע ווערטער: „הכי אחי אתה ועבדתני חנם" און „למה נחבאת לברוח" און „ואשלחך בשמחה ובשירים", און דאָך איז געווען — „ארמי אובד אבי", ביי זיין גאַנצער גוטפריינדשאַפט האָט ער געמיינט יעקב׳ן אומצוברענגען...

(חתם סופר)

ולבן בקש לעקור את הכל...

וואו ווערט דען דערמאָהנט אין פסוק, אַז לבן האָט געוואָלט אומברענגען יעקב׳ן? עס שטעהט בלויז: „יש לאל ידי לעשות עמכם רע", אָבער פון דאַנען איז דאָך נאָך נישט קיין בעוויז, אַז ער האָט איהם געוואָלט אומברענגען, איהם מיט זיין גאַנץ הויזגעזינד?

נאָר — האָט געזאָגט דערויף רבי אהרן קיידאַנאָווער בדרך־בדיחות — דער דין איז אין דער גמרא: „האומר לשלוחו צא וקדש לי אשה ומת שלוחו — אסור בכל הנשים שבעולם" (גטין ס"ד), ווייל וועגען יעדע אשה איז פאַרהאַן אַ חשש, טאָמער איז זי אַ קרובה פון דער פרוי, וואָס דער שליח האָט מקדש געווען. וועגען אליעזר׳ן, וועלכען אברהם האָט געשיקט מקדש זיין רבקה׳ן פאַר יצחק׳ן, ווערט אויפ׳ן פסוק „ויישם לפניו לאכול" גע׳דרשנ׳ט: „נתנו לו סם המות בקערה". וועלענדיג, אַלזאָ, אומברענגען דעם שליח איז לבן דערמיט ממילא געווען אַ „בקש לעקור את הכל", דען יצחק וואָלט דאָך עפ"י דין נישט געטאָרט מעהר חתונה האָבען און עס וואָלט קיין פאָלק ישראל, חלילה, אויף דער וועלט נישט געוועזן...

נישטאָ קיין יעקב, וועלכער זאָל נישט האָבען געגען זיך אַ ל ב ן; אָבער, ליידער, נישט יעדער לבן האָט געגען זיך אַ י ע ק ב!...

רבבה כצמח השדה נתתיך...

און גראָז האָט די אייגענשאַפט, אַז וואָס מעהר מען שניידט עס, אַלץ גיכער וואַקסט עס צוריק...

ואת ערום ועריה...

צו רבי חיים צאַנזער איז אַמאָל געקומען אַ חסיד, אַ נגיד־ישער איד, וועלכער האָט איהם דערצעהלט בפרטות וועגען זיינע פערשידענע געשעפטען און צווישען אַנדערעס האָט ער איהם אויך פערטרויט, אַז ער האָלט ביים איבערנעהמען אַ גרויסען מאַיאַנטעק אַרענדע, וואָס ער האָט בדעה אויסצודינגען און אַרויסצושטויסען פון דאָרט דעם פריי־הערדיגען, לאַנג־יעהריגען אַרענדאַטאָר.

— מסיג־גבול זיין אַ אידען? — קוקט איהם דער רבי אָן פער׳חידוש׳ט — היתכן?

— דערדאָזיגער אַרענדאַטאָר — קאָכט זיך דער חסיד — איז אַ פושע־ישראל, אַנ׳אַפּיקורס גמור, אַ מחלל־שבת׳ניק, אַזאַ איד איז ממש אַ מצוה צו בעגראָבען!...

ענטפערט איהם דערויף דער צאַנזער:

— אויפ׳ן פסוק „ואת ערום ועריה" זאָגט דער מדרש: „ערום ועריה בלי מצוות,

נתן להם דם פסח וזם מילה״. פרעגט זיך דאָך: דער ״דם־פסח״ איז דאָך געגעבען גע־וואָרען די אידען נ אָ ך דער מכה פון ״חשך״ — און בשעת דער מכה פון ״חשך״, זאָגען אונז די חז״ל, זענען די אידען שטאַרק בעשעפטיגט געווען מיט׳ן בעגראָבען די רשעים, די פושעי־ישראל, וועלכע זענען אויסגעשטאָרבען אין די ״שלשת ימי אפלה״. — איז אויב אַזוי, זענען זיי דאָך שוין דאַן נישט געווען ״ערום בלי מצוות״, זיי האָבען דאָך ערשט אָט נאָר־וואָס עוסק געווען אין גאָר אַ גרויסער מצוה, אין בעגראָבען די פושעי־ישראל?... ובכן, איז דערפון אַלזאָ געדרונגען, אַז בעגראָבען אַ אידען, אַפילו אַ פושע־ישראל, איז נישט אַזאַ וואַזשנע מצוה!...

ואומר לך בדמיך חיי...

און דאָס איז דער אונטערשיעד פון אונז ביז אַנדערע פעלקער. אַנדערע פעלקער לעבען און עקזיסטירען מיט׳ן כח פון שפיכת־דמים, פון פערגיסען י ע נ ע מ ס בלוט, מיר דאַגעגען פערגיסען בלויז אונזער א י י ג ע ן בלוט — ״בדמיך חיי״...

די שרעקליכסטע בלבולים אויף אידען זענען פערבונדען מיט פסח. אין די דאָזיגע טעג זענען טויזענדער, טויזענדער אידען, אין די פערשידענסטע צייטען, אומגעקומען על קידוש־השם. אום פסח זענען אויך אומגעקומען, צוליעב אַ בלבול, די צוויי בעקאַנטע לעמבערגער קדושים, די ברידער רבי יהושע און רבי חיים רייצעס.

בשעת מען האָט זיי ביידע געפיהרט צו דער עקזעקוציע, האָט זיך רבי יהושע געווענדעט צום ברודער און געזאָגט:

— חיים! פאַרוואָס ווערט אינ׳ם דאָזיגען יום־טוב, אין וועלכען השי״ת האָט אונז בעוויזען אַזויפיעל נסים ונפלאות, אַזויפיעל אידיש בלוט פערגאָסען?

דערויף האָט איהם רבי חיים געענטפערט:

— ליעבער ברודער! אויפ׳ן פסוק ״ונקדשתי בתוך בני ישראל וכו׳ המוציא אתכם מארץ מצרים״ (ויקרא כב. לב.) ווערט געזאָגט אין תורת־כהנים: ״על תנאי זה הוצאתי אתכם מארץ מצרים שתמסרו עצמכם לקדש את שמי״. אַזוי האָט מען אויסגע־נומען מיט אונז און מיר מוזען דעם דאָזיגען תנאי מקיים זיין...

ונצעק אל ד׳ אלקי אבותינו וישמע ד׳ את קולנו...

פאַרוואָס ווערט אויך נישט אויסגעפיהרט: ״וישמע ד׳ אלקי אבותינו את קולנו״?

נאָר די חז״ל זאָגען: ״כל התולה בזכות עצמו — תולין לו בזכות אחרים, וכל התולה בזכות אחרים — תולין לו בזכות עצמו״ (ברכות י׳). און דעריבער, ווייל ״ונצעק אל ד׳ אלקי אבותינו״, ווייל מיר זענען געווען אַ תולה בזכות אחרים, איז — ״וישמע ד׳ את קולנו״, האָט מען אונז געהאָלפען אין אייגענעם זכות...

(רבי אברהם׳לע סאַכאַטשאָווער)

וירא את ענינו זו פרישות דרך ארץ...

אונזער אָרימקייט, אונזער עניות בדעת, נעהמט זיך פון ״פרישות דרך ארץ״, און — ״אם אין דרך־ארץ, אין תורה״...

(רבי משה, קאָזשעניצער מגיד)

או הנסה אלקים לבוא לקחת לו גוי מקרב גוי...

„מקרב", פון סאַמע אינגעווייד (פון לשון „ולא נודע כי באו אל קרבנה"). השי"ת האָט אַרויסגענומען די אידען „מקרב גוי", פון גוי'אישען, מצרי'שען מאַגען, אין וועלכען זיי זענען שוין געווען פערשלינגען, זייענדיג פולשטענדיג אַסימילירט, ווען ס'איז שוין באַלד נישט קענטיג געווען קיין זכר פון אידישקייט...

(רבי יעקב עמדין)

אלו עשר מכות...

דעריבער זענען מיר זיך נוהג אַבצוטריפען פון כוס טראָפּענס ווײן ביים צעהלען די מכות, צו ווייזען דערמיט, אַז אונזער שמחה, וואָס צוליעב אונז איז אַ גאַנץ פאָלק נענש געוואָרען, איז נישט בשלימות. דעם שונא'ס מפלה, הגם ער האָט זיך די דאָזיגע מפלה כשר פערדיענט, פערשאַפט אונז נישט קיין אמת'ע פרייד. מיט יעדע מכה ווערט עטוואָס געמינערט פון אונזער כוס של שמחה...

(דון יצחק אברבנאל)

און דעריבער ווערט געברויכט דאָס וואָרט שמחה סיי ביי שבועות: „ושמחת לפני ד' אלקיך" (דברים טז. יא.), סיי ביי סוכות: „ושמחתם לפני ד' אלקיכם", „והיית אך שמח", בלויז ביי פסח ווערט נישט דערמאָהנט קיין שמחה, ווייל אינ'ם דאָזיגען יום־טוב, ווען אַ גאַנץ פאָלק איז שווער בעשטראָפט געוואָרען און „מעשי ידי טובעים בים" — איז די שמחה נישט בשלמות...

(תניא רבתי)

רבי יהודה היה נותן בהם סימנים...

אין תהלים (ק"ה) איז דער סדר פון די עשר מכות אַנדערש, ווי אין חומש. דאָרט ווערט פריהער דערמאָהנט „חשך", דאַן ערשט „דם", „צפרדע", „ערוב" א.אַ.וו. מיט די סימנים דצ"ך עד"ש באח"ב איז רבי יהודה, אַלזאָ, אויסען־געווען פעסטצושטעלען דעם סדר לויט'ן חומש.

(מקור ברוך)

בעמערקונג פונ'ם זאַמלער:

אַ חידוש, וואָס דער מחבר ווייזט נישט אָן די קוועלע, פונוואַנען ער האָט עס גענומען. באמת געפינט זיך עס אין „הגהות מימוני"...

און דאָס איז אויך דער זין פון דער שטעלע אין פסקי־תוספות (מנחות, סימן רל"ד): „רבי יהודה היה רגיל לתת סימנים דצ"ך עד"ש באח"ב וזד"ד יה"ז ומביאין בכורים קורין בסדר הכתוב בחומש".

די פסקי־תוספות ברענגען דאָ די פערשידענע סימנים, וואָס רבי יהודה פלעגט געבען: דעם סימן דצ"ך עד"ש באח"ב אויף די עשר מכות, און זד"ד יה"ז — אויפ'ן לחם־הפנים, ווי מיר געפינען אין דער משנה מנחות צ"ו: „רבי יהודה אומר שלא תטעה זד"ד יה"ז". און דאַן קומט דער אויספיהר: „ומביאין בכורים קורין בסדר הכתוב בחומש", דאָס איז לויט דער מיינונג פון רבינו חננאל, וואָס ווערט אויך געבראַכט אין

„הגהות מימוני״, אַז אויך ביי הבאת־בכורים האָט מען געדאַרפט אויסרעכענען די עשר־מכות, און דערויף קומט די בעמערקונג: „קורין בסדר הכתוב בחומש״, כדי אונטערצושיידען פון תהלים, קאַפּיטעל ק״ה, וואו די מכות ווערען אויסגערעכענט לויט אַ גאַנץ אַנדער סדר...

דצ״ך עד״ש באח״ב...

אויף איינע פון די עפּענטליכע רעליגיעזע דיספּוטען, צו וועלכע מען פלעגט אַמאָל צווינגען די רבנים, זיי זאָלען קומען און אויסהערען די בעשולדיגונגען פון די שונאי־ישראל, פערשידענע כמרים און משומדים, האָט איינער אַ כומר געפּרובט בעווייזען, אַז די ווערטער „דצ״ך עד״ש באח״ב״, וואָס די אידען זאָגען אין דער הגדה, זענען איי־גענטליך געהיימע נוטריקון, וועלכע זענען מרמז דערויף, אַז אין דער נאַכט פון פּסח איז אַ מצוה צו געברויכען קריסטליך בלוט און אַז דאָס וואָרט דצ״ך מאַכט — „דם צריכים כלנו״...

דערויף האָבען די רבנים, בעקומענדיג אַ וואָרט צו זייער פערטיידיגונג, גע־ענטפערט, אַז אמת טאַקי, די דערמאָנטע ווערטער בעשטעהען פון נוטריקון, אָבער זיי ענטהאַלטען, פּונקט פערקעהרט, אַ הכחשה געגען דעם אונזיניגען עלילת־דם, און נעמ־ליך: דצ״ך מאַכט — „דוברים צוררינו כזב״, עד״ש — „עלילת דם שקר״, באח״ב — „בני אברהם חלילה בזאת״...

כמה לקו באצבע...

וואָס איז, אייגענטליך, דער זין פון דער דאָזיגער פּלוגתא וועגען די צאָהל מכות, וועגען וועלכע איין מאַן־דאמר זאָגט: „במצרים לקו עשר מכות ועל הים לקו חמשים מכות״, אַ צווייטער — „במצרים לקו ארבעים מכות ועל הים לקו מאתים מכות״, אַ דריטער — „במצרים לקו חמשים מכות ועל הים לקו חמשים ומאתים מכות״. צוליעב וואָס האָט זיך יעדער פון זיי בעמיהט מוסיף צו זיין די צאָהל מכות און אַנטקעגען וואָס איז דאָס פאַר אַ נפקא־מינה?

עס איז צוליעב דעם — זאָגט דערויף דער ווילנער גאון — ווייל השי״ת האָט אונז מבטיח געווען, אַז „כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך״, ווי אויך „והסיר ד׳ ממך כל חולי וכל מדוי מצרים הרעים״ און דעריבער האָבען זיך די חכמים בעמיהט אַנצוווייזען אויף אַלץ אַ גרעסערע צאָהל מכות, מיט וועלכע די מצרים זענען געשלאָגען געוואָרען אין מצרים און אויפ׳ן ים, כדי די אַלע מכות זאָלען אין אונז, לויט דער געגעבענער הבטחה, נישט שולט זיין...

(לקוט אמרים)

אילו קרבנו לפני הר סיני ולא נתן לנו את התורה דיינו...

אָהן קבלת־התורה — וואָס וואָלטען מיר געהאַט דערפון, וואָס מען האָט אונז צוגעפיהרט צום הר־סיני? און וואָס איז דער זין פון׳ם דאָזיגען „דיינו״? — נאָר די וויכטיגקייט פון׳ם הר־סיני איז, אויסער קבלת־התורה, בעשטאַנען דערין וואָס ער האָט צום ערשטען מאָל געשאַפען אַחדות ביי אידען. „ויחן שם ישראל נגד ההר — כ ו ל ם

כאיש אחד״! דאָס גופא איז שוין, אַלזאָ, אַ גענוג וויכטיגע זאַך געווען, און צוליעב־דעם אַליין איז — ״דיינו״...
(לוח ארז)

אילו נתן לנו את התורה ולא הכניסנו לארץ ישראל דיינו...

דאַגעגען ״אלו הכניסנו לא״י ולא נתן לנו את התורה״ — דאָס שטעהט נישט... ארץ־ישראל אָהן תורה קאָן נישט זיין.
(ספר הדרוש)

הוציאנו מעבדות לחרות מיגון לשמחה...

פאַרהאַן אין דער גאולה פערשידענע מדרגות. ביי איינעם איז עס בלויז אַ שטרע־בונג ״משעבוד לגאולה״, ער זאָל נישט דאַרפען מעהר אַזוי שווער צו אַרבייטען. אַ צווייטער האָפט צום ״מיגון לשמחה ומאבל ליום טוב״, צו טעג פון פרייד, ווען ער וועט איבערהויפט נישט טראָגען מעהר אויף זיך קיין שום דאגות. ביי אַ דריטען איז עס שוין פערבונדען מיט אַ העכערען וואונש: ״מעבדות לחרות״, אַראָבצוואַרפען פון זיך דעם עול פון עבדות, פון צו זיין אונטערטעניג אונטער אַ פרעמדע מאַכט. יחידי סגולה וואַרטען דערביי אויפ׳ן ״מאפלה לאור גדול״, אַז די גאולה זאָל ברענגען צו דער התגלות פון גרויסען געטליכען ליכט, וואָס זאָל אָנהויבען שיינען איבער דער גאַנצער וועלט און עס זאָל זיין ״ומלאה הארץ דעה״... און דאָס איז אויך דער פשט: ״את כל אשר עשה אלקים למשה ולישראל עמו״, בעזונדער ״למשה״ און בעזונדער ״לישראל״, דען אַנדערש זעהט־אויס דער זין און די בעדייטונג פון דער גאולה פאַר׳ן ״לישראל עמו״ און אַנדערש — פאַר די משה׳ס...
(נועם אלימלך)

פסח מצה ומרור...

דער סדר דאַרף דאָך אייגענטליך זיין פערקעהרט, דען פריהער איז דאָך געווען דער מרור, דער ״וימררו את חייהם״, און ערשט שפעטער די מצה, אַלס זכר ליציאת־מצרים?

דער תירוץ איז: כדי צו דערפיהלען דעם טעם פון מרור מוז מען פריהער פערזוכען דעם טעם פון מצה. נאָר דאַמאָלס ערשט, ווען מען ווערט אַ בן־חורין, איז מען מסוגל צו פיהלען די ביטערקייט פון עבדות...
(רבי יאָשע־בער מבריסק)

אויף אַלעם מאַכען מיר אַ זכר: די ״זרוע״ איז אַ זכר אויפ׳ן קרבן־פסח; די ״מצה״ — אויפ׳ן ״על שלא הספיק בצקם להחמיץ״; דער ״מרור״ — אויפ׳ן ״וימררו את חייהם״. פאַרוואָס מאַכען מיר נישט קיין זכר אויך אויפ׳ן ״רכוש גדול״? — ווייל דערפון איז שוין לאַנג קיין זכר נישט געבליבען!...
(אַ פאָלקס־ווערטעל)

מרור זה שאנו אוכלים...

״מרור בזמן הזה מדרבנן״... אַ גרויסען טייל פונ׳ם מרור, פון אונזער פערביטערט

לעבען, האָבען מיר בזמן הזה אויסצושטעהען — „מדרבנן", פון פערשידענע אונפּאַסיגע רבנים און זייער אונפּאַסענדער אויפפיהרונג, מיט וועלכע זיי פערשאַפען אונז קיין כבוד נישט...

(תפארת שלמה)

אין איינע פון די אַלטע פאַרצייטישע הגדות, וועלכע איז געדרוקט אין ליוואָרנו, מיט אַ פירוש פון אַנ'אונבעקאַנטען מחבר, ווערט אויף די ווערטער „מרור זה" געזאָגט: „יש מנהג בעולם שכשאומר מרור זה מראה על אשתו ואומר מרור זה"...

בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו...

יעדער מענש איז מחויב זיך אַליין צו זעהען, אין זיך אַליין אַריינקוקען, צו וויסען יעדעס מאָל, וואו ער האַלט און וואָס עס פעהלט איהם...

(תפארת שלמה)

לפיכך אנחנו חייבים להודות...

וואָס עפּעס „לפיכך"?

נאָר פריהער פיהרט מען אויס: „למען הביא אותנו לתת לנו את הארץ אשר נשבע לאבותינו", און „לפיכך", קוים האָט מען נישט בלויז אונזערע עלטערען אויסגעלייזט, נאָר מען האָט אויך אונז געגעבען די זעלבע הבטחה, אַז אויך מיר וועלען אויסגעלייזט ווערען, איז דעריבער — „אנחנו חייבים להודות להלל וכו'".

(אמרי חן)

אשר גאלנו וגאל את אבותינו...

לויט'ן סדר וואָלט דאָך אייגענטליך געדאַרפט שטעהן פריהער „אשר גאל את אבותינו" און נאָכהער — „אשר גאלנו"?

נאָר איטליכער דור ווערט וואָס ווייטער אַלץ שוואַכער אין אידישקייט, און איטליכען דור איז נויטיגער פריהער אויסצולייזען די קינדער פאַר די טאַטעס, וועלכע זענען פרומער און דויערהאַפטער אין זייער אמונה און בטחון. דער „אשר גאלנו" איז בילכער און קודמ'ער פאַר'ן — „וגאל את אבותינו"...

(דברי שאול)

אין דער משנה (פסחים קט"ז) איז צווישען רבי טרפון און רבי עקיבא פאַרהאַן אַ חלוקי־דעות וועגען נוסח פון דער דאָזיגער תפלה. לויט רבי טרפון דאַרף מען בלויז זאָגען: „אשר גאלנו וגאל את אבותינו ממצרים", אָהן די ווייטערע ווערטער און אָהן צו פערענדיגען מיט דער ברכה „גאל ישראל". דאַגעגען לויט רבי עקיבא דאַרף דערויף צוגעגעבען ווערען: „כן ד' אלקינו ואלקי אבותינו יגיענו למועדים ולרגלים אחרים הבאים לקראתנו לשלום שמחים בבנין עירך וששים בעבודתך" און אויסגעלאָזען: „ברוך אתה ד' גאל ישראל".

די מיינונגס־פערשידענהייט צווישען די צוויי תנאים וועגען דעם נוסח פון דער דאָזיגער ברכה ערקלערט זיך וואָהרשיינליך דערמיט, וואָס אַ גרויסער טייל פון דער

אידישער בעפעלקערונג אין ארץ־ישראל איז דאַן אַרומגעגנומען געוואָרען פון דער שטאַרקער מרידה־באַוועגונג, אָרגאַניזירט דורך בר־כוכבא, וואָס האָט גערופען צו אַנ׳אויפשטאַנד געגען די רוימער. רבי טרפון, פונקט ווי פיעל אַנדערע פון די אָנ־פיהרענדע אידישע חכמים, זענען געווען געגנער פונ׳ם דאָזיגען אויפשטאַנד, וועלכען זיי האָבען בעטראַכט אַלס אויסזיכטסלאָז, און צוליעב מורא פאַר די רוימער, ווי אויך בכדי נישט פונאַנדערצובלאָזען ביים פאָלק דאָס פייער פון איבערטריבענע האָפנונגען, האָט ער געהאַלטען, אַז מען דאַרף אינ׳ם סדר פון דער הגדה וואָס־וועניגער רעדען וועגען דער קינפטיגער גאולה און יוצא־זיין בלויז מיט׳ן דערמאָהנען די פערגאַנגענ־הייט, און מעהר ווי די ווערטער „אשר גאלנו וגאל את אבותינו ממצרים״ זאָל מען נישט זאָגען. דאַגעגען רבי עקיבא, ווי עס איז בעוואוסט, האָט אונטערגעשטיצט דעם אויפשטאַנד פון בר־כוכבא׳ן, ערקלערענדיג, אַז איהם האָט עס דער נביא געמיינט און וועגען איהם האָט ער פאָראויסגעזאָגט: „דרך כוכב מיעקב״, און ער איז דעריבער געווען דערפאַר, אַז די פסח־נאַכט, דער יום־טוב פון דער אַמאָליגער בעפרייאונג, זאָל אונבעדינגט אויסגענוצט ווערען פאַר אַגיטאַציע־צוועקען, צו פערשטאַרקען אינ׳ם פאָלק דעם בטחון און די גרייטקייט צו דער נאָהענטער גאולה און אין אַלע אידישע הייזער זאָל אין דער דאָזיגער נאַכט אויסגעשריען ווערען: „כן ד׳ אלקינו ואלקי אבותינו יגיענו למועדים ולרגלים אחרים הבאים לקראתנו לשלום!״ און — „ברוך אתה ד׳ גאל ישראל!״...

(הרב דר. זאב מישעל)

כן ד׳ וכו׳ יגיענו למועדים ולרגלים אחרים...

„ווען פרעהט זיך אַנ׳אָרימאַן? — ווען ער פערלירט און געפינט״, און אַזוי איז עס אויך מיט׳ן רוב אידישע שמחות, וועלכע ווערען געפראַוועט אין צוזאַמענהאַנג מיט פערשיעדענע צרות, פון וועלכע מען איז עפ״י נס ניצול געוואָרען. בעטען מיר דעריבער ביי׳ם רבונו־של־עולם: „יגיענו למועדים ולרגלים אחרים״, אַז מיר זאָלען זוכה זיין צו גאַנץ אַנדערע שמחות, „הבאים לקראתנו לשלום״, פריעדליכע שמחות, וועלכע זאָלען נישט זיין פערבינדען מיט איבערגעלעבטע צרות און מיט געשעהענע נסים...

(אמרי חן)

דעריבער איז אַ מנהג צו עסען אייער ביים סדר, ווייל אין מצרים איז לויט די עגיפטישע געזעצען געווען פערבאָטען צו עסען אייער און פלייש (אבן־עזרא וארא, ח. כא.) און מיר ווייזען דערמיט, אַלס זכר לחרות, אַז מיר זענען מעהר נישט אונטערגע־וואָרפען זייערע געזעצען.

צוליעב׳ן זעלבען טעם טונקען מיר אויך דאָס גרינס אין זאַלץ־וואַסער, דען אין מצרים איז זייערע כהנים געווען פערבאָטען צו עסען זאַלץ...

(ספר המנהגים)

אַנ׳אַנטיסעמיטישער דעפוטאַט האָט אַמאָל געפרעגט דעם לובלינער רב, הרב שפירא, פאַרוואָס אידען עסען אום פסח צום סדר האַרטע אייער.

— דאָס איז אַ סימבאָל אויף דער אידישער האַרטנעקיגקייט — האָט איהם דער רב געענטפערט — אייער, וואָס מעהר מען קאָכט און מען בראָט עס, אַלץ האַרטער

ווערען זיי, און דאָס זעלבע איז אויך מיט אידען, „וכאשר יענו אותו — כן ירבה וכן יפרוץ"...

ווענען דעם אמת'ן טעם, פאַרוואָס מען עסט אייער ביי'ם סדר, ווערט געזאָגט אין רמ"א, אַז דאָס איז אַ זכר לתשעה באב (אייער — איז אַ סימן אבלות), וועלכער געפאַלט שטענדיג אינ'ם זעלבען טאָג אין דער וואָך, וואָס דער ערשטער טאָג פסח.

ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים...

נאָך דידאָזיגע ווערטער ווערט אין דער הגדה צוגעגעבען אַן'איינגערינגעלטע בעמערקונג: „במוצאי שבת מן הפסחים ומן הזבחים", ס'הייסט, אַז אום מוצאי־שבת דאַרף מען זאָגען „מן הפסחים" פריהער. פאַרוואָס? — דערויף גיבען די מפרשים פערשידענע ערקלערונגען. דער הויפט־טעם, ווי ס'רוב ווילען האָבען, איז, ווייל „זבחים" מיינט מען דעם ק ר ב ן ־ ח ג י ג ה, וועלכען מען האָט בזמן־המקדש מקריב געווען גלייכצייטיג מיט'ן קרבן־פסח; אויסער ווען ערב־פסח איז געפאַלען אום שבת, האָט מען דאַן מקריב געווען בלויז דעם קרבן־פסח, דאַגעגען די קרבנות פון חגיגת־הרגל, די „שלמים" — ערשט צומאָרגענס. אין אַזאַ יאָהר איז אַלזאָ אויסגעקומען, אַז דעם קרבן־פסח האָט מען געגעסען פריהער (מוצאי־שבת) און דעם קרבן־חגיגה שפּעטער (זונטאָג), און דעריבער זאָגט מען דאַן „מן הפסחים ומן הזבחים" — „מן הפסחים" פריהער...

דידאָזיגע ערקלערונג בעפרידיגט אָבער נישט: וואָרום, ערשטענס, איז דאָך דער „ונאכל שם" אַ תפילה אויף ל ה ב א — און אויב אַזוי, וואָלט מען דאָך דעם געענדערטען נוסח „מן הפסחים ומן הזבחים" בעדאַרפט זאָגען נישט אינ'ם זעלבען יאָהר, ווען די פסח־נאַכט געפאַלט אום מוצאי־שבת, נאָר מיט אַ יאָהר פריהער, בעטענדיג, אַז איבער־אַיאָהר, ווען ערב־פסח וועט דאַן אויספאַלען אום שבת, זאָלען מיר שוין זוכה־זיין צו זיין אין ארץ־ישראל און צום בנין־המקדש און צו עסען דאַן „מן הפסחים ומן הזבחים"!... צווייטענס, נישט אין תלמוד און נישט אין פוסקים ראשונים, וואו עס ווערען אויספיהרליך ערקלערט אַלע דינים ומנהגים פון „סדר" און וואו עס ווערט אויך געבראַכט דער נוסח פון דערדאָזיגער תפילה, געפינען מיר לגמרי קיין רמז נישט דערצו, אַז אום מוצאי־שבת דאַרף מען משנה־זיין דעם נוסח.

עס איז דעריבער אָנצונעהמען, אַז די מדפיסים פון די הגדות זענען דאָ פערפיהרט געוואָרען אין אַ טעות, און בעהמען נעהמט זיך עס פון פאָלגענדען: דער מקור פון דער דאָזיגער תפילה געפינט זיך אין דער משנה פון פסחים (פרק י', משנה ו'), וואו דער נוסח איז: „מן הזבחים ומן הפסחים", אַזוי איז אין דער משנה פון מ ש נ י ו ת. דאַגעגען אין דער משנה פון דער ג מ ר א (פסחים, דף קט"ז) איז דער נוסח פערקעהרט: „מן הפסחים ומן הזבחים". דער בעל־הגדה האָט אָנגענומען דעם נוסח פון דער משנה אין מ ש נ י ו ת, און וואַהרשיינליך האָט איינער פון די ערשטע מעתיקים, איבערשרייבענדיג די הגדה אין כתב־יד (נאָך איידער עס איז געווען דרוק), צוגעצייכענט ביי דער זייט די ווערטער: „במ"ש" (עס הייסט „במשנה שבגמרא") איז דער נוסח: „מן הפסחים ומן הזבחים". דאַן איז געקומען אַ שפּעטערדיגער מעתיק אָדער מדפיס און האָט עפ"י טעות אָנגענומען, אַז די ראשי־תיבות „במ"ש" מאַכט: „ב מ ו צ א י ־ ש ב ת" — און דער דאָזיגער גרייז האָט זיך איינגעבירגערט און איז איבערגעגאַנגען פון מדפיס צו מדפיס, פון דור צו דור, עד היום הזה!...

(מקור ברוך)

כן עשה הלל וכו׳ לקיים מה שנאמר על מצות ומרורים יאכלוהו...

פאַרוואָס ווערט עפּיס געבראַכט דער דאָזיגער פּסוק, וועלכער שטעהט ביי פּסח שני, און נישט קיין פּסוק פון פּסח ראשון? — ווייל צו וואַרטען אַ גאַנץ יאָהר, ביז צום נעכסטען פּסח ראשון, איז פאַר אונז אַ צו־לאַנגער טערמין. מיר וואָלטען וועלען, אַז די גאולה זאָל קומען וואָס שנעלער, כדי „לקיים מה שנאמר", מיר זאָלען נאָך קאָנען מקיים זיין דעם „ומצות ומרורים יאכלוהו" פון פּסח שני, וועלכער געפאַלט אין אַ חודש אַרום...

(רבי שלום בעלזער)

שפוך חמתך אל הגוים...

עס ווערט דאָך כסדר גערעדט בלשון־רבים: „שפוך חמתך אל הגוים אשר לא ידעוך ואל ממלכות אשר שמך לא קראו", טאָ פאַרוואָס שטעהט ווייטער: „כי אכל את יעקב", בלשון יחיד, און נישט: „כי אכלו את יעקב"?

נאָר אין אַלע אַנדערע פראַגען און פּראָבלעמען זענען די פערשידענע גוים צוטיילט צווישען זיך און ס׳איז נישטאָ ביי זיי קיין איינהייטליכע שטעלונג. בלויז אין דער פראַגע פון פייניגען די אידען הערשט אָפט אַן אייניגקייט כמעט צווישען אַלע פאַרטייען, דאַן איז — „כי אכל את יעקב", ווערט פון אַלע גוים איין גוי...

(אור לישרים)

וועגען דעם מנהג צו עפענען די טהיר ביי „שפוך חמתך", ערקלערט ר׳ אליעזר הכהן צוויפעל, אַז דאָס שטאַמט פון די צייטען פון עלילת־דם. צוליעב די אָפטע בלוט־בלבולים, וועלכע פלעגען מעהרסטענטייל פּראָוואָצירט ווערען אין די סדר־נעכט, איז געוואָרען איינגעפיהרט, אַז איטליכער איד זאָל אינמיטען דעם סדר עפענען די טהיר און אַרומקוקען זיך, צי מען האָט, חלילה, נישט אונטערגעוואָרפען פאַר זיין טהיר אַ טויט־קינד...

דער פּשוט׳ער טעם, פאַרוואָס מען עפענט די טהיר צו „שפוך חמתך", איז ווייל די חז״ל זאָגען אין ערבי־פסחים, אַז עס איז אַ סכנה צו טרינקען זוגות, „אבל אם ראה פני השוק לית לן בה", און דעריבער עפענט מען די טהיר („ראה פני השוק") צווישען די צוויי ערשטע און די צוויי לעצטע כוסות...

צו די פערשידענע טעמים איז אויך כדאַי צו דערמאַהנען די ערקלערונג פון בעקאַנטען געלעהרטען בעער אין זיין בוך „צור געשיכטע דער פּאַסחאַפעסט", און נעמליך:

פלאַוויוס אין זיין בוך „קדמוניות" (יח. ב.) דערצעהלט, אַז בזמן הבית פלעגען פּסח ביינאַכט, נאָך חצות, געעפענט ווערען די טויערען פון בית־המקדש. און דערפון, אַלזאָ, שטאַמט עס דער מנהג, אַז נאָך דער סעודה, וועלכע טאָר נישט געענדיגט ווערען שפּעטער ווי חצות, אײדער מען טרעט־צו צו זאָגען די צווייטע האַלבע הגדה, וועלכע הויבט זיך אָן מיט „שפוך חמתך", ווערט אַלס זכר למקדש געעפענט די טהיר...

שפוך חמתך אל הגוים וכו׳ אשר בשמך לא קראו...

אמת טאַקע, דו האָסט אונז איבערגעגעבען צו די גוים אין די הענד און גוזר

געווען, זיי זאָלען אונז פייניגען; אָבער „אשר בשמך לא קראו" — זיי מיינען דאָך נישט דערמיט מקיים צו זיין דיין ווילען, דיין געבאָט, אויסען דערביי זענען זיי דאָך בלויז דעם „כי אכל את יעקב", צו פרעסען אונז צוליב זייער אייגענער הנאָה, צו בע־פרידיגען זייער אייגענע רשעות... און דעריבער — „שפוך חמתך אל הגוים"!...

(רבי מרדכי באַנעט)

וועגען דעם אַזוי־גערופענעם „אליהו־הנביא׳ס כוס" און זיין בעדייטונג זענען פאַראַן פערשידענע טעמים און רמזים. אַמלאַגישסטען אָבער זעהען אויס צו זיין די פאָלגענדע ערקלערונגען:

ס׳איז אַ פלוגתא אין דער גמרא, צי דאַרף מען, אַ חוץ די אַרבע־כוסות, בענשען ביי ברכת־המזון איבער אַ בעזונדערען פינפטען כוס, אָדער נישט? משום־ספק גיסט מען דעריבער אָן אַ פינפטען כוס און מען טרינקט איהם נישט. און דערפאַר רופט מען איהם „אליהו־הנביא׳ס כוס", ווייל יעדער ספק אין אַ דין ווערט איבערגעלאָזט צו דער ענטשיידונג פון אליהו׳ן, זאָגענדיג דערויף „ת י ק ו" („תשבי יתרץ קושיות ואבעיות")...

(ווילנער גאון)

אַ צווייטער טעם:

די אַרבע־כוסות, ווי בעקאַנט זענען געגען די אַרבע לשונות הגאולה — „והוצאתי", „והצלתי", „וגאלתי", „ולקחתי". עס איז דאָך אָבער פאַרהאַן נאָך אַ פ י נ פ ט ע ר גאולה־אויסדרוק: „והבאתי אתכם אל הארץ"? — גיסט מען דעריבער אָן אַ פינפטען כוס, אָבער מען טרינקט איהם נישט, ווייל אויף דער פערווירקליכונג פון דערדאָזיגער הבטחה וואַרטען מיר נאָך „עד שיבוא אליהו"...

(תולדות אסתר)

אין דער ערשטער משנה פון ערבי פסחים ציטירט דער רשב״ם דעם מאמר פון בראשית רבה וועגען טעם פון די ארבע כוסות: „ר׳ הונא בשם ר׳ אבא אמר כנגד ארבע לשוני גאולה האמורין בגלות מצרים, והוצאתי וגאלתי ולקחתי והצלתי".

באמת אָבער איז דער נוסח אין מדרש: „והוצאתי והצלתי וגאלתי ולקחתי" און אַזוי איז אויך דער סדר אין דער תורה אין פ׳ וארא. וואָס האָט בעוואויגען דעם רשב״ם צו ענדערען דעם דאָזיגען נוסח?

(א. בלומענטאַל)

אין הויז פון אלכסנדר צעדערבוים, דער רעדאַקטאָר פון „המליץ", פלעגט זיך פערזאַמלען פסח צום סדר די העכסטע אידישע אינטעליגענץ פון פעטערבורג, די אָנגעזעהענסטע שריפטשטעלער, פּראָפעסאָרען און פערשידענע בעריהמטע געלעהרטע.

דאָס יאָהר ״תרמ״א איז געווען אין פעטערבורג אַ יאָהר פון אַ מורא׳דיגע שמד־עפידעמיע צווישען דער אַסימילירטער אידישער אינטעליגענץ. ווער — צוליעב וואויג־רעכט, ווער — צוליעב קאַריערע. צווישען אַנדערע האָבען זיך דאַן אויך גע׳שמד׳ט: דער בעקאַנטער אידיש־רוסישער דיכטער מינסקי, פּראָפעסאָר ווענגראָוו און לודוויק סלאָנימסקי.

אין דער פסח־נאַכט פון יענעם יאָהר איז די צאָהל געסט ביי צעדערבוים׳ן אין הויז געווען גרעסער ווי שטענדיג. עס זענען דאָס מאָל געקומען אַזעלכע, וועלכע זענען

ביז דאַן געווען שטאַרק דערוויטערט פון אידישקייט און פון אידישע טראַדיציעס און איצט, אינ׳ם שמד־יאָהר, האָבען זיי געהאַלטען פאַר זייער פליכט צו דעמאָנסטרירען זייער אָנגעהעריגקייט און צוגעבונדענקייט צום אידענטום.

בשעת אַלע זענען שוין געווען אויסגעזעצט אַרום די פייערליך־סערווירטע טישען, פאַר די ערשטע אָנגעגאָסענע כוסות, און צעדערבוים האָט זיך אויפגעשטעלט צו מאַכען קידוש, האָט זיך די טהיר געעפענט און עס האָבען זיך בעוויזען די דריי פרישע משומדים: מינסקי, ווענגראָוו און סלאָנימסקי, וועלכע זענען געווען פון די שטענדיגע סדר־געסט. צעדערבוים ווי אויך די אַרומיגע געסט, האָבען גענומען קוקען איינער אויפ׳ן צווייטען מיט ערשטוינטע בליקען, און דאַן איז דער דיכטער שמעון פרוג פלוצים אויפגעשפרונגען פון אָרט און אַ געשריי געטהון מיט כעס:

— וואָס שווייגט איהר? עפענט די טהיר און זאָגט „שפוך חמתך״!

און תוך־כדי־דבור האָט ער גענומען זאָגען הויך אויפ׳ן קול, מיט אַ ריהרענדען צער און צאָרן־ניגון:

— שפוך — חמתך — אל הגוים — אשר לא ידעוך!!...

אַלע געסט האָבען, אַלס ענטפער אויף די דאָזיגע ווערטער, הילכיג אַפּלאָדירט, און די אַריינגעקומענע משומדים האָבען שעמעוודיג, מיט אַראָבגעלאָזענע קעפּ, פערלאָזען דאָס הויז...

(ש. ל. ציטראָן)

ד׳ לי בעוזרי ואני אראה בשונאי...

שיץ מיך און בעהיט מיך גאָט — „בעוזרי״, פאַר די, וואָס שפּיעלען די ראָלע פון מיינע כלומר׳שטע העלפער און פריינד, „ואני אראה בשונאי״ — פאַר מיינע פיינד וועל איך מיך אַליין היטען...

(עוללות אפרים)

דנת מלך גרר בחצי הלילה...

אין שעפּעטאָווקע האָט איינמאָל פּאַסירט אַ מעשה און אַ פרוי האָט געבוירען אַ קינד צוועלף חדשים נאָכ׳ן מאַנ׳ס טויט. די שטאָדט האָט געקאָכט און מען האָט געטייטעלט אויף איהר מיט די פינגער אַלס מופקרת. איז די פרוי אַוועק צום רב, רבי יעקב־שמשון, פאַר וועלכען זי האָט געוויינט בדמעות שליש און זיך געשוואוירען, אַז ס׳איז אַ כשר אידיש קינד. רבי יעקב־שמשון האָט איינגעפינען, אַז זי זאָגט אמת און ער האָט שטרענג בעפויהלען, אַז עס זאָל קיינער מעהר נישט וואָגען אויף איהר מוציא־שם־רע צו זיין.

בעת מען האָט איהם געפרעגט: היתכן? אויף וואָס פאַר אַ גרונד גלויבט ער איהר, ווי אַזוי איז עס דען מעגליך, אַז דאָס קינד זאָל זיין פון איהר מאַן, ווען דער מאַן איז שוין צוועלף חדשים טויט? האָט ·זיי רבי יעקב־שמשון דערויף געענטפערט:

מיר זאָגען אין דער הגדה: „דנת מלך גרר בחצי הלילה״. איז דאָך אויף אַזאַ אופן אַ האַרבע קשיא: אויב די מעשה פון אבימלך ושרה האָט פּאַסירט אום פסח און געבוירען האָט דאָך שרה יצחק׳ן אויך אום פסח („שוב אשוב אליך כעת חיה והנה בן לשרה אשתך״), עס הייסט פונקט אין צוועלף חדשים אַרום, טאָ ווי אַזוי האָבען די ליצני־הדור געקענט זאָגען: „מאבימלך נתעברה שרה״ און נאָכוואָס איז דערביי גוייטיג

געוועזן דער „צר הקב״ה קלסתר פניו של יצחק דומה לאברהם״. אויב ס׳זענען אַריבער זינט דאַמאָלס גאַנצע צוועלף חדשים, איז דאָך עס דער בעסטער בעוויז, אַז עס איז אַ ליגען? — איז דערפון, אַלזאָ, געדרונגען, אַז ס׳איז מעגליך צו געבוירען אַ קינד אויך צו צוועלף חדשים...

אין פיוט פון מעריב ליל א׳ של פסח זאָגען מיר: „ליל שמורים הוא זה הלילה וכו׳ זה אשר הוא לא יום ולא לילה״.

עס איז אין פלוג אַן׳אונפערשטענדליכער זאַץ און דאָס האָט בעוואויגען דעם בעוואוסטען מדקדק ר׳ וואָלף רעדעלהיים, און נאָך איהם אויך די איבריגע מבארים, מגיה צו זיין: „זה אשר הוא לו יום ולו לילה״ און דאָס וואָרט „לו״ בעציהט זיך אויפ׳ן אויבערשטען. די דאָזיגע ערקלערונג בעפרידיגט אָבער נישט, דען פונ׳ם אויסדרוק „זה״ איז משמע, אַז דאָס געהט אַרויף אויף דער נאַכט, ווי עס ווערט געזאָגט באַלד אין אָנהויב: „ליל שמורים הוא זה הלילה״.

באמת אָבער איז די גאַנצע הגהה נישט נויטיג. וועגען דער ליל שמורים, די נאַכט פון יציאת־מצרים, ווערט געזאָגט אין זהר פ׳ בא (דף ל״ח): „ותנא תוה נהיר ליליא כיומא דתקופא דתמוז וחמא כל עמא דינא דקב״ה הה״ד ולילה כיום יאיר כחשכה כאורה״, און דאָס, אַלזאָ, מיינט דער פיטן מרמז צו זיין מיט די ווערטער: „אשר הוא לא יום ולא לילה״, קיין נאַכט איז עס נישט געווען, דען עס איז געווען דאַן ליכטיג „כיומא דתקופא דתמוז״ און אויך נישט קיין טאָג — דען עס איז דאָך געווען עונת לילה...

(רבי חיים לייב אבד״ק וויטעבסק)

און דערמיט ווערט, אגב, פערענטפערט די קשיא פון חתם־סופר, וועלכער פרעגט (שו״ת ח״ס או״ח ס׳ נ״א), ווי אַזוי מען מעג גומר זיין את ההלל אין דער נאַכט פון פסח, וועהרענד די גמרא זאָגט דאָך אין מגילה (סוף פרק ב׳), אַז קריאת ההלל מוז זיין דוקא בייטאָג, ווייל מיר זאָגען דאַן: „ממזרח שמש עד מבואו״.

אָבער, ווי עס ווייזט אויס, איז אויף דער ליל שמורים, אַלס אויסנאַהם, נישט חל דער דאָזיגער איסור, ווייל זי ווערט נישט גערעכענט אַלס נאַכט, דען — „הוה נהיר ליליא כיומא דתקופא דתמוז״...

(דבש וחלב)

במהרה בימינו בקרוב...

די חז״ל זאָגען (גיטין סח.): „מהרה דמרי עלמא הוי תתנ״ב שנה״, און דעריבער בעטען מיר: „במהרה בימינו בקרוב״, נישט דעם רבונו־של־עולם׳ס „מהרה״, נאָר „בימינו בקרוב״, דער „מהרה״ לויט אונזער מאָס און לויט אונזערע בעגריפען...

(מחצית השקל)

ותיק הוא זכאי הוא חסיד הוא...

ביי די דאָזיגע ווערטער האָט רבי נפתלי ראָפשיצער, זייענדיג נאָך אַ אינגעל, זיך געווענדעט צום פאָטער און אויסגעשריען: טאַטע! אויב דער רבונו־של־עולם איז אַ חסיד, טאָ פאַרוואָס זאָגט ער נישט „ויצמח פורקניה ויקרב משיחיה״?...

חד גדיא...

אין סלאָנים איז אַמאָל געווען איינער אַ גרויסער עזות־פּנים און בעל־מחלוקת, וועלכער פלעגט זיך מיט אַלעמען אַרומקריגען. דער סלאָנימער רב, רבי אייזיל חריף, דערהערענדיג פון זיינע מעשים, האָט בעשלאָסען איהם צו קנס'ענען; אָבער עטליכע בעלי־בתים האָבען זיך איינגעשטעלט פאַר איהם, טענה'נדיג, אַז זיינע מחלוקת'ן פיהרט ער לשם פרומקייט, לשם־שמים. דערויף האָט זיי רבי אייזיל געענטפערט:

— בעת מיר זענען מעיין אין „חד גדיא״, זעהען מיר, אַז אַ העלפט פון זיי זענען שולדיג, און אַ העלפט — נישט. דער „גדי״ איז אונשולדיג, די „שונרא״ — שולדיג, דער „כלבא״ איז אונשולדיג, דען ער האָט זיך דאָך אַנגענומען פאַר'ן יושר, פאַר דער עוולה געגען אונשולדיגען „גדי״, דער חוטרא״ דאַגעגען איז שוין ווידער־אַמאָל שולדיג, און אַזוי כסדר... און געהענדיג אַזוי מיט'ן דאָזיגען גאַנג ביז'ן סוף, קומט־אויס, אַז אויך דער מלאך־המות איז אונשולדיג, אַז אויך ער האָט זיך אַנגענומען פאַר'ן יושר, פאַר'ן אמת, — איז אויב אַזוי, טאָ וואָס האָט דער רבונו־של־עולם צו איהם?... נאָר דער תירוץ איז: ווער בעט דיך, דו זאָלסט זיין „גאָט'ס סטראַפּטשע״? ווער בעט דיך, דו זאָלסט מכלומר'שט מלחמה־האַלטען פאַר'ן אמת, אין דער צייט, ווען דו ביזט נאָר אויסען צו טהון רשעות? זיי נישט קיין בעל־יושר און שעכט נישט קיין מענשען!..

אין יאָהר 1831 האָט דער אינהאָבער פון דער דאַמאָלס בעריהמטער דרוקעריי אין סקידלאָוו (אַ שטעדטעל אין וואָהלינער געגענד) געדרוקט אַ הגדה און, ווי יעדעס ספר, האָט עס פריהער געמוזט דורכגעהן דורך דער צענזור. דער דאַמאָלסדיגער צענזאָר איז, אויסער אַ גרויסער „למדן״, אויך געווען אַ שטאַרקער שונא פון פוילען, און קו־מענדיג אין „חד גדיא״ צו די ווערטער „דזבין אבא בתרי זוזי״, האָט ער ערקלערט, אַז דאָס וואָרט „זוזי״ קאָן ער נישט ערלויבען צו דרוקען, ווייל „זוזי״ (גילדען) איז אַ פּוי־לישע מטבע און צעהלען דאַרף מען לויט די רוסישע מטבעות. ער האָט דעריבער אויסגעמעקט די ווערטער „בתרי זוזי״ און איבערגעמאַכט אויף „בשלשים קופּיקות״.

און אַזוי איז טאַקי פערבליבען אין יענע סקידלאָווער הגדה — „חד גדיא דזבין אבא בשלשים קופּיקות״...

פאַרוואָס רופט מען נישט דעם לעצטען טאָג פון שבועות און סוכות מיט'ן נאָמען „אחרון״, נאָר דעם לעצטען טאָג פסח?

דען דער נביא זאָגט: „לכן הנה ימים באים נאום ד' לא יאמרו עוד חי ד' אשר העלה את בני ישראל מארץ מצרים״ (ירמי' כג. ז.), אַז לעתיד־לבוא וועט מען מעהר נישט דערמאָהנען וועגען יציאת־מצרים, און דעריבער רופען מיר דעם לעצטען טאָג: „אחרון של פסח״, אויסדריקענדיג דערמיט דעם וואונש, אַז אינ'ם נעכסטען יאָהר זאָל פערווירקליכט ווערען די גאולה און דאָס זאָל שוין זיין דער לעצטער פסח. איבעראַיאָהר זאָלען מיר נישט דאַרפען מעהר דערמאָהנען וועגען יציאת־מצרים...

(מטעמים)

„מפני מה מועדים שבבבל שמחים, מפני שלא היו באותה קללה״ (שבת קמ״ח)

„מועדים שבבבל״ — האָט געזאָגט דערויף רבי פנחס קאָריצער — מיינט מען יום־טוב שני של גליות, דען אין ארץ־ישראל ווערט געפייערט נור איין טאָג יו״ט. בשעת דער נביא הושע, וועלכער איז דאָך געווען אין א״י, האָט אויסגעשריען: „והשבתי כל משושה חגה חדשה וכל מועדה!״ (הושע ב. יג.), האָט ער דערמיט אַלזאָ געמיינט

דעם ערשטען טאָג יו״ט, דעם יו״ט פון ארץ־ישראל, און דערפאַר זענען די „מועדים שבבבל״, דער „יום טוב שני של גליות״, פרעהליכע, דען זיי זענען נישט געווען אין כלל פון נביא׳ס קללה...

אין דער תפלה פון „ותודיענו״, וואָס מיר זאָגען אין דער נאַכט פון יום־טוב וואָס געפאַלט אום מוצאי־שבת, ווערט געזאָגט: „ותנחילנו זמני ששון ומועדי קודש וחגי נדבה״. וואָס ווערט געמיינט מיט דעם אויסדרוק „וחגי נדבה״?

נאָר דאָס מיינט מען דעם יום־טוב שני, וואָס מיר פייערען אין גלות בלויז אַלס מנהג און דער דאָזיגער יום־טוב ווערט דעריבער אָנגערופען „חגי נדבה״, ווייל עס איז נישט קיין חיוב מן התורה — נאָר בלויז אַ מין פרייוויליגע נדבה...

(מהרש״א ברכות ל״ג)

די אַנדערע טעג פסח — פלעגט זאָגען רבי נחמן בראַצלאַווער — דאַרפען פונקט ווי די אַנדערע טעג סוכות בעשטעהען פון בלויז שמחה, מיט׳ן אונטערשיד, וואָס די אַנדערע טעג סוכות פרעהט מען זיך מיט דער תורה און די אַנדערע טעג פסח דאַרף מען זיך פרעהען מיט דער אמונה, מיט׳ן — „ויאמינו בד׳ ובמשה עבדו״...

וועגען יום־טוב ווערט געזאָגט, אַז ער דאַרף זיין „חציו לד׳ וחציו לכם״ (ביצה ט״ו). אָבער דער „חציו״ — האָט דערויף בעמערקט רבי מענדעלי קאָצקער — דאַרף זיין אין דער לענג, נישט אין דער ברייט...

עס ווערט געמיינט דערמיט, אַז נישט איין טייל פון טאָג זאָל אָבגעגעבען ווערען לד׳ אויף תורה ותפלה, און דער צווייטער טייל — לכם, אויף עסען און טרינקען, נאָר ביידע, דער לד׳ און דער לכם דאַרפען געהן צוזאַמען...

דעריבער מאַכט מען נישט קיין „שהחיינו״ ביי׳ם אָנהויבען צעהלען ספירה, ווייל די מצוה פון ספירת־העומר איז חל אויף גאַנצע זיבען וואָכען, ניין און פיערציג טעג, איז טאָמער פערגעסט ער איין טאָג צו צעהלען, וועט ער דאָך דאַן האָבען געמאַכט אַ ברכה לבטלה.

(מהר״ם מינץ)

דער פראָסטער עולם איז שטאַרק נזהר אין הזכרת־נשמות, וועלכע ער האַלט פאַר איינע פון די גרעסטע און האַרבסטע מצוות. פאַרהאַן אַזעלכע אידען, וואָס אַ גאַנץ יאָהר, אַ חוץ ימים־נוראים, קוקען זיי נישט אָן די שוהל, דערפאַר אָבער זענען זיי זעהר אָבגעהיטען און זיי פערגעסען נישט צו שטעלען זיך פינקטליך אויפ׳ן פלאַץ אין די טעג, ווען מען איז מזכיר נשמות פון די געשטאָרבענע.

צו אָט די „אָבגעהיטענע״ הזכרת־נשמות אידען דאַרף מען אין די דאָזיגע טעג אַ קלאַפּ טהון אין בעלעמער און אויסשרייען:

— אידען! אַנשטאָט די נשמות פון אייערע געשטאָרבענע קרובים, דערמאָהנט בעסער און געדענקט און האָט אין זינען אייערע אייגענע, לעבעדיגע נשמות!...

(רגש לב)

אין פזמון „יה אלי וגואלי״, וואָס דער בעל־תפלה זאָגט אום יום־טוב פאַר „אשרי״ פון מוסף, ווערט געזאָגט: „ותודה לעולה ולמנחה ולחטאת ולאשם ולמלואים כל

קרבניך״. די דאָזיגע ווערטער זענען גענומען פון פסוק אין פ׳ צו: „זאת התורה לעולה ולחטאת ולאשם ולמלואים ולזבח השלמים״ (ז. לז.) דאָרט ווערט אָבער אינגאַנצען נישט דערמאָהנט דאָס וואָרט „תודה״, דען תודה איז שוין נישט אין כלל פון שלמים. ווערט אָנגעוויזען, אַז וואַהרשיינליך איז דאָ אַריינגעפאַלען אַ טעות־הדפוס און אַנשטאָט „ותודה״ מיט אַ ד׳, דאַרף זיין „ותורה״ מיט אַ ר׳: „ותורה לעולה ולמנחה ולחטאת וכו׳״, עהנליך צו די ווערטער פון דערמאָהנטען פסוק: „זאת התורה לעולה ולמנחה ולחטאת ולאשם״ וכו׳.

אַנמערקונג פון זאַמלער:

די דאָזיגע השערה איז נישט קיין ריכטיגע, נישט אין אַלע פרטים איז תודה אין כלל פון שלמים, דען ביי שלמים איז דער דין, אַז זיי ווערען געגעסען „לשני ימים ולילה אחד״, דאַגעגען ביי תודה איז נור „ליום ולילה עד חצות״ וממילא דאַרף שוין תודה דערמאָהנט ווערען בעזונדער.

אגב, וועגען דעם פשט פון די לעצטע ווערטער פונ׳ם דאָזיגען פזמון: „ברוב פאר חבר כל אהלו, בנתיבות לב לבלב, הצור תמים פעלו״, ווערט אָנגעוויזען, אַז דאָס בעציהט זיך אויף דער בעקאַנטער שטעלע אין ספר יצירה, אַז די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען בל״ב נתיבות החכמה, און דאָס איז, אַלזאָ, דער זין: „בנתיבות לב״, דאָס וואָרט „לב״ האָט דאָ די בעדייטונג פון ל״ב, צוויי און דרייסיג, און „לבלב״ בעדייט: שפּראָצונג, בליהונג, שאַפונג, ווי: „מה יער מלבלב אף בית המקדש מלבלב״ (יומא ל״ט). „האי מאן דנפיק ביומי ניסן וחזי אילני דקא מלבלבי״ (ברכות מ״ג). א.א.

דער היתר אויף מלאכת אוכל נפש ביום־טוב ווערט אַרויסגעלערענט פון פסוק „אך אשר יאָכל לכל נפש״, וועלכער ווערט געזאָגט ביי שביעי של פסח, און דאָס דינט אַלס בנין־אב אויך פאַר אַלע אַנדערע ימים־טובים.

פאַרוואָס דערמאָהנט די תורה וועגען דעם נאָר ביי שביעי של פסח? ווייל דער דאָזיגער טאָג האָט אַ שטאַרקע שייכות צו די ענינים פון אוכל־נפש, דען — „קשים מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף״...

(רבי הירשעלע זדיטשעווער)

עס איז אַן אַלטער מנהג אין פערשידענע אידישע קהלות, אַז די וואַהלען פון אַלערליי כלי־קודש, ווי ראשי־הקהל, חברא קדישא וכו׳ זאָלען פאַרקומען אום שביעי של פסח. אויף וואָס שטיצט זיך דער דאָזיגער מנהג?

דען מנהיגים ווערען בלשון הגמרא אָנגערופען „פרנסים״, צוליעב דעם וואָס פונ׳ם אופן פון זייער התנהגות, פון זייער פערוואַלטען מיט די קהל׳שע ענינים איז אָבהענגיג די פרנסה פון קהל... און היות ווי עס איז דאָך „קשים מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף״, קומען דעריבער פאַר זייערע וואַהלען אינ׳ם דאָזיגען טאָג, ווי וועלענדיג דערמיט בעווייזען, אַז דאָס בעקומען פעהיגע און עהרליכע פרנסים איז פונקט אַזוי שווער, ווי קריעת ים־סוף...

(רבי צבי אלימלך דינאָווער)

אין ווילנאָ איז געווען אַ פּאָדריאַטשיק, ר׳ שלמה פּאָמעראַנץ, אַ גביר אדיר, וועל־כער האָט געפיהרט גרויסע עסקים און פיעל משפחות האָבען געלעבט פון איהם און געהאַט טובות.

מיט דער צייט האָט זיך ביי איהם דאָס רעדעל איבערגעדרעהט, ר׳ שלמה האָט אין אַ פּאַדריאַד אַנגעוואוירען זיין גאַנץ פערמעגען און געוואָרען אַנ׳אָרימאַן אַנ׳אביון און, ווי דער שטייגער איז, האָבען זיך אַלע גוטע פריינד אַנגעהויבען פון איהם מרחק צו זיין...

עס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט האָט די זון פון הצלחה ווידער געגומען אויף איהם שיינען. ער האָט צוריק אַנגעהויבען מאַכען גוטע געשעפטען, ער איז ווידער אַמאָל געוואָרען אַ תקיף אין מעמד און — די „גוטע פריינד״ האָבען זיך פון דאָס ניי געגעבען צו דערקענען...

יום־טוב, אחרון של פסח, זענען זיי אַלע געקומען צו איהם „גוט־יום־טוב־ביטען״. אַז ר׳ שלמה האָט זיי דערזעהן דורכ׳ן פענסטער, האָט ער אַריינגערופען דעם קריסט־ליכען משרת און איהם געהייסען אַרויסשטעלען די קאַסע מיט׳ן געלד אויפ׳ן טיש... דער עולם קומט אַריין מיט׳ן פרעהליכען חניפה׳דיגען „גוט־יום־טוב!״, דערזעהן די קאַסע אויפ׳ן טיש און חדוש׳ן זיך:

— ר׳ שלמה, וואָס איז דאָס?

— איך וויים דאָך וואויל — שמייכעלט ר׳ שלמה — אַז געקומען זענט איהר גוט־יום־טוב־ביטען נישט צו מיר, נאָר צו מיין געלד... טאַ ביטע, רבותי, זעצט זיך, אָט איז דאָס געלד און זייט זיך דערמיט משמח...

(די וועלט דערצעהלט)

ואהיה תמים לו ואשתמרה מעוני... (הפטרה לשביעי של פסח)

צווישען השי״ת און דעם מענש — האָט געזאָגט דערויף רבי משה־לייב סאַסאָבער — איז עפ״י רוב נישטאָ קיין אחדות: איז השי״ת גוט צום מענש און ער פערזאָרגט איהם מיט עושר וכבוד — איז דאַן דער מענש שלעכט צו השי״ת, זינדיגט ער, וישמן ישורון ויבעט... איז ווידער דער מענש גוט צו השי״ת און ער טהוט מצוות ומעשים טובים — איז דאַן השי״ת נישט שטענדיג אין אַזעלכע פאַלען גוט צו איהם, דען עפ״י רוב איז „צדיק ורע לו״... דוד המלך האָט דעריבער געבעטען ביים אויבערשטען: „ואהיה תמים לו״, זיי זאָלעןביידע זיין גלייך אויף גלייך. איך מצדי וועל זיך בעמיהען צו זיין „ואשתמרה מעוני״, צו היטען זיך פון זינד, און דערפאַר זאָל זיין „וישב ד׳ לי כצדקתי״, זאָל השי״ת אויך איהם גוט בעהאַנדלען...

והריחו ביראת ד׳ ולא למראה עיניו ישפוט... (הפטרה לאחרון של פסח)

יראת ד׳ — פלעגט זאָגען רבי מענדעלי קאָצקער — לאָזט זיך אַזוי לייכט נישט דערקענען ביי אַ מענשען. אויפ׳ן „מראה עיניו״ קאָן מען זיך דערביי נישט פערלאָזען. „והריחו ביראת ד׳״, מען דאַרף דערצו האָבען אַ בעזונדערען חוש־הריח, אַ שאַרפע נאָז, מען דאַרף קענען דערשמעקען, ווער עס איז טאַקי באמת אַ ירא־שמים...

ושפט בצדק דלים והוכיח במישור לענוי ארץ...

נישט מיט צוואַנג און מיט פיזישע שטראָף־מיטלען וועט דער מלך־המשיח משפּט׳ן די מענשען, נאָר — מיט זיין אויפפיהרונג, מיט דעם „צדק״ און „מישור״, מיט וועלכען עס וועלען זיין דורכגעדרונגען אַלע זיינע מעשים און האַנדלונגען, מיט זיין התנהגות

וועט ער אַרויסרופען ביי אַלעמען צוטרוי און געהאָרכזאַמקייט. „והכה ארץ בשבט פיו וברוח שפתיו ימות רשע", מיט זיינע רייד בלויז וועט ער אַלעמען איבערציייגען און ענדערונגען זייערע פאַלשע מיינונגען און אויסראָטען פון זיי דאָס רשעות...

(רבי ישראל סאלאנטער)

אליו גוים ידרושו והיתה מנוחתו כבוד...

דער נודע־ביהודה האָט געהאַט פאַר זיך צוויי בעשטימטע שעה אין טאָג, אין וועלכע ער פלעגט זיצען אָבגעשלאָסען און מען האָט דאַן קיינעם צו איהם נישט צוגעלאָזען, בכדי מען זאָל איהם נישט מבטל זיין פון לערנען.

האָט עס דער בעקאַנטער געגנער זיינער אין פראַג, רבי זרח איידליץ, נישט געקענט סובל זיין.

— דאָס איז גאוות — האָט ער גע'טענה'ט — אָט זיץ איך אויך ב"ה און לערן און איך דאַרף זיך נישט דערביי פערשליסען, עס פאַלט גאָר קיינעם נישט איין, חלילה, מיר צו שטערען...

האָט איהם דער נודע־ביהודה דערויף געענטפערט מיט אַ שטאָך.

— וועגען משיח'ן ווערט געזאָגט אין פסוק: „והיה ביום ההוא וכו' אליו גוים ידרושו והיתה מנוחתו כבוד". וואָס איז דער פשט „והיתה מנוחתו כבוד"? נאָר אויב מען זעהט, למשל, אַז אַ רב אין אַ שטאָדט זיצט זיך במנוחה ושלוה און גאַנצע טעג איז איהם קיינער נישט מבטל פון לערנען, איז די דאָזיגע מנוחה נישט קיין סימן פון כבוד, נאָר פערקעהרט, פון בזיון. דאָס בעוויזט, אַז די בעלי־בתים האַלטען איהם נישט, נישט פאַר קיין גרויסען למדן, צו וועלכען מען זאָל קומען שמועסען אין לערנען, נישט פאַר קיין גרויסען חכם, מיט וועלכען מען זאָל זיך אַנ'עצה האַלטען אין מילי־דעלמא און דערפאַר לאָזט מען איהם צו־רוה און ער האָט מנוחה; אַנדערש אָבער איז ביי אַזעלכען, „אשר עומד לנס עמים, אליו גוים ידרושו", וועלכער איז מפורסם אין דער וועלט און פון אַלע זייטען קומט מען צו איהם הערען אַ דבר־תורה און פרעגען אַנ'עצה, אַזעלכער אויב ער בעשטימט פאַר זיך אַ שטיקעל צייט אין טאָג אַלס מנוחה און אברוה פון דער שווערער אַרבייט, איז עס טאַקי — „מנוחתו כבוד"...

ונשא נס לגוים ואסף נדחי ישראל...

און נאָך אויסדריקליכער ווערט וועגען דעם געזאָגט אין אַ צווייט אָרט: „והביאו את כל אחיכם מכל הגוים מנחה לד' בסוסים וברכב ובצבים ובפרדים ובכרכרות" (ישעי' סו.).

— איז וועלכע אידען — האָט דערויף געפרעגט רבי משה קאָברינער — וועלען עס זיצען און וואַרטען, ביז די גוים וועלען זיי צונויפנעהמען און ברענגען קיין ירושלים? די גאָר פרומע אידען, ווי נאָר זיי וועלען דערהערען, אַז משיח איז געקומען, וועלען דאָך זיכער אַליין לויפען און קיין איבריגע מינוט ניט בעלמוטשען, די וועניג־פרומע וועלען אפשר געהן אַביסעל לאַנגזאַמער, אָבער געהען וועלען זיי דאָך זיכער, טאַ וועמען דען מיינט מען? נאָר מוז זיין, אַז עס וועלען זיך געפינען דאַמאָלס אויך אַזעלכע אידען, וועלכע וועלען זיין אַזוי טיעף פערזונקען אינ'ם טומאת־הגלות, דאָס אַפילו דערהערענ־דיג, אַז משיח איז געקומען, וועלען זיי זיך נישט וועלען ריהרען פון אָרט און די גוים וועלען זיי בגוואַלד מוזען אַרויפזעצען אויף פערד און וואָגען און אַוועקפיהרען זיי אַלס מנחה, אַלס „מתנה" קיין ירושלים. אַליין וועלען זיי באין־אופן נישט געהן...

שָׁבוּעוֹת

דעריבער איז די תורה געגעבען געוואָרען אין דער מדבר און נישט אין ארץ־ישראל, כדי נישט אַרויסצורופען קיין מחלוקת צווישען די שבטים; דער וואָלט געזאָגט: עס איז מיין תורה, דען אין מיין לאַנד איז זי געגעבען געוואָרען, און דער וואָלט געזאָגט: עס איז מיין תורה, דען אין מיין חלק לאַנד איז זי געגעבען געוואָרען, און דער וואָלט געזאָגט: עס איז מיין תורה... דעריבער איז זי געגעבען געוואָרען אין דער מדבר, אין אַ מקום הפקר, אין וועלכען אַלע האָבען אַ גלייכען חלק...

(מדרש לקח טוב)

די תורה איז געגעבען געוואָרען אין אַן אונבעשטימט אָרט — אין אַ מדבר, אין אַן אונבעשטימטע צייט — מען ווייסט נישט גענוי, צי בששה בסיון, אָדער בשבעה בסיון, בכדי צו וויזען דערמיט, אַז די תורה איז נישט אָבהענגיג, נישט פון אָרט און נישט פון צייט, מחמת גאַנץ אָפט איז זיך דער מענש מורה־היתר: דאָ קאָן מען זיך נישט פיהרען ווי אין דער היים, דאָ איז אַ פריי אָרט, אַ פרייע מדינה און מען מוז זיך צופּאַסען צו די אָרטיגע בעדינגונגען, אָדער: מען מוז זיך צופּאַסען צו דער צייט, היינט איז די צייט אַן אַנדערע און מען קאָן נישט לעבען, ווי מען האָט געלעבט אין די פאַר־צייטישע יאָהרען... און דערפאַר ווערט אויך געזאָגט: „שיהי׳ דברי תורה בעיניך כאלו היום ניתנו״. די תורה איז שטענדיג אַקטועל, צו יעדע צייט און אין יעדען אָרט...

(רבי ישראל סאלאנטער)

דעריבער ווערט שבועות אָנגערופען אין די חז״ל מיט׳ן נאָמען „עצרת״, הגם אין דער תורה ווערט דאָס וואָרט „עצרת״ בלויז דערמאָהנט ביי שמיני־עצרת, ווייל יעדער יום־טוב האָט זיך זיין בעזונדערע מצוה, וועלכע מען דאַרף מקיים זיין. פסח — די מצוה פון עסען מצה, סוכות — די מצוה פון סוכה, ראש־השנה — תקיעת־שופר א. אַז. וו. בלויז שמיני־עצרת האָט נישט קיין ספּעציעלע מצוה און זי בעשטעהט נאָר פון אויפ־האַלטען זיך („עצרת״), נישט צו טהון קיין מלאכה, און דאָס זעלבע איז אויך מיט שבועות, וועלכער האָט אויך נישט קיין ספּעציעלע, בעזונדערע מצוה, און דעריבער ווערט אויך דער דאָזיגער יום־טוב אָנגערופען „עצרת״.

(קדושת לוי)

און דעריבער — ווערט דערויף צוגעגעבען אין ספר „קרבן העני״ — געפינען מיר דעם דאָזיגען אויסדרוק נור אין דער גמרא און נישט אין דער תורה, ווייל פריהער, פאַר׳ן זמן התלמוד, פאַר׳ן חורבן המקדש, האָט דער דאָזיגער יום־טוב, אויסער דעם איסור פון עשית מלאכה, געהאַט נאָך אַ בעזונדערע מצוה, די מצוה פון שתי הלחם, וממילא האָט ער נאָך דאַמאָלס נישט געקענט הייסען „עצרת״, וועלכער בעדייט בלויז „עצירת מלאכה״...

דעריבער — פלעגט זאָגען רבי שלמה ראַדאָמסקער — זאָגען די חז״ל: „הכל מודים בעצרת דבעינן נמי לכם״ (ביצה ט״ו), ווייל בשעת משה רבינו איז געקומען מקבל זיין די תורה האָבען די מלאכים זיך געגענגעשטעלט און גע׳טענה׳ט: „חמודה גנוזה וכו׳ אתה מבקש ליתנה לבשר ודם״? און דערויף האָט משה געענטפערט: „רבונו־של־עולם, תורה שאתה נותן לי מה כתיב בה וכו׳ כלום אתם עושים מלאכה וכו׳ קנאה יש ביניכם? יצר־הרע יש ביניכם?״... די תורה איז, אַלזאָ, צוגענומען געוואָרען פון די מלאכים און געגעבען געוואָרען אונז נור צוליעב דעם, ווייל מיר זענען מענשען מיט אַלע מענשליכע שוואַכקייטען און מענשליכע בעדערפענישען, און דעריבער נויטיגען מיר זיך אין דאָזיגען יום־טוב אינ׳ם „לכם״, וואָרום ווען נישט דער „לכם״ וואָלטען מיר די תורה נישט בעקומען...

— רבונו־של־עולם! — האָט רבי לוי־יצחק אַמאָל אויסגערופען אום שבועות ביי׳ם דאַווענען — „הכל מודים בעצרת דבעינן נמי לכם״, אויף צו קאָנען מקיים זיין די תורה מוזען מיר דורכאויס האָבען דעם „לכם״, דען — „אם אין קמח אין תורה״!...

פאַרוואָס רופט זיך שבועות „זמן מתן תורתנו״ און נישט — „זמן קבלת תורתנו״? ווייל דער זמן פון „מתן תורתנו״, פון געבען די תורה, איז פאַרגעקומען נור איין מאָל, מיט טויזענדער יאָהרען צוריק, דאַגעגען דער זמן פון מקבל זיין די תורה האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט, דאָס דאַרף מען טהון שטענדיג, יעדען טאָג...

(חדושי הרי״ם)

דעריבער — פלעגט זאָגען רבי מענדעלי קאָצקער — ווערט שבועות גערופען „זמן מתן תורתנו״ און נישט „זמן קבלת תורתנו״, מחמת מתן־תורה, דאָס געבען די תורה, איז געווען צו אַלע גלייך, דאַגעגען קבלת־התורה, דאָס אויפנעמען די תורה, דאָס איז שוין נישט גלייך ביי אַלעמען; יעדער איינער איז מקבל די תורה לויט זיין ערך און לויט זיינע השגות...

ביי יעדען יום־טוב — פלעגט זאָגען רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער — ווערט צווישען אַלע קרבנות, וואָס מען דאַרף ברענגען, אויך אויסגערעכענט אַ שעיר חטאת, בלויז ביי שבועות ווערט נישט דערמאָהנט דאָס וואָרט „חטאת״, ווייל אום שבועות, אין טאָג פון קבלת התורה, איז איטליכער בבחינת גר, וועלכער איז „כקטן שנולד דמי״, ווי אַ ניי־געבוירען קינד, וואָס איז ריין פון זינד...

שבועות איז פון לשון „שבועה״. אינ׳ם טאָג פון מתן־תורה האָט השי״ת און די כנסת־ישראל זיך אַ געגענזייטיגע שבועה געגעבען: מיר האָבען צוגעשוואוירען דעם אויבערשטען, אַז מיר וועלען איהם, חלילה, נישט פערבייטען אויף אַנ׳אַנדערען גאָט, און ער אונז — אַז ער וועט אונז נישט פערבייטען אויף אַנ׳אַנדער פאָלק...

(„טור ברקת״ פון אור החיים)

מתן־תורה — פלעגט זאָגען רבי יעקב־אהרן וואָלאָזשינער — איז געווען אונזער חיתון און שידוך מיט השי״ת, און אַ שידוך פאָדערט גלייכע פליכטען פון ביידע צדדים, מיר האָבען דעריבער דאָס רעכט צו פערלאַנגען פון אויבערשטען, אַז פונקט אַזוי, ווי

מיר האָבן געהאַט צו איהם צוטרוי און זיך מקדים געווען און געזאָגט „נעשה" פאַר „נשמע", זאָל ער אויך אונז אָבצאָהלען מיט דער זעלבער מדה און אויך בנוגע צו אונז מקיים זיין דעם „נעשה" און שיקען אונז די הילף פאַר'ן „נשמע", נאָך איידער ער הערט פון אונז די פערזיכערונג, אַז מיר וועלען זיין גוט און פרום...

רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער האָט איינמאָל, אום שבועות, זיך אויסגעשמועסט אויף זיין שטייגער מיט'ן רבונו־של־עולם און געזאָגט:

רבונו־של־עולם! ראש־השנה ביזטו בבחינת מלך ושופט, און ווען אַפילו דו ווילסט מוחל זיין אויף דיין כבוד, איז „מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול", היינט אָבער, אום שבועות, ווען דו האָסט אונז געגעבען די תורה, ביזטו בבחינת רב און היינט קענסטו אונז מוחל זיין אַלע חטאים ועוונות, דען — „רב שמחל על כבודו, כבודו מחול"...

רבי ברוך מעזשיבוזשער איז אַמאָל געקומען אין אַ שטעדטעל, וואו דער אָרטיגער רב איז געווען אַ שאַרפער מתנגד און ער איז נישט געקומען געבען רבי ברוך'ן שלום. פערפיהרענדיג נאָכהער אַ שמועס מיט עטליכע מקורבים און אויספרעגענדיג זיי, ווער דער רב איז און פון וואַנען ער שטאַמט, האָט מען איהם אינפאָרמירט, אַז דער דאָזיגער רב איז אַ גרויסער למדן, ער האָט זאָגאַר געמאַכט עטליכע ספרים, נישט מעהר, מען מורמעלט אויף איהם, אַז אַ סך פון די חדושי־תורה אין זיינע ספרים זענען נישט זיינע...

— אויב אַזוי — רופט זיך אָן רבי ברוך — איז מיר שוין אַלעס פערענטפערט. לעולם דאַרף אַ רב צוליעב כבוד־התורה נישט געהן מקבל־פנים־זיין אַן־אורח, נאָר דער היתר איז: „הרב שמחל על כבודו כבודו מחול", און דאָס איז דערפאַר, ערקלערט די גמרא אויפ'ן אָרט, ווייל „תורה דיליה היא דכתיב ובתורתו יהגה יומם ולילה" (קידושין ל"ב), עס איז זיין תורה און ער קען דעריבער מוחל זיין אויף איהר כבוד. קוים אָבער בענוצט זיך דער דאָזיגער רב מיט פרעמדע תורה און זי איז נישט זיינע, האָט ער טאַקי קיין רעכט נישט מוחל צו זיין אויף איהר כבוד...

„רב יוסף ביומא דעצרתא אמר וכו' אי לאו האי יומא דקא גרים — כמה יוסף איכא בשוקא" (פסחים ס"ח)

וואונדערען זיך אַלע מפרשים: היתכן, אַז רב יוסף, אויף וועלכען די חז"ל זאָגען עדות (סוף סוטה), אַז ער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין עניוות, זאָל זיך גאָר אַזוי שטאַרק עפענטליך און ריהמען, אַז אַ דאַנק זיין לערנען תורה איז ער גרעסער ווי די אַנדערע, סתם־יוסף'ס פון גאַס?

באמת אָבער האָט ער נישט געמיינט צו ריהמען זיך, נור פערקעהרט. מיר געפינען אין דער גמרא, אַז רב יוסף, וועלכער איז געווען אַ סגי־נהור, האָט זיך אויסגעדריקט און געזאָגט: „מריש הוה אמינא, מאן דאמר הלכה כר' יהודה דאמר סומא פטור מן המצוות, קא עבדינא יומא טבא לרבנן, מאי טעמא דלא מפקדינא וקא עבידנא מצוות, והשתא דשמעתי להא דר' חנינא, דאמר ר' חנינא, גדול המצווה ועושה ממי שאינו מצווה ועושה, מאן דאמר לי אין הלכה כר' יהודה עבדינא יומא טבא לרבנן, מאי טעמא, דכי מפקדינא אית לי' איגרא טפי" (בבא קמא פ"ז).

ווי מיר זעהען, אַלזאָ, האָט ר' יוסף, צוליב ר' יהודה'ס ערקלערונג, אַז „סומא פטור מן המצוות" געהאַלטען, אַז ער געפינט זיך אין אַ נידריגערער מדרגה ווי אַלע

אַנדערע אידען, אַז פאַר זיין אָבהיטען די מצוות, וועלכע ער איז אַלס סגי־נהור נישט מחויב מקיים צו זיין, וועט ער בעקומען ווייניגער שכר ווי אַנדערע, און דאָס האָט ער, אַלזאָ, געמיינט מיט די דערמאָהנטע ווערטער „אי לאו האי יומא דקא גריס — ווען נישט דער דאָזיגער טאָג פון קבלת התורה, ווען אַלע אידען זענען דערהויבען געוואָרען צו דער מדרגה פון מצווים ועושים — כמה יוסף איכא בשוקא", וואָלטען דאָך דאַן אַלע יוסף'ס געבליבען, חלילה, אין דעם זעלבען שפלות'דיגען צושטאַנד וואָס איך, דער סגי־נהור...

„החזירה הקב"ה על כל אומה ולשון ולא קבלוה, עד שבא אצל ישראל וקבלוה" (ע"ז ב')

און הגם עס איז געווען גלוי וידוע פאַר דעם אויבערשטען, אַז די אומות־העולם וועלען די תורה נישט מקבל זיין, האָט עס דאָך געהאַט אַ געוויסע פעולה: בלויז פונ'ם פ אַ ר ל ע ג ע ן זיי צו נעהמען די תורה, איז אין זיי נתדבק געוואָרען עפעס־וואָס, אַ שמץ פון איהר...

(קדושת לוי)

אויפ'ן פסוק „ויוצא משה את העם לקראת האלקים" זאָגט דער מדרש, אַז משה איז אַרומגעגאַנגען און האָט געוועקט די אידען פון שלאָף, זיי זאָלען געהן מקבל־זיין די תורה... ווי קומט עס, וואָס אין אַזאַ מאָמענט, פאַר קבלת־התורה, זאָלען זיך די אידען לעגען שלאָפען? — נאָר היות ווי זיי האָבען זיך דערוואוסט, אַז „החזיר הקב"ה את התורה על כל אומה ולשון", אַז מען טראָגט זיך פריהער אַרום מיט דער תורה צו די אומות־העולם, און היות ווי ס'האָט די אידען גאָרנישט געקאָנט עולה־על־הדעת זיין, אַז די גוים וועלען זיך אָבזאָגען און נישט וועלען נעהמען די תורה — האָבען זיי זיך דעריבער מייאש געווען און געלעגט שלאָפען!... און דערפאַר טאַקע איז אַ מנהג, נישט צו שלאָפען אין דער נאַכט פון שבועות...

(הנ"ל)

„החזירה הקב"ה על כל אומה ולשון"!... הייסט עס, אַז מען האָט אונז פאַרגע־לעגט צו נעהמען די תורה בלויז דערפאַר, ווייל מען האָט אויף איהר אין ערגעץ קיין בעלנים נישט געפונען. ווי־זשע וואָלט געווען, אויב די אומות וואָלטען דאַן יאָ מסכים געווען, וואָלט מען אונז אינגאַנצען אויסגעמיטען?

ניין, חלילה! בעיקר האָט מען טאַקע געמיינט די א י ד ע ן; און דאָס, וואָס מען האָט די תורה פריהער אַרומגעטראָגען צו די א ו מ ו ת, איז מען דערמיט אויסגעגאַנגען געווען, אַז פערקוקענדיג זיך אויף ז י י, זאָלען אויך די א י ד ע ן מרוצה ווערען מקבל צו זיין די תורה — וויסענדיג, אַז די אידען האָבען אין אַלעם ליעב נאָכצוטהון די גוים...

(מחנה לוי)

דער מלבי"ם האָט אַמאָל אין שוהל בעמערקט, ווי אויפרופענדיג צום ספר איינעם פון די שטאָדטישע משכילים, וועלכער איז געווען בעקאַנט אַלס נישט־איבריגער זהיר במצוות, האָט יענער מיט אַ זעהר מתיקות'דיגען נגון געמאַכט די ברכה „אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו", ווי קוויקענדיג זיך מיט יעדען וואָרט.

— נישט אומזיסט — האָט זיך דער מלבי"ם נאָכדעם אָנגערופען — פרעהט ער זיך אַזוי; עס איז טאַקע באמת אַ גליק, „אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את

תורתו", וואס די תורה איז געגעבען געוואָרען בלויז אונז אַליין, זענען מיר פּטור פון אָבצוהיטען זי און מיר קאָנען טהון, וואס מיר ווילען!... וואָרום ווען, חס־ושלום, מען וואָלט אויך די ג ו י ם געווען געגעבען די תורה, וואָלטען דאָך דאַמאָלס אַפילו די אפּיקורסים געמוזט מקיים־זיין אַלץ, וואס שטעהט געשריבען אין איהר, מיט אַלע פּרטים ודקדוקים!...

בעת רבי יעקב־יוסף פון פּולנאה, דער מחבר פון „תולדות יעקב־יוסף", האָט אָבגעדרוקט זיין ספר, איז ער אַליין אַרומגעפאָהרען איהם פערקויפען איבער דער וועלט. אַ מקח האָט ער געשטעלט גאָר אַ הויכען, אַ רענדעל פאַר אַן־עקזעמפּלאַר.

געקומען קיין בערדיטשעוו, איז ער געזעסען אין דער אכסניה און האָט געוואָרט אויף קונים, זיי זאָלען קומען קויפען דעם חבור. דער עולם איז אָבער נישט געקומען, און רבי יעקב־יוסף האָט זיך דערפון זעהר שטאַרק מצער געווען און ער האָט זיך בעקלאָגט דערויף פאַר רבי וואָלף זשיטאָמירער (מחבר פון „אור המאיר"):

— ס'טייטש — האָט ער גע'טענה'ט מיט הקפדה — כ'בין געקומען אַהער פערקויפען מיין חבור, וואס לערנט דער וועלט דעם רבי'ס (דעם בעל־שם'ס) תורה, ולסוף איז אין קונה!...

— מה רעש? — בערוהיגט איהם רבי וואָלף מיט אַ שמייכעל — אויך דער רבונו־של־עולם איז געווען אַ גאַנץ אַנגעזעהענער מחבר, זיין ספר איז זיכער נישט געווען ערגער פון אייערס, פונדעסטוועגען האָט ער זיך אויך אַרומגעטראָגען מיט דער תורה און קיינער האָט זי נישט געוואָלט נעהמען!...

בשעת רבי אייזיל חריף האָט אַרויסגעגעבען זיין ספר „עמק יהושע" און עס אַרומגעשיקט מיט'ן משמש צו פערשידענע בעלי־בתים, האָט איינער פון די סלאָנימער בעלי־בתים, פון זיינע געגנער, איהם צוריקגעשיקט דאָס ספר צוזאַמען מיט פינף רובל...

אין עטליכע טעג אַרום האָט זיך רבי אייזיל געטראָפען מיט'ן דאָזיגען בעל־הבית אויף אַ ברית און איהם וואַרים געדרוקט די האַנד און זיך געפרעהט מיט איהם: גוט מאָרגען, ר' חיים! וואס מאַכט איהר, ר' חיים? זיצט, ר' חיים... יענער איז געבליבען שטעהן ערשטוינט, ערוואַרטענדיג, אַז רבי אייזיל וועט אוודאי זיין ברוגז אויף איהם פאַר דער בעלידיגונג, ולסוף בעגעגענט ער איהם מיט אַזאַ פנים שוחקות און פרעהט זיך גאָר מיט איהם אַזוי שטאַרק!... רבי אייזיל פערפיהרט מיט איהם אַ געמיטליכען שמועס און דאַן מאַכט ער צו איהם: בשעת הקב"ה, דערצעהלען אונז די חז"ל, האָט געוואָלט געבען די תורה, האָט ער זיך אַרומגעטראָגען מיט איהר צו אַלע אומות און זיי האָבען זי נישט געוואָלט מקבל זיין, פאַרוואס האָבען זיי נישט געוואָלט? ווייל די אידישע תורה איז אַ תורת אמת און זיי קענען נישט פערטראָגען און האָבען פיינד דעם אמת... אויך איך, זעהט איהר, האָב זיך פאַר'ן ספר מיינעם שטאַרק געשראָקען. בשעת איך בין צוגעטראָטען צו דרוקען דעם ספר, האָב איך פון אַלע זייטען, פון פערשידענע רבנים און לומדי־תורה, בעקומען בריעף, אין וועלכע זיי האָבען מיר געשריבען, אַז זיי וואַרטען אויפ'ן דאָזיגען ספר מיט גרויס אונגעדולד, האָט עס מיר פערשאַפט אַ ביסעל חולשת־הדעת און איך האָב אָנגעהויבען מהרהר זיין: ווער ווייסט, אויב דער עולם ווייזט אַרויס אַזאַ שטאַרקען חשק צו מיין ספר, מוז דאָך זיין, אַז עס איז נישט קיין תורת־אמת, וואָרום אַנדערש וואָלט דאָך דער חשק נישט געווען אַזוי גרויס... איצט אָבער, אַז עס האָט זיך ענדליך געפונען אַ סלאָנימער בעל־הבית, וועלכער האָט

דאָס ספר נישט געוואָלט נעהמען און עס מיר צוריקגעשיקט, איז דאָך אַ סימן, אַז די תורה פונ'ם ספר איז אַנ'אמת, און אויב אַזוי קומט איהם טאַקי אַ וואַרימען יישר־כח...

„אם אתם מקבלים התורה — מוטב, ואם לאו, שם תהא קבורתכם"... (שבת פ"ח)

די אמונה און דער קיום־התורה גיט דעם איד כח אויסצוהאַלטען די שווערסטע צייטען, איבערצוטראָגען די שווערסטע נסיונות און זיך נישט מייאש צו זיין. מיט'ן מאָמענט אָבער ווען דער איד פערלירט, חלילה, די אמונה און ער פערלאָזט דעם דרך־התורה, דאַן ווערט דאָס לעבען פאַר איהם פוסט, אָהן אַ שום צוועק און אינהאַלט. ער זעהט נישט מעהר קיין שום זין אין די אומזיסטע ליידען און דאָס טרייבט איהם צו דער שרעקליכסטער פערצווייפלונג, אַזש ביז צום „ושם תהא קבורתכם", ווי מיר זעהען עס בעוה"ר אין די לעצטע יאָהרען, ווען פון טאָג־צו־טאָג פערגרעסערט זיך ביי אידען די צאָהל פון זעלבסטמאָרדען ר"ל...

(פרדס יוסף)

„ויתיצבו בתחתית ההר, מלמד שכפה עליהם הקב"ה את ההר כגיגית וכו' מכאן מודעה רבה לאורייתא" (שבת פ"ח)

און דערויף זאָגט רש"י: „מכאן מודעה רבה לאורייתא שאם יזמינום לישראל לדין על שלא קיימו מצוות יש להם תשובה שקבלוה באונס".

פרעגט מען: וואָס איז עס פאַר אַ התנצלות, אַז זיי האָבען מקבל געווען די תורה מאונס? אויב אַ מלך גיט אַרויס אַ געזעץ, איז דאָך דאָס געזעץ חל און עס איז „דינא דמלכותא דינא", סיי ווען די בני־מדינה זענען צופרידען אָדער אונצופרידען דערמיט, סיי זיי זענען עס מקבל ברצון, אָדער בהכרח?

נאָר דער דין איז, און אַזוי ווערט אויך געזאָגט אין טור חושן משפט (סימן שס"ט), אַז דער „דינא דמלכותא דינא" איז גילטיג נור דאַן, ווען דאָס געזעץ ווערט אַרויס־געגעבען פאַר אַלע איינוואוינער פון לאַנד. ווען אָבער עס ווערט אינ'ם געזעץ געמאַכט אַנ'אונטערשיד און די לאַסט פון דער גזירה ווערט אַרויפגעוואָרפען נור אויף איין טייל פון דער בעפעלקערונג, דאַמאָלס איז מען נישט מחויב צו האַלטען זיך אינ'ם דינא דמלכותא, דען עס איז די פליכט פון מלך אַלעמען גלייך צו בעהאַנדלען...

איז אויב השי"ת וואָלט געווען געצוואונגען אַלע אומות מקבל צו זיין די תורה, דאַן וואָלטען מיר נישט געהאַט קיין אויסרייד צו ערקלערען, אַז זי איז אונז געגעבען געוואָרען באונס, דען „דינא דמלכותא דינא", סיי מען וויל, סיי מען וויל נישט. קוים אָבער איז דער „כפה עליהם הר כגיגית" אָנגעווענדעט געוואָרען בלויז צו איין טייל פון זיינע אונטערטאַנען, בלויז צו אידען, דאַן איז — „מכאן מודעה רבה לאורייתא", האָבען מיר געהאַט דאָס רעכט זיך מתנצל צו זיין און צו קומען מיט אַ טענה, אַז מיר האָבען עס געטהון מאונס...

(הרב ברוך עפשטיין)

תוספות פרעגט: דעם „נעשה ונשמע" האָבען דאָך די אידען אויסגערופען פריהער באַך, איידער מען האָט זיי צוגעפיהרט צום באַרג? ענטפערט אויף דעם דער „פני־יהושע", אַז „נעשה ונשמע" האָבען זיי געזאָגט אויף תורה־שבכתב און דער „כפה עליהם הר כגיגית" איז געווען אַ צוואַנג, זיי זאָלען אויך מקבל זיין תורה שבעל־פה.

אַ חדוש, וואָס דער „פני־יהושע" ווייזט נישט אָן און האָט וואַהרשיינליך פערזעהען, אַז דאָס איז אַ בפירוש'ער מדרש אין תנחומא פ' נח...

אויפ׳ן „מכאן מודעה רבא לאורייתא״ פרעגן די מפרשים: עס איז דאך אַ בפירוש׳ער דין אין בבא־בתרא, אַז אויב „תלוהו וזבין — זביניה זביני״, אַז ביי מקח־וממכר איז אויך אַ געצוואונגענע קניה גילטיג און מען קאָן אויף איהר נישט חוזר זיין?...

פון די אַהן אַ שיעור תירוצים, וואס ווערען אויף דער דאָזיגער קשיא געגעבען איז דער שאַרפזיניגסטער, און דערביי דער איינפאַכסטער, דער תירוץ פון רבי יונתן אייבעשיץ, און נעמליך: קוים זאָגען מיר, אַז „מכאן מודעה רבה לאורייתא״, אַז צוליעב׳ן „כפה עליהם הר כגיגית״ האָבען די אידען געהאַט אַ ברירה אָבצוזאָגען זיך פון דער תורה, קאָן מען דאָך שוין איינ׳ם דאָזיגען פאַל נישט קומען צו זיי מיט׳ן דין פון „תלוהו וזבין״, דען אויך דער דאָזיגער דין גופא איז דאָך גענומען פון דער תורה!...

דעריבער — פלעגט זאָגען דער חדושי הרי״ם — איז „כפה עליהם הקב״ה את ההר כגיגית״, כדי די כנסת־ישראל, האָבענדיג גענומען די תורה באונס, זאָל האָבען דעם דין פון אַנ׳אנוסה און ביי אַנ׳אנוסה איז — „לא יוכל לשלחה כל ימיו״, טאָר מען זיך קיינמאָל מיט איהר נישט שיידען...

„ובריות בראשית חרדו ממך בהגלותך מלכנו על הר סיני״...

פאַרוואָס האָבען דאָן די בריות, די בעשעפענישען, געציטערט? — דען די גמרא זאָגט, אַז ווען די תורה וואָלט נישט געגעבען געוואָרען, וואָלטען מיר געוויסע גוטע מדות געקאָנט אָראָבלערנען פון די פערשידענע בעלי־חיים: „צניעות מחתול, עריות מיונה, גזל מנמלה״. און דערפאַר איז איינ׳ם טאָג, ווען עס איז געגעבען געוואָרען די תורה, וועלכע איז כולל אין זיך די אַלע גוטע מדות, האָבען די בעשעפענישען אָנגע־הויבען צו ציטערן, מורא האָבענדיג, אַ מהיום והלאה זענען זיי שוין איינגאַנצען איבריג אויף דער וועלט, מחמת זייער מיסיע צו דיענען אַלס לעהרע פאַר די מענשען איז שוין געענדיגט...

(מלבי״ם)

ר׳ שמעו׳לע אַלטער — דערצעהלען די גערער חסידים — האָט זיך געוואָלט משדך זיין מיט׳ן ברודער, מיט׳ן „שפת־אמת״, פרובענדיג טאַקע אַליין מיט איהם רעדען וועגען דעם. האָט איהם דער „שפת־אמת״ דערויף געענטפערט, אַז קוים איז עס אַ שידוך אָהן אַ שדכן, האָט ער מורא, אַז עס וועט דערפון גאָרנישט ווערען, דען אַזוי געפינען מיר אויך ביי קבלת־התורה: די אידען האָט מען גע׳שדכנ׳ט די תורה דורך אַ מעקלער, דורך משה רבינו, איז דער קנין תיכף אויפ׳ן אָרט געשלאָסען געוואָרען; בנוגע צו די אומות־העולם אָבער האָט מען עס געפרובט מאַכען אָהן אַ שדכן, „החזירה הקב״ה על כל אומה ולשון״, איז טאַקע פונ׳ם עסק גאָרנישט געוואָרען!...

„באותה שעה נתכנסו כל אומות העולם ובאו אצל בלעם ואמרו לו: שמא מבול בא לעולם? אמר להם: לא מבול של אש ולא מבול של מים, אלא הקב״ה רוצה ליתן תורה לעמו, ד׳ עוז לעמו יתן ד׳ יברך את עמו בשלום״ (מכילתא)

פאַרוואָס האָבען זיי עפּעס געמיינט, אַז מבול בא לעולם? און וואָס פאַר אַ שייכות האָט צו בלעם׳ס ענטפער דער פסוק „ד׳ עוז לעמו יתן״?

נאָר זיי ווייסען, די קינדער פון אונזער ליעבען פעטער עשו, פון דער אייגענער ערפאַהרונג ווייסען זיי, ווי אַזוי עס ווערט ביי זיי געגעבען אַ תורה און ווי אַזוי, דורך

וואַסערע מיטלען, זי ווערט פּראָפּאַגאַנדירט און פערשפּרייט איבער דער וועלט — דורך פייער און שווערד, דורך אינקוויזיציעס, ברענענדע שייטערהויפענס און גזירות־שמד... בשעת זיי האָבען, אַלזאָ, דערהערט, אַז עס גרייט זיך אַ אידישער מתן־תורה איז אַ שרעק אויף זיי אָנגעפאַלען, זייענדיג זיכער, אַז אויך ביי אונז וועט דאָס פערשפּרייטען די תורה צווישען די אַנדערש־גלויביגע פעלקער צוגעהן אויפ׳ן זעלבען אופן... און דערויף האָט זיי בלעם בערוהיגט: „לא מבול של אש ולא מבול של מים״, די אידישע תורה ווערט נישט אָנגעוואָרפען אויף אַנדערע בגוואַלד, מיט פייער און וואַסער. „ד׳ עוז לעמו יתן״ — די דאָזיגע תורה האָט דער אידישער גאָט געגעבען בלויז „לעמו״, בלויז פאַר זיין אייגען פאָלק, נישט צווינגענדיג די אַנדערע פעלקער, אַז אויך זיי זאָלען מוזען די זעלבע תורה מקבל זיין, און דער עיקר — „ד׳ יברך את עמו בשלום״, געגעבען האָט ער זיי דערביי אַ ברכה, אַז די דאָזיגע תורה זאָל זיך נישט נויטיגען, ווי די אַנדערע תורות, אין קיין גוואַלד־מיטלען, נאָר געווינען וועט זי פאַר זיך די הערצער אויפ׳ן פריערדליכען אופן, מיט׳ן כח פון איבערצייגונג, מיט׳ן כח פון אמת...

(מוסר היהדות)

רבי אהר׳לע טשערנאָבילער האָט זיך אַמאָל אום שבועות אויסגע׳טענה׳ט מיט׳ן רבונו־של־עולם און געזאָגט:

וואָס איז דער חדוש, וואָס די אידען האָבען דאַמאָלס אויפ׳ן הר־סיני מקבל געווען די תורה? געלד האָבען זיי געהאַט, זיי זענען געווען רייך פון ביזת מצרים און ביזת הים. פון שעבוד־גלויות זענען זיי פריי געווען, אַלע חולים —, ווי די חז״ל דערצעהלען אונז — זענען געזונד געוואָרען, און דערצו האָט איטליכער עין בעין געזעהען התגלות האלקות — טאָ וואָס איז דער וואונדער? זאָל דאָס אַלץ היינט זיך איבער׳חזר׳ן און דו וועסט זעהן, רבונו־של־עולם, מיט וואָס פאַר אַ חשק מיר וועלען מקבל און מקיים זיין די תורה!...

בשעה שעלה משה למרום — דערצעהלען די חז״ל — האָבען די מלאכי־השרת, דערהערענדיג, אַז ער איז געקומען מקבל זיין די תורה, זיך געגענגעשטעלט און גע׳־טענה׳ט: „חמודה גנוזה וכו׳ אתה מבקש ליתנה לבשר ודם״? (שבת פ״ח).

אין אַ געוויסער שטאָדט — האָט עס דער דובנער מגיד מסביר געווען מיט אַ משל — איז געווען אַ רב אַ גדול בתורה, וועלכער האָט אָבער געהאַט אויסצושטעהען גרויסע מחלוקות און ער האָט דעריבער בעשלאָסען אַריבערצופאָהרען אין אַ צווייטער שטאָדט. די קהלה־לייט, זיינע בעלי־מחלוקת, זענען געווען דערפון שטאַרק צופרידען, אָבער ווען די שלוחים פון יענער שטאָדט זענען געקומען נאָכ׳ן רב, זענען די קהלה־לייט פלוצים געקומען צו לויפען אין רב׳ס הויז און אָנגעהויבען צו געוואַלדעווען און צו ליאַרמען, שרייענדיג: מיר וועלען נישט לאָזען צונעהמען ביי אונז אונזער טייערען רב! מיר וועלען נישט לאָזען!...

שטעהט דער רב און חדוש׳ט זיך: וואָס קומט דאָ פאָר? האָבען זיי ווירקליך חרטה, די בעלי־מחלוקת זיינע, און זיי זענען מיטאַמאָל טאַקי געוואָרען איהם אַזעלכע גוטע־פריינד?

דער ראש־הקהל, זעהענדיג, ווי דער רב חדוש׳ט זיך, רופט ער איהם אַוועק אָן אַ זייט און איז איהם מגלה סוד: דאָס מאַכען מיר, רבי, בכיוון — לאַכט ער — דעם דאָזיגען אָנשטעל. מיר האָבען מורא, אַז בשעת די דעלעגאַטען פון יענער שטאָדט וועלען

זעהען, אַז מיר לאָזען אייך אַזוי לייכט אַרויס פון אונז און מיר זענען נאָך גאָר צופרידען דערפון, וועלען זיי זיך טראַכטען, אַז מן־הסתם האָט איהר זיך פערדיענט, מען זאָל וועלען פון אייך פּטור ווערען און אַז אויב איהר טויגט נישט פאַר אונז, טויגט איהר אויך נישט פאַר זיי, און זיי קענען נאָך, חלילה, חרטה האָבען און אייך דאָ איבערלאָזען, מוזען מיר דעריבער שרייען און פּראָטעסטירען, כדי זיי זאָלען מיינען, אַז עס איז אונז טאַקי באמת שווער צו שיידען זיך מיט אייך...

— אויך די מלאכים — האָט דער דובנער פּערענדיגט בדרך־הלצה — האָבען בכיוון געמוזען שרייען, כדי משה זאָל אַמאָל קיין חרטה נישט האָבען און ער זאָל נישט מיינען, אַז אויב די מלאכים לאָזען צונעהמען פון זיך די תורה, איז מסתמא לוינט זיך נישט צו האַלטען מיט איהר און עס איז אפשר דאָס גאַנצע עסק נישט כדאי...

רבי ליפּמאַן ראַדאָמסקער, דער איידעם פון „תפארת שלמה", איז געווען אַ קאָצקער חסיד. איינמאָל, אַהיימקומענדיג נאָך שבועות פון קאָצק, פרעגט איהם דער „תפארת שלמה":

— נו, וואָס ביזטו דאָרט דערגאַנגען? דאָרט האָט מען אַנדערש מקבל געווען די תורה, ווי מיר דאָ?

— יאָ, גאָר אַנדערש — ענטפערט איהם דער איידעם — ביי אייך דאָ טייטשט מען: „לא תגנוב", איהר זאָלט יענעם נישט בע׳גנב׳ענען, און אין קאָצק ווערט גע־טייטשט: „לא תגנוב", דו זאָלסט זיך אַליין נישט בע׳גנב׳ענען...

אסרו־חג נאָך שבועות האָט איינמאָל דער רבי ר׳ בונם צונויפגערופען די חסיד׳ישע יונגעלייט און געזאָגט צו זיי:

די תורה דערצעהלט אונז, אַז נאָך קבלת התורה האָט השי״ת געזאָגט צו משה׳ן: „לך אמור להם שובו לכם לאהליכם" (דברים ה. כז.), יאָ, זיי האָבען מקבל געווען די תורה, איך וואָלט שוין אָבער וועלען זעהען, ווי אַזוי עס וועט זיין נאָכ׳ן „שובו לכם לאהליכם", ווי אַזוי זיי וועלען זיך אויפפיהרען אין דער היים...

וועגען דעם מנהג צו עסען אום שבועות מילכיגס ווערען אין די פערשי־דענסטע ספרים געגעבען זעהר פיל טעמים. אייניגע, די אינטערעסאַנטערע פון זיי:

א) נאָכ׳ן פּסוק „ראשית בכורי אדמתך תביא בית ד׳ אלקיך" (וועלכער בעציהט זיך אויפ׳ן חג־הבכורים) שטעהט תיכף: „לא תבשל גדי בחלב אמו" — עסען מיר דעריבער אינ׳ם דאָזיגען טאָג מילכיגס, כדי צו ווייזען, אַז מיר זענען נזהר אינ׳ם דאָזיגען לאו...

(של״ה)

ב) די 365 לאו׳ן אין דער תורה זענען כנגד די 365 טעג אין יאָהר. אויפ׳ן טאָג פון שבועות פאַלט־אויס דער לאו פון „לא תבשל גדי בחלב אמו"...

(רבי חיים וויטאַל)

ג) בשעת די מלאכים — ווערט געזאָגט אין מדרש — האָבען מקטרג געווען, אַז די אידען זענען נישט ראוי מקבל צו זיין די תורה, האָט זיי דער אויבערשטער געענט־פערט, אַז די מלאכים זענען גיכער דערצו נישט ראוי, מחמת בשעת זיי האָבען אַראָבגענידערט אויף דער ערד און זענען געקומען צו אברהם׳ן, האָבען זיי דאָרט

געגעסען „בשר־בחלב" („ויקח חמאה וחלב ובן־הבקר — ויאכלו")! און נאָך דער־דאָזיגער תשובה זענען זיי אָנטשוויגען געוואָרען... אַ דאַנק, אַלזאָ, דעם מכשול פון „בשר־בחלב" זענען די מלאכים בעזיעגט געוואָרען און די תורה איז געגעבען געוואָרען צו אידען — עסען מיר דעריבער אינ'ם טאָג פון מתן־תורה מילכיגס, כדי צו ווייזען, אַז מ י ר זענען יאָ דעריין נזהר...

(שפתי צדיקים)

ד) ביז מתן־תורה האָבען די בני־ישראל געהאַט דעם דין פון בני־נח, וועלכע מען האָט גע'אסר'ט „אבר מן החי" — און אין כלל פון „אבר מן החי" איז אויך חלב, מילך... ערשט ביי מתן־תורה האָט מען עס מתיר געמאַכט, און דעריבער עסען מיר אינ'ם דאָזיגען טאָג מילכיגס...

ה) מיט'ן מאָמענט, ווען די אידען אין מדבר האָבען מקבל געווען די תורה, האָבען זיי נישט געטאָרט מעהר געניסען פון די צוגעגרייטע פליישיגע מאכלים, וועלכע האָבען נישט ענטשפּראָכען די דינים פון כשרות, און אויך נישט בענוצען די פריהערדיגע פליישיגע כלים — און זיי האָבען דעריבער אינ'ם ערשטען טאָג געמוזט יוצא־זיין מיט מילכיגס...

(גאולת ישראל)

ו) מילך קאָן זיך האַלטען נור אין שפּל'דיגע, ערדענע כלים, אין כלי־כסף וכלי־זהב דאַגעגען ווערט זי שנעל קאַליע. און דאָס זעלבע, איז מען דערמיט מרמז, איז אויך מיט דער תורה: האַלטען האַלט זיך די תורה נור ביי די אָרימע, שפל'דיגע אידען, ביי די „בני עניים", אָבער נישט ביי די כלי־כסף וכלי־זהב — נישט ביי די גבירים...
(עוללות אפרים)

דער טעם, וואָס אום שבועות ווערען די שוהלען, ווי אויך די פּריוואַטע הייזער בעציערט מיט בוימער און גרינס, איז מרמז צו זיין אויפ'ן פסוק: „גם הצאן והבקר אל ירעו אל מול ההר ההוא"...

(ילקוט יצחק)

אין „טעמי המנהגים" ווערט דערויף געזאָגט אַ צווייטער טעם, ווייל — „בעצרת נדונים על פירות האילן".

דאַגעגען שרייבט דער חפץ־חיים אין „משנה־ברורה", אַז דער ווילנער גאון איז געווען געגען דעם מנהג אַוועקצושטעלען אום שבועות בוימער אין שוהל, האַלטענדיג, אַז דאָס איז אַ מנהג עכו"ם.

דער ריזשינער פלעגט אַ שבת פאַר שבועות קיין תורה נישט זאָגען. איך פּיהל מיך — פלעגט ער דאַן זאָגען — ווי אַ פויער פאַר'ן שניט: די אַלטע תבואה איז שוין אויסגעגאַנגען, קיין נייע איז נאָך נישטאָ!...

ר' אהרן קאַרלינער איז אַמאָל אַריינגעקומען שבועות ביינאַכט אין בית־המדרש און האָט געזעהן, ווי דער עולם זיצט אַרום די טישען און שלינגט דעם „תקון ליל־שבועות". שטעלט זיך אַוועק דער קאַרלינער און הויבט־אָן שרייען אויף רוסיש:

„דאַווי טאָוואַר! טאָוואַר דאַווי״! (גיב אַהער סחורה! סחורה גיב אַהער!)... פּער־שטעהט נישט דער עולם, וואָס ער מיינט; ערקלערט ער זיי:

— בנוהג שבעולם, אַז אַ רייזענדער פאָהרט אַרויס אין וועג, פיהרט ער נישט די גאַנצע סחורה מיט זיך, נאָר בלויז מוסטערן, אַ מוסטער פון יעדען מין, וואָס ער האָט צו פערקויפען. לויט די מוסטערן, וואָס ער ווייזט, נעהמט ער אָן די בעשטעלונגען און נאָכדעם ליפערט ער די סחורה. איז ווען האָבען די מוסטערן אַ ווערט — ווען אין לאַגער גופא געפינט זיך טאַקע גענוג סחורה פון יעדען מין. זאָל אָבער איינער אַרומפאָהרען בלויז מיט מוסטערן, נישט־האָבענדיג קיין שום סחורה אויפ׳ן לאַגער, וועט מען איהם אָנגעהמען אַדער פאַר אַ שווינדלער, אַדער פאַר אַ משוגע׳נעם!... דאָסזעלבע איז מיט׳ן „תקון ליל־שבועות״. אין דער נאַכט פון שבועות, אינ׳ם יום־טוב פון קבלת־התורה, זעצען מיר זיך אַוועק און לעגען־אויס די מוסטערן פון אַלעם, וואָס מיר האָבען אַ גאַנץ יאָהר אָנגעלערענט און אָנגעזאַמעלט אויפ׳ן לאַגער מכל־המינים: תורה, נביאים, כתובים, משנה, תלמוד וכדומה. איז ווען איז דאָס אַלץ גערעדט געוואָרען — ווען מען האָט טאַקע דאָס אַלץ ליעגען אויף די פּאָליצעס. אָבער אויב אַ גאַנץ יאָהר לערענט מען נישט, די פּאָליצעס זענען לעדיג, און שבועות ביינאַכט זעצט מען זיך פלוצים אַוועק און מען הויבט־אָן אויפמישען און אויסשרייען די פערשידענע מוסטערן — איז דאָך עס באמת אַ חוזק! וואָס טויגען מיר די בלויזע מוסטערן דיינע? — טאָוואַר דאַווי! דאַווי טאָוואַר!...

דער מנהג נישט צו שלאָפען אין דער נאַכט פון שבועות און צו זאָגען „תיקון״, איז איינגעפיהרט געוואָרען דורכ׳ן האר״י הקדוש און זיין חברייא, די מקובלים פון צפת, און פון דאָרט איז עס נתפשט געוואָרען בכל תפוצות ישראל. דער מקור דערצו איז גענומען געוואָרען פון זהר, וואו עס ווערט געזאָגט: „ועל דא חסידי קדמאי לא הוו ניימי בהיא ליליא והוו לעאין באורייתא״ (זוהר אמור צ״ח), און אין אַ צווייט אָרט: „כל מאן דאשתתף בהרה בהאי ליליא יהא נטיר עילא ותתא כל ההוא שתא וייפיק שתא בשלם״ (בראשית ט׳), און אַזוי ווערט אויך געזאָגט אין „מגן אבות״: „מי שלא ישן בלילה של שבועות, מובטח לו שישלים שנתו״.

פון די שבתים פאַר די שלש רגלים — פלעגט זאָגען דער חידושי־הרי״ם — האָבען צוויי שבתים זוכה געווען צו ספּעציעלע בעזונדערע נעמען, דער שבת פון פסח ווערט אָנגערופען — „שבת הגדול״, און דער שבת פאַר סוכות — „שבת שובה״, אָבער אויך דער דריטער שבת, פאַר שבועות, האָט געדאַרפט טראָגען אַ ספּעציעלען נאָמען; ער האָט געדאַרפט הייסען: „שבת דרך־ארץ״, וואָרום — „דרך ארץ קדמה לתורה״...

דער איינפאַכער טעם, פאַרוואָס די תורה האָט געהייסען צעהלען ספירה פון פסח ביז שבועות, איז צוליב די עולי־רגל, דען כידוע האָט דער שטח פון ארץ ישראל געהאַלטען ארבע מאות פרסה על ארבע מאות פרסה און דאָס בית־המקדש איז געשטאַנען סאַמע אין מיטען לאַנד. די איינוואוינער, וועלכע האָבען געוואוינט ביי די גרעניצען פון לאַנד, האָבען אַלזאָ געהאַט דורכצומאַכען אַ מאַרשרוט פון צוויי הונדערט פרסאות אַהין און צוויי הונדערט פרסאות צוריק. אָנגעהמענדיג, אַז דורכשניטליך קאָן אַ מענש געהן אַ טאָג נישט מער ווי צעהן פרסאות, איז אויסגעקומען, אַז דער וועג אַהין און דער וועג צוריק האָט געדויערט אַ צוואַנציג טעג, און היות ווי קיין ירושלים האָט מען

געדאַרפט עולה רגל זיין סיי אויף פסח, סיי אויף שבועות, איז אויסגעקומען, אַז בלויז אין דער צווישען־צייט פון פסח ביז שבועות האָבען די עולים געדאַרפט דורכמאַכען אַ וועג פון צוויי מאָל צו צוואַנציג טעג, איינמאָל — פון ירושלים אַהיים, און דאַן ווידער־אַמאָל — צוריק קיין ירושלים אויף שבועות. צוזאַמען האָט דאָס פערנומען פיערציג טעג. צו דעם געהט־צו זעקס, אָדער זיבען שבתים, אין וועלכע מען האָט געדאַרפט אין וועג רוהען, איז עס צוזאַמען אַ זעקס, זיבען און פיערציג טעג, אַזוי, אַז אין דער היים איז געבליבען העכסטענס צו פערברענגען אַ צוויי־דריי טעג, און כדי קיין טעות נישט צו האָבען אין חשבון און נישט צו פערשפעטיגען זיך, האָט דעריבער די תורה געהייסען צעהלען די טעג...

(מנהגים בשם רבינו שמואל)

אין מצרים איז עד־היום אַ מנהג צו צעהלען ספירה נישט נור ביינאַכט, נאָר אויך אין דער פריה, נאָך תפלת שחרית. דער דאָזיגער מנהג האָט אַ געוויסע צייט עקזיסטירט אויך אין ארץ־ישראל, אָבער נאָכהער איז ער דאָרט בטל געוואָרען.

די שלשת ימי הגבלה איז מען זיך נוהג צו רופען „די יחוס־טעג". פונוואַנען שטאַמט דער דאָזיגער נאָמען?

מחמת עס ווערט געזאָגט אין מדרש ילקוט: „בשעה שנתן הקב"ה תורה לישראל נתקנאו בהם אומות־העולם ואמרו, מה ראו אלו להתקרב יותר מאלו, אלא שהוא חונף בהם ונושא להם פנים, סתם ד' את פיהם ואמר להם, הביאו לי ספר יוחסין שלכם, שנאמר הבו לד' משפחות עמים", און דאָס איז דער זין, פאַרוואָס מען רופט די דאָזיגע טעג פאַר מתן־תורה: די „יחוס־טעג"...

(אזור אליהו)

אין דער יום־טוב'דיגער שמונה־עשרה, ווי אויך אין קידוש, לאָזען מיר אויס: „מקדש ישראל והזמנים". דער דאָזיגער נוסח איז גענומען פון דער גמרא (ברכות מ"ז און פסחים קט"ו), און פערשידענע מפרשים שטעלען זיך אויפ'ן אויסדרוק „והזמנים", וועלכער איז אונפערשטענדליך, דען, ערשטענס, איז דאָס וואָרט „והזמנים" משמע אַלע צייטען פון אַ גאַנץ יאָהר, נישט בלויז ימים־טובים, און בעסער וואָלט דאָך געווען צו שרייבען „והמועדים". צווייטענס, פונקט ווי מיר פערענדיגען די תפלה פון ראש־השנה מיט „מקדש ישראל ויום הזכרון", דערמאָהנענדיג דייטליך דעם נאָמען פונ'ם בעטרע־פענדען יום־טוב, און פונקט ווי דאָס זעלבע איז אויך מיט יום־כפור — „מקדש ישראל ויום הכפורים", וואָלט מען דאָך אויך די תפלה פון שלש רגלים געדאַרפט מסיים זיין אויפ'ן זעלבען אופן. אום פסח וואָלט מען געדאַרפט אויסלאָזען: „מקדש ישראל וחג המצות", אום שבועות — „מקדש ישראל וחג השבועות", און אַזוי ווייטער.

הרב ברוך עפשטיין אין זיין „מקור ברוך" וויל דעריבער האָבען (הגם עס איז אַ זעהר געוואָגטע בעמערקונג), אַז דאָס וואָרט „והזמנים" אין תלמוד (פון וואַנען מיר האָבען איבערגענומען דעם נוסח) געהער נישט צום טעקסט, צום אייגענטליכען נוסח התפלה, נאָר עס האָט געדיענט בלויז אַלס אָנצייכנונג, אַז ביים פערענדיגען די תפלה זאָל מען אין יעדען יום־טוב דערמאָהנען דערביי דעם געהעריגען זמן: אין פסח זאָל מען פערענדיגען מיט „חג המצות", אין שבועות — מיט „חג השבועות". אָבער במשך פון דער צייט, ווען די העתקה איז איבערגעגאַנגען פון האַנד צו האַנד, איז עס געוואָרען

פערגרייזט דורך איינעם פון די מדפיסים, וועלכער האָט דאָס וואָרט „והזמנים" אַריינ־גענומען אין טעקסט, אינ׳ם אייגענטליכען נוסח־התפלה, און אַזוי איז דאָס שוין נאָכהער פערבליבען...

אַ ראיה צו דער ריכטיגקייט פון זיין בעמערקונג ברענגט הרב עפשטיין פון מס׳ סופרים פרק י״ג ה״ל י״ד, וואו עס ווערט געזאָגט, אַז די ברכות פון דער הפטורה דאַרף מען פערענדיגען מיט — „מקדש ישראל ויום פלוני", אַלזאָ, נישט מיט׳ן אַלגעמיינעם וואָרט „והזמנים", נאָר מיט „יום פלוני", דערמאָהנענדיג, הייסט עס, יעדען יום־טוב מיט זיין דייטליכען, בעזונדערען נאָמען...

ווי געזאָגט, איז דאָס אַ זעהר געוואָגטע בעמערקונג, הגם זי זעהט אויס צו זיין גאַנץ לאָגיש...

אין ספרי (ווערט אויך געבראַכט אין אור־החיים) ווערט געזאָגט, אַז דער חיוב פון הגבלה, פון „והגבלת את העם סביב", האָט זיך אָנגעהויבען ערשט פון דריטען טאָג, אַ טאָג פאַר מתן־תורה, דאַגעגען די מצוה פון פרישה איז חל געווען גאַנצע דריי טעג. איז אויב אַזוי, וואָלט מען דאָך אייגענטליך די דריי טעג פאַר שבועות געדאַרפט רופען „שלשת ימי פרישה", נישט — „שלשת ימי הגבלה"?...

(הבאר)

אין זהר פ׳ תצוה ווערט געזאָגט וועגען די שתי־הלחם: „ומקרבין תרין נהמין וכו׳ והמץ אתוקדא בנורא דמדבחא", אַז די שתי־הלחם האָט מען פערברענט אויפ׳ן מזבח. און דאָס איז דאָך געגען בפירוש׳ן פסוק: „קדש יהיו לד׳ לכהן", געגען דעם דין — „איזהו דבר שכולו לכהן, הוי אומר זה לחם"?...

(משפחת ספרים)

אין זהר דף קע״ז ווערט געזאָגט וועגען מתן־תורה: „דא אמר בשלישי נתנה ודא אמר בשבעה נתנה".

פון די חז״ל ווייסען מיר בלויז וועגען דער פלוגתא צווישען ר׳ יוסי און די חכמים, צי די תורה איז געגעבען בששה בסיון, אָדער בשבעה בסיון, וואו אָבער געפינען מיר אַזאַ מיינונג וועגען שלישי בסיון?...

(הנ״ל)

די צאָהל פון די אידען בשעת מתן־תורה איז געווען ששים רבוא כנגד די אותיות פון דער תורה. אַזוי ווערט געזאָגט אין מדרש־רבה במדבר פ״ד סי״ג און אַזוי ווערט אויך געזאָגט אין זהר חדש סוף שיר־השירים און אויך אין פיעל אַנדערע ערטער.

דער מדרש תלפיות (ערך „אותיות"), שו״ת חות יאיר, דער חתם־סופר, דער פני־יהושע (אין קידושין סוף פרק ראשון) און פיעל אַנדערע וואונדערען זיך דערויף און פרעגען: אין דער תורה, ווי עס ווערט אָנגעוויזען אין דער מסורה, געפינען זיך דאָך נור ש״ד אלפים ותתי״ב אותיות?

עס איז אַ האַרבע קשיא, אויף וועלכער עס ווערט קיין שום ריכטיגע תשובה נישט געגעבען.

אין יוצר ליום ב׳ של שבועות, אינ׳ם פיוט, וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער:

„יום נשתכר נפתחה תאותו״, ווערט געזאָגט: „כי בשכרותו יצא מדעתו ויפר חוקי ויקרב מיתתו״.

וואו איז דער מקור, פונוואַנען דער פיטן האָט גענומען די דאָזיגע האַרבע ווער־טער געגען נח׳ן? איבערהויפּט זענען אונפערשטענדליך די לעצטע ווערטער: „ויקרב מיתתו״, בעת נח האָט דאָך געלעבט ניין הונדערט און פופציג יאָהר?...

(מ. נוסבוים)

דער פיוט „יציב פתגם״ (וואָס ווערט געזאָגט פאַר דער הפטורה פון צווייטען טאָג שבועות) ענדיגט זיך מיט׳ן חרוז: „יהונתן גבר ענותן, בכן לה נמטי אפרין״.

וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָ יהונתן און ווי קומט עס אהער?

פערשידענע ערקלערונגען ווערען וועגען דעם געגעבען. אייניגע זאָגען, אַז מיט׳ן נאָמען „יהונתן״ ווערט דאָ געמיינט משה רבינו, אַנדערע מיינען, אַז דאָס בעציהט זיך אויף יהונתן בן־עוזיאל, וועלכער האָט מתרגם געווען די הפטורות (און דערמיט, נעמ־ליך, ערקלערט זיך עס וואָס אין אַ טייל מחזורים ווערט דאָ בעמערקט צום סוף: „אין אומרים חרוז יהונתן, מאחר שאין אומרים התרגום חרוזה זו מאי בעי הכי״).

אין „לבוש מכלול״ ווערט ערקלערט, אַז דאָס בעציהט זיך אויפ׳ן מאמר אין ירושלמי: „אמר רבי יוניתן, ענתינוותא, ברית כרותה, ויגע בתלמודו בצנעה לא במהרה הוא חוטא״, און דער פייטן איז דערמיט אויסען צו פערענדיגען מיט׳ן שבח פון די דאָזיגע מדות וואָס רבי יונתן רעכענט אויס, אַז דער עיקר איז עניוות און צניעות.

אויף אַן׳אַנדער אופן פּרובט דאָס ערקלערען הרב צבי יחזקאל מיכלזאָהן אין זיין ספר „תירוש ויצהר״, און נעמליך: דאָס בעציהט זיך אויף יהונתן בן־שאול, וועלכער האָט אין זיין גרויס עניוות זיך אָבגעזאָגט פון דער מלוכה לטובת זיין פריינד דוד, און היות ווי דער צווייטער טאָג שבועות איז די יאָהרצייט פון דוד המלך, האָט דער פייטן דעריבער געפינען פאַר נויטיג צו פערענדיגען מיט אַ שבח לכבוד יהונתן, וועלכער האָט צוגעהאָלפען און פערלייכטערט דעם וועג פון מלכות בית דוד.

אינ׳ם יהי־רצון נאָך ברכת־כהנים ווערט געזאָגט: „ותתננו לאהבה לחן ולחסד ולרחמים וכו׳ כשם שנתת את יוסף צדיקך בשעה שהלבישו אביו כתונת פסים לחן ולחסד ולרחמים בעיניך ובעיני כל רואיו״.

פרעגט זיך: ווי אַזוי געשיקט זיך עס פאַרצושטעלען דעם „כתונת פסים״ אַלס אַ סימבאָל פון „לחן ולחסד ולרחמים וכו׳ בעיני כל רואיו״, ווערענד פאַקטיש איז דאָך דאָס גאָר געווען די סיבה פון קנאה און שנאת־אחים, און אין פערשידענע ערטער ווערט דורך די חז״ל דאָס וואָרט „פסים״ גע׳דרשנ׳ט לגנאי, אַלס גורם פון אומגליק, ווי: „פסים נוטריקון פוטיפר סוחרים ישמעאלים מדינים, על שם צרותיו״ (מדרש אגדה), און „פסים משקל שני סלעים מילת שהוסיף יעקב ליוסף יותר משאר אחיו נתגלגל הדבר וירדו אבותיו למצרים״ (שבת ע״א). ווי אַזוי, אַלזאָ, געשיקט זיך צו דערמאָהנען אין דער תפלה דעם „כתונת פסים״ אַלס צייכען פון „לחן ולחסד ולרחמים״?...

(ג. רייכערט)

חמש מגילות

שיר־הַשִּׁירִים

שיר השירים אשר לשלמה... (א. א.)

„שלשה ספרים כתב שלמה, משלי קהלת ושיר־השירים, ואיזה מהם כתב תחילה? אמר רבי יונתן שיר־השירים תחילה, שכן דרך הארץ, כשאדם נער אומר דברי זמר, הגדיל אומר דברי משלים, הזקין אומר הבל הבלים״ (מדרש)

עס איז דעריבער אַ גרויס חידוש, וואָס אויפ׳ן מאמר אין דער גמרא: „סידרן של כתבים רות וספר תהלים ואיוב ומשלי קהלת, שיר־השירים וקינות״ (בבא בתרא י״ד) זאָגט דאָרט רש״י: „שיר־השירים נראה בעיני שאמרו לעת זקנתו״, וואָס דאָס איז דאָך אַ בפירוש׳ע סתירה צו דער שטעלע דאָ אין מדרש, אַז שיר־השירים האָט שלמה געשריבען אין דער יוגענד!...

פאַרהאַן אָבער אַ דריטע מיינונג, אין מדרש, אַז „משלי כתב תחילה ואח״כ שיר השירים״, ווי אויך, אַז „לעת זקנת שלמה שרתה עליו רוח הקדש ואמר ג׳ ספרים משלי וקהלת ושיר־השירים״, דאַגעגען ווערט אָבער אין ערגיץ נישט געזאָגט, אַז בלויז שיר־השירים זאָל ער האָבען געזאָגט לעת זקנה!...

„כל הכתובים קדש ושיר־השירים קדש קדשים״ (מגילה ו׳)

אַלע ספרי־קדש ענטהאַלטען אין זיך פערשידענע דרשות און רמזים עפ״י פרד״ס, אָבער דער פשט ווערט געלערנט איינפאַך, בוכשטעבליך, כמו שהוא, אין שיר־השירים אָבער איז אויך דער געוועהנליכער פשט קדש און קאָן נישט גענומען ווערען איינפאַך, וואָרום אין איינפאַכען זין זעהט דאָך עס אויס, חלילה, ווי ניבול־פה...

(רבי ישראל סאַלאַנטער)

בעת דער עולם האָט דערהערט ג ע ז אַ נ ג, „שיר־השירים״, כאָטש עס איז דער־ביי נישט אַנגעגעבען דער יחוס פון מחבר און עס ווערט געזאָגט סתם: „אשר לשלמה״ — האָט עס פונדעסטוועגען ביי איהם שטאַרק אויסגענומען און ער האָט גלייך אָבגע־ענטפערט: „ישקני מנשיקות פיהו, כי טובים״!...

אָבער ווען דערזעלבער מחבר איז געקומען צו זיי מיט מוסר, מיט שטראָף־רייד, מיט׳ן ספר ק ה ל ת, כאָטש עס ווערט דערביי אָנגעוויזען זיין גרויסער יחוס: „קהלת ב ן־ד ו ד״, און זיין הויכער שטאַנד: „מ ל ך ב י ר ו ש ל י ם״ — האָט איהם דער עולם אויפגענומען קאַלט, מיט ביטול, ענטפערנדיג: עט!... „הבל הבלים אָמר קהלת, הבל הבלים, הכל הבל״!...

(הנ״ל)

צו רבי אייזיל חריף איז אַמאָל געקומען אַ מחבר בעטען אַ הסכמה אויף אַ ספר און ער האָט דערביי גענומען דערצעהלען, וואָס פאַר אַ גרויסער יחסן ער איז. מאַכט צו איהם רבי אייזיל:

אין שיר־השירים האָט שלמה נישט אָנגעגעבען זיין יחוס, ערקלערענדיג קורץ: „שיר־השירים אשר לשלמה", און דאָך האָט דאָס ספר שטאַרק אויס־גענומען און מען האָט דערויף אַרויסגעגעבען אַ הסכמה, אַז „כל הכתבים קדש ושיר השירים קדש קדשים" (מגילה ו'). אין קהלת דאַגעגען ווערט שוין אויסגערעכענט דער גאַנצער יחוס פון מחבר: „דברי קהלת בן דוד מלך בירושלים" און פונדעסטוועגען — „בקשו חכמים לגנוז ספר קהלת" (שבת ל')... וואָרום ביי הסכמה אויף ספרים, ליעבער איד, רעכענט מען זיך נישט מיט קיין יחוס...

שיר השירים אשר לשלמה...
דערויף ווערט געזאָגט אין זוהר: „שיר־השירים תתר"ו סימן".
וואָס ווערט געמיינט דערמיט?
דער ווילנער גאון ערקלערט עס גאַנץ איינפאַך:
אין פסוק ווערט געזאָגט: „ויהי שירו חמשה ואלף" (מלכים א' ה. יב.), און אויף דעם בעמערקט דער זוהר, אַז דאָס איז אַ חוץ שיר־השירים, אַז צוזאַמען מיט שיר־השירים איז עס תתר"ו — אלף וששה...

שמן תורק שמך... (א. ג.)

ישראל איז געגליכען צו שמן, פונקט ווי שמן ווערט נישט פריהער פאַרטיג, ביז עס ווערט נישט געשטויסען, אַזוי אויך ישראל טהוט פריהער נישט קיין תשובה, נאָר בדרך יסורים... פונקט ווי שמן לאָזט זיך נישט אויסמישען אין קיין שום משקה, אַזוי אויך ישראל לאָזט זיך נישט צונויפמישען מיט די אומות־העולם... פונקט ווי שמן ברענגט ליכט אויף דער וועלט, אַזוי אויך ישראל... פונקט ווי שמן שווימט תמיד אין יעדע משקה אין דער הויך, אַזוי אויך ישראל...

(מדרש רבה)

משכני אחריך נרוצה... (א. ד.)

עס זענען פאַראַן — זאָגען די חז"ל (קדושין כ"ב) — צווייערליי אופנים פון משיכה, דורך וועלכע אַ מענש איז קונה אַ בעל־חי. איין אופן איז: „קורא לה והיא באה", ער רופט זי און זי געהט איהם נאָך, און דער צווייטער אופן איז: „הכישה במקל ורצתה לפניו" — ער קלאַפּט איהר מיט אַ שטעקען און זי לויפט פאַר איהם פאַראויס.

די זעלבע צוויי דרכים האָט אויך השי"ת, בעת ער וויל קונה זיין די אידען און זיי צוציהען צו זיך: איין דרך איז דרך יסורים — „הכישה במקל", און דער צווייטער דרך איז — „קורא לה והיא באה", דורך רופען זיי צו זיך, דורך אַריינגעבען אין זיי אַ התעוררות צו תשובה.

מיר בעטען דעריבער ביי השי"ת: „משכני", אַז די משיכה, וואָס דו וועסט טהון אין אונז, דאָס צוציהען אונז צו דיך, זאָל זיין דורכ'ן וועג פון „אחריך נרוצה", אַז דו זאָלסט אונז רופען און מיר זאָלען דיר נאָכגעהן, „קורא לה והיא באה", נישט חלילה קיין משיכה דרך יסורים דורכ'ן „הכישה במקל", וואָס דאַן איז עס נישט דאָך „אחריך", נור — „ורצתה לפניו"...

(„מצמיח ישועה" אין נאָמען פון „תפארת שלמה")

שחורה אני ונאוה... (א. ה.)

דערויף דרש'ענען די חז״ל: „שחורה אני במעשי ונאוה במעשי־אָבות״...

אין דער אידישער אויפפיהרונג בעמערקט מען אָפט שרייענדע קאָנטראַסטען: פון איין זייט — מעשים טובים, זעלטען־אידעלע מעשים, וואָס מען זעהט נישט ביי קיין שום אומה ולשון; און פון דער צווייטער זייט, גלייכצייטיג — מדות מגונות, וועלכע פערשאַפען אונז גאָר קיין כבוד נישט... אין פלוג זעהט עס אויס אונפער־שטענדליך: ווי־אַזוי פּאַרט זיך עס דאָס? ווי קומט צו דיזעלבע מענשען אַזאַ „תרתי דסתרי״?... דערויף ערקלערען אונז די חז״ל: וואונדער זיך נישט — „שחורה אני במעשי ונאוה במעשי־אָבות״; די גוטע מעשים האָבען מיר בעקומען בירושה פון די עלטערן, דידאָזיגע ירושה איז אַזאַ רייכע געוועזן, אַז עד־היום ערנעהרען מיר זיך פון איהר; דאַגעגען די מעשים־רעים — דאָס איז שוין אונזער א י ג ע נ ע אַרבייט!...

(דובנער מגיד)

כאהלי קדר כיריעות שלמה... (א. ה.)

אַזוי זעהען אויס, ליידער, אַ סך אידישע הייזער: אויסערליך זעגען זיי „כיריעות שלמה״, מאַכען זיי דעם איינדרוק, ווי עס וואָלט דאָרט געווען העל און ליכטיג אין אַלע ווינקעלעך און פול מיט כל־טוב, און אינעווייניג איז „כאהלי קדר״, הערשט חשכות, מרה־שְחורה און עס פייפט אין זיי דער דלות...

(מחנה לוי)

שמוני נוטרה את הכרמים כרמי שלי לא נטרתי... (א. ו.)

כל מיני ווייגגערטנער בעאַרבייט, אינדוסטריען געשאַפען, פאַבריקען אויפגע־שטעלט, שטעדט געבויט, אָבער — „כרמי שלי לא נטרתי״, די אַלע זאַכען וועלען קיינמאָל נישט אָנערקענט ווערען אַלס „כרמי שלי״, שטענדיג וועלען זיי געהן אויף פרעמדען חשבון...

(בית דוד)

כרמי שלי לא נטרתי... (א. ו.)

„מי גרם לי להיות נוטרה את הכרמים — לפי שכרמי שלי לא נטרתי, מי גרם לי לשמור שני ימים טובים של גליות בסוריא ולקבל שכר על אחד — זה שלא שמרתי יום אחד בארץ״ (ירושלמי ערובין פ״ג הלכה ט׳).

אין מדרש רבה ווערט דאָס זעלבע געזאָגט אין אַנ׳אַנדער נוסח: „אמרה כנסת ישראל לפני הקב״ה, על שלא שמרת יום־טוב אחד כתקונו בארץ־ישראל הריני משמשת שני ימים־טובים בחוצה לארץ, סבורה הייתי שאקבל שכר על שניהם ואיני מקבלת שכר אלא על אחד, ר׳ יונתן הוה קרי עליהון (יחזקאל ב׳) וגם אני נתתי להם חקים לא טובים״.

אם לא תדעי לך היפה בנשים צאי לך בעקבי הצאן... (א. ח.)

אויב דו ווייסט נישט און דו ווילסט וויסען און דערקענען דעם אמת׳ן מהות פון

דער פרוי, צי איז זי ווירקליך שען און איידעל אין איהר אויפפיהרונג — „צאי לך בעקבי הצאן", טהו דאַן אַ קוק אויף די קינדער איהרע, ווי אַזוי זי האָט זיי מחנך געווען, וואָס פאַר אַ ערציהונג זי האָט זיי געגעבען. וואָס פאַר אַ מאַמע — אַזעלכע קינדער...

(פרחי אהרן)

לסוסתי ברכבי פרעה דמיתיך רעיתי... (א. ט.)

די מפרשים מאַטערען זיך צו ערקלערען דעם זין און בעדייטונג פונ׳ם דאָזיגען משונה׳דיגען פערגלייך, באמת אָבער איז עס גאַנץ איינפאַך:

פערגלייכענדיג אין די וויטערע פסוקים דעם געליעבטען צו אַ קעניג — „עד שהמלך במסיבו נרדי נתן ריחו", ווערט די געליעבטע, אַלס ביישפיעל פון איהר טריי־הייט און איבערגעגעבענהייט צו איהם, פערגליכען צום קעניגליכען רייט־פערד אין טאָג פון זיין קרוינונג, וועלכער איז שטרענג פערבאָטען פאַר אַנדערע, צו וועלכען קיין שום מענש טאָר זיך מעהר נישט צוריהרען...

(הרב ברוך פרידענבערג)

עיניך יונים... (א. טו.)

די אויגען פון דער כנסת־ישראל זענען געגליכען צו די אויגען פון טויבען, דען די טבע איז פון דער טויב, אַז בעת זי פליהט דרעהט זי יעדעס מאָל אויס דעם קאָפּ און קוקט כסדר הינטער זיך, אין דער ריכטונג צו דער נעסט פונוואַנען זי איז אַוועק־געפלויגען. אויך דער איד, ווי דערוויטערט ער זאָל נישט זיין פון זיין נעסט, סיי אין צייט, סיי אין אָרט, סיי אין מעשים — שטענדיג וועט עס איהם ציהען צוריק צום מקור, צו זיין אַלטער, אַמאָליגער נעסט...

(רבי ישראל סאַלאַנטער)

קורות בתינו ארזים... (א. יז.)

„שבח המשכן הוא זה" (רש"י)

אַ פלא! אין משכן זענען דאָך נישט געווען קיין קורות, קיין באַלקענס?
מעגליך, אַז עס איז דאָ אַריינגעפאַלען אַ טעות און עס דאַרף זיין: „שבח המקדש".

(דברי חכמים)

כשושנה בין החוחים כן רעיתי בין הבנות... (ב. ב.)

דער רמב"ן האָט אַמאָל שפּאַצירט אין גאָרטען, מיט זיינעם אַ פריינד, אַ כומר, און עס האָט זיך פאַרבונדען צווישען זיי אַ שמועס וועגען אידען.

— איהר אידען — זאָגט דער כומר — מוזט ווירקליך זיין אַ שלעכט פאָלק, אַנדערש וואָלט מען אייך נישט אַזוי פיינד געהאַט אויף דער וועלט.

אַלס ענטפער נעהמט איהם דער רמב"ן אַרומפיהרען איבער'ן גאָרטען און וויזט איהם:

— אָט האָט איהר דאָ שענע, שמעקענדיגע רויזען, וועלכע זענען צעפרעסען פון

די פליגען און ווערים, און אַט האָט איהר דאַגעגען שטעכיגע דאָרניגע בלומען, אויף וועלכע די פליגען און ווערים האָבען קיין שליטה נישט. צי בעוויזט דאָס, אַלזאָ, אַז די דערנער זענען בעסער ווי די רויזען? — זיכער נישט, דאָס בעווייזט בלויז, אַז די רויזען, אַלס אידעלע און צאַרטע געוויקסען, זענען לײַדער נישט בכח אַנטקעגענצו־שטעלען זיך זייערע פיינד, ווי דאָס זענען אימשטאַנד צו טהון די שטעכעדיגע דער־נער... און דאָס זעלבע — האָט דער רמב״ן צוגעגעבען — איז מיט אונז. נישט דער־פאַר ווייל מיר זענען שלעכט, רודפ׳ט מען אונז, נאָר ווייל מיר זענען שוואַך און האָבען נישט קיין מעגליכקייט צו פערטיידיגען זיך...

„כמעשה ארץ מצרים אשר ישבתם בה לא תעשו וכו׳ אני ד׳ אלקיכם, הדה דכתיב כשושנה בין החוחים כן רעיתי בין הבנות״ (ויקרא רבה פרשה כ״ג)

וואָס פאַר אַ המשך האָבען צווישען זיך אַט די צוויי פסוקים?

די כוונה איז: אַפילו דאַן, ווען די אידען צייכענען זיך נישט אויס מיט קיין בעזונדערע פאָזיטיווע מעשים טובים, זענען זיי אויך חשוב׳ער, ווי די אַנדערע פעלקער. אויב נור „כמעשה ארץ מצרים אשר ישבתם בה לא תעשו״, אויב נור איהר וועט נישט טהון די אונווירדיגע מעשים פון די מצרים, צווישען וועלכע איהר זענט געזעסען, איז שוין דערמיט אַליין „אני ד׳ אלקיכם״, וואָרום „כשושנה בין החוחים כן רעיתי בין הבנות״, פונקט ווי אַ רויז צווישען דערנער, הגם זי האָט נישט דאָס זעלבע חשיבות פון אַ רויז צווישען רויזען, איז זי דאָך חשוב׳ער פון די איבריגע דערנער, אַזוי איז אויך מיט דער כנסת־ישראל אין פערגלייך צו די אַרומיגע פעלקער...

(באור ומדרש תורה)

ודגלו עלי אהבה... (ב. ד.)

„אל תקרי דגלו, אלא דלוגו״ (מדרש)

צו רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער איז אַמאָל געקומען אַ מתנגד׳ישער רב, כדי צו בעקענען זיך מיט דער חסיד׳ישער התנהגות. אַריינגעהענדיג אינדערפריה אינ׳ם רבי׳ס בית־המדרש צום דאַווענען, זעהט דער רב, ווי די חסיד׳ישע מתפללים לויפען אַרום אין טלית־ותפילין אַהין און צוריק, ווי אויף אַ יריד, און דאַווענען אייַלענדיג, כאַפּענדיג, שלינגענדיג די ווערטער, וועלכע קומען אַרויס צודרעהט, צעקריפּעלט, און איידער מען קוקט־זיך־אַרום האָבען זיי שוין אָבגעדאַוועט.

פערדריסט עס דעם רב און ער געהט־צו צו עטליכע פון די מתפללים און קרימט זיי איבער:

— מאַ־מאַ־מאַ, וואַ־וואַ־וואַ...

— וואָס זאָגט איהר? — קוקען איהם די אידען אָן פער׳חידוש׳ט.

דער רב ענטפערט זיי נישט און מאַכט נאָכאַמאָל דיזעלבע העויות:

— באַ־באַ־באַ, טאַ־טאַ־טאַ...

הויבען די אידען מיט די פּלייצעס. נישט אַנדערש — טראַכטען זיי זיך — דער־דאָזיגער פרעמדער רב איז עפּעס נישט מיט אַלעמען!...

— וואָס? — זאָגט דער רב צו זיי — איהר פערשטעהט נישט, וואָס איך רעד צו אייך? אַט אַזוי האָט איהר דאָך געדאַוועט, אויך צום רבונו־של־עולם האָט איהר דאָך פונקט אַזוי גערעדט!...

רבי לוי־יצחק, וועלכער האָט זיך צוגעקוקט פונדערווייטענס צו אָט דער גאַנצער סצענע, געהט־צו אַ שמייכלענדיגער צום רב און בערוהיגט איהם:

— נעהמט נישט — זאָגט ער — פאַר אומגוט. אויפ׳ן פסוק „ודגלו עלי אהבה" זאָגט דער מדרש: „אל תקרי דגלו, אלא ד ל ו ג ו" — דער אויבערשטער, הייסט עס, האָט אונז ליעב אַפילו ווען מיר כאַפּען און היפּערן ביים דאַווענען... למה הדבר דומה? צו אַ קינד, וואָס ליעגט אין וויעגעל און מאַכט „מאַ־באַ"; די גרעסטע חכמים אין דער וועלט וועלען דאָסדאָזיגע לשון נישט פערשטעהן, אָבער טאַטע־מאַמע, ווי נאָר זיי געהען־צו צום קינד, פערשטעהען זיי תיכף, וואָס עס וויל — צי עס בעט עסען, צי עס וויל טרינקען. מיר, אידען, זענען דעם רבונו־של־עולם׳ס קינדער, „בנים למקום", און דער טאַטע אין הימעל פערשטעהט אונז און ער ווייסט וואָס מיר ווילען...

סמכוני באשישות רפדוני בתפוחים... (ב. ה.)

„סמכוני באשישות — אלו הלכות המאושושות, רפדוני בתפוחים — אלו האגדות וטעמן כתפוחים" (מדרש רבה)

דעריבער ווערען די הלכות געגליכען צו יין און די אגדות צו תפוחים, דען ביי וויין, אויב עס מאַכט זיך אין בעכער דאָס מינדעסטע לעכעל, רינט דער גאַנצער וויין אויס און עס בלייבט פון איהם גאָרנישט, ביי אַן עפּעל דאַגעגען אויב אַפילו אַ היבשער טייל דערפון ווערט קאַליע, שניידט מען אויס און מען עסט דאָס איבריגע, און אַזוי איז אויך ביי דברי־תורה: אויב מען איז מחדש אַ סברא אין אַ דבר־הלכה און מען געפינט נאָכהער אין דער דאָזיגער סברא אַ סתירה צום דין, ווערט זי אינגאַנצען בעזייטיגט און זי טויג שוין צו גאָרנישט, ביי אגדה אָבער איז „אין משיבין על האגדה"...

(שיחות חכמים)

רבי יחזקאל ליפשיץ, דער קאַלישער רב, האָט עטליכע מאָל בעמערקט, ווי ביי זיינע דרשות אין בית־המדרש, צו וועלכע עס קומט יעדעס מאָל אַ גרויסער עולם, זעהט מען קיינמאָל נישט די נגידים פון דער שטאָדט, האָט ער זיך איינמאָל געווענדעט צום עולם און געזאָגט:

די חז״ל דרשנ׳ען (מס׳ סופרים פט״ז, ווי אויך אין מדרש רבה שה״ש): „סמכוני באשישות — אלו הלכות, רפדוני בתפוחים — אלו אגדות, כי חולת אהבה אני — לשעבר כשהיתה הפרוטה מצויה היו מתאוים לשמוע דברי הלכה, עכשיו שאין הפרוטה מצויה מתאוים לדברי אגדה".

איז דעריבער, אפנים — האָט ער אויסגעפיהרט — ווילען די נגידים נישט קומען הערען מיינע דרשות, כדי מען זאָל דערפון נישט דערקענען, אַז „אין פרוטה מצויה בכיסם", מחמת עס קאָן זיי, חלילה, שאַדען צום קרעדיט...

ביי די מזרח פעלקער איז געווען אַ מנהג, אַז יעדע כלה פלעגט פאַר׳ן געהן צו דער חופה עסען אַן עפּעל. דער עפּעל איז געווען דער סימבאָל פון ליעבע (אין דער גריכישער מיטאָלאָגיע ווערט עראָס, דער גאָט פון ליעבע, פאַרגעשטעלט מיט אַן עפּעל אין האַנד), און דערמיט ווערט, אַלזאָ, פערשטענדליך דער בילדליכער אויסדרוק: „רפדוני בתפוחים כי חולת אהבה אני"...

(יצחק בער לעווינזאָהן)

כי חולת אהבה אני... (ב. ה.)

פון ליעבע צו דיר זענען מיר קראַנק. דערפאַר, וואָס מיר זענען צוגעבונדען צו דיר און מיר האָבען דיך ליעב — האָבען אונז אַלע פעלקער פיינד, האָבען מיר פון זיי אַזוי פיעל צרות און לײדען אויסצושטעהן...

(ספורנו)

השבעתי אתכם בנות ירושלים... (ב. ז.)

„ד׳ שבועות כאן וכו׳ והשביע הקב״ה את העכו״ם שלא ישתעבדו בהן בישראל יותר מדאי״ (כתובות קי״א)

פאַרוואָס שטעהט עפּיס: „שלא ישתעבדו בהן בישראל״, עס וואָלט דאָך גענוג געווען: „שלא ישתעבדו בישראל״?

געפינען מיר דערויף אין ספר „עלה דיונה״ פון רבי ישראל יונה מקעמפּנא, דעם מחבר פון „מעון הברכות״, פאָלגענדע מערקווירדיגע ערקלערונג:

השי״ת — שרייבט ער — האָט געטהון אַ חסד גדול, וואָס ער האָט אַריינגעגעבען אין די הערצער פון די מלכים ושרים, אַז זיי זאָלען נישט איבערגעבען צו אַ איד קיין שום ממשלה... ווייל די ערפאַהרונג ווייזט אונז, אַז אין די זעלטענע פאַלען, ווען אַ איד בעקומט מצד די ממשלה די מינדעסטע התמנות, האָט מען פון איהם אויסצושטעהן גרויסע צרות און דאָס איז דאָס שווערסטע פורעניות... און דאָס איז די כוונה פון מאמר, אַז השי״ת האָט בעשוואוירען די עכו״ם „שלא ישתעבדו בהן בישראל יותר מדאי״. עס ווערט געמיינט: „שלא ישתעבדו בהן״, זיי זאָלען זיי נישט אונטערדריקען און פייניגען, „בישראל״, דורך אידען, מיט דער הילף פון אידישע בעאַמטע, מחמת ווען דאָס וואָלט געשעהען אין אַ צו־גרויסער מאָס „יותר מדאי״, וואָלטען די אידען, חלילה, קיין תקומה נישט געהאַט...

„ד׳ שבועות כאן, השביע לישראל שלא ימרדו בעול המלכיות וכו׳ ושלא יעלו חומה מן הגלות״... (שה״ש רבה)

דער רמב״ן, אַרומרעדענדיג באריכות דעם זין פון דאָזיגען מאמר, קומט צום אויספיהר און זאָגט:

„ראשית הגאולה העתידה תהי׳ על פי רשיון המלכיות ויה׳ קצת קיבוץ גליות ואח״כ יוסיף השי״ת שנית ידו, כדכתיב ושב את שבותך ואחר כך — ושב וקבצך מכל העמים״...

(פירוש המיוחס להרמב״ן)

די חיבת־ציון בעוועגונג איז, כידוע, אין די ערשטע צייטען גאַר שטאַרק בעקעמפט געוואָרען דורך פערשיעדענע רבנים, וועלכע האָבען זיך אין זייער געגנערשאַפט געשטיצט אויף׳ן בעקאַנטען מאמר אין מדרש רבה, וואו אויפ׳ן פסוק: „השבעתי אתכם בנות ירושלים״ ווערט געזאָגט: „ארבע שבועות יש כאן, השביע לישראל שלא ימרדו בעול המלכיות ושלא ידחקו על הקץ וכו׳ ושלא יעלו חומה מן הגולה״.

דערויף האָט ר׳ בן־ציון אלפס, אין אַ בראָשור, וואָס ער האָט דאַן אַרויסגעלאָזען, אָנגעוויזען, אַז אין דער זעלבער שטעלע אין מדרש ווערט אויך געזאָגט: „נשבע לישראל שלא ימרדו בעול המלכיות ונשבע למלכיות שלא יקשו עול על ישראל״.

די שבועה איז, אַלזאָ, אַ געגענזייטיגע און קוים האַלטען נישט די מלכיות זייער התחייבות — ווערט במילא אויך אונזער התחייבות בטל...

„ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה"... מרומז בזה, עס ווערט געמיינט דערמיט, אַז אַלע מלכיות וועלען זיך פערזאַמלען למשפט וועגען ציון און זיי וועלען מסכים זיין, אַז זי זאָל אויסגעלייזט ווערען פון די פעלקער און צוריקגעגעבען ווערען די אידען...
(כוס ישועות)

„א"ר אבא אין לך קץ מגולה יותר מזה, שנאמר (יחזקאל ל"ו) ואתם הרי ישראל ענפכם תתנו ופריכם תשאו לעמי ישראל כי קרבו לבוא" (סנהדרין צ"ח)

דערויף זאָגט רש"י: „כשתתן א"י פריה בעין יפה אָז יקרב הקץ ואין קץ מגולה יותר"...

רבי שמואל מאָהילעווער איז אַמאָל געקומען אין אַ שטאָדט זאַמלען געלד פאַר ישוב ארץ־ישראל. עס האָבען זיך פערזאַמעלט אַלע חשובי־העיר, פאַר וועלכע רבי שמואל האָט געהאַלטען אַ וואַרימען דרוש וועגען דער וויכטיגקייט פון ישוב־הארץ, וועגען דער חשיבות פון דער דאָזיגער מצוה, וועלכע איז שקולה כנגד כל המצוות, און ווי גרויס עס איז דעריבער דער חוב אויף יעדען איד, ובפרט די עשירים, צוצוהעלפען מיט זייער געלד צו דער אויפבויאונג פון ארץ־ישראל.

אַז רבי שמואל האָט געענדיגט זיין דרשה, האָט זיך אויפגעשטעלט איינער פון די בעלי־בתים, אַ איד אַ גביר און אויך אַ גרויסער ירא־שמים און ערקלערט, אַז אודאי איז ביי איהם ארץ־ישראל הייליג און טייער און אודאי וואָלט ער אויף אַזאַ וויכטיגער זאַך קיין געלד נישט געזשאַלעוועט, אָבער וואָס זאָל ער טהון, אַ סך פון די גדולי־הדור זענען מתנגדים צו רעיון פון ארץ־ישראל, איינגעפינענדיג, אַז מען איז דערמיט דוחה דעם קץ, וחוץ לזה ווערט דערצעהלט, אַז די וואָס זענען עוסק אין ישוב־הארץ זענען לײדער וועיט פון יראת־שמים און היטען נישט אָב קיין אידישקייט, על־כן — על־כן קאָן ער דעריבער נישט פועל'ן ביי זיך צו געבען געלד אויף אַזעלכע זאַכען, מחמת ער האָט מורא, אַז עס זאָל חלילה נישט זיין קיין מצוה הבאה בעבירה...

הערט רבי שמואל אויס די תשובה און ער ענטפערט:

— הערט, רבותי, וועל איך אייך דערצעהלען אַ מעשה שהיה: אין דער ישיבה ביי אונז אין שטעדטעל האָט געלערנט אַ נגיד'ישער בחור פון אַ צווייטער שטאָדט, וועלכער פלעגט זעהר אָפט בעקומען פון דער היים געלד. דאָס געלד פלעגט מען איהם שיקען אויף דעם אַדרעס פון שוחט.

ויהי היום, דערהאַלט איינמאָל דער בחור אַ בריעף פון פאָטער, וועלכער שרייבט איהם, אַז שוין עטליכע וואָכען, ווי ער האָט איהם געשיקט אויפ'ן שוחט'ס אַדרעס פינף און צוואַנציג רובל און עס איז איהם אַ גרויס חידוש, פאַרוואָס ער האָט נאָך פון איהם ביז איצט נישט דערהאַלטען קיין קבלה. לויפט דער בחור אַוועק צום שוחט און וויזט איהם דעם בריעף, אָבער יענער הויבט מיט די פלייצעס: ער ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגען, ער האָט פאַר איהם קיין שום געלד נישט ערהאַלטען. אין עטליכע טעג אַרום בעקומט ער אַ צווייטען בריעף מיט נאָך מעהר אויספיהרליכע פרטים. אָט אין דעם און אין דעם טאָג האָט ער איהם געשיקט געלד און טאַקי בפירוש אויפ'ן שוחט'ס אַדרעס. בקיצור, מען רופט דעם שוחט צו אַ דין־תורה און דער רב טראָגט אַרויס אַ פסק, אַז דער שוחט איז מחויב אַ שבועה. דערהערט אַזעלכע ווערטער, האָט דער שוחט

אַרויסגענומען פינף און צוואַנציג רובל און אַוועקגעלעגט פאַר׳ן דיין, ער זאָל דאָס געלד איבערגעבען דעם תובע, דעם בחור הייסט עס. און דאַן האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט און געשוואוירען בנקיטת־חפץ, אַז ער האָט דאָס געלד נישט בעקומען...

שטעהט דער עולם אַרום פערגאַפט, פער׳חידוש׳ט און הויבט מיט די פלייצעס.

— היתכן? — פרעגט מען איהם — ממה־נפשך, אויב דו האָסט בעצאָהלט, נאָך וואָס האָסטו געשוואוירען? האָסטו ווידער געשוואוירען, טאָ נאָך וואָס האָסטו בעצאָהלט?

— איך וועל אייך זאָגען — ענטפערט זיי דער שוחט — ווען איך וואָלט געווען בלויז געשוואוירען און מיט דער שבועה זיך געפּטר׳ט פון בעצאָהלען, וואָלט מען מיר אפשר חושד געווען, אַז איך האָב געשוואוירען פאַלש, ווען ווידער איך וואָלט בעצאָהלט און נישט געשוואוירען, וואָלט מען מיך ווידער חושד געווען, אַז לעולם האָב איך טאַקי דאָס געלד גענומען, נאָר דערשרעקענדיג זיך פאַר דער שבועה האָב איך צוריקגעגעבען די גזילה. איצט אָבער, אַז איך האָב אי בעצאָהלט, אי געשוואוירען, איז פאַר אַלעמען קלאָר, אַז איך האָב דאָס געלד נישט גענומען און אַז איך האָב געשוואוירען אמת...

— דאָס זעלבע — פּיהרט־אויס רבי שמואל מאָהילעווער — איז אויך מיט אונזער ענין. אַז אַ איד טענה׳ט געגען ארץ־ישראל און וויל דערביי קיין געלד נישט געבען, האָבען מיר איהם דאָס רעכט חושד צו זיין, אַז ער מיינט נישט עהרליך מיט זיינע טענות און אַז זיין בענוצען זיך מיט די מאָטיווען פון פרומקייט און יראת־שמים איז בלויז אַנ׳אויסרייד פאַר דער קעשענע. קודם־כל, ליעבע אידען, דאַרפט איהר געבען געלד און נאָכהער טענה׳ן, וועט מען דעמאָלט וויסען, אַז איהר טענה׳ט עהרליך...

(מדור דור)

הנה זה עומד אחר כתלנו משגיח מן החלונות מציץ מן החרכים... (ב. ט.)

זינט עס איז חרוב געוואָרען דאָס בית־המקדש — זאָגען די חז״ל — איז אַוועק־געשטעלט געוואָרען אַנ׳אייזערנע מחיצה בין ישראל ובין אביהם שבשמים.

און דאָס — האָט געזאָגט דערויף רבי ישראל סאַלאַנטער — איז דער חילוק צווישען „משגיח מן החלונות" און „מציץ מן החרכים".

פאַר׳ן חורבן זענען מיר געווען בבחינת „משגיח מן החלונות". בשעת אַ פאָטער קוקט אויף זיין זוהן דורכ׳ן פענסטער זעהען זיי זיך ביידע: דער פאָטער דעם זוהן און דער זוהן — דעם פאָטער.

דאַגעגען נאָכ׳ן חורבן, ווען ס׳איז צווישען אונז אַוועקגעשטעלט געוואָרען אַנ׳־אייזערנע וואַנד, קוקט כביכול אויף אונז דורך „חרכים", דורך די שפּאַרעס. דער פאָטער זעהט דאָס זעלבע, וואָס פריהער, דער זוהן אָבער זעהט נישט דעם טאַטען און ער שטעהט אַ דערשראָקענער, אַ פערצווייפעלטער, מיינענדיג, אַז ער איז חלילה איבער־געלאָזט געוואָרען אינגאַנצען אויף הפקר...

יונתי בחגוי הסלע... (ב. יד.)

פונקט ווי די טויב שטרעקט אויס איהר האַלז צו דער שחיטה, אַזוי אויך ישראל... פונקט ווי די טויב איז מכפר אויף די זינד („ובן יונה או תור לחטאת"), אַזוי איז אויך ישראל מכפר אויף די זינד פון די אומות... פונקט ווי די טויב, ווי־נאָר זי בעקענט זיך מיט איהר בן־זוג, בייט זי שוין איהם נישט אויס אויף אַ צווייטען,

אַזוי אויך ישראל, זינט ער האָט דערקענט זיין גאָט, וועט ער איהם מעהר נישט פער־ביטען... פונקט ווי די טויב, וואוהין זי זאָל נישט וואַנדערען קעהרט זי זיך סוף־כל־סוף אום צו איהר אַלטע נעסט, אַזוי אויך ישראל, ווי עס ווערט געזאָגט: „יחרדו כצפור ממצרים וכיונה מארץ אשור — והושבתים על בתיהם נאום ד׳״ (הושע יא. יא.)
(מדרש רבה)

„כנסת ישראל נמשלה ליונה״ (ברכות י״ב)

דער גורל פון דער כנסת־ישראל, רעכענען אויס די חז״ל, איז איין אַ סך זאַכען עהנליך צום גורל און צו די אייגענשאַפטען פון דער טויב.

אָבער אַ חוץ די אַלע אויסגערעכענטע טעמים זענען זיי עהנליך צווישען זיך מיט נאָך עפּיס: די טויב, אַט דאָס בעשיידענע שטילע בעשעפעניש, וועלכע ווערט גע׳רודפ׳ט פון אַלע רויב־פויגעל, האָט אין העבראעיש, אויסער דעם נאָמען „יונה״, נאָך אַ צווייטען מערקווירדיגען נאָמען — „גוזל״, וואָס האָט די בעדייטונג פון גזלן... און דעם זעלבען שיקזאַל האָבען אויך די אידען, אַממעהרסטען ווערען זיי בע׳עול׳ט און בע׳גזל׳ט און דאָך — שטענדיג בלייבען זיי די „גוזלים״ און גזלנים...
(נחמת ציון)

אין מדרש רבה (לך־לך פ׳ ל״ט) ווערט געזאָגט, אַז „כל העופות כשהן יגעין ניגוחין על גבי סלע והיונה בשעה שהיא יגעה פורחת באחת וניגוחת באחת״. אַלע עופות, בשעת זיי ווערען מיעד פליהענדיג, שטעלען זיי זיך אַוועק אָברוען אויף אַ שטיין, מיט׳ן אויסנאַהם פון דער טויב, וועלכע שטעלט זיך נישט אָב בעת זי ווערט מיעד, נאָר זי פליהט דאָן מיט איין פליגעל און דער צווייטער פליגעל רוהט.

און אויך דערמיט ווערען אידען געגליכען צו אַ טויב. אויך אידען, אַפילו ווען זיי רוהען, רוהען זיי נאָר מיט איין פוס. דעם צווייטען האַלטען זיי שטענדיג גרייט צו לאָזען זיך ווייטער אין וועג אַריין...
(רבי יוסף נאַטאַנזאָהן)

בסתר המדרגה הראיני את מראיך... (ב. יד.)

מען קאָן נישט דערקענען דעם מענש און מען קאָן נישט אורטיילען וועגען זיין פרומקייט און עהרליכקייט לויט זיין אויפפיהרונג אין דער עפענטליכקייט, צווישען מענשען. זעהען וואָלט איך געוואָלט דיך געשטאַלט דאָן ווען דו געפינסט זיך „בסתר המדרגה״, ווי אַזוי דו פיהרסט זיך אויף בחדרי־חדרים, בשעת קיינער זעהט נישט...
(עוללות אפרים)

הראיני את מראיך...

ווייז מיר דיין געזיכט — און איך וועל דיר זאָגען, ווער און וואָס דו ביזט. דאָס פנים פונ׳ם מענשען איז זיין גרעסטער מסור — „בפני נכתב ובפני נחתם״...
(רבי ברוך מעזשיבוזשער)

השמיעיני את קולך... (ב. יד.)

די עקזיסטענץ פון אַ פאָלק איז אָבהענגיג פון זיין לשון — און דאָס איז דער פשט: „החיים והמות ביד הלשון״. כל־זמן אַ פאָלק האָט נאָך זיין שפּראַך, זיין לשון

נישט פערלוירען, האָט עס האָפענונג צו בלייבען לעבען, און דעריבער — „השמיעיני את קולך", לאָמיך הערען דיין קול, צי בענוצטו זיך נאָך מיט דיין לשון? צי רעדסטו נאָך אויף דיין שפראַך?...

(רבי משה־חיים לוצאַטו)

די ראשי־הקהלה אין אַן׳אונגאַריש שטעדטעל האָבען זיך געווענדעט מיט אַ שאלה צום חתם־סופר, צי מעגען זיי צונעהמען אַלס חזן אַזעלכען, וועלכער איז מיט זיין דאַוונען און מיט זיין זיסע שטימע שטאַרק נושא־חן ביים עולם, ער האָט אָבער אַ חסרון, וואָס ער איז נישט קיין איבריגער ירא־שמים און טראָגט נישט קיין באָרד.

האָט זיי דער חתם־סופר געענטפערט: „הראיני את מראיך" און ערשט דאַן — „השמיעיני את קולך כי קולך ערב". קודם־כל דאַרף מען אַ קוק טהון, ווי אַזוי די מראה זיינע זעהט אויס...

דודי לי ואני לו הרועה בשושנים... (ב. טז.)

דערויף ווערט געזאָגט אין זוהר: „מה השושנים אלמלא הקוצים אין השושנים מתקיימין, כך אלמלא הרשעים אין הצדיקים ניכרים, דאמר ר׳ יהודה במה הצדיקים ניכרים? — מתוך שיש רשעים, דאלמלא רשעים אין הצדיקים ניכרים" (זהר שמות כ׳).

און דערמיט ווערט פערשטענדליך פאַרוואָס „כל תענית שאין בה מפושעי ישראל אינה תענית" (כריתות ו׳), דען דאַמאָלס, ווען די צדיקים געפינען זיך צוזאַמען מיט רשעים, וואַרפט זיך אין די אויגען דער אונטערשיעד און עס לאָזט זיך אַמשטאַרקסטען דערקענען זייער חשיבות צוליעב וועלכער זיי פערדיענען, אַז זייער תפלה זאָל אַנגענומען ווערען...

דודי לי ואני לו...
אַזוי ווי איך וועל זיין צו גאָט, אַזוי וועט גאָט זיין צו מיר...

(חדושי הרי״ם)

בשוקים וברחובות אבקשה את שאהבה נפשי... (ג. ב.)

אין שוהל, אין בית־המדרש, זענען אַלע אידען ווּאוילע, ליעבע אידען; איך זוך אָבער און וואָלט וועלען געפינען דידאָזיגע ליעבע אידען אויך אין גאַס, אין האַנדעל, אין ענינים „שבין אדם לחברו"!...

(צרור המור)

עיניך יונים... (ד. א.)

„מה יונה — זאָגט דערויף דער מדרש — אַעפ״י שאַתה נוטל גוזליה מתחתיה אינה מניחה שובכה לעולם, כך ישראל אעפ״י שחרב בית־המקדש לא בטלו ג׳ רגלים".

פונ׳ם דאָזיגען מדרש — שרייבט דער תשב״ץ אין זיינע שאלות־ותשובות חלק ב׳ סימן ר״א — איז אַ בעוויז, אַז אויך בזמן הזה איז פאַרהאַן אַ חיוב עולה־רגל צו זיין אויף יום־טוב קיין ירושלים...

כחוט השני שפתותיך...

„כחוט השני — זה לשון של זהורית, אמרו ישראל לפני הקב"ה: רבש"ע, אין לנו לשון של זהורית ושעיר המשתלח, אמר להם: כחוט השני שפתותיך, רחישת פיך חביבה עלי כחוט של זהורית" (שה"ש רבה)

די כוונה דערפון איז: אין בית־המקדש האָט דער „חוט של זהורית", דער רויטער פאָדים, אויב ער איז ווייס געוואָרען, בעדייט אַלס סימן צי דער שעיר המשתלח איז מקובל געוואָרען און צי די אידישע תפילות זענען געוואָרען אָנגענומען, אָבער מיום שחרב בית־המקדש האָט מען אונז דעם דאָזיגען סימן געגעבען אין די „שפתותיך" — „אם תפלתו שגורה בפיו יודע אני שהוא מקובל" (ברכות ל"ד)...

(מהר"ם שי"ף)

בשעת רבי שמואל מאַהילעווער איז איינמאָל אַריינגעקומען אין ביאַליסטאָקער בית־המדרש האָט מען איהם אָנגעוויזען, אַז עס דאַוונט דאָרט אַ רבי, וועלכער מאַכט ביים דאַוונען פערשידענע תנועות און העויות און מען זאָגט אויף איהם, אַז ער איז אַ גרויסער מקובל.

— דאָס איז זעהר לייכט צו דערקענען — ענטפערט דערויף רבי שמואל מאַהי־לעווער מיט אַ שמייכעל — די חז"ל האָבען אונז געגעבען דערויף אַ גאַנץ דייטליכען סימן: אם תפלתו שגורה בפיו יודע אני שהוא „מקובל" ואם לאו — יודע אני שהוא „מטורף"...

תפלה — האָט געזאָגט רבי שניאור זלמן מלאַדי — דאַרף זיך ציהען ווי אַ פאָדעם; דער מינדעסטער הפסק, די מינדעסטע שיחה קלה אין מיטען דאַוונען — און דער פאָדעם ווערט איבערגעריסען...

„כחוט השני שפתותיך" — דער חוט השני האָט אין בית־המקדש געדיענט אַלס צייכען, צי מען האָט די אידען מכפר געווען זייערע זינד, אָדער נישט. „הלבין היו שמחין, לא הלבין — היו עצבין ומתביישין" (יומא ס"ז), און דאָס זעלבע איז אויך מיט די ליפען פון מענש, אויך פון זיי איז קענטיג, צי ער איז זינדיג. די צונג איז דער גרעסטער מסור...

(שפתי צדיקים)

און דאָס איז אויך דער טייטש: „רב בדק בלישנא" (חולין י"ז).

רב פלעגט בודק זיין יעדען מענש לויט דער צונג וואָס ער האָט, לויט זיין ריידען...

(בינת יששכר)

כפלח הרמון רקתך... (ד. ג.)

„ריקנים שבך מלאים מצוות כרמון" (סנהדרין ל"ז)

אין פסחים, אין פרק „כיצד צולין", זאָגט די משנה: „מביא שפוד של רמון ותוחבו לתוך פיו". פאַרוואָס עפּעס גראָד „שפוד של רמון"? ווערט געזאָגט דערויף אין ירושלמי: „מפני שכל העצים כשהם יבשים — יבשים מבחוץ ולחים מבפנים, והרמון — יבש

מבפנים". און דאָס, אַלזאָ, איז דער פערגלייך: „ריקנים שבך מלאים מצוות כרמון". די ריקנים שבך, כאָטש זיי זענען אָנגעשטאָפּט מיט מצוות, איז עס ביי זיי נישט מעהר ווי „מצות אנשים מלומדה", אָהן טעם, אָהן פייער, אָהן נשמה, אויסערליך טרוקען און אינערליך טרוקען...

(הרב שלמה גרינשפאַן)

דער אמת'ער למדן און דער אמת'ער ירא־שמים געהט תמיד אַרום מיט'ן געדאַנק, אַז עס פעהלט איהם נאָך גאָר אַ סך, אַז ער איז נאָך גאַנץ ווייט פון שלמות; דאַגעגען די „ריקנים שבך", די נישטיגע און פוסטע פּאַרשוינען, זיי דוקא זענען שטענדיג „מלאים מצוות כרמון", זיי זענען ביי זיך פולקאָם פאַרטיג, פולקאָם אין אָרדנונג!...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

„ריקנים שבך", דאָס איז געזאָגט געוואָרען נאָר וועגען אַזעלכע, וועלכע האַלטען זיך אָן דיר און ביי דיר, וועלכע האָבען זיך פון דיר נישט דערווייטערט און נישט אָבגעריסען און זיי בעטייליגען זיך אין אַלע עניני הכלל, נאָר אויף אַזעלכע בעציט זיך דער שבח, אַז זיי זענען „מלאים מצוות כרמון", אָבער נישט די ריקנים, וועלכע זענען ווייט סיי פון אידישקייט, סיי פון אידען...

(תולדות ישראל)

פאַרוואָס ווערען זיי עפּיס געגליכען צו רמון?

נאָר דער דין איז (ברכות מ"א), אַז אויב מען דערלאַנגט צום טיש תמרים ורמונים, טייטלען און מילגרוימען, דאַרף מען פריהער מאַכען אַ ברכה איבער די טייטלען, ווייל צווישען די פירות פון ארץ־ישראל, וואָס ווערען אויסגערעכענט אין פסוק, פערנעהמען זיי דעם צווייטען אָרט און רמון ווערט געשטעלט צום סוף, דאַגעגען לגבי אַנדערע פירות פון חוץ־לארץ דאַרף מען פריהער מאַכען אַ ברכה איבער'ן רמון, הגם דער רמון איז נישט קיין איבריג געשמאַקע פרי און כאָטש די אַנדערע פרוכטען זענען פיעל בעסער, דאָך איז ער חשוב'ער, ווייל ער וואַקסט אין ארץ־ישראל.

און דאָס זעלבע איז אויך מיט די „ריקנים שבך", כאָטש זיי האָבען מצד עצמם אַ גאַנץ קנאַפּע חשיבות, אויב אָבער די דאָזיגע ריקנים האָבען נור אַ שייכות מיט ארץ־ישראל, זענען זיי שוין דאָן אַ סך ווערט, פונקט ווי דער רמון...

(אמרי רש"ד)

„פושעי ישראל מלאין מצוות כרמון" (עירובין י"ט)

דער אַלעקסאַנדערער רבי, דער „ישמח ישראל", פלעגט זאָגען: מען קאָן זיין אַ מלא מצוות כרמון און דאָך זיין אַ פושע ישראל...

תשורי מראש אמנה מראש שניר וחרמון... (ד. ח.)

אַ פּלא! פון רש"י'ס ווערטער אויף'ן דאָזיגען פסוק: „וביאתך לראש שניר וחרמון שהיו מעונות אריות סיחון ועוג", איז משמע, אַז שניר וחרמון זענען נעמען פון צוויי בערג, וועהרענד אין דברים (ג. ט.) ווערט דאָך בפירוש געזאָגט: „צדונים יקראו לחרמון שריון והאמורי יקראו לו שניר", אַז דאָס איז איין און דער זעלבער באַרג?...

נופת תטופנה שפתותיך כלה... (ד. יא.)

דער „פרי מגדים" האָט נישט ליעב געהאַט קיין אריכות און, ווי עס איז צו זעהן פון זיינע ספרים, איז ער געווען אַ שטאַרקער בעל־מקצר. אידער ער איז געוואָרען רב האָט ער אַ געוויסע צייט געלערנט אין בערלין אינ׳ם בית־המדרש פון גביר ר׳ דניאל יפה, וואו עס איז דאַן געווען אַ צענטער פון תלמידי חכמים, וועלכע ר׳ דניאל האָט אויסגעהאַלטען אויף זיין חשבון, און אַט האָט איהם ר׳ דניאל איינמאָל פאַרגעהאַלטען, באשר די חברים, וועלכע לערנען מיט איהם צוזאַמען, קלאָגען זיך אויף איהם, אַז ער איז ביים לערנען שטאַרק מקצר אין ווערטער און ס׳איז זיי אָפט שווער צו כאַפּען, וואָס ער מיינט.

ענטפערט איהם דער „פרי מגדים" בדרך הלצה: דער תלמיד־חכם ווערט אין פסוק געגליכען צו אַ כלה: „נופת תטופנה שפתותיך כלה", און דער דרך פון אַ כלה איז צו זיין בעשיידען, נישט צו ריידען קיין סך, אַזוי ווייט, אַז זאָגאַר דאַן ווען דער חתן זאָגט צו איהר: „הרי את", ענטפערט זי איהם אַפילו נישט...

דער נצי״ב פון וואָלאָזשין פלעגט זעהר נישט צופרידען זיין פון די מחברים, וואָס זענען מקצר אין זייערע ספרים ביים בעגרינדען אַ סברא און זיי זענען יוצא מיט „מראי מקומות", אַבשיקענדיג דעם לעזער, ער זאָל מעיין זיין דאָ און דאָרט.

— די דאָזיגע „מראי מקומות" — פלעגט ער זאָגען — זענען עפ״י רוב טשעקען אָהן דעקונג...

מען האָט אַמאָל געפרעגט רבי יאָשע בער׳ן, הלמאי אין זיין ספר „בית הלוי" בעגעגענט מען אַ סך חדושי תורה, וועלכע געפינען זיך שוין אין אַנדערע ספרים?

האָט ער געענטפערט: בשעת אַ מענש געהט אין גלייכען וועג בעגעגענט ער זיך מיט אַ סך דורכגעהער, וועלכע געהען אינ׳ם זעלבען וועג, וואָס ער. דאַגעגען אַז איינער לאָזט זיך אַוועק אין קרומע וועגען, קאָן ער אָבגעהן אַ מהלך רב און קיינעם נישט בעגעגענען...

דבש וחלב תחת לשונך... (ד. יא.)

„כל האומר דברי תורה ברבים יהיו ערבים לשומעיהם כדבש וחלב" (מדרש חזית)

וואָס איז דער פערגלייך „כדבש וחלב"?

האָט עס דער קעלמער מגיד מסביר געווען:

ביי דבש איז דער פסולת, דער וואַקס, אין דער הויך, און דער האָניג — פון אונטען, ביי חלב דאַגעגען איז פערקעהרט, דאָס פסולת פון דער מילך בלייבט פון אונטען און דאָס פעטס — אין דער הויך; און די כוונה איז, אַז דער דורש ברבים דאַרף זיך בעמיהען, אַז זיינע ווערטער זאָלען האָבען אין זיך די מעלות פון חלב ודבש צוזאַמען, זיי זאָלען זיין גוט פון אָנהויב ביז׳ן סוף, נישט ווי מאַנכע דרשנים, וועלכע הויבען אָן גוט און פערענדיגען שלעכט, אָדער פערקעהרט...

עורי צפון ובואי תימן... (ד. טז.)

„מלמד שהרוחות עתידות להכניס קנאה זו עם זו, רוח דרום אומרת אני מביא גלות דרום, ורוח צפון אומרת אני מביא גלות צפון, והקב״ה נותן שלום ביניהם והם נכנסים בפתח אחד, לקיים מה שנאמר: אומר לצפון תני ולתימן אל תכלאי" (שה״ש רבה)

עס איז אַן׳אַנדייטונג אויף דער אַלטער שטרייט־פראַגע צווישען די צוויי שטרע־מונגען ביי אידען, די צוויי אויפפאַסונגען וועגען דעם אופן און דרך הגאולה. זינט דורות פיהרט זיך אַ קאַמף, אַ "רוח קנאה", צווישען די אונרוהיגע, טעמפעראַמענט־פולע אידען, וועלכע זענען דורכגעדרונגען מיט פייער, מיט ברען, מיט׳ן "רוח דרום", האַלטענדיג, אַז מען טאָר נישט זיצען מיט פערלייגטע הענד, אַז מען מוז אַליין עפּעס אָנהויבען טהון און מיט אַלע כוחות צוטרעטען צום אויפבוי פון אידישען לאַנד, און צווישען די געלאַסענע, קאַלטע אידען פון "רוח צפון", וועלכע האַלטען, אַז מיר אַליין טאָרען גאָרנישט טהון, נאָר מען דאַרף זיצען און וואַרטען, און האָבען בטחון, אָבער סוף־כל־סוף "הקב״ה נותן שלום ביניהם", וועלען ביידע שטרעמונגען צווישען זיך שליסען שלום, "והם נכנסים בפתח אחד", קומענדיג צו אַ הסכם, אַז צום בטחון זענען נויטיג — מעשים, און צו די מעשים — בטחון...

(גאולת ישראל)

"ד ר ו ם", ווי בעקאַנט, איז מרמז אויף חכמה ("הרוצה להחכים — ידרים"), "צ פ ו ן" איז דער סימבאָל פון עשירות ("מצפון זהב יאתה"); צווישען זיי ביידע קומט פאַר, אַלזאָ, אַ ויכוח, ווער פון זיי עס וועט מקרב זיין די גאולה. "צפון" זאָגט: "אני אביא את הגליות!" — צו שיבת־ציון איז נויטיג עשירות, געלד, אונאויפהערליכע נתינות, וואָס מעהר נדבות, דען "ציון במשפט תפדה ושביה ב צ ד ק ה!"... דאָגעגען "דרום" זאָגט: "אני אביא!" — די אויסלייזונג פון גלות וועט קומען דער־עיקר דורך דער גייסטיגער דערהויבונג פון פאָלק, דורך תורה, אמונה, טהרת־המדות... אָבער "ד׳ עושה שלום ביניהם ונושבות כאחד" — די גאולת־ישראל נויטיגט זיך אין ב י י ד ע זאַכען, אין ביידע זאַכען צוזאַמען און גלייכצייטיג — "עורי צפון ובואי תימן"...

(עין אליהו)

"אמר הקב״ה לישראל: פתחו לי פתח אחד של תשובה כחודו של מחט ואני אפתח לכם כפתחו של אולם" (שה״ש רבה)

עס איז גענוג טאַקי — האָט דערויף געזאָגט רבי מענדעלי קאָצקער — צו עפענען בלויז אַ קליינעם פתח, אָבער זיין זאָל ער "כחודו של מחט", שאַרף אַדורך און אַדורך — עס זאָל שטעכען ווי אַ נאָדעל...

דודי שלח ידו מן החור... (ה. ד.)

דער אויבערשטער שטרעקט־אויס, כביכול, זיין האַנט און איז מקבל פון אונז די תשובה אויף אונזערע חטאים — "מ ן ־ ה ח ו ר", ווייל ער ווייסט, אַז "לא עכברא גנב, אלא חורא גנב", אַז נישט מ י ר זענען שולדיג, נאָר די בעדינגונגען, די צרות אַרום...

(מגלת ספר)

עיניו כיונים על אפיקי מים... (ה. יב.)

ווי עס פערזיכערען די חכמי המחקר, בעזיצט די טויב אַזאַ שאַרפע ראיה, אַז בשעת זי שטעהט ביים ברעג פון אַ טיפען טייך, איז זי אימשטאַנד צו זעהען, וואָס עס טהוט זיך אויפ׳ן באָדען אונטער׳ן וואַסער.

און דאָס איז דער זין פון דער מליצה: „עיניו כיונים על אפיקי מים", די בליקען פון זיינע אויגען זענען אַזוי דורכדרינגענד, ווי די אויגען פון די טויבען, וועלכע שטעהען ביי די וואַסער־ברעגען.

(רבינו סעדיה גאון)

עיניו כיונים על אפיקי מים רוחצות בחלב... (ה. יב.)

אין פרשת נח (ח. יא.), אויף „והנה עלה זית טרף בפיה", ברענגט רש"י אַ ראיה פון פסוק אין שיר־השירים „כיונים על אפיקי מים רוחצות בחלב", אַז יונה איז לשון־נקבה, דען דאָס וואָרט „רוחצות" געהט־אַרויף אויפ'ן „כיונים". דאַגעגען אויפ'ן זעלבען פסוק דאָ, אין שיר־השירים, זאָגט רש"י: „לפי שקראן עינים, והעין לשון נקבה היא, אָמר רוחצות לשון־נקבה"; דאָס הייסט, אַז דער אויסדרוק „רוחצות" בעציהט זיך נישט אויפ'ן „כיונים", נאָר אויפ'ן „עיניו"... אַלזאָ — אַנדערש פון דער ערקלערונג דאָרט, אין פ' נח, און ממילא פאַלט דאָך אויך אַב פון דאַנען די ראיה, אַז יונה איז לשון־נקבה... ווי־זשע קומט עס, וואָס רש"י זאָל זיך אַליין סותר זיין?

אַלס ענטפער אויף דערדאָזיגער ווירקליך האַרבער פראַגע ווערט אַנגעוויזען אויפ'ן „שם הגדולים" פון חיד"א, וועלכער ערקלערט, אַז דער פירוש־רש"י אויף שיר־השירים, דברי־הימים און איוב שטאַמט נישט פון רבי שלמה יצחקי.

אַ ראיה דערצו זענען פיל אַנדערע ווידערשפּרעכענדע שטעלען אין רש"י. למשל: אין מלכים א', אויפ'ן פסוק „ואיש משך בקשת לתמו", זאָגט רש"י: „זה נעמן"; דאָס־זעלבע אויך אין מלכים ב', אויפ'ן פסוק „כי בו נתן ד' תשועה לארם", זאָגט רש"י: „הוא משך בקשת לתמו". דאַגעגען אין דברי־הימים ב', אויפ'ן זעלבען פסוק „ואיש משך בקשת לתמו", ערקלערט רש"י: „איש ישראלי מתכוון לירות במחנה ארם". אַלזאָ — נ י ש ט נעמן!...

שפתותיו שושנים נוטפות מור עובר... (ה. יג.)

דערויף דרש'ענען די חז"ל: „כל תלמיד שישוב לפני רבו ואין שפתותיו נוטפות — מר תכוינה, שנאמר „נוטפות מור עובר", אל תקרא מור, אלא מר עובר" (שבת ל').

די מפרשים, ווי בעקאַנט, מאַטערן זיך צו פערשטעהן דעם זין פונ'ם דאָזיגען מאמר. וואו איז דאָ מרומז אין פסוק דער דרש פון „תכוינה"? — אונפערשטענדליך איז אויך די ערקלערונג פון מהרש"ל, וועלכער ענטפערט אויף דערדאָזיגער פראַגע: „ויש לומר דסמיך אסיפה דקרא ידיו גלילי זהב, והמבין יבין". דערדאָזיגער פירוש פון מהרש"ל איז פאַר אַלעמען אַ חידה סתומה.

עס איז דעריבער אַנצונעהמען, אַז אינ'ם דערמאָהנטען מאמר חז"ל האָט זיך אַריינ־געכאַפּט אַ טעות־הדפוס און אַז באמת בעציהט זיך דער „אל־תקרא" נישט בלויז אויפ'ן וואָרט „מור", נאָר אויך און הויפּטזעכליך אויפ'ן צווייטען וואָרט — „עובר". עס דאַרף נעמליך זיין: „אל תקרא מור עובר, אלא מר ב ו ע ר". פונקט ווי עס ווערט אויף אַן־עהנליכען אופן גע'דרש'ענט: „אל תקרא צדקת פרזונו, אלא פזרונו" (פסחים פ"ז), אָדער: „קרבם בתימו, אל תקרא קרבם, אלא קברם" (מועד קטן ט') וכדומה.

(מקור ברוך)

ששים המה מלכות ושמונים פילגשים... (ו. ח.)

דערויף ווערט געזאָגט אין מדרש: „ששים המה מלכות — כנגד ששים מסכתות ושמונים פילגשים — כנגד פתיחות״.

וואָס מיינט מען „כנגד פתיחות״?

נאָר פון די ששה סדרים הויבט זיך אָן דער סדר זרעים מיט אַ מ׳ — „מאימתי קורין את שמע״, סדר מועד מיט אַ י׳ — „יציאות השבת״, סדר נשים מיט אַ ח׳ — „חמש עשרה נשים״, סדר נזיקין מיט אַן א׳ — „ארבעה אבות נזיקין״, סדר קדשים מיט אַ כ׳ — „כל הזבחים״, סדר טהרות מיט אַן א׳ — „אבות הטומאה״, און דאָס איז דער פשט: „ושמונים פילגשים כנגד פתיחות״ צוזאַמען בעטרעפען די אַלע פתיחות, די התחלות — אַכציג...

(רבי ר׳ העשיל)

אל גנת אגוז ירדתי... (ו. יא.)

פונקט ווי די ניס, וועלכע מען קאָן נישט דורכ׳גגב׳ענען דורך דער צאַל־גרעניץ, ווייל זיי לאָזען זיך הערען און זענען קענטיג, אַזוי איז אויך מיט ישראל: וואוהין איינער פון זיי זאָל נישט קומען, איז ער נישט אימשטאַנד זיך צו פערלייקענען און צו זאָגען אויף זיך, אַז ער איז נישט קיין איד, ווי עס ווערט געזאָגט (ישעי׳ סד.): „כל רואיהם יכירו״...

(שה״ש רבה)

פונקט ווי די ניס, בשעת דו נעהמסט אַראָב פון אַ קופע ניס איינע פון זיי, בעוועגען זיך אַלע איבריגע און ריהרען זיך פון אָרט, אַזוי איז אויך מיט ישראל: אַז מען שלאָגט איין איד — דערשפירען אַלע מיט איינמאָל דעם וועהטאָג...

(דאָרט)

מה יפית ומה נעמת אהבה בתענוגים... (ז. ז.)

עס איז זעהר שעהן און גוט צו זיין אַן׳אוהב השם, צו דיענען דעם אויבערשטען — „בתענוגים״, מתוך הרחבה, מתוך עשירות, נישט חלילה אין אָרימקייט...

(בית יצחק)

עס איז קיין רבותא נישט, ווען מען דיענט דעם אויבערשטען בשעת מען איז אָרים און מען וואַרט אויף זיין הילף; אַ רבותא איז איהם צו דיענען און ליעב צו האָבען בעת עס געהט ג ו ט און מען באָדט זיך אין תענוגים!...

(רבי נפתלי ראָפשיצער)

און דאָס איז דער זין פונ׳ם מאמר: „צדיק וטוב לו — צדיק גמור; צדיק ורע לו — צדיק שאינו גמור; רשע וטוב לו — רשע שאינו גמור; רשע ורע לו — רשע גמור״ (ברכות ז.):

אויב אַ מענש איז אַ „צדיק וטוב לו״, כאָטש עס געהט איהם גוט, דאָך איז ער אַ צ ד י ק — אַזעלכער איז אונבעדינגט אַ „צדיק גמור״; אויב אָבער ער איז אַ „צדיק ורע לו״, עס געהט איהם שלעכט, ער לעבט אין אָרימקייט — אויף אַזעלכען איז קיין רבותא נישט, וואָס ער איז פרום, און דעריבער איז ער אַ „צדיק שאינו גמור״...

דאַגעגען ווידער אויב „רשע וטוב לו", אויב דער רשע לעבט אין וואוילטאַג — איז קיין חידוש נישט, וואָס ער איז אַ רשע, הייסט ער דעריבער אַ „רשע שאינו גמור"; אויב אָבער „רשע ורע לו", אויב ער איז אַ רשע, כאָטש עס איז איהם אַליין שלעכט — דאָס איז שוין דער אמת'ער „רשע גמור"!....

(נחפה בכסף)

וחכך כיין הטוב... (ז. י.)

צו רבי שמואל סאַלאַנט האָט זיך אַמאָל געווענדעט איינער פון די שטאָדטישע משכילים, וועלכען מען האָט געהאַלטען פאַר אַנ'אפיקורס און ער איז געווען אין שטאָדט דער אָנפיהרער פון דער חברה „חובבי שפת עבר", און איהם געפרעגט, הלמאַי ער איז אַ געגנער פון דער דאָזיגער חברה, וואָס איהר צוועק איז דאָך צו פערשפרייטען לשון־קודש צווישען אידען.

— די שפּראַך — האָט איהם דערויף רבי שמואל געענטפערט — ווערט אין פסוק געגליכען צו ווײן: „וחכך כיין הטוב". ווײן, ווי איהר ווייסט, ווערט בענוצט צו פערשידענע תשמישי קדושה. ווײן האָט מען מנסך געווען אויפ'ן מזבח, ווײן געברויכט מען צו קידוש והבדלה, פונדעסטוועגען ביי זיין גאַנץ חשיבות און קדושה, אויב צום ווײן ריהרט זיך צו אַ גוי — ווערט דער ווײן אומריין...

אויך מיט'ן נצי"ב (רבי נפתלי צבי יהודא בערלין) האָט אַמאָל אַ געוויסער משכיל פערפיהרט אַנ'עהנליכען שמועס וועגען נאַציאָנאַליזם און וועגען דער העברעאישער שפּראַך, אויף וואָס דער נצי"ב האָט איהם געענטפערט: געוויס, אויך איך בין אַנ'אַנהענגער פון די אַלע זאַכען. אָט זאָגען מיר דאָך טאַקי אין יום־טוב'דיגען קידוש מיט אַ פייערליכען ניגון: „אשר בחר בנו מכל עם" — מיר דאַרפען שטאָלצירען מיט אונזער פאָלק, מיט אונזער נאַציע, „ורוממתנו מכל לשון" — מיר דאַרפען זיך גרויס האַלטען מיט אונזער שפּראַך, מיט אונזער לשון, אָבער צו דעם אַלעם מוז נאָך צוקומען אַ דריטע זאַך — „וקדשנו במצוותיו", מען דאַרף אויך זיין אַ שומר־תורה, אויך אָבהיטען די מצוות...

לכה דודי נצא השדה נלינה בכפרים... (ז. יב.)

„בוא ואראך בני עשו שהשפעת להם טובה וכופרים בך, נשכימה לכרמים — אלו בתי כנסיות ובתי מדרשות" (רש"י)

זיי מוחל, רבונו של עולם, און שפּאַציר זיך דורך פריהער צווישען די בני־עשו און דו וועסט דאָן זעהן, אַז וואָס מיר זאָלען נישט זיין, אָבער געגען אַנדערע פעלקער זענען מיר נאָך צו יעדער צייט צדיקים גמורים...

און דאָס האָט אויך געמיינט הושע הנביא, בשעת ער האָט אויף דער טענה פון השי"ת, אַז די אידען האָבען געזינדיגט, געענטפערט: „לך והחליפם באומה אחרת". אין פלוג איז היתכן? ווי קומט עס אַז אַ נביא זאָל ענטפערען אַזעלכע ווערטער? נאָר ער האָט געמיינט דערמיט פערקעהרט: פּרוב, רבונו של עולם, געגענשטעלען דאָס אידישע פאָלק און אויסבייטען עס אויף אַנ'אומה אחרת, ווי אַזוי אַנדערע פעלקער זעהען אויס, און דו וועסט זעהן, אַז ווי גרויס עס זאָלען נישט זיין אונזערע חסרונות, זענען מיר נאָך אַלץ בעסער פון זיי...

(רבי ברוך קאַסאָווער)

דער קעלמער מגיד פלעגט זאָגען:

קומענדיג אין אַ שטאָדט אַריין און וועלענדיג זיך בעוואָרענען, אַז כ׳זאָל פון מיינע דרשות נישט אַריינפאַלען אין צו־גרויסען כּעס אויף אונזערע אידען, גאָה איך פריהער אַרויס אויפ׳ן פויערישען יריד און אין די שענקען און ערשט שפּעטער קום איך אין בית־המדרש אַריין, זעה איך דאָן אַנ׳אונטערשיעד... פריהער איז „בוא ונראה בני עשיו שהשפעת להם טובה והם כופרים בך״, און ערשט דערנאָך — „נשכימה לכרמים, אלו בתי כנסיות ובתי מדרשות״...

רות

„המגילה הזו (מגילת רות) — ווערט געזאָגט אין מדרש — אין בה לא טומאה ולא טהרה, לא איסור ולא היתר. ולמה נכתבה? להודיעך גדול שכר של גומלי חסדים".

און דעריבער לייענען מיר די דאָזיגע מגילה אום שבועות, אין טאָג פון מתן־תורה, כדי אויפמערקזאַם צו מאַכען, אַז תורה אַליין, אָהן גמילות־חסדים, גענוגט נישט, דען „כל האומר אין לו אלא תורה — אפילו תורה אין לו"!...

(ראשי בשמים)

דעריבער ווערט מגילת רות געלייענט אום שבועות, אין טאָג פון מתן־תורה, כדי אונטערצושטרייכען אינ'ם דאָזיגען טאָג דעם אונטערשיעד פון אונזער אידישע תורה ביז אַנדערע תורות. פינף און פיערציג מאָל ווערט אָנגעזאָגט אין דער תורה, ליעב צו האָבען דעם גר, און דאָך — האָט מען נישט אַזוי לייכט מקבל געווען ביי אונז גרים, מחמת מיר זענען בטבע ווייט פון צו יאָגען זיך נאָך פרעמדע נשמות... דריי מאָל, ווערט דערצעהלט אין דער דאָזיגער מגילה, האָט נעמי אָבגעהאַלטען די פרעמד־גלויביגע ערפה און רות פון זייער בעשלוס אַנצונעהמען דעם אידישען גלויבען, טענה'נדיג צו זיי: „שובנה בנותי, שובנה". מיר האָבען טאַקי ליעב דעם גר, אָבער מיר יאָגען זיך נישט נאָך איהם און מיר ווילען איהם פריהער נישט צולאָזען צו זיך, ביז מיר האָבען נישט די זיכערהייט, אַז ער מיינט מיט זיין שריט ערנסט און אויפריכטיג, אויס ריינער אינערליכער איבערצייגונג...

(דר. אהרן יעלינעק)

ביי די ספרדים און תימנים אין חוץ־לארץ ווערט מגילת רות איינגעטיילט און געלייענט איןביידע טעג שבועות. די ערשטע צוויי קאַפּיטלען ווערען געלייענט אינ'ם ערשטען טאָג און די אַנדערע צוויי — אין צווייטען טאָג. זיי שטיצען זיך דערביי אויף דער שטעלע אין דער גמרא, וואו עס ווערט געזאָגט: „קורין רות במוצאי יום־טוב ראשון של עצרת חציו ומשלים יום־טוב האחרון" (מסכת סופרים י"ד הלכה י"ח).

ויהי בימי שפוט השופטים... (א. א.)

„שפוט השופטים, דור ששופט את שופטיו" (בבא־בתרא ט"ו)

שופטים — האָט דערויף געזאָגט דער בעש"ט — ווערלכע משפט'ן און שטראָפען דאָס פאָלק בשעת עס געפינט זיך אין אַן עת־צרה, אין אַ הונגער, אַנשטאָט זיי זאָלען דאָס פאָלק טרייסטען, מלמד־זכות זיין און מיטפיהלען זיין צער — אַזעלכע שופטים דאַרפען אַליין גע'משפט ווערען...

„אוי לו לדור ששופט את שופטיו ואוי לו לדור ששופטיו צריכים להשפט, שנאמר וגם אל השופטים לא שמעו" (מדרש רבה)

פון וואַנען איז פונ׳ם פסוק „וגם אל השופטים לא שמעו״ געדרונגען, אַז „שופטים צריכים להשפט״? ווייל גאַנץ איינפאַך: אויב מען רעכענט זיך נישט מיט די שופטים און מען הערט זיי נישט, איז עס זיכער נור דערפאַר, ווייל זיי פּערדיענען זיך נישט דערויף, ווייל זייער אויפפיהרונג איז אַזעלכע, אַז יעדער קאָן צו זיי זאָגען: „טול קורה מבין עיניך!״...

(כתנות אור)

אויב מען האָט געדאַרפט משפט׳ן די שופטים הייסט דאָך עס, אַז די שופטים האָבען נישט געטויגט, איז וויבאַלד אַזוי דאַרף דאָך זיין „אוי להם לשופטים״, נישט „אוי לו לדור״?

נאָר דער שופט און מנהיג, ווי שלעכט ער זאָל נישט זיין, איז ער נאָך אַלץ בעסער און שטעהט נאָך אַלץ העכער פאַר די געוועהנליכע מענשען פון דור, און אויב עס זענען געווען אַזעלכע שופטים, וואָס דער דור האָט זיי געדאַרפט משפט׳ן, איז „אוי לו לדור״, קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלען, ווי אַזוי דער דור אַליין האָט דאַן אויסגעזעהען...

(איל המלואים)

ויהי בימי שפוט השופטים ויהי רעב בארץ... (א. א.)

„כל מקום שנאמר ויהי אינו אלא צרה וכאן נאמר תרי ויהי — שתי צרות. ויהי בימי שפוט השופטים, שהיה בה רעבון של תורה, דור ששפטו את שופטיהם. ויהי רעב בארץ שהיה בה רעבון ללחם. אמר אלימלך הכל משכימין לפתחי וברח״ (מדרש רבה)

פרעגט זיך: בשלמא, אַז ער איז אַנטלאָפען פאַר׳ן „רעבון ללחם״, איז פערשטענדליך, אָבער נאָכוואָס האָט ער געהאַט צו אַנטלויפען פאַר׳ן „רעבון של תורה״?

נאָר די גמרא זאָגט: „בקטינן האי צורבא מרבנן וכו׳ אהדורי אפיתחא לא מיהדר״ (שבת קנ״א), אַז אַנ׳אָרימאַן, אַ צורבא־מרבנן איז שעמעוודיג און ער געהט נישט אַרום אין די הייזער בעטלען.

און דעריבער, בשעת אלימלך האָט דערזעהן, אַז נישט נור עס איז אַ „רעבון ללחם״, מען זיצט אין שטוב און מען הונגערט, נאָר עס איז אויך אַ „רעבון לתורה״, די אָרימעלייט זענען זיך נישט נוהג, ווי עס דאַרפען זיך נוהג זיין בני־תורה, זיי האַלטען נישט פונ׳ם כלל „אהדורי אפיתחא לא מיהדר״ און זיי געהן אויך אַרום איבער די הייזער, „אמר אלימלך הכל משכימין לפתחי!״ אויב אַזוי, וועלען דאָך אַלע אָנהויבען קומען צו מיר — וברח...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

דער „רעבון של תורה״ קומט דאַמאָלס, ווען עס איז דאָ אַ „רעבון ללחם״. „חסורי מחסרא — והכי קתני״, בעת עס איז נישטאָ קיין פרנסה זעצט מען זיך לערנען...

(זרע ברך)

„שפוט השופטים — דור ששופט את שופטיו״...

„ויהי״ איז אַ לשון־צרה, און דעריבער שטעהט דאָ אין פסוק צוויי מאָל „ויהי״: לאַ־די, וואָס קהל האָט געפייניגט און מבזה געווען זיינע רבנים און דיינים, איז געווען אויך „ויהי ר ע ב בארץ״, האָט מען זיי נאָך דערצו געלאָזט הונגערן און אויף קיין חיונה זיי נישט געגעבען, קיין שכירות נישט געצאָהלט!...

(תקון משה)

בשעת רבי חיים־לייב, דער סאָסנאָוויצער עלוי, איז געווען רב אין סמאָרגאָן, איז דאָרט געווען אַ געוויסער גביר, אַ מורא׳דיגער קמצן, ביי וועלכן עס איז אָנגעקומען שווער און ביטער מוציא צו זיין אַ גראָשען אויף קהל׳שע הצטרכות׳ן.

איינמאָל איז דער גביר געזעסן ביים רב, און שמועסנדיג וועגן פערשידענע קהל׳שע ענינים, טהוט ער איהם דורך־אגב אַ פרעג: ווי־אַזוי, רבי, איז ביי אייך מיט חיונה?

— מאַ — ענטפערט איהם רבי חיים־לייב — ווען כ׳זאָל האָבען אַ פיער־פינף בעלי־בתים, ווי איהר, וואָלט איך מיט חיונה קיין דאגה נישט געהאַט.

— אַ, אַ דאַנק! — ענטפערט דער גביר, פיהלענדיג זיך זעהר צופרידען פונ׳ם רב׳ס קאָמפּלימענט.

— ניין — שלאָגט איהם איבער רבי חיים־לייב — איהר האָט מיך שלעכט פערשטאַנען... כ׳מיין, ווען כ׳זאָל האָבען בלויז אַ פיער־פינף קאַרגע בעלי־בתים, ווי איהר זענט, וואָלט מיט חיונה קיין דאגה נישט געווען; די צרה איז אָבער, וואָס כ׳האָב צוויי הונדערט בעלי־בתים אַזעלכע, ווי איהר!...

רבי איזיל חריף, אידער ער איז געווען רב אין סלאָנים, איז געווען רב אין אַנ׳אָרימער קהילה. נישט האָבענדיג פונוואַנען צו צאָהלען איהם שכירות, האָט קהל צונויפגערופען אַנ׳אסיפה און עס איז געבליבען במוסכם, מען זאָל אָבגעבען דעם רב דאָס קהל׳שע מרחץ, ער זאָל דאָרט אַריינזעצען זיינס אַ מענש, און וויפיעל עס וועט בלייבען ריינע הכנסה, זאָל עס געהערען צום איהם.

איינמאָל, ערב־שבת, בעגעגענט רבי איזיל אין גאַס דעם ראש־הקהל, אַ איד אַ גביר און אַ גרויסער דבר־אחר, בעת יענער געהט פון מרחץ.

— איהר ווייסט, רבי — זאָגט צו איהם דער ראש־הקהל — כ׳בין היינט נישט צופרידען געווען פון מרחץ... ס׳איז געווען וועניג וואַסער און נישט־געגוג וואַרים...

— אַזוי? — גיט אויף איהם רבי איזיל אַ ביזען קוק: — אַ בעדער בין איך שוין ביי אייך; ווילט איהר נאָך, כ׳זאָל זיין ביי אייך אַ באָד־גוי אויך?...

וילך איש מבית לחם יהודה לגור בשדי מואב... (א. א.)

דאָ ווערען נישט אָנגערופען זייערע נעמען, נאָר עס ווערט געזאָגט סתם: „וילך איש מבית לחם יהודה לגור בשדי מואב הוא ואשתו ושני בניו״, ערשט אין צווייטען פסוק ווערט ערקלערט: „ושם האיש אלימלך ושם אשתו נעמי ושם שני בניו מחלון וכליון״, פאַרוואָס ווערען זייערע נעמען נישט דערמאָהנט באַלד אין ערשטען פסוק?

נאָר, כידוע, איז אלימלך אַנטלאָפען פון בית־לחם צוליעב קאַרגשאַפט, צוליעב די צופיעל אָרימעלייט, וואָס זענען אינ׳ם הונגער־יאָהר געקומען צו איהם בעטען הילף, ווי עס ווערט געזאָגט אין מדרש: „אמר אלימלך הכל משכימין לפתחי וברח״, און היות ווי אויך אויפ׳ן וועג, ווען מען זאָל וויסען ווער עס פאָהרט, וואָלטען איהם די קבצנים און אָרימע קרובים געווען בעלאַגערט און געבעטען נדבות, איז ער דעריבער אַנטלאָפען אינקאָגניטאָ און נישט אויסגעגעבען, ווער ער איז. ערשט שפּעטער, ווען ער איז שוין איבערגעקומען דעם וועג און אָנגעקומען אינ׳ם פרעמדען לאַנד, „לגור בשדי מואב״, ערשט דאָרט האָט ער זיך געגעבען צו דערקענען און מפרסם געווען: „ושם האיש אלימלך ושם אשתו נעמי ושם שני בניו מחלון וכליון״...

(כלי חמדה)

אַנטלאָפֿען איז אלימלך צוליעב קאַרגשאַפֿט, און דעריבער האָט ער זיך אויס־געקליבען צו וואוינען צווישען די בני־מואב, וועלכע האָבען זיך אויך אויסגעצייכענט מיט זייער קאַרגשאַפֿט און צרות־עין, ווי די תורה זאָגט עדות וועגען זיי: „על אשר לא קדמו אתכם בלחם ומים בצאתכם ממצרים"...

(מהר"י אדרבי)

ותשאר היא ושני בניה... (א. ג.)

„ותשאר — שנעשית כשירי מנחה" (מדרש)

וואָס מיינט דערמיט דער מדרש?

נאָר אין יורה־דעה, ס' מ"ג ווערט געזאָגט: „טחול אם נשתייר כעובי דינר כשר", און דערויף ערקלערט דאָרט דער ט"ז: „לא ידענא שיעורו, אבל עכ"פ הוא פחות מחצי אם נקרא שיור". דער אויסדרוק „שיור", איבערבלייבונג, לאָזט זיך, הייסט עס, אָנווענדען נור אין דעם פאַל, ווען עס בלייבט איבער וועניגער ווי אַ העלפט. פרעגט מען: פון וואַנען נעהמט דער ט"ז דעם דאָזיגען כלל? אָט ווערט דאָך ביי מנחה בפירוש געזאָגט אין פסוק: „והנותרת ממנה יאכלו אהרן ובניו", זעהט מען דאָך, אַז דער אויסדרוק „נותרת", איבערבלייבונג, לאָזט זיך אויך בענוצען אַפילו דאָן, ווען עס בלייבט איבער אַ סך מעהר, ווי העלפט, מחמת אַראָבגענומען האָט מען דאָך פון דער מנחה אַ גאַנץ נישטיגען טייל, בלויז די גרויס פון אַ „קומץ"? און דערויף ווערט געענטפערט, אַז דערפאַר געשיקט זיך דאָרט יאָ צו בענוצען דעם אויסדרוק „נותרת", ווייל עס פעהלט פון איהר דאָס סאַמע חשוב'סטע — דער „קומץ", און קוים פעהלט דער „קומץ" הייסט שוין דאָס איבריגע נישט מעהר, ווי „נותר", הגם אין כמות איז נאָך געבליבען דערפון אַ גאַנץ היבשער טייל...

דאָס זעלבע האָט אויך געאַרט דעם בעל־המדרש אינ'ם פסוק „ותשאר היא ושני בניה". ווי געשיקט זיך דאָ דער אויסדרוק „ותשאר", וועהרענד געשטאָרבען איז דאָך בלויז אלימלך און געבליבען איז דאָך דער גרעסטער טייל פון דער פאַמיליע — נעמי און בידע זיהן? און דערויף קומט דער ענטפער: „שנעשית כשירי מנחה", און פונקט ווי ביי מנחה ווערט דער גרעסטער איבערגעבליבענער טייל אָנגערופען „הנותרת", ווייל עס פעהלט פון איהר דער חשוב'סטער טייל — דער „קומץ", אַזוי אויך דאָ פאַסט זיך דער אויסדרוק „ותשאר", ווייל עס איז געשטאָרבען דער חשוב'סטער פאַמיליען־מיטגליעד — אלימלך...

(רבי שאול אַמשטערדאַמער)

וישאו להם נשים מואביות... (א. ד.)

מיט'ן טאַטען רעכענט מען זיך נאָך אַ ביסעל אינ'ם פרעמדען לאַנד, פאַר'ן טאַטען האָט מען נאָך ווי עס איז דרך־ארץ. אָבער „וימת אלימלך איש נעמי" וכו', דאַן — „וישאו להם נשים מואביות", פאַר דער מאַמען האָט מען שוין אין אַזעלכע פאַלען קיין מורא נישט...

(אלט"ד)

ותשאר האשה משני ילדיה... (א. ה.)

וועגען אַ געוויסען בעקאַנטען גאון ווערט דערצעהלט, אַז ער האָט אַמאָל געשריבען

אַ בריעף צו זיין זוהן, וועלכער איז אַרויס לתרבות־רעה, און אָנגעהויבען האָט זיך דער בריעף מיט'ן טיטול „לילדי". איינער פון זיינע נאָהנטע מקורבים, וועלכער האָט דאָס איבערגעלייענט, איז געוואָרען שטאַרק פערוואונדערט: היתכן? — האָט ער געפרעגט — צו אַ זוהן, וואָס פערשאַפט איך אַזוי פיעל צער, שרייבט איהר אַזאַ לשון־חיבה: „לילדי"?...

האָט איהם דער גאון דערויף געענטפערט: אין רות ווערט געזאָגט אין איין פסוק (א. ג.): „ותשאר היא ושני בניה", דאַגעגען אין צווי פסוקים ווייטער (א. ה.) ווערט געזאָגט: „ותשאר האשה משני ילדיה". איז דאָך קשה: פאַרוואָס ווערען זיי פריהער אָנגערופען „בניה" און נאָכהער — „ילדיה". צי דען זענען זיי שפּעטער יונגער געוואָרען און פון בנים זענען זיי געוואָרען ילדים?

נאָר „בן" מיינט מען אַ זוהן, וואָס געהט אין פאָטער'ס דרכים און בעמיהט זיך פאַרטצוזעצען זיינע מעשים, ווי מיר געפינען אין מדרש תנחומא פ' בראשית: „ויולד בן — למה נקרא שמו בן, לפי שהוא בונה את העולם". אַזעלכער אָבער, וועלכער איז נישט קיין בונה את העולם, ער מאַכט חרוב די וועלט, וואָס דער פאָטער האָט געבויט, איז ער נישט ראוי צו טראָגען דעם נאָמען „בן". פריהער, אַלזאָ, כל־זמן די קינדער האָבען זיך לייטיש אויפגעפיהרט, איז — „ותשאר היא ושני בניה", זענען זיי געוואָרען אָנגערופען בנים. באַלד אָבער אינ'ם ווייטערען פסוק ווערט דערצעהלט, אַז זיי זענען אַראָב פון דרך הישר און „וישאו להם נשים מואביות", און דאַן — „ותשאר האשה משני ילדיה", זענען זיי שוין נישט געוועזען מעהר קיין בנים, נאָר סתם ילדים, קינדער, וועלכע מען האָט געבוירען און וועלכע זענען אָבער, לײדער, נישט מעהר קיין בונים...

ותלכנה בדרך לשוב... (א. ז.)

דערויף זאָגט דער מדרש: „מלמד שהלכו ביחף"...

געוועהנליך טייטשט מען „שהלכו ביחף" — זיי זענען געגאַנגען ב אָ ר װ ע ס, און די מפרשים מאַטערן זיך צו ערקלערען, וואָס די חז"ל זענען דערמיט אויסען. פערשידענע פשטים ווערען וועגען דעם געזאָגט; אָבער אַמריכטיגסטען און איינפאַכסטען זעהט אויס דער פשט, וואָס ווערט געגעבען דערויף אין ספר „עבודת הלוים", נעמליך: אין משניות מסכת מכשירין (פרק ג', משנה ח') געפינען מיר: „בשעת היחף והדיש לעולם טמא", דערויף בעמערקט דאָרט דער ברטנורא: „בשעת היחף — בשעת ה ק צ י ר". דאָס הייסט, אַז „יחף" בעדייט ש נ י ט ־ צ יי ט.

כי אל אשר תלכי אלך... (א. טז.)

דער ווילנער גר־צדק, גראַף פּאָטאָצקי — ווערט דערצעהלט — האָט געהאַט אַ חבר, זאַרעמבאַ, וועלכער האָט נאָכגעטהון זיין חבר'ס ביישפּיעל און זיך מגייר געוועזען צוזאַמען מיט זיין פרוי.

נאָכ'ן איבערגעהן צום אידענטום האָט זיך זאַרעמבא דאַן געווענדעט צו דער פרוי און געזאָגט: לאָמיר זיך שיידען, דו ווייסט חתונה האָבען מיט אַ'אמת'ן בן־ישראל און איך — מיט אַ בת־ישראל און אַזוי אַרום וועלען מיר ביידע ווערען איינגעוואָרצעלט אין אידישען פאָלק. דערויף האָט זי איהם געענטפערט: עס האָבען צווי מענשען אַמאָל געוואַנדערט אין דער מדבר, וואו זיי האָבען פערלוירען דעם וועג און זיי האָבען אַ צייט לאַנג געבלאָנדזשעט, הונגער און דורשט געליטען, פון דער ברענענדיגער זון געפייניגט געוואָרען, ביז עס איז זיי ענדליך אַ נס געשעהן און זיי האָבען דעם וועג

צום ישוב געפונען. צוקומענדיג צום ישוב, האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט און געזאָגט: צוזאַמען האָבען מיר אין דער מדבר געבלאָנדזשעט, צוזאַמען פון הונגער און דורשט געליטען, צוזאַמען געפייניגט געוואָרען און איצט, אַרויסקומענדיג אויפ׳ן גלייכען וועג, צי דען זאָלען מיר זיך פונאַנדערשיידען? איז דאָס אַ יושר?...
און דער גר זאַרעמבא איז ווייטער געבליבען וואוינען מיט זיין פרוי.
(„מתיהדים" פון צבי כשדאי)

די גיורת רות לאַצאַרוס, די פרוי פון פראָפעסאָר משה לאַצאַרוס, וועלכע האָט זיך מגייר געווען און פערפאַסט אייניגע ביכער וועגען אידענטום, האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אַז אויפ׳ן גרונד פון איהרע לאַנגיעהריגע בעאָבאַכטונגען האָט זי פעסט־געשטעלט, אַז כמעט יעדער אידישער משומד איז בטבע אַ געוויסענלאָזער, פערדאָר־בענער מענש, נאָך איידער ער שמד׳ט זיך, און יעדער גר, וועלכער בעשליסט אָנצו־נעהמען דעם אידישען גלויבען, צייכענט זיך אויס מיט זיין איידעלקייט און גוטע מדות, נאָך איידער ער איז זיך מגייר...

כי המות יפריד ביני ובינך... (א. יז.)

עס שטעהט נישט „יפריד בינינו", נאָר „ביני ובינך". דער טויט טיילט נישט פונאַנדער ביידע, נאָר איינעם. דער טויטער ווערט אָבגעשיידט פון לעבעדיגען, צו וועלכען ער וועט שוין קיינמאָל צוריק נישט קומען, דער לעבעדיגער דאַגעגען ווערט נישט אָבגעשיידט פון טויטען. ער צו איהם וועט און מוז סוף־כל־סוף קומען...
(דובנער מגיד)

ותרא כי מתאמצת היא ללכת אתה... (א. יח.)

תורה איז מתשת כח, און מיט׳ן מאָמענט, ווען מען בעשליסט צו נעהמען אויף זיך דעם עול פון אידישקייט, ווערט מען שוין פיזיש אָבגעשוואַכט. ווי די גמרא דער־צעהלט וועגען ריש לקיש׳ן, אַז בשעת ער האָט זיך געבאָדען מיט ר׳ יוחנן אין ירדן און נאָכ׳ן געשפרעך, וואָס איז צווישען זיי פאָרגעקומען, האָט ער מסכים געווען צו ווערען אַ בעל־תשובה — „בעי למהדר לאתויי מאניה ולא מצי", און דעריף זאָגט דאָרט רש״י: „דמשקבל עליו עול תורה תשש כוחו" (בבא מציעא פ״ד). צוליעב׳ן בלויזען בעשלוס מקבל צו זיין אויף זיך דעם עול־תורה, איז ער שוין געוואָרען אָבגעש־שוואַכט...
און דאָס זאָגט דער פסוק: „ותרא כי מתאמצת היא ללכת אתה", בשעת נעמי האָט דערזעהען, אַז רות שטרענגט זיך אָן צו געהן, אַז די טריט זענען ביי איהר שווערער געוואָרען, „ותחדל לדבר אליה", האָט זי איבערגעריסען דעם געשפרעך און שוין מעהר נישט געפרובט איהר אָבצורײדען, וואָרום — אויב זי דערפיהלט זיך מיטאַמאָל שוואַך און עס איז איהר שווער צו געהן, איז אַ סימן, אַז זי איז שוין טאַקי פעסט בעשלאָסען צו ווערען אַ אידיש קינד...
(רבי חיים צאַנזער)

למי הנערה הזאת... (ב. ה.)

„דברי צניעות וחכמה ראה בה, שתי שבלים לקטה, שלש אינה לקטה" (רש״י)

וואָס פאַר אַ דבר־חכמה האָט ער דאָ געזעהען פון איהר?

נאָר — האָט געזאָגט דערויף דער חדושי הרי״ם — לויט׳ן דין טאָר מען נישט קלויבען מעהר ווי צו צוויי זאַנגען, דריי הייסט שוין נישט קיין „לקט״, דאַגעגען אַ גר און גיורת מעג עפ״י דין קלויבען אויך דריי זאַנגען. נישט קוקענדיג אָבער אויפ׳ן דאָזיגען היתר איז רות די גיורת אַרומגעגאַנגען איבער׳ן פעלד און אויפגעקליבען בלויז יענע זאַנגען, וועלכע זענען געלעגען צו צוויי אויף אַנ׳אָרט, מחמת פאַר די דאָזיגע זאַנגען האָט זי מורא געהאַט, אַז אַנדערע אָרימעלייט זאָלען זיך נישט מקדים זיין און זיי צונעהמען, דאַגעגען יענע ערטער, וואו עס זענען געלעגען צו דריי זאַנגען, האָט זי איבערגעלאָזט אויף שפּעטער, ווייל פאַר זיי האָט זי קיין מורא נישט געהאַט, עס זאָל זיי ווער נישט אויסכאַפּען — דען אויסער אַ גר ־טאָר דאָך קיינער קיין דריי זאַנגען מיטאַמאָל נישט נעהמען!... אָט דאָס איז געווען די חכמה, וואָס בועז האָט ביי איהר בעמערקט.

ותהי משכורתך שלמה וכו׳ אשר באת לחסות תחת כנפיו... (ב. יב.)

„אמר ר׳ חסא, אשר באת לחסות תחת כנפיו״ (מדרש רבה)

אַלע מפרשים שטעלען זיך אויפ׳ן דאָזיגען מדרש: וואָס איז דאָ ר׳ חסא מחדש, די דאָזיגע ווערטער שטעהען דאָך אין פסוק?

נאָר, כידוע, דאַרף מען לויט׳ן אידישען דין נישט יאָגען זיך נאָך קיין גרים און קומט איינער און וויל זיך מגייר זיין, דאַרף מען איהם נישט צורעדען דערצו, נישט געבען איהם קיין שום הבטחות, נאָר פערקעהרט, מען דאַרף איהם ווי ווייט מעגליך פּרובען דערפון אָבהאַלטען און איהם ערקלערען, אַז ער מאַכט דאָ נישט קיין גלענצענד געשעפט: „אי אתה יודע שישראל בזמן הזה דווים, סחופים ומטורפים״? מען דאַרף איהם אַפילו נישט צוזאָגען דאָס „הימלישע קעניגרייך״, אַז ער וועט האָבען דערפאַר שכר אויף יענער וועלט...

און דערויף טאַקי מאַכט ר׳ חסא אויפמערקזאַם. דען אין פסוק דאָ ווערט דער־צעהלט, אַז בועז האָט געזאָגט צו רות׳ן: „ישלם ד׳ פעלך ותהי משכורתך שלמה וכו׳ אשר באת לחסות תחת כנפיו״, איז כדי מען זאָל נישט מיינען, אַז בועז האָט איהר פיליכט צוגערעדט און געגעבען פערשיעדענע הבטחות, בעמערקט דעריבער ר׳ חסא, אַז דער „ישלם ד׳ פעלך ותהי משכורתך שלמה״ בעשטעהט בלויז אינ׳ם — „אשר באת לחסות תחת כנפיו״. דייך „תשלום״ און דייך „שכר״ בעשטעהט אין דעם, וואָס דו האָסט זוכה געווען צוצוקומען צום אמת. דאָס איז דאָס איינציגע, וואָס מיר מעגען דעם גר „מבטיח״ זיין, נישט מעהר...

(קול יעקב)

ותלקט בשדה עד הערב וכו׳ ויהי כאיפה שעורים... (ב. יז.)

„ואח״כ איפה שערים לשון רבים וכו׳״ (אבן־עזרא)

דערויף ווערט ערקלערט אין ספר „בני רשף״ אַז עס איז דאָ אַריינגעפאַלען אַ טעות הדפוס און עס דאַרף זיין: „ואחר כך יפה״ ד.ה. אַז נאָכ׳ן אַראָבנעהמען פון וואָרט „כאיפה״ די ערשטע צוויי אותיות, די כ׳ און די א׳, בלייבט איבער: „יפה״, וואָס עס בעציהט זיך אויף אַבשלומ׳ען, אויף וועלכען עס ווערט געזאָגט: „וכאבשלום לא היה איש יפה בכל ישראל״ (שמואל ב׳ יד. כה.) און עס איז פונקט ווי עס וואָלט געווען

געשטאַנען: „כ״א יפה״, אַלס רמז לשנות אבשלום, און דאַן קומט דער אויספיהר: „שערים לשון רבים בעבור היותו כבד עליו מאד״, אַז דעריבער שטעהט „שערים״ בלשון רבים, דען דאָס בעציהט זיך אויף די שערות אבשלום, וועגען וועלכע עס ווערט געזאָגט אין פסוק: „כי כבד עליו וגלחו ושקל את שער ראשו מאתים שקלים״.

אשר לא עזב חסדו את החיים ואת המתים... (ב. כ.)

„שזן ומפרנס את החיים ונטפל בצרכי המתים״ (רש״י)

וואו געפינען מיר דען, אַז בועז זאָל זיך האָבען מטפל געוועזען מיט די צרכי המתים?

נאָר די חז״ל זאָגען, אַז בשעת איינער שטאַרבט און ער לאָזט איבער אַן אַלמנה מיט אַ טאָכטער און פון די איבערגעבליבענע נכסים קאָן מען נישט בידע מפרנס זיין, דאַן — „אלמנה ניזונה והבת תשאל על הפתחים״, דאַרף מען פריהער און קודם־כל פער־זאָרגען די אלמנה, דען עס איז אַ גרויסער בזיון פאַר׳ן מת, אַז די אלמנה זאָל הונגערן.

און דאָס, דערקלערט רש״י, איז דער זין פון פסוק: „אשר לא עזב חסדו את החיים ואת המתים״. דערמיט וואָס בועז האָט געזאָרגט נישט בלויז פאַר רות׳ן, די שנור, נור ער האָט אויך געשיקט שפייז פאַר נעמי, די אלמנה, איז ער געוועזען אַ „זן ומפרנס את החיים ונטפל בצרכי המתים״, האָט ער דערמיט אויך געטהון אַ חסד און געראַ־טעוועט דעם כבוד־המת...

(ברכת אברהם)

גם כי אמר אלי עם הנערים אשר לי תדבקין... (ב. כא.)

„א״ר הנין בר לוי, בודאי מואביה היא זו, הוא אמר וכה תדבקין עם נערותי והיא אמרה עם הנערים אשר לי״ (מדרש רבה)

ווי אַזוי איז דערפון אַ בעוויז, אַז זי איז אַ מואביה?

דער פשט איז גאַנץ איינפאַך: דערפון, וואָס זי האָט געמאַכט אַזאַ גראַמאַטיקאַלישען גרייז און אַנשטאָט „עם הנערות״, האָט זי געזאָגט „עם הנערים״, נישט אונטערשיידענ־דיג בין זכר לנקבה, איז געוועזען קלאָר, אַז זי איז אַ מואבית און זי האָט נאָך נישט געקענט גרינדליך די העברעאישע שפראַך...

(גשמי ברכה)

ותדבק וכו׳ ללקט עד כלות קציר השעורים וקציר החטים... (ב. כג.)

„א״ר שמואל בר נחמן, מתחילת קציר שעורים עד כלות קציר חטים. שלשה חדשים״
(מדרש רבה)

אַנטקעגען וואָס אייגענטליך דאַרפען מיר דאָס וויסען?

מחמת אין פריהערדיגען קאַפיטעל ווערט געזאָגט: „והמה באו בית־לחם בתחלת קציר שעורים״, און דער דין איז אין יבמות, אַז דער זמן, וואָס אַ גיורת דאַרף וואַרטען, ביז זי זאָל מעגען חתונה האָבען מיט אַ ישראל, איז דריי חדשים, און דערפאַר דער־צעהלט אונז דער פסוק, אַז „ותדבק בנערות בועז ללקט עד כלות קציר השעורים וקציר החטים״, אַז עס איז שוין פאַראיבער דער בעשטימטער זמן פון דריי חדשים און דעריבער — „ותאמר לה נעמי וכו׳ הלא אבקש לך מנוח״...

(אלשיך)

ויאמר הבי המטפחת וכו׳ וימד שש שעורים... (ג. טו.)

אַזאַ חשוב׳ע מתנה איז עס — שש שעורים?

נאָר די גמרא זאָגט: „מעיקרא מאימת? — אמר רב פפא, מכי רמי שערי באסינתא״ (כתובות ח׳), אַז עס איז געווען אַ מנהג אין די אידישע הייזער פאַר דער חתונה צו ווייקן גערשטען און צו מאַכן דערפון ביער. דאָס מיטגעבען איהר ביים אַוועקגעהן אַביסעל גערשטען, איז, אַלזאָ, געווען אַ צייכען און אַנצוהערעניש, אַז ער איז גרייט מיט איהר חתונה צו האבען...

(מגילת ספר)

ויקח עשרה אנשים מזקני העיר... (ד. ב.)

עס האָט אַמאָל אַ וואַרשאווער איד, אַ געפּאַלענער בעל־הבית, אויסגערעדט זיך דאָס האַרץ פאַר רבי זיינוועלע קלעפּפיש, באשר ער דאַרף חתונה מאַכען אַ טאָכטער און די חתונה־מאַלצייט, צו וועלכער ער דאַרף איינלאַדען אַ גרויסען עולם, עטליכע הונדערט געסט, דאַרף איהם אָבקאָסטען אַ סך געלד, אויף וואָס ער איז ליידער נישט אימשטאַנד און ער קאָן זיך קיין עצה נישט געבען.

רופט זיך אָן צו איהם רבי זיינוועלע: צוויי מאָל ווערט דערצעהלט אין תנ״ך וועגען אַ חתונה מיט איינגעלאַדענע געסט: ביי לבנ׳ען און ביי בועז׳ן. איז ביי לבנ׳ען ווערט געזאָגט: „ויאסוף לבן את כל אנשי המקום ויעש משתה״. לבן, דער רמאי און שווינדלער, האָט, ווי דער שטייגער איז פון אַ שווינדלער, נישט געקלערט וואָס מאָרגען וועט זיין און ער האָט געפּראַוועט אַ חתונה מיט דער ברייטער האַנד, פּערבעטענדיג אויף איהר „את כל אנשי המקום״, די גאַנצע שטאָדט מיט געסט. דאַגעגען בועז, הגם ער איז געווען אַ איד אַ נגיד, אַ גביר עצום, האָט ער אָבער געלעבט מיט חשבון און — „ויקח עשרה אנשים מזקני העיר״, האָט ער איינגעלאַדען אויף דער חתונה נישט מעהר ווי צעהן פּערזאָן, און דערצו „מזקני העיר״, זקנים, אַלטע לייט, וועלכע קענען קיין סך נישט עסען... דאָס איז פאַלקאָם גענוג. מען דאַרף נישט ביים פּראַווען אַ חתונה אַריינטרייבען זיך אין צופיעל הוצאות!...

וזאת לפנים בישראל... (ד. ז.)

דערפאַר — פלעגט זאָגען רבי צבי הירש בערלינער — האָט מען פּאַרצייטענס געגעבען מעהר צדקה ווי היינט, ווייל דאַמאָלס איז די אמונה געווען פיעל שטאַרקער אין די אידישע הערצער. מען האָט געגלויבט באמונה שלימה, אַז מען וועט בקרוב ווערען אויסגעלייזט, עס וועלען קומען בעסערע צייטען און מען מעג זיך דעריבער ערלויבען צו געבען צדקה מיט אַ ברייטע האַנד און נישט בעהאַלטען דאָס געלד, און דאָס איז דער טייטש: „וזאת לפנים בישראל״ — אַזוי איז געווען דער מנהג פּאַרציי־טענס ביי אידען — „על הגאולה״ — מען האָט געגלויבט אין דער גאולה — „ועל התמורה״ — מען האָט געהאָט בטחון, אַז די צייטען וועלען זיך טוישען צום גוטען, און דעריבער — „שלף איש נעלו״ — האָט דער איד ממש פון זיך די שטיוועל אַראָב־געצויגען — „ונתן לרעהו״ — און עס אַוועקגעגעבען זיין חבר...

אין מדרש רבה רות (סוף פרשה ב׳) ווערט געזאָגט, אַז אויף דער בקשה פון דוד המלך: „הודיעני ד׳ קצי ומדת ימי מה היא״, האָט איהם השי״ת געענטפערט: „שבעין שנין״.

דאַגעגען אין מדרש רבה קהלת, אויפ׳ן פסוק „ברבות הטובה״, ווערט געזאָגט, אַז די תשובה איז געווען: „גזירה היא מלפני שאין מודיעין מה ימיו של בשר ודם״, און אַזוי ווערט אויך געזאָגט אין דער גמרא (שבת ל׳).

אַ פלא!

יתן ד׳ את האשה הבאה אל ביתך כרחל וכלאה וכו׳ ויהי ביתך כבית פרץ... (ד. יא. יב.)

פאַרוואָס האָבען זיי, אין זייער ברכה, נישט דערמאָהנט אויך די ערשטע אמהות, שרה ורבקה, נאָר בלויז רחל ולאה? און צוליעב וואָס האָבען זיי נאָך דערביי אויך געדאַרפט צוגעבען: „כבית פרץ אשר ילדה תמר ליהודה״?

נאָר בועז, מעגליך, האָט זיך אַ ביסעל געשעמט פאַר דער שטאָדט מיט דער אויפ־פיהרונג פון רות, וועלכע איז געקומען צו איהם אין גורן אין מיטען נאַכט, אַ זאַך, וואָס שטימט נישט מיט די אידישע חוקי הצניעות, און בכדי איהם צו בערוהיגען, ער זאָל נישט זיין געפאַלען ביי זיך, האָבען זיי אין זייער ברכה אָנגעוויזען אַלס ביישפיעל אויף רחל ולאה, אויך זיי האָבען, אין פלוג, אַ ביסעל אָבגעווייכט פון דרך־הצניעות. רחל האָט זיך אויסגעדריקט צו יעקב׳ן: „הבה לי בנים!״ און לאה האָט זיך נישט געשעמט און אויסגערופען: „אלי תבוא, כי שכר שכרתיך בדודאי בני!״ און פונדעסט־וועגען, ווייל זיי האָבען עס געמיינט ערנסט און נישט געהאַט דערביי, חלילה, קיין שום זינדיגע כוונות, האָבען זיי זוכה געווען אויפצושטעלען אַ דור פון בלויז צדיקים. פיללייכט אָבער וועט נאָך בועז האָבען אַ חשש, אַז דער פערגלייך איז נישט אינגאַנצען ריכטיג, ווייל ביי רחל ולאה איז דאָך שוין געווען דאַמאָלס נאָך דער חתונה, דאַגעגען דאָ, ביי רות, האָט עס פאַסירט דאַן, ווען בועז איז נאָך פאַר איהר אַ ווילד־פרעמדער געווען — האָבען זיי דעריבער צוגעגעבען: „ויהי ביתך כבית פרץ אשר ילדה תמר ליהודה״. אויך די אויפפיהרונג פון תמר האָט אין פלוג אויסגעזעהען צו זיין געגען די חוקי הצניעות, אויך יהודה איז פאַר איהר אַ פרעמדער געווען בשעת זי האָט איהם אָבגעוואַרט על פרשת דרכים און זיך מתיחד געווען מיט איהם, און פונדעסטוועגען האָט זי זוכה געווען צו האָבען גוטע קינדער, ווייל איהר כוונה איז געווען לשם שמים „להקים שם המת על נחלתו״. און אויך ער, בועז, דאַרף אַלזאָ וועגען רות קיין שום שלעכטע מיינונג נישט האָבען און נישט שעמען זיך מיט איהר אויפפיהרונג, אויך זי האָט עס געמיינט גאַנץ ערנסט און ער מעג פאָלקאָם זיכער זיין, אַז זי וועט זיין אַ טרייע, כשר׳ע אידישע טאָכטער...

(אלשיך)

אֵיכָה

אַלע מגילות זענען געשריבען אויף פּאַרמעט, מיט'ן אויסנאַהם פון מגילת איכה, וועלכע ווערט געלייענט פון אַ חומש.

דאָס איז דערפאַר — בעמערקט דערויף דער „לבוש" — ווייל מיר האָפען יעדען טאָג צו ווערען אויסגעלייזט פון גלות און צו פערוואַנדלען דעם יום־החורבן אין אַ יום־שמחה, און ווען מען וואָלט די מגילת איכה געשריבען אויף פּאַרמעט וואָלט עס אויסגעזעהען, ווי מיר וואָלטען זיך, חלילה, געגרייט צו בענוצען דערמיט אויף לאַנגע יאָהרען...

העיר רבתי עם היתה כאלמנה... (א. א.)

בעת רבי מרדכי גימפעל יפה, דער ראַזשינויער רב, איינער פון די ערשטע חובבי־ציון, איז געקומען צום ערשטען מאָל קיין ארץ־ישראל, איז ער פערפאַהרען קיין „ראשון־לציון", וועלכע האָט געהאַט דאַמאָלס אַ שם אַלס נישט איבריג פרומע קאָלאָניע.

אַריינגעקומען אין דער קאָלאָניע, האָט זיך רבי מרדכי גימפעל אַרומגעקוקט אין אַלע זייטען און געזאָגט:

— מאַ, זי איז אַפילו אַ שטיקעל חצופה, די דאָזיגע אלמנה, אָבער דאָך (און דאָ האָט ער אַ בעגייסטערטער אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און הויך אַ ברכה געמאַכט): „ברוך מציב גבול אלמנה"!...

בכו תבכה בלילה ודמעתה על לחיה... (א. ב.)

„בלילה — לילה של בכית מרגלים בתשעה־באב גרמה להם"... (מדרש)

די טרעהרען, וואָס די מרגלים האָבען פערגאָסען אין מדבר, נישט וועלענדיג געהן קיין ארץ־ישראל, דיזעלבע טרעהרען רינען נאָך איצט אויף איהרע באַקען; עד־היום איז נאָך נישט גענוג שטאַרק ביי איהר דער רצון און די אַהבה לארצנו הקדושה!...

(רבי יעקב מליסא)

גלתה יהודה מעוני... (א. ג.)

„וכי אומות־העולם אינם גולים"? זענען דען נישט אויך אַנדערע פעלקער פערטריבען געוואָרען פון זייער היים? — נאָר די אומות־העולם, וועלכע עסען פון פרעמדען ברויט און טרינקען פון פרעמדען וויין (אַסימילירענדיג זיך מיט די שכנים), איז זייער גלות קיין גלות נישט; דאַגעגען די אידען, וועלכע עסען נישט פון פרעמדען ברויט און טרינקען נישט פון פרעמדען וויין — זייער גלות איז גלות!...

(מדרש רבה)

גלתה יהודה מעוני ומרוב עבודה... (א. ג.)

ביידע זאַכען גילטען פאַר אונזערע שונאים אַלס תירוץ צו רודפ'ן אידען און צו טרייבען זיי פון זייערע איינגעזעסענע מקומות. אַמאָל טרייבט מען זיי — „מעוני", אונטער'ן אויסרייד, אַז אידען זענען אַן אָרים פאָלק פון קבצנים און שנאָרער, וואָס פּראָדוצירען גאָרנישט, דאָס לאַנד האָט נישט פון זיי קיין שום פּראָפיט און זיי לעבען רק אויף פרעמדען חשבון, און אַמאָל טרייבט מען זיי צוליעב אַ פערקעהרטען מאָטיוו — „מרוב עבודה", אַז די אידען האָבען אַלע אַרבייטס־פּלעצער, אַלע פּאָסטענס, אַלע אונטערנעהמונגען פערכאַפּט און דאָס גאַנצע עשירות ליעגט אין זייערע הענד...

(דבש וחלב)

ביי פעלקער, וועלכע פיהרען אַ נאָרמאַל לעבען, איז דער „רוב עבודה" דער היפוך פון „עוני". דאָרט וואו עס איז „רוב עבודה", וואו אַלע האָבען אַרבייט און בעשעפטיגונג, איז נישטאָ קיין עניות. ביי אידען אָבער געהען אָפט די ביידע זאַכען, דער „עוני ורוב עבודה", צוזאַמען: אפילו די וואָס זענען בעשעפטיגט און פערהאָרעוועט איבער'ן קאָפּ, דערזעהען עפ"י רוב, אונטערציהענדיג דעם סך־הכל, אַז זיי זענען עניים ואביונים, אַז זיי האָבען געאַרבייט פאַר'ן טייוועל'ס וועגען...

(מגילת ספר)

אויפ'ן פסוק „גלתה יהודה מעוני" זאָגט דער מדרש (איכה פ"א): על שלא שמרו לחם עוני".

דערויף וויזט אָן דער ווילנער גאון, אַז אין גאַנץ תורה, וואו עס רעדט זיך וועגען פסח, איז אויף יעדען וואָרט „ונכרתה" דער טעם־הנגינה אַ „גרשים"...

היא ישבה בגוים לא מצאה מנוח... (א. ג.)

„הא אם מצאה מנוח לא היתה חוזרת"... (מדרש רבה איכה)

ווען, הייסט עס, די אידען וואָלטען יאָ געהאַט מנוחה צווישען די פעלקער, וואָלטען זיי נישט געטראַכט וועגען אומקעהרען זיך נאָך ארץ־ישראל...

כל רודפיה השיגוה בין המצרים... (א. ג.)

עס איז נישט קיין שווערע זאַך צו זיין אַן אַנשטענדיגער, לייטישער מענש בעת מען זיצט זיך במנוחה, אָהן דאגות, פערזאָרגט מיט אַלעם נויטיגען. אַ רבותא איז, ווען מען איז בכח צו בלייבען אַנשטענדיג און עהרליך בעת מען איז כסדר אַרומגערינגעלט מיט דאגות און צרות אָהן אַ שיעור, בעת מען האָט קיין איינציגען רוהיגען טאָג נישט, בעת מען ווערט פון אַלע זייטען גע'רודפ'ט!... „כל רודפיה השיגוה — בין המצרים": דעם כח און די גדלות פון פאָלק ישראל זענען אונזערע רודפים און שונאים אימשטאַנד משיג צו זיין ערשט דאַמאָלס, אין יענע מאָמענטען, בעת אידען געפינען זיך „בין־המצרים", ראַנגלענדיג זיך מיט די אָהן אַ שיעור צרות און לידען... זיי, אויף אונזער אָרט, וואָלטען דאָס שוין לאַנג נישט געווען איבערגעטראָגען; זיי, אין אונזערע בעדינגונגען, וואָלטען שוין לאַנג דאָס מענשליכע פנים פערלוירען און אין חיות־רעות פערוואַנדעלט געוואָרען...

(רבי נפתלי ראָפּשיצער)

היו צריה לראש... (א. ה.)

„כל המיצר לישראל נעשה ראש" (גטין נ"ו)

צוליעב וואס — האט אמאל א געוויסער שר געפרעגט א אידישען חכם — האבען די בעלי־התלמוד פערעפענטליכט דעם דאזיגען מאמר, וועלכער קאן בלויז צוגעבען מוט די אידישע שונאים, זיי זאלען די אידען וואס־מעהר צרות אנטהון? ער האט איהם געענטפערט דערויף מיט דער דערקלערונג פון תוספות (אין חגיגה י"ג), אז „כל המיצר לישראל נעשה ראש", איז דער פשט, אז דער יעניגער, וועגען וועלכען עס איז אנגעצייכענט געווארען אז ער זאל ווערען א „מיצר לישראל", ווערט ער פריהער בעשטימט אלס ראש, צוליעב'ן כבוד פון די אידען. אויב לײדען — זאלען זיי כאטש לײדען פון א גדול, נישט פון קיין שפל ונבזה...

(הויכוח)

דעריבער איז „נעשה ראש" ווייל וואס־קלענער עס איז דער אמט וואס דער „מיצר לישראל" פערנעהמט, אלץ גרעסערע צרות טהוט ער אן די אידען. אויב עס איז „עבדים משלו בנו" דאן — „פורק אין מידם"!...

דעריבער האבען אונזערע פיינד אונז מנצח געווען, ווייל „היו צריה לראש", ווייל זיי זענען אלע געווען פעראייניגט געגען אונז, אונטער דער אנפיהרונג פון איין ראש, וועלכען אלע זענען געווען געהארכזאם. מיר אבער, בעוונותינו הרבים, זענען בעת'ן חורבן געווען צוטיילט אויף פערשיעדענע כתות, אונטער פערשיעדענע „ראשים", וועלכע האבען זיך איינער דעם צווייטען בעקעמפט, און דאס איז געווען די הויפט־סיבה פון אונזער גרויסען אומגליק...

(רבי חיים יוסף דוד אזולאי)

אין מדרש איכה ווערט אויפ'ן פסוק „היו צריה לראש" דערצעהלט, אז בשעת די רופאים פון אספסינוס'ן האבען געהיילט רבי צדוק'ן, וועלכער האט געפאסט פיערציג יאהר, האט זיין זוהן, רבי אליעזר, געזאגט צו איהם: „אבא, הב להו אגריהו בעלמא הדין דלא ליהוי להון זכותא עמך בעלמא דאתי", געב זיי, טאטע, זייער שכר אויף דער וועלט, כדי זיי זאלען נישט האבען מיט דיר קיין זכות אויף יענער וועלט. „ויהיב להו הדין חושבנא דאצבע", האט ער זיי אויסגעלערנט דעם חשבון, צו צעהלען אויף די פינגער.

אין פירוש צום מדרש, „יפה נוף", ווערט אויספיהרליך ערקלערט די המצאה פונ'ם דאזיגען, איבעריגענס, זעהר פאפולערען און בעקאנטען חשבון.

„מקדש שני מפני מה חרב, מפני שהיתה בו שנאת־חנם" (יומא ט')

פרעגט מען: אין א צווייטען מאמר ווערט דאך געזאגט: „לא חרבה ירושלים אלא בשביל שביזו בה תלמידי־חכמים" (שבת קי"ט)?

ענטפערט דערויף רבי יהושע הורוויץ (דער דזשיקאווער רבי) בדרך־הלצה, אזביידע מאמרים שטימען, ווארום וואלטען זיי פיינד געהאט ווירקליכע תלמידי־חכמים, וואלט נאך דער חטא נישט געווען אזוי גרויס, דען דער דרך־הטבע איז, אז דער עם־הארץ זאל פיינד האבען דעם תלמיד־חכם, ווי מיר געפינען אינ'ם בעקאנטען מאמר פון רבי עקיבא: „כשהייתי עם־הארץ אמרתי מי יתן לי תלמיד־חכם ואנשכנו כחמור" (פסחים מ"ט)... די מעשה איז אבער, וואס די תלמידי־חכמים, וועלכע זיי האבען פיינד געהאט, זענען באמת גאר קיין תלמידי־חכמים נישט געווען און די שנאה צו זיי איז אלזא געווען א פשוט'ע שנאת־חנם...

וילכו בלא כח לפני רודף... (א. ו.)

דאָס ערגסטע אומגליק אונזערס איז, וואָס מיר געהען אַליין צום רודף, וואָס מיר קריכען אַליין צום וואָלף אין מויל אַריין, אָהן שום כח און צוואַנג פון זיין זייט! מיט׳ן אייגענעם ווילען שלעפּען מיר זיך־נאָך נאָך איהם, בעמיהענדיג זיך צו געהן אין זיינע וועגען און איבערצונעהמען זיינע מדות און זיך לעבענס־שטייגער!...

(דובנער מגיד)

ראוה צרים שחקו על משבתיה... (א. ז.)

זיי לאַכען פון דער רוהיגקייט און גלייכגילטיגקייט, מיט וועלכע די אידען בעציהען זיך צו זייערע צרות, נישט־פיהלענדיג מעהר דאָס גרויסע אומגליק, וואָס עס האָט מיט זיי פּאַסירט, צוגעוואוינענדיג זיך און זייענדיג צופרידען מיט׳ן גלות...

(בינה לעתים)

חטא חטאה ירושלים... (א. ח.)

„וכי אומות העולם אינם חוטאים״, צי די אומות־העולם זינדיגען נישט? נאָר די אומות־העולם אַז זיי זינדיגען, „אינן כלום״, איז גאָרנישט, אָבער די ישראל, אַז זיי זינדיגען, ווערען זיי געשלאָגען...

(איכה רבה)

חטא חטאה ירושלים על כן לנידה היתה... (א. ח.)

די שטראָף אויף ירושלים פאַר איהרע זינד איז נישט קיין „איסור־עריות״, וואָס איז אַן׳איסור־עולם, נאָר ווי אַ נידה, אויף וועלכער דער איסור איז בלויז אַ צייט־ווייליגער, אַ פאַראיבערגעהענדער...

(רבי יוסף־שאול נאטאנזאהן)

כל עמה נאנחים מבקשים לחם... (א. יא.)

דאָס גאַנצע פאָלק זיפצט און לעכצט נאָך ברויט, און צוליעב אָט דער ברויט־פראַגע, זייענדיג אינגאַנצען פערנומען מיט דער מאַטעריעלער נויט, האָט עס ווי מסיח־דעת געווען און אויפגעהערט צו אינטערעסירען זיך מיט דער נאַציאָנאַלער טראַגעדיע, מיט דעם גרויסען אַלגעמיינעם פאָלקס־אומגליק...

(תפארת עוזיאל)

ראה ד׳ והביטה כי הייתי זוללה... (א. יא.)

וואָס מיינט מען „זוללה״? — „מאוסה״, מיאוס, פערשעכטעט... עס האָט פּאַסירט און צוויי זונות האָבען זיך צוקריגעט, רופט זיך אָן איין זונה צו דער צווייטער: ווי אַ אידישקע זעהסטו אויס, אַ אידיש פנים האָסטו... אין אַ צייט אַרום האָבען זיי זיך איבערגעבעטען, און די בעליידיגטע זונה זאָגט דאָן צו איהר חבר׳טע: אַלץ בין איך דיר מוחל, אַ חוץ דאָס, וואָס דו האָסט געזאָגט אויף מיר, אַז כ׳האָב אַ אידיש פנים, די דאָזיגע בעליידיגונג וועל איך דיר קיינמאָל נישט מוחל זיין...

(איכה רבה)

פרש רשת לרגלי... (א. יג.)

„אם ראית ספסלים מלאים בבליים מונחים בא״י, צפה לרגליו של משיח, דכתיב פרש רשת לרגלי״ (מדרש רבה)

בשעת מיר וועלען זעהן אַ התעוררות ביי די בבליים, די בני־הגולה, צווישען וועלכע עס וועט זיך אָנהויבען אַ מאַסען־עליה קיין ארץ־ישראל — איז עס אַ סימן, אַז עס דערנעהנטערן זיך די טריט פון משיח׳ן...

(תורה תמימה)

נשקד עול פשעי בידו ישתרגו עלו על צוארי... (א. יד.)

מיר זענען פון אונזער לאַנד פערטריבען געוואָרען אין גלות אַריין, כדי מיר זאָלען תשובה טהון און מתקן זיין אונזערע מעשים, אָבער דערגרייכט איז גאָר געוואָרען דער היפוך: אין גלות האָבען זיך די פשעים און חטאים נאָך שטאַרקער פערצויגען אַרום אונזער האַלז און אונז פערוויקעלט אין אַ פּלאָנטער, פון וועלכען מיר קענען זיך נישט אַרויסדרעהען: וואָס מעהר חטאים — אַלץ מעהר גלות, און וואָס מעהר גלות — אַלץ מעהר חטאים...

(דובנער מגיד)

נתנני ד׳ בידי לא אוכל קום... (א. יד.)

דערויף זאָגען די חז״ל: „זו אשה רעה וכתובתה מרובה״ (יבמות ס״ג).

פונוואַנען דרינגען זיי דאָס?

נאָר אויפ׳ן פסוק „אעשה לו עזר כנגדו״ ווערט געזאָגט אין מדרש: „במה עזרתו? מביאה חטין לכוסס, פשתן ליבש, נמצאת מאירה את עיניו ומעמידתו על רגליו״. וועגען געלד ווערט געזאָגט: „זאת היקום זה ממונו של אדם שמעמידין אותו על רגליו״ (סנהדרין ק״י), די ביידע זאַכען, אַן אשה טובה און ממון, שטעלען, אַלזאָ, דעם מענש אויף די פיס. וויבאַלד אָבער ער ווערט געשטראָפט סיי מיט „אשה רעה״, סיי מיט „כתובתה מרובה״, דאַן איז — „נתנני ד׳ בידי לא אוכל קום״, האָט ער דאַן קיין שום עמידה נישט...

(פרדס יוסף)

על אלה אני בוכיה עיני יורדה מים... (א. טז.)

דערויף וויין איך אַממעהרסטען — דערויף, וואָס בלויז א י ך א ל י י ן דאַרף גיסען מיט טרעהרען וואָס נ י ש ט א ל ע פיהלען דעם צער און דעם חורבן!...

און דאָס איז אויך דער פשט: „אבל יחיד עשי־לך מספד תמרורים״ (ירמיה ו. כו.) — אַמביטערסטען דאַרף מען קלאָגען דערויף, וואָס דער טרויער איז בלויז אַן „אבל יחיד״, וואָס בלויז י ח י ד י ם פיהלען און טרויערן אויף דעם גרויסען אומגליק!...

(לוח ארז)

צוה ד׳ ליעקב סביביו צריו היתה ירושלים לנדה ביניהם... (א. יז.)

אַמאָל איז געווען „צוה ד׳ ליעקב סביביו צריו״, האָט השי״ת געוואָרענט די

אידען און זיי אַנגעזאָגט, אַז זיי זאָלען זיך דערווייטערען פון די שונאים און זיך נישט מתחבר זיין מיט דער אַרומיגער סביבה, איצט אָבער זענען מיר בעוונותינו הרבים צוגעקומען דערצו, אַז „היתה ירושלים לנדה ביניהם", אַז זיי, די גוים, ווילען זיך מעהר מיט אונז נישט מתחבר זיין...

(דובנער מגיד)

ווייל ירושלים איז „לנדה ביניהם", ווייל די אידען דערווייטערען זיך פון ירושלים און זענען מסיח־דעת פון איהר, דעריבער „צוה ד' ליעקב סביביו צריו", בעפעהלט השי"ת די שונאים, זיי זאָלען יעקב'ן ביי יעדער געלעגענהייט דערמאָהנען

(רבי מרדכי באַנעט)

און דאָס איז אויך דער פשט: „שאלו שלום ירושלים יהי שלום בחילך" — אינטערעסירט זיך און זאָרגט פאַר ירושלים, וועט דאַן אויך זיין „שלום בחילך", וועט איהר פערשפּאָרען, אַז עשו זאָל אייך וועגען דעם דערמאָהנען!...

(כתב סופר)

תבוא כל רעתם לפניך... (א. כב.)

„כשאתם זוכים אתם קוראים תביאמו ותטעמו, וכשאין אתם זוכים אתם קוראים תבוא כל רעתם לפניך" (מדרש רבה איכה)

וואָס האָט עס פאַר אַ צוזאַמענהאַנג?

נאָר אונזער איינציגע התנצלות פאַר גאָט איז: די גוים זענען ערגער פון אונז. „תבוא כל רעתם לפניך", אין פערגלייך מיט זייער שלעכטער אויפפיהרונג, מיט זייערע רשעות'דיגע מעשים, זענען מיר צדיקים גמורים... צו דער דאָזיגער פערענטפערונג מוזען מיר אַנקומען „כשאין אתם זוכים", ווען מיר האָבען נישט אַנצוווייזען אויף אייגענע פּאָזיטיווע, גוטע מעשים, אָבער „כשאתם זוכים אתם קוראים תביאמו ותטעמו בהר נחלתך", אַז מיר זענען ראוי צו ווערען אויסגעלייזט צוליעב אונזערע אייגענע פערדיענסטען, מצד יחוס עצמי...

(הנ"ל)

השליך משמים ארץ תפארת ישראל... (ב. א.)

די „תפארת ישראל", דער רוהם און די שענקייט פון ישראל, איז אַראָבגעוואָרפען געוואָרען פון הימעל אויף דער ערד. אַמאָל איז אַ איד געווען בעריהמט ווען ער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיינע גייסטיגע מעלות, ווען ער איז געווען אַ למדן, אַ ירא־שמים, אַ בעל־מידות, היינט אָבער ווערט מען בעריהמט, ווען מען איז אַ נגיד, מען האָט אַ סך געלד — דאָס איז דער היינטיגער „תפארת ישראל"...

(חדושי הרי"ם בשם רב אחד מפרייסען)

מלכה ושריה בגוים אין תורה... (ב. ט.)

אויב אַ מענש וועט דיר זאָגען, אַז עס איז דאָ „חכמה בגוים" — זאָלסטו גלויבען, אויב אָבער ער וועט דיר זאָגען, אַז עס איז דאָ „תורה בגוים" — זאָלסטו נישט גלויבען...

(איכה רבה)

„אין תורה — אין בהם מורה הוראה" (רש"י)

דער פשט דערפון איז — האָט דערויף געזאָגט רבי יוסף קרא — אַז דער מורה־הוראה און רב, וועלכער ווערט נתמנה אויפ'ן כסא־רבנות דורך גויים, מיט דער הסכמה פון „מלכה ושריה", איז זיין תורה קיין תורה נישט און זיין הוראה — קיין הוראה נישט!...

און דאָס איז אויך דער פשט: „ושנא את הרבנות ואל תתודע לרשות" דו זאָלסט פיינד האָבען אַזאַ רבנות, וואָס ווערט ערוואָרבען דורכ'ן „רשות", לויט'ן וואונש און הסכמה פון מלכות...

כי גדול כים שברך מי ירפא לך... (ב. יג.)

„מי שהוא עתיד לרפאות שברו של ים הוא ירפא לך" (מדרש רבה)

וואָס ווערט געמיינט דערמיט?

נאָך ירושלים איז חרוב געוואָרען דורך מלכות רומי, און וועגען רומי ווערט געזאָגט: „בשעה שנשא שלמה את בת פרעה ירד גבריאל ונעץ קנה בים וכו' ועליו נבנה כרך של רומי".

די חז"ל, געפינענדיג זיך אונטער דער רוימישער הערשאַפט, האָבען, אַלזאָ, גערעדט בדרך רמז, אַלעגאָריש: „מי שעתיד לרפאות שברו של ים הוא ירפא לך". אונזער רפואה און ערלעזונג איז אָבהענגיג פונ'ם „שברו של ים", פון רוים, אַן אָנדייטונג אויפ'ן בעקאַנטען מאמר: „אמלאה החרבה וכו' כשזה נופל זה קם"...

(רבי אליעזר רוקח)

בעת עס געשעהט אַ חורבן אויף דער י ב ש ה, בלייבט דער רושם אויף לאַנגע צייטען, די איבערגעבליבענע חורבות זענען דורות־לאַנג עדות אויף דעם געשעהענעם אומגליק. דאַגעגען אויפ'ן י ם, ווען עס פּאַסירט די מורא'דיגסטע קאַטאַסטראָפע, ווען עס געהט־אונטער אַ שיף מיט טויזענדער מענשען, בלייבט נישט איבער פון דעם אַלעם אין פערלויף פון איניגע מינוטען דער מינדעסטער צייכען... אויך דער גורל פון אידישען פאָלק איז ענהליך צו די אומגליקען אויפ'ן ים: די אַלע צרות און חורבנות, וואָס אידען לעבען־איבער, ווערען זעהר שנעל אַבגעווישט, זעהר שנעל פערגעסען... „כי גדול כ י ם שברך!"

(רבי יעקב־יצחק ריינעס)

נביאיך חזו לך שוא ותפל... (ב. יד.)

רבי אלעזר פלעקליש פלעגט שטאַרק מתרעם זיין אויף די רבנים, וואָס אין זייערע דרשות, אַנשטאָט צו מוסר'ן דאָס פאָלק און אָריינצוגעבען אין איהם התעוררות, שטעלען זיי זיך אָוועק זאָגען פשט'לעך און פלפולים של הבל, און מיט כעס דריקט ער זיך אויס אין איינעם פון זיינע ספרים: „נביאיך חזו לך שוא ותפל ולא גלו על עונך להשיב שבותך"...

אל תתני פוגת לך אל תדום בת עינך... (ב. יח.)

„...ווען אונזערע אור־עלטערן זאָלען געוואוסט, אַז דער גלות וועט זיך אַזוי אונענדליך־לאַנג פערציהען, וואָלטען זיי בעגאַנגען זעלבסטמאָרד פון גרויס צער

און פערצווייפלונג, דען באמת איז „עזה כמות אהבה״ און דאָס לעבען ווערט אונז נמאס בעת מיר דערמאָהנען זיך פון וויפיעל גוטס מיר זענען בערויבט געוואָרען און וויפיעל מיר האָבען פערלוירען פון טאָג צו טאָג, פון יאָהר צו יאָהר״...
(רבי יהונתן אייבעשיץ, יערות דבש חלק א׳)

„...בעוונותינו הרבים האָבען מיר צוליב מאַנגעל אין דעת אויפגעהערט צו פיהלען ווי געהעריג דעם צער פון חורבן בית־המקדש; „אין שוטה מרגיש״ און „יוסיף דעת יוסיף מכאוב״. ווען מיר וואָלטען משיג געווען, ווי שרעקליך דער דאָזיגער חורבן האָט אונז צובראָכען און ערנידריגט און צוגענומען פון אונז אונזער שלמות און שעהנ־קייט, וואָלט אונז נישט איינגעגאַנגען קיין עסען און טרינקען און מיר וואָלטען זיך אין ערד געוואָלגערט...״
(דאָרש)

„...די שווערסטע זינד, צוליב וועלכער דער גלות פערציהט זיך אַזוי לאַנג, איז דאָס, ווייל מיר האָבען אויפגעהערט צו טרויערען אויף ירושלים, ווי עס דאַרף צו זיין; דאָס איז אין מיינע אויגען די הויפט־סיבה, פאַרוואָס מען גיט אונז אין ערגיץ קיין רוהה נישט און מיר האָבען כסדר אויסצושטעהען די מורא׳דיגסטע גזרות און רדיפות. דאָס איז דערפאַר, ווייל ווי נור מיר האָבען ערגיץ־וואו אַביסעל מנוחה, אַזוי פערגעסען מיר גלייך אין ירושלים און מיר האָבען עס נישט מעהר אין זינען...״
(רבי יעקב עמדין, שערי שמים)

למי עוללת כה אם תאכלנה נשים פרים... (ב. כ.)

ביי מתן־תורה איז געזאָגט געוואָרען: „כה תאמר לבית יעקב״ — „אלו הנשים״, מען זאָל פריהער רעדען און ווירקען אויף די פרויען, ווייל זיי האָבען דעם איינ־פלוס אויפ׳ן הויז, אין זייערע הענד ליעגט די ערציהונג פון די קינדער... לסוף — „למי עוללת כה״, וואָס פאַר אַ תועלת האָבען מיר פונ׳ם דאָזיגען „כה״, פונ׳ם „כה תאמר לבית יעקב״, וואָס פאַר אַ פעולה האָט דאָס געבראַכט — „אם תאכלנה נשים פרים״, אויב פאַקטיש זעהען מיר גאָר פערקעהרט, אַז דוקא די פרויען, צו וועלכע מען האָט זיך די ערשטע געווענדעט בעת מתן־תורה, דוקא זיי עסען־אויף און מאַכען אַ תל פון אונזערע קינדער, ערציהענדיג זיי אין פרעמדען, נישט־אידישען גייסט!...
(כנסת ישראל)

אם יהרג במקדש א׳ כהן ונביא... (ב. כ.)

דערויף זאָגט דער תרגום: „דקטלין ית זכריה בר עדו״.

וואָהרשיינליך איז דאָ אַריינגעפאַלען אַ טעות, ובאמת דאַרף זיין: „זכריה בר יהוידע״, ווי עס איז צו זעהען אין דברי הימים ב׳ כד. אין ירושלמי תענית פ״ד, אין רש״י גטין נ״ז און אין פיעל אַנדערע מקומות.
(רבי מנחם פראַנקפורטער)

אני הגבר ראה עני בשבט עברתו... (ג. א.)

אין תשעה־באב, זאָגען אונז די חז״ל, איז געבוירען געוואָרען משיח, וועלכער ווערט אַנגערופען „עני״ — „עני ורוכב על החמור״, און דאָס איז אויך מרמז דער

מקונן: „אני הגבר ראה עני בשבט עברתו". אין סאַמע עצם פון „שבט עברתו" פון מורא׳דיגען חורבן, האָט ער שוין דערזעהען דעם „עני", דעם ניצוץ פון צוגעגרייטען גואל...

(רבי אורי סטרעליסקער)

ותזנח משלום נפשי נשיתי טובה... (ג. יז.)

דערפאַר איז „נשיתי טובה", ווייל „ותזנח משלום נפשי", ווייל ס׳איז ביי אונז קיין שלום און אחדות נישטאָ!...

(חתם־סופר)

זכור תזכור ותשיח עלי נפשי... (ג. כ.)

אַ משל צו אַ מלך, וועלכער איז געגאַנגען לחמת גבר (צו די חמי טבריא) און ער האָט גענומען זיינע קינדער מיט זיך. פעם אחת, איינמאָל, הקניטוהו, האָבען איהם די קינדער דערצערענט, און ער האָט געשוואוירען, ער זאָל זיי מעהר נישט נעהמען מיט זיך... והי׳ נזכר להם ובוכה... אָבער שפּעטער האָט ער זיך דערמאָהנט אָן זיי און ער האָט געוויינט און געזאָגט: „הלואי והי׳ בני עמי, אף על פי שמקניטים אותי", הלואי וואָלטען מיינע קינדער געווען מיט מיר, כאָטש זיי דערצערנען מיך. און דאָס איז דער זין פון פסוק: „מי יתנני במדבר מלון אורחים" (ירמי׳ ט.), אמר הקב"ה הלואי יהיו בני עמי כמו שהיו במדבר, שהיו מלינין עלי... און עהנליך ווערט אויך געזאָגט אין אַ צווייטען פסוק: „בית ישראל יושבים על אדמתם ויטמאו אותה" (יחזקאל לו.), אמר הקב"ה הלואי יהיו בני עמי בארץ־ישראל, אף על פי שמטמאין אותה...

(ילקוט איכה רמז תתרל"ח)

עס איז אַ כלל, אַז „אין מקבלין תנחומין על החי", און אויב מען לאָזט זיך נישט טרייסטען און מען קאָן נישט פערגעסען, איז עס אַ סימן, אַז יענער לעבט... און דאָס איז דער פשט: צוליעב דעם, וואָס „זכור תזכור ותשוח עלי", וואָס אונזער גרויסער חורבן געהט מיר קיינמאָל פון זכרון נישט אַרויס, „זאת אשיב אל לבי", אָט דאָס גופא גיט מיר אַ גרונד צו טראַכטען, אַז „על כן אוחיל", אַז איך האָב דאָס רעכט צו זיין פול מיט האָפנונג, אַז דער חורבן איז נור אַ צייטווייליגער, אַ פּאַראיבערגעהענדער, אַז די זאַך איז נאָך חלילה פאַר אונז נישט פערשפּיעלט און נישט פערלוירען...

(דרכי פרק)

„כל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בשמחתה" (תענית ל׳)

עס שטעהט נישט „יזכה ויראה", נאָר „זוכה ורואה", אַ לשון הווה.

דען אויף אַ מת, זאָגען די חז"ל (פסחים נ"ד), איז נגזר געוואָרען, ער זאָל ווערען „משתכח מן הלב", איז אויב נאָך אַזויפיעל טויזענדער יאָהרען איז ירושלים נאָך אַלץ נישט פערגעסען געוואָרען און מען האַלט נאָך אין איין טרויערען אויף איהר, איז „זוכה ורואה בשמחתה", איז דאָס דאָזיגע אבלות גופא אַ געוויסע טרייסט און שמחה, אַ בעוויז, אַז ירושלים איז נאָך פאַר אונז חלילה נישט געשטאָרבען, וואָרום — „אין החי נשכח מן הלב".

(רבי חיים וואָלאָזשינער)

נאַפּאָלעאָן, דערצעהלט מען, איז אַמאָל דורכגעפאָהרען אום תשה־באָב דורך אַ אידיש שטעדטעל, פאַרביי אַ אידישע שוהל, וואו אידען האָבען זיצענדיג אויף דער ערד

געזאגט קינות און געוויינט. וואס וויינען זיי, די אידען? — פרעגט נאפאלעאן, און מען ערקלערט איהם, אז דאס וויינען זיי אויף זייער לאנד, וואס איז חרוב געווארען מיט קרוב צוויי טויזענד יאהר צוריק... די דאזיגע ווערטער האבען אויף נאפאלעאנ'ען א שטארקען רושם געמאכט און ער האט געזאגט: א פאלק, וואס טרויערט און וויינט אויפ'ן פערלוסט פון זיין לאנד גאנצע צוויי טויזענד יאהר, אזא פאלק קאן נישט אונ־טערגעהן, אזא פאלק מעג זיכער זיין, אז סוף־כל־סוף וועט עס זיין לאנד צוריק בעקומען...

א פאלק, וואס געדענקט אהן אויפהער און הערט נישט אויף צו פערגיסען טרעהרען אויפ'ן חורבן פון זיין לאנד — אזא פאלק האט דאס רעכט צו האפען און צו זיין זיכער, אז זיין האפנונג איז נישט פערלוירען!...

(בינה לעתים)

יתן למכהו לחי ישבע בחרפה... (ג. ל.)

דער „ישבע בחרפה" — פלעגט דערויף זאגען דער האר"י הקדוש — געהט נישט ארויף אויף דעם „יתן למכהו לחי", נישט אויפ'ן געשלאגענעם, נאר אויפ'ן שלעגער. שעמען דארף זיך דער, וואס גיט פעטש, נישט דער, וואס קריגט זיי...

מפי עליון לא תצא הרעות והטוב... (ג. לח.)

„אין הקדוש ברוך הוא עושה רעה לשום אדם, אלא כשאינו משגיח עליו הוא כלה מאליו" (הקב"ה טהוט נישט קיינעם קיין שלעכטס. עס איז גענוג בלויז, ער זאל פון דעם מענש אבטהון די השגחה, נישט אומקוקען זיך אויף איהם, און ער ווערט דאן פערניכטעט פון זיך זעלבסט)...

(מדרש הנעלם בראשית)

„הרעות" ווערט געזאגט בלשון רבים, דאגעגען „והטוב" — בלשון יחיד, דען שלעכטס, צרות, זענען פאראן א סך, דאגעגען גוטס — נישט מעהר, ווי איינס, ווארום דאס גוטע איז בלויז די שלילה, דאס נעגאטיווע צום שלעכטען: אז עס איז נישט שלעכט — איז גוט...

(ברכות בחשבון)

מה יתאונן אדם חי גבר על חטאיו... (ג. לט.)

עס איז נישט קיין בעפעהל פון השי"ת און ער בעשטימט נישט פון פריהער, צי דער מענש זאל זיין גוט, אדער שלעכט. דען „הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים" (ברכות ל"ג) און „טפה זו מה תהא עליה, גבור או חלש, חכם או טפש, עשיר או עני, ואילו רשע או צדיק לא קאמר" (נדה ט"ז).

און דעריבער: „מה יתאונן אדם חי גבר על חטאיו", וואס פאר א גרונד האט דער מענש צו קלאגען זיך בשעת ער ווערט געשטראפט פאר זיינע זינד, ער אליין איז דאך אין דעם אלעם שולדיג...

(עיון בתורה)

משל למה הדבר דומה? צו א שריפה, וואס ברעכט אויס אין א הויז און דראהט ארומצוכאפען די שכנות'דיגע הייזער. אויב אלע שכנים, הגם דאס פייער איז נאך צו

זיי אַליין נישט צוגעקומען, לויפֿן זיך מאַמענטאַל צונויף און זיי נעהמען זיך געמיינזאַם צו דער רעטונגס־אַרבייט, האָבען זיי דאַן די מעגליכקייט אָבצושטעלען דאָס פייער און צו בעוואָרענען, אַז עס זאָל זיך ווייטער נישט פערשפרייטען, דאַגעגען אָבער ווען יעדער איינער פון זיי וועט בלייבען זיצען אין שטוב, אַכטונג געבען בלויז אויף זיינע חפצים און זיך טראַכטען: וואָס געהט מיך אָן יענעמ׳ס הויז, אַבי מיין הויז ברענט דערווייל נישט, דאַמאָלס, איז אַ געפאַהר, אַז אַלע הייזער זאָלען אַוועק מיט׳ן רויך...

און דאָס שרייט דער מקונן: „מה יתאונן אדם חי גבר על חטאיו!״ וואָס טהוט זיך מיט אייך? ווי געשיקט זיך עס, אַז אין אַזאַ אַלגעמיינער עת־צרה, זאָל יעדער איינער בלויז קלאָגען און בעטען און זוכען אַ תיקון רק פאַר זיך? נישט דאָס איז דער וועג און נישט אַזוי אַרום וועט קומען די ישועה! — „נחפשה דרכינו ונחקורה וכו׳ נשא לבבנו אל כפים!״ בשותפות דאַרף די רעטונגס־אַרבייט געטהון ווערען, מיט געמיינזאַמע פעראייניגטע כוחות, אַלע צוזאַמען!...

(„קול בוכים״ פון דובנער מגיד)

נחפשה דרכינו ונחקורה... (ג. מ.)

בשעת ר׳ בערעניו לעוויער, דעם ריזשינער׳ס זוהן — דערצעהלט מען — האָט אויף אַ געוויסע צייט פערבלאָנדזשעט אין פרעמדע דרכים, איז איינמאָל געקומען צו איהם זיין ברודער, רבי אברהם יעקב סאַדיגורער, און גענומען מיט איהם איינ־טענה׳ן ער זאָל תשובה טהון. האָט איהם ר׳ בערעניו געענטפערט: „נחפשה דרכינו ונחקורה״, פריהער דאַרף מען זוכען, פערטיפען זיך, חוקר זיין און ערשט נאָכהער — „ונשובה עד ד׳״, ווערט קלאָר, צי מען דאַרף תשובה טהון...

דערויף האָט דער סאַדיגורער אַ זיפץ געטהון און געזאָגט: איצט איז מיר פער־שטענדליך, צוליעב וואָס ירמי׳ הנביא האָט דעם דאָזיגען פסוק אַריינגענומען אין „איכה״ און וואָס פאַר אַ שייכות דאָס האָט צו די קינות. אויך דאָס, ווייזט אויס, געהער צו די זינד פון יענעם דור און צו די סיבות, וואָס האָבען דערפיהרט צום חורבן, אויך די דאַמאָלסדיגע פושעים, ווייזט אויס, פלעגען טענה׳ן דאָס זעלבע: נחפשה דרכינו ונחקורה, און ערשט דערנאָך — ונשובה...

נשא לבבינו אל כפים אל אל בשמים... (ג. מא.)

ס׳איז נאָך ווייניג — פלעגט זאָגען דער רבי פון אַלעקסאַנדער, רבי העניך — וואָס מיר הויבען־אויף און פאַטשען מיט די הענד בשעת׳ן דאַווענען. „נשא לבבנו אל כפים״, צוזאַמען מיט די הענד דאַרף מען אויך דאָס האַרץ אויפהויבען...

פאַרהאַן מענשען מיט „גוטע הערצער״, זיי האָבען דעם בעסטען ווילען, די בעסטע כוונות, זיי זענען מסכים אויף אַלע גוטע זאַכען, נאָר — אָהן די הענד: די הענד ווילען זיי דערביי נישט צוריהרען!... אַ „גוט האַרץ״ אַליין איז אָבער ווייניג: „נשא לבבנו אל כפים״ — צום האַרץ זענען נויטיג אויך די הענד!...

(ספר הדרוש)

ראיתה ד׳ עותתי שפטה משפטי... (ג. נט.)

אַ איד איז פאַרבייגעגאַנגען פאַר אַדרינוס קיסר און ער האָט איהם בעגריסט.

איז דער קיסר אין כעס געוואָרען: אַ איד האָט די העזה מיך צו בעגריסען? און ער האָט אויף דעם איד אַ טויט־אורטייל אַרויסגעגעבען... געהט פאַרביי אַ צווייטער איד, וועלכער, זעהענדיג, וואָס עס האָט מיט דעם ערשטען פּאַסירט, האָט ער שוין דעם קיסר נישט בעגריסט. איז דער קיסר אין כעס געוואָרען: אַ איד האָט די העזה פאַר־בייצוגעהן און מיך נישט צו בעגריסען? און ער האָט אויף דעם איד אַ טויט־אורטייל אַרויסגעגעבען... רופען זיך אָן די שרים צו איהם: אונפערשטענדליך, קיסר, זענען פאַר אונז דיינע מעשים... ענטפערט זיי דער קיסר: דאַרף איך דען אייערע עצות? אַנ'אויסרייד בלויז דאַרף איך, אַנ'אויסרייד אויף נקמה צו נעהמען אין מיינע שונאים...

(איכה רבה)

עוללים שאלו לחם פורש אין להם... (ד. ד.)

אַז קינדער הונגערען איז דער האַרצוועהטאָג אַ דאָפּעלטער, דאָפּעלט דערפאַר, ווייל „פּורש אין להם", ווייל מען קאָן זיי אַפילו נישט ערקלערען און צו פערשטעהן געבען, פאַרוואָס און צוליעב וואָס זיי הונגערען...

(לחם דמעה)

נחלתנו נהפכה לזרים בתינו לנכרים... (ה. ב.)

„נחלתנו נהפכה לזרים, בתינו לנכרים" — אונזערע הייזער ווערען פער'גוי'אישט, מיר פיהלען זיך אין זיי ווי פ ר ע מ ד ע... „יתומים היינו ואין אב" — די קינדער האָבען אַ פּנים ווי יתומים, וועלכע האָבען קיין טאַטען נישט... ער עקזיסטירט נישט פאַר זיי, מען איגנאָרירט איהם און מען שעמט זיך מיט איהם!

(קול יהודה)

יתומים היינו ואין אב... (ה. ג.)

אַ יתום אָהן אַ מאַמען בעקומט עפּ"י רוב אַ שטיף־מוטער, אַ יתום אָהן אַ טאַטען — אַ שטיף־פאָטער. דער חלוק אין דער בעהאַנדלונג פון די צוויי יתומים איז דער, וואָס דער ערשטער יתום, וועלכער האָט אַ שטיף־מוטער, הגם ער ליידט פון איהר צרות, איז ער נישט פונדעסטוועגען אינגאַנצען געפאַלען ביי זיך; בשעת דער פאָטער קומט אַהיים און מען זעצט זיך צו דער סעודה, זיצט ער דאַמאָלס צוזאַמען מיט אַלע איבריגע קינדער ביים טיש און ווערט בעהאַנדעלט גלייך מיט זיי. אַנדערש אָבער איז מיט'ן צווייטען יתום, וועלכער האָט אַ שטיף־פאָטער: ער זיצט נישט בעת'ן עסען מיט אַלע איבעריגע קינדער ביים טיש, נאָר דרעהט זיך כסדר אין קיך, וואו די מאַמע דערלאַנגט איהם אַ חלק פלייש פון טאָפּ אַרויס, בגנבה, כאַפּענדיג, קיינער זאָל נישט זעהען.

אויך מיר, אידען, געפינען זיך ליידער אין דער דאָזיגער לאַגע. „יתומים היינו ואין אב", מיר זענען ווי די יתומים אָהן אַ טאַטען, וועלכע מוזען זיך ערנעהרען אין קיך, בעהאַלטען זיך מיט דעם ביסען אין מויל און פערשטעקען זיך מיט די פּרנסות אין אַ ווינקעל, מורא־האָבענדיג פאַר די פרעמדע, בייזע, שטיף־פאָטערישע און שטיף־ברודערישע קנאה־בליקען...

(רבי אליעזר לייזעראָוויטש, בריסקער מגיד)

„אמר הקב״ה לישראל, אתם בכיתם ואמרתם לפני יתומים היינו ואין אב, חייכם, אף הגואל שאני עתיד להעמיד מכם במדי לא יהיה לו אב ואם״ (איכה רבה)

דער דאָזיגער מאמר ווערט זעהר אָפט ציטירט דורך די מיסיאָנערען, בויענדיג דערויף גאַנצע בנינים... דערביי אָבער מאַכען זיי זיך נישט וויסען און פערענדיגען נישט דעם סוף פונ׳ם דאָזיגען מאמר — „הדא הוא דכתיב באסתר כי אין לה אב ואם״, אַז דאָס בעציהט זיך נישט אויפ׳ן גואל און משיח, נאָר אויף אסתר׳ן...

אבותינו חטאו אינם... (ה. ז.)

ווען עמיצער ערציהט אַ שלעכטען דור, זינדיגט ער אפילו דאַן, ווען ער לעבט שוין נישט, ווען ער איז שוין מעהר אויף דער וועלט נישטאָ, דען די זינדיגע אויפ־פיהרונג פון צווייטען דור איז דאָך אַ רעזולטאַט פון־זיין שלעכטע ערציהונג, אַ פאָרט־זעצונג פון זיינע אייגענע זינד. „אבותינו חטאו — אינם״, אפילו דאַמאָלס, ווען זיי זענען שוין נישטאָ צווישען אונז...

(רבי ישראל סאַלאַנטער)

עבדים משלו בנו... (ה. ח.)

עס שטעהט נישט „משלו עלינו״, נאָר „משלו בנו״. אין אונז, צווישען אונז. מיר ווערען געפייניגט און עס הערשען איבער אונז אייגענע, היימישע עבדים...

דאָס האָט געזאָגט דער תוספות־יום־טוב בשעת דער פראַגער ראש־הקהל האָט איהם געמסר׳ט און איבערגעגעבען למלכות...

„כשאתם זוכים אתם מונים לבנינו וכשאין אתם זוכים אתם מונים לחורבנו״

(פתיחתא איכה רבתי)

בשעת׳ן גלות בבל האָט מען געוואוסט, אַז דער גלות וועט דויערען זיבעציג יאָהר, און די אידען האָבען אַלזאָ געצעהלט דעם זמן „לבנינו״: אַזויפיעל און אַזויפיעל יאָהרען האָבען מיר נאָך צו ליידען ביז צום פרישען בנין. דאַגעגען אונזער איצטיגען גלות צעהלען מיר „לחורבנו״, וויפיעל צייט עס איז שוין אָבגעלאָפען פון חורבן, וועגען וועלכען מיר וויסען נישט, ווען ער וועט זיך ענדיגען און עס וועט שוין ענדליך אַ סוף נעהמען צו די צרות...

רבי לוי יצחק בערדיטשעווער פלעגט יעדען ערב־תשעה־באב שטעהן אַ גאַנצען טאָג ביים פענסטער און וואַרטען און אויסקוקען: אפשר געהט משיח.

ערשט ווען ס׳איז צוגעפאַלען די נאַכט און די טריט פון משיח האָבען זיך נישט געהערט, איז ער מיט אַ טרויעריג אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ אוועק אין שוהל, אַוועקגע־זעצט זיך אויף דר׳ערד ביים ארון קודש און גענומען יאָמערען אויפ׳ן קול, בעגיסענדיג זיך מיט טרעהרען:

„איכה ישבה בדד״!...

בנפשנו נביא לחמנו... (ה. ט.)

מה־דאָך די ערשטע דורות, וועלכע האָבען בלויז דערשפירט אַ מקצת צרות

פון גלות, האָבען זיי שוין נישט געקאָנט איבערטראָגען און האָבען אויסגערופען „בנפשנו נביא לחמנו", מיר — על אחת כמה וכמה!...

(איכה רבה)

זקנים משער שבתו בחורים מנגינתם... (ה. יד.)

די מבארים בעמיהען זיך אויף פערשידענע אופנים צו פערטייטשען דעם דאָזיגען פסוק, וועלכער זעהט אויס אין פלוג צו זיין אונפערשטענדליך.

אָבער, ווי עס ווייזט אויס, בעציהט זיך דאָס אויף די לויים. לויט'ן דין האָבען די עלטערע לויים, נאָכדעם, ווי עס איז נפסל קולם, ווי זיי האָבען פערלוירען די שטימען, זיך נישט געטאָרט מעהר בעטייליגען אין דער עבודת־השיר און זיי זענען אַוועקגעזעצט געוואָרען אַלס שוערים, אַלס דיענער ביי די טויערען פון בית המקדש.

און דאָס ווערט, אַלזאָ, געמיינט: „זקנים משער שבתו", די עלטערע לויים זיצען נישט מעהר ביי די טויערען, „ובחורים — מנגינתם" און די יונגע לויים האָבען אויפגעהערט צו זינגען...

(בשם גאון אחד)

למה לנצח תשכחנו... (ה. כ.)

צווישען רבונו־של־עולם און זיין פאָלק ישראל, ווי עס זאָגען די חז"ל, געהט־פאָר אַ שטענדיגער ויכוח. דער רבונו־של־עולם טענה'ט: „שובו אלי ואשובה אליכם" און די אידען ענטפערען דערויף: „השיבנו ד' אליך ונשובה", קום דו פריהער צו אונז...

און קיינער וויל נישט נאָכגעבען, יעדער צד האַלט זיך עקשנות'דיג ביי ס'זייניגע...

ווענדען מיר זיך, אַלזאָ, צום רבונו־של־עולם און זאָגען צו איהם: „למה לנצח תשכחנו", הלמאַי זאָלסטו צוליעב'ן „נצח", צוליעב'ן נצחון און אַמביציע, פערגעסען אין אונז? ביי וועמען געהסטו דאָ געווינען — ביי נאַרישע איינגעשפּאַרטע קינדער? געב זיי דאָס מאָל נאָך, רבונו־של־עולם, און — „השיבנו ד' אליך ונשובה"!...

(רבי ישראל, קאָזשעניצער מגיד)

די בעלויהנונג פאַר אַלע אונזערע צרות און לידען ווערט אָבגעלעגט אויף שפּעטער, אויף ימות־המשיח, אויף עולם־הבא. מיר האָבען אָבער נישט קיין כח אַזוי לאַנג צו וואַרטען און מיר טענה'ן דעריבער: „למה לנצח תשכחנו, תעזבנו לאורך ימים", הלמאַי זאָלסטו אַלץ אָבלעגען אויף שפּעטער, ביז נצחיות, אַזש אויף לאורך ימים? מיר ווילען אויך פון דער וועלט עפּיס געניסען, מיר זענען נישט אימשטאַנד אַזוי לאַנג זיך צו מאַטערען...

(תפארת עוזיאל)

חדש ימינו כקדם... (ה. כא.)

אַ כלל האָבען מיר, אַז „מדה טובה מרובה ממדת פורעניות". איז מה־דאַך ביי מדת פורעניות (ווי ביים עונש פון די מרגלים) ווערט געזאָגט: „יום לשנה יחשב", אַז פאַר יעדען טאָג, וואָס זיי האָבען געזינדיגט, וועלען זיי בעשטראָפט ווערען מיט אַ יאָהר, מכל־שכן ביי מדה טובה האָבען מיר דאָך אוודאי דאָס רעכט צו פערלאַנגען, אַז מען זאָל אונז פערגיטיגען און אָבצאָהלען פאַר יעדען טאָג גלות און יסורים — אַ יאָהר גאולה ומנוחה...

מיר זענען אָבער בעשיידען אין אונזערע פאָדערונגען און, אויסגעמאַטערטע פונ'ם לאַנגען צוויי־טויזענד־יעהריגען גלות, וועלכען מיר האָבען קיין כח נישט מעהר איבער־צוטראָגען, בעטען מיר זיך: „חדש ימינו כקדם!" מיר זענען שוין מוחל דעם פּראָצענט, בעצאָהל אונז כאָטש דעם קרן, כאָטש אַ טאָג פאַר אַ טאָג!...

(נחל אשכול)

כי אם מאס מאסתנו קצפת עלינו עד מאד... (ה. כב.)

„כי אם מאס מאסתנו" — פלעגט רבי לוי יצחק בערדיטשעווער זיך אויס'טענה'ען מיט'ן רבונו־של־עולם — מיר זענען פער'מיאוס'ט ביי דיר, גלייך ווי מיר וואָלטען געווען, חלילה, די ערגסטע רשעים, דאַגעגען „קצפת עלינו עד מאד", צאָרנען צאָרנסטו אויף אונז, גלייך, ווי מיר וואָלטען געווען די גרעסטע צדיקים, מיט וועלכע דו ביזט מדקדק „עד מאד", כחוט השערה...

אלי ציון ועריה כמו אשה בציריה...

פאַראַן צווייערליי חבלים און יסורים. פאַראַן חבלי־מיתה, וועלכע זענען כולם צער, דערנעהענטערנדיג דעם סוף פון לעבען; און פאַראַן חבלי־לידה, וואו דער צער איז געמישט מיט שמחה, ברענגענדיג מיט זיך דעם געבורט און דעם אָנהויב פון אַ נייַ לעבען... דער צער און די ליידען פון ציון איז דער צער פון „אשה בציריה" — פון חבלי־לידה...

(קדושת לוי)

צו רבי חיים וואָלאָזשינער, דעם גאון'ס תלמיד, איז אַמאָל געקומען אַ חסיד'ישער רב, וועלכען רבי חיים האָט אויפגענומען בסבר־פנים־יפות און געפּראַוועט פאַר איהם אַ סעודה, ווי עס פּאַסט פאַר אַנ'אורח הגון. ביים טיש, שמועסענדיג אין דברי־תורה, האָט דער חסיד'ישער רב געזאָגט אַ תורה וועגען דעם ענין פון גשמיות און רוחניות און ער האָט איינגעטייטשט דעם פּזמון פון סליחות:

„אזכרה אלקים ואהמיה בראותי כל עיר" — בעת איך זעה, ווי אַלע התעוררות'ן, אַלע תאוות הגשמיות — „על תלה בנויה" — זענען דערהויבען ברום־המעלה — „ועיר האלקים" — און די געטליכע התעוררות, די תשוקה צו רוחניות, צו עבודת־הבורא — „מושפלת עד שאול־תחתיה" — געפינט זיך אין שפל המצב...

רבי חיים האָט אויסגעהערט די תורה און געשוויגען. שפּעטער אַ ווילע טהוט ער אַ פרעג דעם חסיד'ישען רב:

— איהר זענט אַמאָל געווען אין פּעטערבורג?

— ניין — ענטפערט דער רב.

— אָבער — פרעגט ער איהם ווייטער — געהערט פון פּעטערבורג האָט איהר?

— יאָ — ענטפערט דער רב — אודאי געהערט.

— פּעטערבורג — זאָגט רבי חיים — איז אַ כרך גדול מיט לאַנגע און ברייטע גאַסען, מיט גרויסע און שענע בנינים, מיט פּאַלאַצען און גערטנער — ממש מען קאָן זיך גאָר זאַט נישט אָנקוקען!...

דער חסיד'ישער רב הערט און חידוש'ט זיך: רבי חיים זאָל רעדען דברים־בטלים, דערצעהלען שבחים פון אַ גוי'אישען כרך!...

— און אין װאַרשע — פרעגט רבי חיים װײַטער — זענט איהר געװען? װאַרשע איז אויך אַ שענע שטאָדט, מיט געפלאַסטערטע גאַסען און שטײנערנע בנינים...
דער רב קוקט אויף איהם און װאונדערט זיך.
— מען זאָגט — פיהרט רבי חיים װײַטער דאָס געשפּרעך — אַז בערלין איז אַ יופי פון אַ שטאָדט, ממש אויף חידושים. פון פּאַריז שמועסט מען נישט!...
— יאָ — האַלט שוין דער רב נישט אויס — אָבער אַנטקעגען װאָס?...
— אַנטקעגען דעם פּזמון — ענטפערט רבי חיים בנעימות — װאָס איהר האָט פריהער דערמאָהנט. אָט דאָס טאַקע איז דער פּשט: „בראותי כל עיר" — איטליכע שטאָדט, אַ שטייגער פּעטערבורג, װאַרשע, בערלין, פּאַריז — „על תלה בנויה" — שטעהט אַ געבויטע — „ועיר האלקים" — און די געטליכע שטאָדט, ירושלים — „מושפלת עד שאול תחתיה" — ליעגט אין שפלות, איז חרוב ומוחרב!...

„לא חרבה ירושלים אלא בשביל שבזו בה תלמידי חכמים" (שבת קי"ט)

און אין אַ צװײטע אָרט װערט דאָך גאָר געזאָגט: „לא נחרבה ירושלים אלא על שנאת חנם" (יומא ט.)?
נאָר, אַז רײַכע בעלי־בתים זאָלען נישט האָבען קײן דרך־ארץ פאַר רבנים און תלמידי־חכמים, דערצו איז מען געװאוינט, דאָס איז קײן נײַעס נישט. אָבער אויב די תלמידי־חכמים װערען כאָטש דורך זײ אויסגעהאַלטען און זײ לאָזען זיך קאָסטען אויף זײ געלד, מילא, איז דאָס נאָך אַ האַלבע צרה... דאַמאָלס אָבער, בימי החורבן (מכל־שכן היינט), זענען מקויים געװאָרען בײדע מאמרים צוזאַמען: לאַ־די װאָס מען האָט פײַנד געהאַט די תלמידי־חכמים און זײ מבזה געװען, איז עס נאָך דערבײַ אויך געװען אַ שנאת־חנם, אַ שנאה, בײַ װעלכע מען האָט די תלמידי־חכמים געלאָזט אויס־געהן פון הונגער, אַ שנאה, װעלכע האָט קײן געלד נישט געקאָסט...
(לחמי תודה)

דער רבי פון דראָהאָביטש פּלעגט טײַטשען: „חנם נמכרתם ולא בכסף תגאלו" (ישעיה כב.) — דורך שנאת־חנם זענען מיר פון אונזער לאַנד פערטריבען גע־װאָרען, און פּונקט אַזױ דאַרף אויך אונזער גאולה קומען בחנם: דורך אהבת־חנם!...

רבי חיים צאַנזער האָט אַמאָל געמאַכט אַ שמחה, אויף װעלכער ער האָט פערגעסען אײַנצולאַדען אײנעם אַ רב פון זײַנע ידידים. בעת ער האָט שפּעטער געפרעגט דעם רב, הלמאַי ער איז נישט געקומען צו איהם אויף דער שמחה, האָט יענער געענטפערט, אַז אומגעבעטענע קומט מען נישט.
ס'איז אַ שלעכטער מנהג — בעמערקט דערויף רבי חיים — און דער דאָזיגער מנהג האָט גורם געװען צו אונזער גרויסען חורבן, דען אין דער גמרא װערט דער־צעהלט די מעשה מיט קמצא ובר־קמצא, אַז עס האָט אײנער געהאַט אַ פרײַנד מיט'ן נאָמען קמצא און אַ שונא — בר־קמצא. בשעת ער האָט געמאַכט אַ סעודה און געשיקט אַ שליח אײַנלאַדען זײַן פרײַנד קמצא, האָט דער שליח זיך טועה געװען און אײַנגעלאַדען דעם שונא בר־קמצא, װעלכען דער בעל־שמחה האָט בעלײדיגט און יענער איז אַװעק און איהם גע'מסר'ט און אַזױ װײַטער און װײַטער, ביז עס איז געקומען צום מורא'דיגען חורבן.
װען אָבער עס װאָלט נישט עקזיסטירט בײַ אונז דער דאָזיגער מנהג, אַז בעת אַ

שמחה זאל מען דארפען שיקען איינלאדונגען צו די גוטע־פריינד, נאר די גוטע־פריינד וואלטען געקומען אליין, וואלט דאך צו דעם גאנצען חורבן נישט געקומען...

רבי יהושע־העשיל אפטער פלעגט זאגען: ווען כ׳וואלט געווען בכוח, וואלט איך מבטל געמאכט אלע תעניתים חוץ יום־כפור און תשעה־באב, ווייל אום יום־כפור — ווער דארף דען אין אזא הייליגען טאג עסען? און אין תשעה־באב — ווער קאן דען אין אזא טרויעריגען טאג עסען?...

בעת דער „חוזה" פון לובלין איז קראנק געווארען, האבען זיך געפונען צווישען די געגנער אין מתנגדישען לאגער אזעלכע, וועלכע האבען זיך געפרעהט און איינינע פון זיי האבען זיך זאגאר אויסגעדריקט, אז ווען ער וועט שטארבען, וועלען זיי פראווען א גרויסע סעודה.

אז מען האט דאס דערצעהלט דעם „חוזה", האט ער א שמייכעל געטהון און זיי געהייסען זאגען, אז אין טאג ווען ער וועט שטארבען, וועלען זיי אפילו קיין שלוק וואסער נישט קאנען טרינקען.

און כך־הוה. דער „חוזה" איז נפטר געווארען אום — תשעה־באב...

אל יתהלל חכם בחכמתו... (הפטרה לתשעה באב)

„אל יתהלל חכם בחכמתו ואל יתהלל הגבור בגבורתו, אל יתהלל עשיר בעשרו". מיט די אלע זאכען האט זיך דער מענש נישט צו ריהמען, דען חכמה, גבורה און עשירות נעהמט מען זיך נישט אליין, זיי זענען א מתנה פון גאט, עס ווערט פאראויס בע־שטימט, צי ער זאל זיין „גבור או חלש, חכם או טפש, עשיר או עני", דאגעגען — „בזאת יתהלל המתהלל השכל וידוע אותי", דען דאס ערווערבט מען זיך אליין, מיט די אייגענע כוחות — „הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים"!

(תוספת ברכה)

אויף אנ׳אנדער אופן, בדרך צחות:

„אל יתהלל חכם בחכמתו... הגבור בגבורתו... עשיר בעשרו". מיט די אלע זאכען, ווי חכמה, גבורה און עשירות, קאן מען זיך נישט סתם ריהמען, און אויב מען בעזיצט זיי נישט, קאן מען דערמיט נישט אבנארען, דען זיי לאזען זיך קאנטראלירען און פעסטשטעלען, צי עס איז טאקי אמת, צי דער חכם איז טאקי קלוג, דער גבור — שטארק און דער עושר — רייך; דאגעגען „בזאת יתהלל המתהלל השכל וידוע אותי", דערמיט קאן מען זיך ריהמען, דאס קאן מען יענעם איינרעדען, דען פרומקייט און יראת־שמים זענען אזעלכע זאכען, וואס לאזען זיך נישט קאנטראלירען...

(שיחות חכמים)

ליטווישע אידען פון ווילנער געגענד דערצעהלען פאלגענדע מעשה שהיה:

אין ליטא האט אמאל גע׳שמ׳ט א געוויסער ניסן ראזענטאל, וועלכער איז געווען בעריהמט אלס גרויסער אפיקורס און מומר־להכעיס, ביי וועלכען דאס גרעסטע פער־געניגען פלעגט זיין אבצוטהון א פרומען אידען עפעס א שפיצעל, אונטערשטעלען איהם א פיסעל און שטרויכלען איהם מיט אנ׳עבירה... אמאליגע אפיקורסים!

געווען איז ניסן א איד א גביר, א גרויסער פאדריאטשיק, ביי וועלכען א סך אידען האבען גוט פערדיענט, מחמת ער איז געווען בטבע א גוטער מענש, אנ׳אפענע האנד.

ויהי היום, בעת ניסן האָט געהאַט אָנגענומען צו מאַכען דעם שאָסיי פון ווילנא קיין מינסק, איז ער אַמאָל, אום תשעה־באב נאָך האַלבען טאָג, אַריינגעפאָהרען אין אַ קליין שטעדטעל אין ווילנער געגענד. פערפאָהרען איז ער מיט אַ זעהר שענער קאַרעטע גלייך צום רב. אַריינגעקומען צום רב, מאַכט ער צו איהם:

— רבי, כ'בין געקומען פרעגען ביי אייך אַ שאלה, צי מעג איך עפּעס איבער־בייסען. כ'פיהל מיך, לא־עליכם, זעהר שוואַך און ס'איז מיר שווער צו פאַסטען.

דער רב גיט אַ קוק אויפ'ן געזונדען אידען, מיט'ן רויטען פּנים, מיט'ן פעטען קאַרק, און זאָגט:

— ניין, ר' איד... כ'בין נישט בכח אייך מתיר צו מאַכען... תשעה־באב, פער־שטעהט איהר מיך, איז כמעט אַזוי האַרב ווי יום־כפור.

— כ'ווייס עס, רבי, גאַנץ גוט — מאַכט ניסן אַ פרום פּנים — כ'פיהל אָבער, אַז כ'וועל מעהר נישט קאָנען אויסהאַלטען! אגב, בין איך גרייט צו געבען אַ גרויסען פדיון־נפש, „אגרא דתעניתא״... היות ווי אייער שטעדטעל דאַרף האָבען אַ מרחץ, וועל איך הייסען מיינע מענשען אויסבויען אייך אַ מרחץ כדבעי, אויפ'ן גרויס־שטאָד־טישען אופן.

דער רב, אַ איד אַ תמים, דערהערענדיג אַזעלכע ווערטער, גיט ער נאָכאַמאָל אַ קוק אויף ניסן'ען און פרעגט איהם:

— פיהלט איהר זיך, הייסט עס, אַז איהר קאָנט נישט פאַסטען?

— שייך נישט קאָנען? — קרעכצט ניסן — כ'פיהל, לא־עליכם, אַ חשכות פאַר די אויגען, טאַקע ממש סכנת־נפשות!... און אַ מרחץ, הערט איהר, רבי, וועל איך אינ'ם שטעדטעל אויסבויען, אַז די גאַנצע סביבה וועט אייך מקנא זיין!...

דער רב איז זיך מיישב, קווענקעלט זיך און בעשליסט:

— פיקוח־נפש... לב יודע מרת נפשו... מילא — אויב אַזוי, מעגט איהר עפּעס איבערבייסען...

— גיט־זשע מיר, רבי, אַנ'עצה — מאַכט ווייטער דער בעל־דבר — וואו בעקום איך דאָ צו עסען? אין שטעדטעל וועט מען דאָך תשעה־באב אַ אידען נישט געבען קיין עסען. געה דערצעהל יעגעם אַ מעשה, אַז כ'בין אַ שוואַכער מענש און דער רב האָט מיר מתיר געמאַכט!... אפשר, רבי, וואָלט געווען אַ סברא, שיקען פונדאַנען עמיצען עפּעס איינקויפען און דאָ ביי אייך גופא איבערכאַפּען דאָס האַרץ?

— מהיכא־תיתי — האָט דער רב מסכים געווען. ניסן האָט געגעבען געלד און מען האָט תיכף געבראַכט פון מאַרק עטליכע בייגעל מיט אַ הערינג, מיט אַ פלעשעל בראָנפען. ניסן האָט זיך גוואַשען און זיך געזעצט צום טיש עסען פונקט אַנטקעגען דעם רב...

פלוצים שפּרינגט ניסן אויף פון טיש, לויפט־צו צום רב און שרייט־אויס:

— אוי, וועה איז מיר, רבי!... זעהט נאָר, ווי איהר קוקט־אויס!... אַ בר־מינן, רחמנא ליצלן!...

דער רב, אַנ'עלטערער מענש, אָבגעשוואַכט פון תענית, האָט זיך טאַקע אויף אַנ־אמת דערשראָקען.

— רבי! — וויל ניסן פון איהם נישט אָבשטעהן: — איהר טאָרט מעהר נישט פאַסטען, „ושמרתם לנפשותיכם״ שטעהט... אויב איהר, רבי, וועט נישט עסען, עס איך אויך נישט... נעהמט איהר אויף זיך צוויי נפשות!...

דער רב הויבט זיך אָן צו קווענקלען:

— עפּעס פּיהל איך מיך טאַקע זעהר שוואַך...

— רבי — לאָזט איהם ניסן נישט אָב — געהט שוין וואַשען זיך!... אגב, בין איך גרייט אויך פאַר א י י ך צו געבען אַ פּיינעם פּדיון־נפש: כ׳וועל שיקען מיינע מענשען, זיי זאָלען מאַכען אַ גדר אַרום בית־עלמין.

דער רב לאָזט זיך אָנרעדען, וואַשט זיך און זעצט זיך צום טיש.

ניסן רוקט איהם אונטער אַ גלעזעל נאָך אַ גלעזעל — דער רב ווערט אַביסעל בגילפון׳דיג, דאָס פּנים נעהמט זיך איהם רויטלען...

— רבי — מאַכט צו איהם ניסן — איהר ווייסט דאָך, רבי, אַז אום תשעה־באב איז געבוירען געוואָרען משיח, איז טאַקע כ׳לעבען אַ יושר־גדול צו געהן אַ טענצעל.

און אַזוי רעדענדיג, נעהמט ער דעם רב, פּערוואָרפט אַ האַנד אויף זיין אַקסעל און הויבט זיך אָן דרעהען מיט איהם אַרום טיש, צופּאַטשענדיג מיט די הענד און צוזינגענדיג:

— שושנת יע־ע־קב צהלה וש־מ־חה!...

בינו־לבינו איז שוין געוואָרען פאַרנאַכטליך, דער עולם אין בית־מדרש וואַרט אויפ׳ן רב — מען וועט זיך דאָך אָהן דעם רב נישט שטעלען דאַווגען די תשעה־באב׳דיגע מנחה, לייענען „ויחל״... מפטיר... מען וואַרט, מען וואַרט — און מען קאָן זיך נישט דערוואַרטען. שיקט מען נאָך איהם דעם שמש. דער שמש קומט אַריין — ווערט איהם פינסטער פאַר די אויגען: דער רב האַלט זיך קוים אויף די פיס, זינגט און טאַנצט גאַר מעשה שמחת־תורה!...

איז געוואָרען אַ רעש אין שטעדטעל. אַזאַ מעשה! אַ רב זאָל זיך אָנ׳שכור׳ן אום תשעה־באב — דאָס פּערלויפט זיך דאָך נישט אין דער גאַנצער וועלט!...

ניסן ראַזענטאַל האָט זיך תיכף אַבגעטראָגען...

נאָך תשעה־באב האָט קהל געריפען אַנ׳אסיפה און אָבגעזאָגט דעם רב פון רבנות. נאָר דאָ האָט זיך אַריינגעמישט רבי הלל אַמטשיסלאַווער, וועלכער איז דאַמאָלס געווען רב אין קרעווע: געוואויר ווערענדיג פון דער מעשה, איז ער תיכף אַריינגעפאָהרען אין שטעדטעל און האָט בעפויהלען, מען זאָל דעם רב צוריקנעהמען.

— דער רב אייערער — האָט ער גע׳טענה׳ט צו די ראשי־הקהל — האָט טאַקע אָבגעטהון אַ שטות. איהר אָבער האָט אָבגעטהון אַ גרעסערען שטות. האַלטענדיג אַזאַ שוטה אַלס רב עטליכע צעהנדליג יאָהר!... איז אויב איהר האָט זיך מיט איהם אַזוי לאַנג געהאַלטען, טאָ האַלט זיך מיט איהם ווייטער!...

(מ. ליפּסאָן, „די וועלט דערצעהלט״)

קֹהֶלֶת

דברי קהלת בן דוד... (א. א.)

„קהלת" — אַ זאַמלונג פון כל מיני חרטות... דען געוועהנליך איז דער שטייגער ביי יעדען מענשען, אַז בשעת ער קומט אויף דער עלטער און ער הויבט־אָן צו מאַכען מיט זיך אַ שטיקעל השבון־הנפש, דוכט זיך איהם, אַז בלויז ע ר האַט געהאַט אַ טעות אין חשבון, בלויז ע ר האַט שלעכט געלעבט; דאַגעגען י ע נ ע ר, דער צווייטער, האַט אודאי געלעבט קליגער און גליקליכער פון איהם. דאַסזעלבע טראַכט אויך י ע נ ע ר, און אַזוי יעדער איינער... אין „קהלת" זענען, אַלזאָ, צונויפגעזאַמעלט די חרטות פון כל מיני טיפען מענשען, פון יעדען אַרט און שטייגער לעבען... משל למה הדבר דומה? צו אַ חברה בלינדע בעטלער, וועלכע שטעהען אין גאַס און בעטען אַ נדבה. געהט פאַרביי איינער אַ לץ און רופט־אויס: נאַט אייך, בלינדע, נעהמט! אַט האַט איהר דאָ צעהן גילדען!... יעדער פון די בלינדע איז זיכער, אַז דאָס האַט אודאי דער צווייטער, דער חבר זיינער, דידאָזיגע גראָבע מטבע בעקומען; אָבער באמת איז „לא דובים ולא יער"! — ק י י נ ע ר פון זיי האַט נישט!...

(דובנער מגיד)

אַ חזן — פלעגט זאָגען דער קעלמער מגיד — אַז ער קומט אין אַ שטאָדט אַריין, חקר'נט מען זיך נישט, ווער ער איז און פון וואַנען ער שטאַמט. אויב ער האַט נאָר אַ גוטע שטימע און זינגט שען — איז דער עולם צופרידען. אַנדערש אָבער איז מיט אַ מגיד, וועלכער שטעלט זיך אַוועק זאָגען דעם עולם מוסר. ער מוז זיך פריהער לעגיטימירען און אָנגעבען דעם יחוס זיינעם: „קהלת בן דוד מלך בירושלים", אַנדערש לאַכט מען זיך אויס פון איהם און מען וויל זיין מוסר נישט הערען...

הבל הבלים אמר קהלת... (א. ב.)

ווען אַן'אַנדערער וואָלט געזאָגט „הבל הבלים", וואָלט איך געקענט זאָגען: דער דאָזיגער מענש, וועלכער רעדט מיט אַזאַ פעראַכטונג וועגען געלד, האָט אודאי אין זיין לעבען קיינמאָל קיין צוויי פרוטות נישט פערמאָגט... אָבער שלמה, וועגען וועלכען עס שטעהט געשריבען „אין כסף נחשב בימי שלמה למאומה" — פאַר איהם פאַסט צו זאָגען „הבל הבלים"!...

(קהלת רבה פרשה ג׳)

הבל הבלים אמר קהלת הבל הבלים הכל הבל... (א. ב.)

אָבער — זאָגט דערויף קהלת אין אַ צווייטען פסוק — „הכסף יענה את הכל",

דער „כסף" פייניגט דעם „הכל", דעם „הכל הבל". ווי נור עס קומט צו געלד פערגעסט מען אין אַט דעם גאַנצען מוסר, אַפילו — „צדיקים ממונם חביב עליהם יותר מגופם"...
(רבי אלעזר שפירא)

מה יתרון לאדם בכל עמלו שיעמול תחת השמש... (א. ג.)

עס שטעהט נישט „מה יתרון לעולם", נאָר „מה יתרון לאדם". די וועלט פונ'ם מענש האָט אַ גאַנץ סך, דער מענש האַלט אין איין אַרבייטען, אין איין טראַכטען, אין איין אויסקלערען אַלץ נייע און נייע ערפינדונגען, בכדי אויסצובעסערען און אויסצוּשענערען די וועלט, אָבער דער מענש פון דער וועלט וואָס האָט?...
(קול יעקב)

כל הנחלים הולכים אל הים והים איננו מלא... (א. ז.)

און אַזוי איז אויך דער מ ע נ ש: וויפיעל עשירות דער מענש זאָל נישט ערווערבען, וויפיעל ער זאָל נישט פערמאָגען און וויפיעל ער זאָל נישט נאָכגעבען זיינע תאוות — שטענדיג וועט ער בלייבען אונבעפרידיגט...
(עוללות אפרים)

ואין כל חדש תחת השמש... (א. ט.)

וועגען אַ סך פון די לעצטע וויסענשאַפטליכע ענטדעקונגען, ווערט פעסטגעשטעלט און אָנגעוויזען, אַז זיי זענען אין אַ געוויסער מאָס שוין געווען בעקאַנט אונזערע חכמי התלמוד, מיט קרוב צוויי טויזענד יאָהר צוריק.

— וועגען דער גרויס פון אונזער ערד־קוגעל, מיט וועלכער עס האָבען זיך זעהר פיל בעשעפטיגט די אַלטע גריכישע געלעהרטע, פון וועלכע יעדער פון זיי האָט אָנגעגעבען פערשיעדענע ציפערן, איז מען ערשט אין די לעצטע יאָהר־הונדערטער מיט דער הילף פון די נייעסטע מעסטונגס־אינסטרומענטען און אַסטראָנאָמישע אויסרעכענונגען, דערגאַנגען, אַז דער אומפאַנג פון דער ערד בעטרעפט פיערציג טויזענד קילאָמעטער (אונגעפעהר 24 טויזענד מייל). און אַט געפינען מיר עס בפירוש אין תלמוד: „שיתא אלפי פרסי הוי עלמא" (פסחים צ"ד). די אַמאָליגע פרסא, ווערט געזאָגט אין דער גמרא, האָט געהאַלטען פיער מילין, און אַ מיל איז דאַן געווען אונזערס אַ מייל, דאָס הייסט לערך פיערציג טויזענד קילאָמעטער, גענוי ווי עס וויל האָבען די מאָדערנע וויסענשאַפט...

— ביי די אַסטראָנאָמען פון די אַלטע צייטען איז געווען אָנגענומען, אַז די צאָהל שטערען בעשטעהט סך־הכל פון עטליכע טויזענד. ערשט מיט דער ענטדעקונג פון די ריזיגע טעלעסקאָפּען איז מען געקומען צו דער מסקנא, אַז די שטערען זענען אונצעהליג און זיי דערגרייכען אין די מיליאָנען, און, ווי עס איז צו זעהן, האָבען שוין אויך אונזערע אַלטע אידישע חכמים געוואוסט דערפון און אין ברכות (ל"ב) ווערט די צאָהל שטערען אָנגעגעבען אין די צענדליגער מיליאָנען...

— אויך די מיינונג, אַז יעדער שטערען איז אַ גאַנצע וועלט פאַר זיך, איז שוין די חז"ל נישט פרעמד געווען און זיי זאָגען דייטליך: „כל הישוב כולו תחת כוכב אחד הוא עומד" (פסחים צ"ד)... אויך די געוואַלדיגע ענטדעקונג פונ'ם בעריהמטען אַסטראָנאָם קאָפּערניק, אַז אונזער ערד מיט אַלע אַנדערע פּלאַנעטען דרעהען זיך אַרום

דער זון, וואָס האָט בשעתו אַרויסגערופען אַן איבערקעהרעניש אין דער גאַנצער אַסטראָנאָמיע און אין אַ רייה אַנדערע וויסענשאַפטען, ווערט שוין אייגענטליך אָנגעוויזען אין זוהר (ויקרא י׳), וואו עס ווערט געזאָגט: „כל ישובא מתגלגלא בעיגולא בכדור, אילין לתתא ואילין לעילא וכו׳״...

— זאָגאַר די לעהרע פון דער מאָדערנער געאָלאָגיע, אַז אונזער ערד איז נישט בעשאַפען געוואָרען אין ששת ימי בראשית אין דער פאָרם, אַזוי ווי זי איז איצט, נאָר אַז זי איז פריהער דורכגעגאַנגען פערשיעדענע עפּאָכען פון ענטוויקלונג און איבערקעהרענישען און אַז עס האָבען שוין פאַר איהר עקזיסטירט וועלטען מיט לעבעדיגע בעשעפענישען, וועלכע זענען חרוב געוואָרען, אויך וועגען דעם געפינען מיר אַ דייטליכע אָנצוהערעניש אין די חז״ל, ווי עס ווערט געזאָגט אין מדרש רבה בראשית אויפ׳ן פסוק „ויהי ערב ויהי בקר״ — „הקב״ה בורא עולמות ומחריבן, דין הניין לי ויתהון לא הניין לי״, און זעה, וואָס עס זאָגט וועגען דעם דער „תפארת ישראל״ אין סוף פון זיין פירוש אויף נזיקין...

— אָדער נעהמען מיר, צום ביישפּיעל, די ענטדעקונג וועגען דעם בליץ־אַבלייטער. ווי בעקאַנט איז דער אַמעריקאַנער געלעהרטער, בענדזשאַמין פרענקלין, געוועזען דער ערשטער, וועלכער האָט וויסענשאַפטליך אויסגעפאָרשט די אייגענשאַפטען פון בליץ און ער איז דערגאַנגען, אַז דאָס איז די אויסלאָדונג פון עלעקטרי און צו דעם צוועק האָט ער געשאַפען דעם בליץ־אַבלייטער, וועלכער בעשטעהט פון אַ שטיק אייזען, וואָס ווערט אַרויפגעשטעלט אויפ׳ן דאַך פון יעדען הויז. דער אייזען ציהט־צו צו זיך דעם בליץ און פערהיט אַזוי אַרום פון אַן אומגליק. און אָט האָבען מיר עס בפירוש אין די חז״ל: „הנותן ברזל בין האפרוחים מפני הרעמים ומפני הברק, הרי זה מותר ואין בו משום דרכי האמורי״ (תוספתא שבת פרק ו׳). ד. ה. אַז מען מעג אַוועקלעגען אַן אייזען צווישען היהנער, כדי צו שיצען זיי געגען דונערען און בליצען, און עס הייסט נישט קיין אַבערגלויבען...

— דעסגלייכען, מיט אַ יאָהר זעכציג צוריק האָט די מעדיצין נישט געוואוסט קיין שום מיטעל אין פאַל, ווען אַ מענש איז געביסען געוואָרען פון אַ משוגענעם הונד, אָדער אַן אַנדער משוגע בעשעפעניש און די מענשען, וואָס זענען דערפון קראַנק געוואָרען, פלעגען שטאַרבען אין די שרעקליכסטע יסורים. ערשט דער בעריהמטער פראַנצויזישער מעדיצין־פאָרשער, פּאַסטער, האָט מיט עטליכע צענדליג יאָהר צוריק אויסגעפינען די טעאָריע, אַז אינ׳ם בלוט פון אַ משוגענעם הונד זעלבסט געפינט זיך אַ געגען־גיפט וואָס ווירקט צו בעזייטיגען די קראַנקהייט. פּאַסטער האָט אויסגעאַרבייט עקסטראַקטען פונ׳ם דאָזיגען בלוט און האָט עס אַריינגעשפּריצט אין די קראַנק־געוואָרענע מענשען און זיי זענען ווירקליך געוואָרען אויסגעהיילט. און אָט האָבען מיר עס אין דער גמרא: „מי שנשכו כלב שוטה אין מאכילין אותו מחצר כבד שלו״ (יומא פ״ג) און דערויף זאָגט רש״י „ואעפ״י שנוהגין הרופאים ברפואה זו איגה רפואה גמורה להתיר לו איסור בהמה טמאה על כך״. די חכמי־התלמוד האָבען שוין, אַלזאָ, דאָן געוואוסט פון דער מעדיצינישער השערה, אַז אינ׳ם בלוט פונ׳ם משוגענעם הונד, געפינט זיך דער געגען־גיפט צו דער קראַנקהייט...

מיט איין וואָרט — „אין כל חדש תחת השמש!״...

(„התלמוד ומדעי התבל״ און אַנדערע קוועלען)

אין די אַלטע, פּאַרצייטישע ספרים און אויך אין תלמוד געפינען מיר דייטליכע רמזים וועגען אַ גרויסען טייל פון די מאָדערנע טעכנישע ערפינדונגען.

וועגן טעלעגראַף ווערט אָנגעוויזען אין אַן׳אַלט ספר „מנחת יהודה״, אין וועלכען עס ווערט געזאָגט:

„ויש לזה רמז גדול בטבע, בענין אבן מגניטיזם השואבת ברזל, כי כשתחזיקנה היטב ותסיר מעליה סיגיה ואח״כ תשבר אותה לשתים, ותשים החתיכה האחת בקרן זוית אחד והחתיכה השנית בקרן אחר, ואפילו מרוחקות זה מזה אלף מלין, ותניח הברזל סמוך לאחת החתיכות לאלה, תמצא כי כל תנועה שעושה אותה החתיכה, באותה שעה עושה האחרת תנועה זו״...

געדרוקט איז דאָסדאָזיגע ספר אין יאָהר שי״ח, אַלזאָ מיט דריי הונדערט פינף און זיעבציג יאָהר צוריק!...

וועגן טעלעפאָן געפינען מיר אין „שבות יעקב״ אַ שאלה־ותשובה, צי מען מעג רעדען אום שבת אויף אַ וויטען מרחק, צי עס איז נישט פאַראַן דערביי קיין איסור תחומין. וועגען דעם ווערט דאָרט געזאָגט:

„וביחוד ע״י כלים המיוחדים לדבר ומשמיעים קול, על כמה וכמה מילין ברחוק־מקום יכול אדם לדבר עם חבירו״...

דער „שבות־יעקב״ איז געדרוקט אין תפ״ב, אַלזאָ מיט איבער צוויי הונדערט יאָהר צוריק!...

וועגען כעמיע ווערט אָנגעוויזען, אַז שוין דער מקובל רבי חיים וויטאַל האָט זיך בעשעפטיגט מיט דערדאָזיגער וויסענשאַפט. אינ׳ם ספר „שבחי ר״ח וויטאַל״ ווערט בפירוש געזאָגט: „לרמז על שתי שנים ומחצה שבטלתי מן התורה ועסקתי בכימי״...

אַז מ׳האָט זיך שוין פאַרצייטענס אָבגעגעבען מיט אַטלעטיק און גימנאַסטישע איבונגען, דאָס זעהען מיר דאָך דייטליך אין פסוק, אין שמואל ב׳: „יקומו נא הנערים וישחקו לפנינו... ויקומו... שנים עשר לבנימין ולאיש־בושת... ויחזיקו איש בראש רעהו ויפלו יחדו״... און אין בראשית־רבה: „משל לשני אתליטין שהיו עומדים ומתגוששים לפני המלך״...

וועגען זשאָנגלעריי און אַקראָבאַטיק געפינען מיר אין מסכת סוכה, וואו עס ווערט דערצעהלט וועגען רבי שמעון בן־גמליאל, אַז בעת שמחת בית־השואבה „היה נוטל שמונה אבדוקות של אור וזורק אחת ונוטל אחת ואין נוגעות זו בזו״...

אָבער דער עיקר איז, וואָס אַפילו די ערפינדונג פון „אונטערוואַסער־שיפען״, מיט וועלכע דייטשלאַנד האָט זיך צום ערשטען מאָל בענוצט אין דער 1914־18 וועלט־מלחמה אַפילו ד אָ ס איז שוין דאַמאָלס קיין נייעס נישט געווען... פאַראַן אַ בפירוש׳ער „מדרש שוחר טוב״, וואו עס ווערט דערצעהלט וועגען אַדריאַנוס קיסר, אַז „עשה תיבה של זכוכית והושיב בני־אדם לתוכה והורידם לעומק אוקינוס״...

מיט איין וואָרט: נישטאָ קיין נייעס אונטער דער זון!...

(מקור בורך)

אין אַ בריעף צו איינעם פון זיינע תלמידים קלאָגט זיך דער רמב״ם דערויף, וואָס ער איז אַ גאַנצען טאָג געוואַלדיג בעשעפטיגט מיט פערשיעדענע שתדלנות׳ן, כלל־זאַכען און דערצו איז ער אָנגעשטעלט אַלס הויף־דאָקטאָר ביים סולטאַן און די איינציגע פרייע צייט, וואָס עס בלייבט איהם אויף צו לערנען און מחדש צו זיין חדושים, איז נאָר די נאַכט, און ער דריקט זיך אויס וועגען דעם בדרך מליצה: „ואין כל חדש תחת השמש״, אַז „תחת השמש״, בייטאָג, בעת די זון שיינט, איז „אין כל חדש״, האָט ער קיין צייט נישט און ער איז נישט אימשטאַנד עפּעס מחדש צו זיין...

ויוסיף דעת יוסיף מכאוב... (א. יח.)

— איז מאי כולי האי?! — האָט דערויף אויסגעשריען רבי מענדעלע קאָצקער — זאָל אַפּילו ווערן טהון — אַבי וואָס מעהר דעת!...

וואָס מעהר וויסען און דעת דער מענש ערווערבט, אַלץ גרעסער איז זיין וועהטאָג, אַלץ מעהר איבערצייגט ער זיך, ווי בעגרעניצט און נישטיג עס איז דער מענשליכער שכל צו פערשטעהן די רעטענישען פון דער וועלט און דעם תכלית פון מענשליכען לעבען, און עס איז בעקאַנט דאָס וואָרט פון אַ בעריהמטען פילאָזאָף, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט: „דאָס איינציגע, וואָס מיר וויסען, איז — אַז מיר ווייסען גאָרנישט"...
(תולדות אדם)

ולבי נוהג בחכמה ולאחוז בסכלות... (ב. ג.)

דערויף ווערט געזאָגט אין מדרש: „מהו בסכלות — בסכלנותא".
איז דאָך עס אין פלוג אונפערשטענדליך. וואָס איז דאָ דער מדרש מחדש?
נאָר אין אַראַמיש איז סכלנותא דער טייטש: שכל, פערשטענדניש. אויפ'ן פסוק „ואמלא אותו רוח אלקים בחכמה ובתבונה" (שמות לא. ג.) מאַכט דער תרגום: „בחכמתא ובסוכלתנא", ווי אויך אין דער גמרא „אן סוכלנותך" (שבת צ') און אין פיעל אַנדערע ערטער.
דעם בעל־המדרש איז דאָ קשה געווען, ווי קומט עס, אַז שלמה המלך זאָל זאָגען אויף זיך, אַז ער איז געווען אַב"אוחז בסכלות"? און דערויף קומט די ערקלערונג, אַז „סכלות" ווערט דאָ געמיינט אין אַראַמישען זין: „סוכלנותא", שכל...
(גשמי ברכה)

עשיתי לי גנות ופרדסים... (ב. ה.)

דערויף מאַכט דער תרגום: „ותחומיה מן שור קרתא דירושלים". ד. ה. אַז די פרדסים זענען געווען מחוץ דער חומה פון ירושלים.
צוליעב וואָס זאָגט דאָס דער תרגום?
ווייל די גמרא זאָגט: „עשרה דברים נאמרו בירושלים וכו' ואין עושין בה גנות ופרדסות" (בבא קמא פ"ב)...

וזה היה חלקי מכל עמלי... (ב. י.)

„חד אמר מקלו וחד אמר קידו, מקידה של חרס ששותין בה"... (רש"י)

וואָס עפעס גראָד „מקלו" און „קידו"? — דען די גמרא זאָגט (עירובין כ"א), אַז שלמה האָט מתקן געווען עירובין (עירובי־חצרות) און נטילת־ידים — און דאָס, אַלזאָ, איז דער זין: „מקלו" — עירובי־חצרות, און „קידו" — נטילת־ידים...
(רבי אלי' גריידיצער)

וראיתי אני שיש יתרון לחכמה מן הסכלות... (ב. יג.)

דען דער חכם קאָן זיין אַ נאַר, אויב ער וויל; אָבער דער נאַר קאָן נישט זיין קיין חכם...
(רבי לייבוש חריף)

לכל זמן... (ג. א.)

אין אַלעם מאַכען די מענשען שולדיג די צייט... אויף אַלע עוולות און אומ־רעכטען, וואָס זיי בעגעהען, האָבען זיי שטענדיג אַ פאַרטיגען תירוץ: — די צייט נעבעך, די צייט איז שולדיג!...

(חתם סופר)

עת ספוד ועת רקוד... (ג. ד.)

„ספוד" און „רקוד" האָבען צווישען זיך די עהנליכקייט, וואָס איןביידע פאַלען איז מען שטאַרק מגזם: סיי ביי „עת רקוד", ווען מען איז משמח חתן וכלה, סיי ביי „עת ספוד", ווען מען איז מספיד אַ נפטר, האַלט מען אין איין זאָגען שבחים, וועלכע שטימען זעלטען מיט'ן אמת...

(הרב סעגאַלאָוויטש ממלאַווע)

„עת ספוד ועת רקוד"... ר' יו"ט ליפמאַן צונץ האָט צו זיינע ספרים, וואָס ער האָט געדרוקט אין העברעאיש, אַ סך געלד דערלעגט, דאַגעגען האָט ער גוט פערדיענט פון די ביכער, וואָס ער האָט געדרוקט אין דייטש. אין אַ בריעף צו אַ פריינד האָט ער זיך וועגען דעם אויסגעדריקט: „עת ספוד ועת רקוד"... ספוד איז די אותיות דפוס, און רקוד — די אותיות דרוק: אויב מען דרוקט לשון־קודש'דיגע ספרים און אויפ'ן שער־בלאַט געפינט זיך דאָס וואָרט „דפוס", דאַמאָלס איז פאַר'ן מחבר — „עת ספוד"; אויב אָבער דאָס ספר ווערט אַרויס־געגעבען אין אַ פרעמדער שפּראַך און אויפ'ן פאָדער־בלאַט ווערט אָוועקגעשטעלט דאָס וואָרט „דרוק", דאַן איז — „עת רקוד"...

עת לחשות ועת לדבר... (ג. ז.)

בשעת דער מלבי"ם איז געווען אין בערלין, האָט ער געהערט אין סינאַגאָגע אַ דרשה פון אַ ראַבינער, וועלכע האָט געדויערט איניגע שעה און האָט קיין שום אינ־האַלט און טעם נישט געהאַט. אַרויסגעהענדיג פון דאָרט, זאָגט דער מלב"ים צו זיינע מקורבים: אין אַלע אַכט־און־צוואַנציג „עתים", וואָס קהלת רעכענט־אויס, איז ביי יעדער פון זיי פאַרהאַן אַ מיטעלוועג. למשל: „עת לאהוב ועת לשנוא", איז דער מיטעל־וועג — גלייכגילטיגקייט, נישט ליעב און נישט פיינט האָבען. „עת לבכות ועת לשחוק", איז דער דרך הממוצע — נאַרמאַלקייט, נישט וויינען און נישט לאַכען. א. אַ. וו. א. אַ. וו. וואָס פאַר אַ מיטעלוועג אָבער, איז מיר שטענדיג קשה געווען, איז פאַרהאַן צווישען „עת לחשות ועת לדבר"? — איצט איז עס מיר קלאָר געוואָרען: דער מיטעלוועג צווישען זיי איז אַ ראַבינערשער „פרעדיגט" — עס איז נישט געשוויגען און נישט גערעדט!...

את הכל עשה יפה בעתו... (ג. יא.)

דערויף ווערט געזאָגט אין מדרש רבה: „רבי אומר, אפילו לדבר עבירה יפה בעתו".

דער זין פונ'ם דאָזיגען, אין פלוג אונפערשטענדליכען מאמר, איז, אַז אַפילו ביים

טהון אַנ׳עבירה איז אַנ׳אונטערשיד אין דער צייט, ווען דאָס ווערט געטהון. אַנ׳אַלטער מאַן, אַז ער זינדיגט, אַ „זקן מנאף״, איז זיין פערברעכען לאין־ערך גרעסער, ווי די זעלבע עבירה ווערט געטהון דורך אַ יונגערמאַן, ווי עס ווערט געדרש׳נט אין ירושלמי (יומא פ״ו) אויפ׳ן פסוק „אם יהיו חטאיכם כשנים כשלג ילבינו״, אַז די זינד פון מענש ווערען אַבגעשאַצט „כשנים״, לויט די יאָהרען, אין וועלכע יאָהרען פון זיין לעבען ער איז די זינד בעגאַנגען...

(עבודת הלויים)

והאלקים יבקש את נרדף... (ג. טו.)

ער זוכט איהם, דען עס איז איהם נישט אַזוי לייכט צו געפינען, מחמת יעדער איינער, מיט וועמען איהר זאָלט נישט רעדען, טענה׳ט, אַז ער איז דער נרדף. יעדער אכזר און יעדער רשע־מרושע שפּיעלט די ראָלע פון אַ קאָזאַק הנגזל...

ומותר האדם מן הבהמה אין... (ג. יט.)

די מעלה פונ׳ם מענש איז, וואָס ער קאָן געוועלטיגען איבער זיך און זאָגען: „אין״ — ניין!...

(בינה לעתים)

ושבח אני את המתים שכבר מתו מן החיים אשר המה חיים עדנה... (ד. ב.)

לויבען און נאַכזאָגען שבחים אויף די געשטאָרבענע קאָן מען נור דאַמאָלס, ווען מען טהוט פריהער אַ קוק אויף די לעבעדיגע, אויף דעם דור, וואָס זיי האָבען נאָך זיך איבערגעלאָזען. לויט דער אויפפיהרונג פון די קינדער קאָן מען וויסען, ווער די עלטערען זענען...

(ילקוט אליעזר)

פון דור צו דור ווערען די מענשען אַלץ מעהר פערדאָרבען, און בשעת מיר קוקען זיך צו צו די מעשׂים פון די לעבעדיגע רשעים, הויבען מיר אָן בענקען נאָך די גע־שטאָרבענע, נאָך די רשעים פון אַמאָל, מחמת אין פערגלייך מיט די הייניגע זענען זיי געווען אמת׳ע צדיקים...

(רוח חכמים)

דער רבי ר׳ בונם פלעגט זאָגען: „ראיתי רשע עריץ ומתערה כאזרח רענן, ויעבור והנה איננו ואבקשהו ולא נמצא״ (תהלים ל״ז). אויב ס׳איז „ויעבור והנה איננו״, אויב דער רשע איז שוין נישטאָ, טאָ נאָך וואָס איז דער „ואבקשהו ולא נמצא״, וואָס האָט איהם עפּעס דוד המלך אַרומגעזוכט? ער האָט איהם אַרומגעזוכט דערפאַר, ווייל זעהענדיג די פרישע רשעים, וועלכע זענען אויסגעוואַקסען אויף זיין אָרט, האָבען די אַמאָליגע רשעים אויסגעזעהען לגבי איהם, ווי צדיקים...

בעת רבי הערשעלע וואָלאָזשינער איז געווען אין אויסלאַנד אויף קוראַציע, האָט ער, דאַוונענדיג שבת אין שוהל, בעמערקט צו זיין גרויס פערוואונדערונג, אַז אַלע מתפללים זאָגען קדיש. האָט ער צוגערופען דעם שמש און איהם געפרעגט, צי האָט

אין דער שטאָדט געהערשט דאָס לעצטע יאָהר אַזאַ שרעקליכע עפּידעמיע ר״ל, וואָס אַלע מתפללים זענען ל״ע געוואָרען יתומים?

לאָכט דער שמש און ער ערקלערט איהם, אַז חס־ושלום, עס האָט ביי זיי, גאָט זאָל אויסהיטען, קיין שום עפּידעמיע נישט געהערשט. נאָר גאַנץ פּשוט — די אידען האָבען ביי זיך נישט קיין גרויס חשק צום דאַוונען און אין שוהל אַריין קומען נאָר די יעניגע, וועלכע דאַרפען קדיש זאָגען...

— איצט — שמייכעלט רבי הערשעלע — פאַרשטעה איך ערשט דעם ריכטיגען פּשט פון האַרבען פּסוק אין קהלת: „ושבח אני את המתים שכבר מתו מן החיים אשר המה חיים עדנה״, אַז די טויטע שטעהען העכער פון די לעבעדיגע, וואָס לעבען נאָך. ווארום והא ראיה: די לעבעדיגע טאַטעס זענען נישט אימשטאַנד צו ברענגען זייערע קינדער אין שוהל אַריין און די טויטע טאַטעס בעוויזען עס יאָ...

ממלך זקן וכסיל... (ד. יג.)

אַליין איז ער דוקא, דער יצר־הרע, אַ חכם־מחוכם — און „כ ס י ל״ הייסט ער בלויז דערפאַר, ווייל ער האַנדעלט מיט נאַראַנים...

(חדושי הרי״ם)

וקרוב לשמוע מתת... (ד. יז.)

הערען תורה און כל מיני מוסר־ווערטער איז אַ סך לייכטער, ווי — צו געבען אַ גראָשען!...

(רבי ישעיה׳לע פּראַגער)

אם עושק רש וגזל וכו׳ תראה במדינה אל תתמה וכו׳ כי גבוה מעל גבוה שומר... (ה. ז.)

„כי גבוה מעל גבוה שומר״ — „איין האַנד וואַשט די צווייטע״ — איין שוטר און שופט שיצט און היט דעם צווייטען, אַז די בעגאַנגענע אונגערעכטיגקייטען און פאַלשקייטען זאָלען, חלילה, נישט אַרויסקומען אויף דער ליכטיגער שיין!...

(רבי יצחק־יעקב ריינעס)

ברבות הטובה רבו אוכליה ומה כשרון לבעליה כי אם ראות עיניו... (ה. י.)

עס ווערט געזאָגט אין זוהר: „מאן דאכיל לאו דיליה בעית לאסתכלא ביה״ (דער, וואָס עסט נישט זיינס, טאָר מען איהם אין פּנים אַריין נישט קוקען), און דאָס איז דער זין: „ברבות הטובה רבו אוכליה״ דער מענש האָט דאָס רעכט צו עסען פונ׳ם בעסטען און פון שענסטען, צו געניסען פון אַלעם גוטען, אָבער „ומה כשרון לבעליה״, דאָס אייני־ציגע, וואָס ווערט פון איהם דערביי געפאָדערט, איז — „כי אם ראות עיניו״, ער זאָל דערביי קאָנען די מענשען קוקען גלייך אין די אויגען אַריין, אַז דאָס וואָס ער עסט, זאָל זיין זיינס, נישט יענעמס, נישט פאַר פרעמדע פראַצע און פרעמד געלד, באַנקראָט־געלד...

(רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָהן)

והשבע לעשיר איננו מניח לו לישון... (ה. יא.)

די זאַטקייט פונ׳ם עושר לאָזט יענעם, דעם צווייטען, נישט שלאָפען — מחמת קנאה...

(חתם־סופר)

דער עושר האָט שטענדיג צו טהון מיט׳ן עסען: עסט ער צו־פיעל, האָט ער מורא, עס זאָל איהם נישט פערשאַדען, עסט ער צו־ווייניג — איז דאָך ווידער קיין תכלית נישט...

(שמע יעקב)

עושר שמור לבעליו לרעתו... (ה. יב.)

גאַנץ אָפט היט דאָס עשירות דעם בעל־הבית, אַז ער זאָל חלילה נישט געניסען און נישט נהנה זיין דערפון...

(תפארת עוזיאל)

רבי מענדעלי קאָצקער האָט זיך אַמאָל געווענדעט צו אַ איד אַ קמצן, וועלכער האָט נישט נהנה געווען פון זיין פערמעגען, און איהם געפרעגט:

— וואו איז דיין עולם־הזה?

— וואָס הייסט? — פערשטעהט יענער נישט די שאלה — ווייניג עולם־הזה האָב איך? ווייניג געלד? ווייניג פאַרמעגען?

— ניין — מאַכט צו איהם דער קאָצקער — דאָס איז דאָך דיין עולם־הבא, וואָרום פון דעם דאָזיגען פערמעגען האָסטו דאָך אויף דער וועלט קיין שום הנאה נישט. פרעג איך דיך דעריבער: וואו איז דיין עולם־הזה?...

ואיננו חסר לנפשו מכל אשר יתאוה... (ו. ב.)

עס ווערט איהם, דעם מענש, קיינמאָל נישט ווייניגער פון דעם, וואָס ער גלוסט, דען מיט׳ן מאָמענט, ווי די תאוה, צו וועלכער ער האָט געשטרעבט, ווערט בעפרידיגט, פערנעהמט תיכף דאָס אָרט אַ צווייטע תאוה...

(קול יעקב)

טוב שם משמן טוב ויום המות מיום הולדו... (ז. א.)

וואָס פאַר אַ צוזאַמענהאַנג האָבען די צוויי פערגלייכונגען?

נאָר אין די פאַרצייטישע דורות איז געווען אַ מנהג ביי די קעניגליכע און אַריסטאָקראַטישע פאַמיליעס, אַז די „שליא" (דאָס הייבעל) פון אַ ניי געבוירען קינד פלעגט מען האַלטען אין בוימאייל, ווי מיר געפינען אין דער גמרא: „בנות מלכים טומנות את השליא בספלים של שמן" (שבת קכ״ט), און דאָס אַלזאָ איז דער פערגלייך: „טוב שם משמן טוב", דער גוטער נאָמען וואָס מען לאָזט איבער ביים פערלאָזען די וועלט, איז ווערטפולער פונ׳ם טייערען בוימאייל, וואָס ווערט בענוצט אינ׳ם טאָג פון געבוירען און — „ויום המות מיום הולדו".

(רבי ברוך פרידענבערג)

„ויום המות מיום הולדו" — דער „יום המות" הויבט־זיך־אָן „מיום־הולדו". דער מענש שטאַרבט ביסלעכוויז, ביסלעכוויז; מיט יעדען איינציגען טאָג ווערט פערקירצט און אָבגעשטאָרבען אַ טייל פון זיין לעבען...

(עוללות אפרים)

טוב כעס משחוק כי ברוע פנים ייטב לב... (ז. ג.)

גוט איז נאָר אַזאַ כעס, וואָס איז „ברוע פנים" און „ייטב לב", דאָס פנים איז מכלומר'שט בייז, אָבער דאָס האַרץ איז דערביי רוהיג און גוט. דער כעס איז נאָר אָנ־אויסערליכער, אָבער נישט קיין אינערליכער...

(אמתחת בנימין אין נאָמען פון בעש"ט)

טוב לשמוע גערת חכם מאיש שומע שיר כסילים... (ז. ה.)

אין דער ערשטער דרשה, וואָס רבי שמעלקי ניקעלשבורגער האָט געהאַלטען ווערענדיג אויפגענומען אַלס רב, האָט ער אַ חוץ לומדות און גאונות אויך אַרויסגע־וויזען גרויס בעהאַוועטקייט אין ידיעות־העולם, אין פרעמדע ליטעראַטור. בעת מען האָט איהם שפעטער געפרעגט, צוליעב וואָס ער האָט זיך אַזוי בעמיהט אַרויסצו־ווייזען אין דער דרשה זיינע קענטעניסען אין וועלט־זאַכען, האָט ער גענטפערט: „טוב לשמוע גערת חכם מאיש שומע שיר כסילים", מוסר איז גוט צו הערען פון אַזעלכען, וועלכער איז דערביי אַ „שומע שיר כסילים", וועלכער האָט אַ ידיעה אויך אין די „נאַרישקייטען", כדי מען זאָל איהם נישט קאָנען פאַרוואַרפען, אַז ער איז אַנ־אָבגעשטאַנענער מענש, אַ בטלן...

(שמן הטוב)

טוב אחרית דבר מראשיתו... (ז. ח.)

דעם „אחרית דבר" איז נויטיג פאַראויסצוזעהען און אויסצורעכענען „מראשיתו", באַלד אין אָנהויב, נאָך איידער מען געהט טהון די זאַך...

(כתב סופר)

כי כעס בחיק כסילים ינוח... (ז. ט.)

דער שוטה בשעת ער בייזערט זיך — „ינוח", האָט ער אַ הנאה, אַ נחת־רוח דערפון...

(אמרי צדיקים)

כי בצל החכמה בצל הכסף... (ז. יב.)

איז אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס זעהען מיר, אַז געהן געהט דער חכם צום עושר און נישט פערקעהרט?

מחמת דער חכם, ווייל ער איז אַ חכם, ווייסט ער די מעלה פון עשירות, דער עושר דאַגעגען ווייסט נישט די מעלה פון חכמה...

(מכלל יופי)

ביום טובה היה בטוב... (ז. יד.)

ווייז אַרויס דיין גוטסקייט — בשעת עס איז דיר גוט, דען עפ״י רוב האָבען לײדער, נאָר די אָרימעלייט גוטע הערצער...

(ספר הישר לרבינו תם)

למה תמות בלא עתך... (ז. יז.)

מענשען האָבען עפ״י רוב קיינמאָל קיין צייט נישט און וועגען וואָס אַ דבר־טוב מען זאָל צו זיי נישט קומען, ענטפערען זיי, אַז זיי זענען שרעקליך פערנומען, אַז זיי האָבען אפילו קיין צייט נישט אויסצוהערען אין וואָס עס האַנדעלט זיך... אָבער אויף וועז, אייגענטליך, לעגסטו אָב די אַלע זאַכען? ווען וועסטו דען יאָ האָבען צייט? „למה תמות בלא עתך״, אין די לעצטע מינוטען, ווען דער מלאך־המות וועט זיך בעוויזען, דאַמאָלס וועסטו דאָך אודאי און קיין צייט נישט האָבען...

(רבי ברוך מעזשיבוזשער)

אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא... (ז. כ.)

עס איז קיין צדיק נישט דער־יעניגער, וועלכער רעדט־זיך־איין, אַז ער טהוט בלויז גוטס און זינדיגט נישט!...

(רבי משה־לייב סאַסעווער)

אמרתי אחכמה והיא רחוקה ממני... (ז. כג.)

אויב איך רעד מיר איין, אַז איך בין קלוג, איז עס אַ סימן, אַז — „והיא רחוקה ממני״!...

(רבי מנחם־מענדעל מקאָצק)

ומוצא אני מר ממות את האשה... (ז. כו.)

און פאַרוואָס אין משלי (יח.) זאָגט שלמה המלך פערקעהרט: „מצא אשה מצא טוב״?

נאָר — זאָגען חסידים דערויף אַ ווערטעל — אַמאָל, ווען אַ ווייב האָט מען זיך נישט גענומען אַליין, נאָר עס איז געוועזן „מצא אשה״, די אשה האָט פאַר איהם אויסגעפונען אַ צווייטער, אַ שדכן, פערלאָזענדיג זיך דערביי אויפ׳ן מבינות פון די עלטערן, איז טאַקי געוועזן „מצא טוב״, דען די עלטערן, אַלס ערפאַהרענע, פראַקטישע מענשען, האָבען זיך די מיה געגעבען און גרויס אַכט געלעגט, אַז דער שידוך זאָל זיין אַ פאַסענדער. דאַגעגען אָבער „ומוצא אני את האשה״, ווען מען איז אַ „ומוצא אני״, ווען מען נעהמט זיך אַליין און מען איז זיך נישט מישב מיט קיינעם, לאָזענדיג זיך פיהרען פון דעם אייגענעם לייכטזיניגען געפיהל און מאָמענטאַלען איינדרוק, דאַן טרעפט מען עפ״י רוב אויף — „מר ממות״...

אדם אחד מאלף מצאתי... (ז. כח.)

פון טויזענד מענשען וואָלט מען אפשר געקאָנט מאַכען א י י נ ע ם. איינער איז

אַ בן־תורה, דער צווייטער אַ ירא־שמים, דער דריטער איז אַ בעל־צדקה, דער פירטער — אַ סבלן, דער פינפטער — אַנ׳עניו, דער זעקסטער — אַ דובר־אמת, און אַזוי ווייטער... איז אַט פון די אַלע מענשען וואָלט מען קוים געקאָנט צונויפשטעלען איין ריכטיגען, פולקאָמענעם מענש!...

(בינה לעתים)

ובכן ראיתי רשעים קבורים ובאו וממקום קדוש יהלכו וישתכחו בעיר אשר כן עשו... (ח. י.)

דאָס בית־הקברות זענען מיר געוואוינט צו רופען בלשון סגי־נהור, מיט אַ פּער־קעהרטען נאָמען: „בית החיים״, און מעגליך, אַז אויך דער פסוק דאָ בענוצט זיך מיט׳ן זעלבען לשון נקיה און אַנשטאָט „מקום טמא״ רופט ער אָן דעם בית־הקברות „מקום קדוש״, און דער זין פון די ווערטער איז: „ובכן ראיתי רשעים קבורים ובאו״, בשעת די רשעים שטאַרבען און מען פיהרט זיי צו קבורה, דאַן ווי נור „וממקום קדוש יהלכו״, ווי נור מען קומט צוריק פון בית־עולם, פון „מקום קדוש״ — „וישתכחו בעיר אשר כן עשו״, ווערען זיי שנעל פערגעסען אין דער שטאָדט, וואו זיי האָבען זייער ל׳עבען פערברענגט און אַלע זייערע מעשים דורכגעפיהרט, אין אַ גאַנץ קורצער צייט בלייבט קיין זכר נישט פון זיי און עס ווערט דורך קיינעם זייער נאָמען נישט דער־מאָהנט...

כי לא יוכל האדם למצוא את המעשה אשר נעשה תחת השמש... (ח. יז.)

אויפ׳ן פסוק „ראמות לאויל חכמות״ (משלי כד. ז.) זאָגט דער מדרש (אין קהלת) דריי משלים. איין משל איז: „לככר שהיה בשמי קורה״, צו אַ ברויט, וואָס איז געלעגען אויף אַ הויכען באַלקען און קיינער האָט נישט געקאָנט דערלאַנגען אַהין, ביז עס איז געקומען אַ חכם און ער האָט געזאָגט: „אני אקשר סולם בסולם״, איך וועל צונויפ־בינדען אַ לייטער צו אַ לייטער און אַרויפגעהן אַהין און דאָס ברויט אַראָבנעהמען...
אַ צווייטער משל איז: „למים יפים שהיו בבור עמוק״, צו גוטע, זיסע וואַסער, וועלכע זענען געווען אין אַ טיפען גרוב און מען האָט נישט געקאָנט צו זיי דערגרייכען, ביז עס איז געקומען אַ חכם און האָט געזאָגט: „אני אקשר חבל בחבל״, איך וועל צונויפ־בינדען אַ שטריק מיט אַ שטריק און אַראָבלאָזען אַנ׳עמער און שעפּען דאָס וואַסער...
אַ דריטער משל איז: „למלך ששכר פועלים לשאוב מים בחביות מנוקבות״, צו אַ מלך, וועלכער האָט געדונגען אַרבייטער, זיי זאָלען שעפּען וואַסער אין לעכערדיגע עמערס, האָבען די אַרבייטער געזאָגט צו איהם: ווי־אַזוי, מלך, קאָנען מיר עס טהון און צו־וואָס נוצט עס דען?... ביז עס איז געקומען אַ חכם און האָט געזאָגט: „מאי איכפת לי, שכרי אני נוטל״ — וואָס אינטערעסירט דאָס מיך? אַבי איך בעקום מיין שכר!...
דער אונטערשיעד צווישען דידאָזיגע דריי חכמים — האָט דערויף בעמערקט רבי מענדעלע קאָצקער — איז אַזוי. דער ערשטער חכם האָט געזאָגט: אויב דאָס ברויט ליעגט אויף אַ הויכען באַלקען, האָט דאָך דאָס עמיצער פריהער געמוזט אַהין אַרויפ־לעגען; הייסט דאָך עס, אַז עס איז פאַרהאַן אַ וועג צוצוקומען אַהין — נו, וועל איך זיך בעמיהען דעם וועג צו געפינען.
דער צווייטער חכם איז געגאַנגען נאָך ווייטער און האָט זיך אונטערגענומען צו

געפינען אַ וועג אויך צום וואַסער אין טיעפען גרוב, צו וועלכען עס איז נאָך קיינער פריהער נישט צוגעקומען און קיינער פאַר איהם האָט דעם וועג נישט געוואוסט.

אַמווייסטען אָבער פון זיי בײדע איז געגאַנגען דער דריטער חכם, וועלכער האָט זאָגאַר מסכים געווען צו שעפּען וואַסער אין געלעכערטע עמערס; וואָרום נישט דאָס, וואָס מיר קליינע מענשעלעך מיינען אַז עס איז אַ „וועג" — איז באמת אַ וועג, און נישט דאָס, וואָס מיר האַלטען פאַר אַ „תכלית" — איז באמת אַ תכלית!

און דער קאַצקער האָט דערויף צוגעגעבען: אָט דער דריטער חכם איז געווען דער קליגסטער פון אַלע...

בכל עת יהי׳ בגדיך לבנים ושמן על ראשך לא יחסר... (ט. ה.)

ווייסער שטאָף כאַפּט זעהר לייכט פלעקען פון יעדע מינדעסטער זאַך. איין טראָפּען פעטס, איין טראָפּען טינט — און עס ווערט גלייך דערפון אַ גרויסער אַנזעהעוודיגער פגם, וועלכען עס קומט נאָכהער שווער אָן צו בעזייטיגען.

דער מענש דאַרף אין זיין אויפפיהרונג זיך תמיד פאַרשטעלען, ווי ער וואָלט געווען געקליידעט אין זויבער־ווייסע מלבושים און אויפ׳ן קאָפּ וואָלט ער בעת־מעשה געטראָגען אַ פולען קרוג מיט בוימאייל און ער דאַרף זיך דעריבער שטאַרק היטען, שטעלען זעהר פאָרזיכטיגע טריט, און אויף איין מאָמענט נישט מסיח־דעת זיין, אַז ביי דער מינדעסטער וואַקלעניש, ביי דער מינדעסטער אונפאָרזיכטיגקייט, איז ער עלול פערפלעקט צו ווערען פון קאָפּ ביז די פיס...

(עוללות אפרים)

כל אשר תמצא ידך לעשות בכוחך עשה כי אין מעשה וחשבון ודעת וחכמה בשאול אשר אתה הולך שמה... (ט. י.)

כאַרהאָן גבירים, וואָס ביים לעבען ווילען זיי אַ גראָשען צדקה נישט געבען, נאָר ערשט פאַר׳ן טויט פועל׳ן זיי ביי זיך איבערצולאָזען אין די הענד פון פערשידענע אפּוטרופּסים אַ געוויסען קאַפּיטאַל אַלס פאָנד, פון וועלכען די יעהרליכע צינזען זאָלען פערוועדעט ווערען אויף פערשידענע דברים שבצדקה. צו אָט די דאָזיגע נדבנים ווענדעט זיך קהלת און וואָרענט זיי: „כל אשר תמצא ידך לעשות בכחך עשה", וואָס דו קאָנסט און ווילסט טהון — טהו אַליין, כל־זמן דו לעבסט און לאָז עס נישט איבער אויף נאָכ׳ן טויט, וואָרום „כי אין מעשה וחשבון וכו׳ בשאול אשר אתה הולך שמה", על־פי־רוב איז נישטאָ קיין חשבון און קיין קאָנטראָל איבער די אַלע געלדער, מיט וועלכע עס בעל־הבית׳עווען פרעמדע אפּוטרופּסים, על־פי־רוב ווערט פון די אַלע געלדער אַ ווייסטער תל...

(רבי אברהם־בנימין קלוגער)

„כי אין מעשה וחשבון ודעת וחכמה בשאול"...

אויף צו זינדיגען און צו קייקלען זיך באַרג אַראָב, אין גיהנום אַריין, דאַרף מען נישט זיין קיין גרויסער בעל־מעשה און בעל־חשבון, און עס איז נישט נויטיג דערצו, נישט קיין דעת און נישט קיין חכמה — דאָס קאָן יעדער גראָבער יונג בעוויזען...

(שמן המור)

לא לחכמים לחם וגם לא לנבונים עושר... (ט. יא.)

דען עס איז הא בהא תליא: ווען די עשירים וואָלטען זיין „נבונים" און געהאַט שכל, דאַן וואָלטען זיי געווען געזאָרגט און נישט צוגעלאָזט צום „לא לחכמים לחם", אַז די חכמים און געלעהרטע זאָלען דאַרפען הונגערען...

(מעט מזעיר)

משה מענדעלסאָן האָט יאָהרען־לאַנג געדיענט אַלס בוכהאַלטער ביי אַ געוויסען בערלינער סוחר, אַ גביר אדיר, וועלכער איז געווען אַ פּראָסטער מענש, אַ גרויסער עם־הארץ.

— זעה — רופט זיך אַמאָל אָן צו מענדעלסאָנ'ען איינער פון זיינע פריינד — ווי נישט ריכטיג דער אויבערשטער פיהרט די וועלט: דו, וואָס דו ביזט אַזוי געביל־דעט, דאַרפסט זיין אַ „מענש" ביי יענעם, און דיין בעל־הבית, אַ פּראָסטאַק, פיהרט אַזעלכע ריזיגע געשעפטען און איז אַזוי רייך! איז עס אַ יושר אַזוי?

— אדרבה! — ענטפערט איהם מענדעלסאָן — אָט דאָס בעוויזט טאַקע, פער־קעהרט, ווי ריכטיג דער אויבערשטער פיהרט באמת זיין וועלטעל. איך, זייענדיג געבילדעט, קאָן האָבען חיונה ווערענדיג אַ בוכהאַלטער; וואָס וואָלט אָבער מיין בעל־הבית' נעבעך געקאָנט טהון, ווען ער וואָלט נישט געווען קיין גביר?...

„לא לחכמים לחם"... דען אויב — זאָגט דער אויבערשטער צום מענש — דו ביזט יאָ ביי זיך אַזאַ גרויסער חכם, טאָ בעוויז דיין בריה'שאַפט און נעהם דיר אַליין!...

(רבי מנחם־מענדעל מקאָצק)

„לא לחכמים לחם"... עס שטעהט נישט „ל ח כ ם", נאָר „ל ח כ מ י ם": דער ערגסטער משא־ומתן איז, ווען ער ווערט געפיהרט צווישען צוויי חכמים, וועלכע בעמיהען זיך איבערצוקליגען און איבערצוכיטרעווען איינער דעם צווייטען — און דער סוף איז, אַז זיי האָבען דאַן ב י י ד ע קיין ברויט נישט!...

(אַ פאָלקס־ווערטעל)

רבי יהושע'לע קוטנער פלעגט טייטשען דעם מאמר חז"ל „חכם שמת הכל קרוביו": מיט אַ תלמיד־חכם ווערען אַלע ק ר ו ב י ם ערשט נאָך זיין טויט, ערשט דאַמאָלס נעהמען זיי זיך מיט איהם יחוס'ן, ווערענד ביים לעבען, אויב ער ליידט דחקות, איז קיינער פון די אַלע קרובים מיט איהם קיין מחותן נישט!...

וחכמת המסכן בזויה... (ט. טז.)

די חכמה פון אָרימאַן איז: בזויה, נישט נתפעל צו ווערען און נישט צו נעהמען זיך צום האַרצען, וואָס מען איז איהם מבזה...

(רבי ר' בונם)

וגם בדרך כשהסכל הולך וכו' ואמר לכל סכל הוא... (י. ג.)

„הטפש סבר דכל־עלמא טפשין הן" (דער נאַר האַלט די גאַנצע וועלט פאַר נאַ־ראָנים)!...

(מדרש רבה)

והכסף יענה את הכל... (י. יט.)

אויב איינער, למשל, איז אַ מחוצף אָ ה ן געלד, זאָגט מען אויף איהם: „מדחציף כולי האי, שמע מינה ממזר הוא״; אויב אָבער ער איז אַ מחוצף מ י ט געלד, דאַן זאָגט מען שוין אויף איהם עפּעס אַנדערש: — „עשיר יענה עזות״...

(שיחות חולין של ת״ח)

שמח בחור בילדותך וכו׳ ודע כי על כל אלה יביאך האלקים במשפט... (יא. ט.)

אַט דאָס איז די העכסטע מדרגה, צו קענען פעראייניגען אַט די בײדע זאַכען צוזאַמען: „שמח בחור בילדותך״ און דאָך — „ודע כי על כל אלה יביאך האלקים במשפט״, הנאה האָבען פון לעבען און דערביי אויף איין רגע חלילה נישט צו פערגעסען, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט!...

(ר׳ דוד׳ל קאָצקער)

והגיעו שנים אשר תאמר אין לי בהם חפץ וכו׳ וסגרו דלתים בשוק... (יב. א. ד.)

דאָס טרויעריגסטע צווישען די אַלע זאַכען, וואָס ערוואַרטען דעם מענש אויף די עלטערע יאָהרען, איז דער „וסגרו דלתים בשוק״, דאָס וואָס די אייגענע קינדער פערשליסען פאַר איהם די טהירען: די שנור שיקט איהם צו דער טאָכטער און דער איידעם צום זוהן...

(רבי מאיר׳ל פרימישליאַנער)

ספרים הרבה אין קץ... (יב. יב.)

„שלשה ספרים — זאָגען די חז״ל — נפתחין בראש־השנה, אחד של רשעים גמורין ואחד של צדיקים גמורין ואחד של בינונים״... אויך ווערט געזאָגט: „אין משיח בן־דוד בא אלא בדור שכלו זכאי או כלו חייב״... קומט אַלזאָ ממילא אויס, אַז כל־זמן עס וועלען זיין „ספרים הרבה״, כל־זמן עס וועלען דאַרפען עקזיסטירען פאַר די מענשען „דריי ספרים״, פאַר צדיקים, רשעים און בינונים, אַזוי אַז נישט די צדיקים וועלען קאָנען מכריע זיין די רשעים און נישט פערקעהרט, דאַן איז — „א י ן ק ץ״, וועט דער „קץ״ נישט קאָנען קומען...

(אלשיך)

„עשות ספרים הרבה אין קץ״...

צו רבי איזיל חריף, דעם סלאָנימער רב, איז אַמאָל געקומען אַ מחבר בעטען אַ הסכמה אויף זיינעם אַ פּירוש אויף שיר־השירים. בלעטערט רבי איזיל דעם פירוש און בעמערקט אַלע ווײלע מיט התפּעלות: „דעם מלבי״ם׳ס שניט״... „אַוואַ, אַוואַ! ממש דעם מלבי״ם׳ס שניט״... דער מחבר האָט זיך פונ׳ם דאָזיגען קאָמפּלימענט שטאַרק דערפרעהט — און ער איז דעריבער געבליבען שטאַרק פערוואונדערט, ווען נאָך דעם אַלעם האָט איהם רבי איזיל נישט געוואָלט אונשרייבען קיין הסכמה.

— ס'טייטש — חידוש'ט ער זיך — איהר זאָגט דאָך אַליין, אַז ס'איז „דעם מלבי"ם'ס שניט"?...

— ריכטיג — ערקלערט איהם רבי אייזיל — איהר געהטווירקליך אויפ'ן מלבי"ם'ס דרך. אויף אחשורוש'ן זאָגט די גמרא, אַז ער איז געווען אַ „מלך טפש", קומט אָבער דער מלבי"ם אין זיין פירוש אויף מגילת־אסתר און מאַכט פון איהם אַ חכם־מחוכם. איהר ווידער מאַכט דאָסזעלבע פאַרקעהרט; אויף שלמה־המלך זאָגט דער פסוק: „ויחכם מכל האדם" — לויט אייער פירוש אָבער אויף שיר־השירים קומט אויס, אַז ער איז געווען אַ מורא'דיגער שוטה!...

צו רבי דוד נאַוואָראַדקער (דער בעל „גליא מסכת") איז געקומען נאָך אַ הסכמה אַ מחבר מיט אַ פירוש אויף תורה. דער פירוש איז געווען געדרוקט מיט'ן חומש אינאיינעם.

רבי דוד קוקט אַריין אין חבור און רעדט ווי צו זיך:

— אַ שכל גדול...

ער כאַפּט אַ קוק אין אַ פּאָר בלעטער ווייטער און זאָגט:

— אַנ'איינפאַל... אַ המצאה...

דער מחבר זיצט און קוועלט פון נחת. אין אַ ווייל'ע אַרום דערלאַנגט רבי דוד איהם צוריק דעם חבור, מיט אַנ'אנצוהערעניש, אַז ער האָט נישט מעהר אויף וואָס צו וואַרטען.

— ס'טייטש, רבי — חידוש'ט זיך דער מחבר — בעת איהר האָט מעיין געווען אין מיין פירוש, האָט איהר דאָך עטליכע מאָל געזאָגט: „אַ שכל גדול, אַנ'איינפאַל, אַ המצאה"?...

— כ'האָב געמיינט צו זאָגען — ענטפערט איהם רבי דוד — אַז עס איז געווען פון אייך אַ שכל גדול צו דרוקען אייער פירוש מיט'ן חומש אינאיינעם: איצט קאָן מען מיט אייער חבור גאָרנישט טהון — נישט מען מעג איהם פאַרברענען, נישט מען מעג איהם אַרויסוואַרפען!...

צו רבי יצחק וואָלאָזשינער האָט אַ מחבר געבראַכט אַ פירוש אויף שיר־השירים, משלי און איוב און געבעטען אַ הסכמה. האָט ער איהם אויף איוב די הסכמה געגעבען, דאַגעגען אויף שיר־השירים און משלי נישט. חידוש'ט זיך דער מחבר: פאַרוואָס עפּעס?...

— פאַרשטעהט איהר מיך — ערקלערט איהם דער וואָלאָזשינער — איוב האָט געהאַט אַזוי פיעל צרות — מילא, איז איהם שוין נישט קיין גרויסע נפקא־מינה, ווען ער האָבען נאָך אַ צרה!... אָבער וואָס האָט איהר נעבעך צו שלמה המלך?...

צו רבי אייזיל חריף איז אַמאָל געקומען אַ מחבר בעטען אַ הסכמה אויף אַ ספר. היות, האָט ער זיך געקלאָגט, ער איז ל"ע קראַנק און ער דאַרף זיך קורירען און האָט קיין געלד נישט, לכן האָט ער בעשלאָסען אַרויסצוגעבען אַ ספר און אויב ער וועט האָבען אַ הסכמה פון איהם, דעם סלאָנימער גאון, וועט מען עס זיכער קויפען און ער וועט האָבען געלד צו קורירען זיך. דערויף האָט רבי אייזיל, דורכבלעטערענדיג דאָס ספר און זעהענדיג, אַז עס האָט קיין שום ווערט נישט, איהם געענטפערט, אַז לפי דעתו איז בעסער צו זיין קראַנק, איידער צו זיין אַ מחבר. אַ ראיה פון דער גמרא אין ברכות. אין דער גמרא ווערט דערצעהלט וועגען אַ ספק, וואָס איז ענטשטאַנען צווי־

שען ישעיה הנביא און חזקיה המלך. חזקיהו האָט געזאָגט: „ליתי ישעי׳ גבאי״, זאָל ישעי׳ קומען צו מיר און ישעי׳ האָט געהאַלטען, אַז חזקיהו דאַרף קומען צו איהם. „מה עשה הקב״ה? הביא יסורים על חזקיהו ואמר לי לישעי׳: לך ובקר את החולה״ (ברכות י׳). איז דאָך אַין פלוג קשה: צוליעב וואָס איז נויטיג געווען, אַז חזקיהו זאָל קראַנק ווערען בכדי ישעי׳ זאָל איהם קומען מבקר חולה זיין, עס איז דאָך מעגליך געווען אַ לייכטערער אויסוועג, אַז חזקיהו, וועלכער איז געווען אַ גדול בתורה, זאָל מחבר זיין אַ ספר, צוליעב וואָס ער וואָלט געמוזט געהן צו ישעיה׳ן, אַלס צום נביא און גדול הדור, נעמען ביי איהם אַ הסכמה, און אַזוי אַרום וואָלט געווען אַ געלעגענהייט, זיי זאָלען זיך טרעפען? נאָר מוז זיין, אַז דערפאַר איז בישט בענוצט געוואָרען דאָס דאָזיגע מיטעל, ווייל עס איז שוין בעסער צו זיין קראַנק, אידער צו זיין אַ מחבר, וואָס דאַרף בעטען הסכמות...

דער ווילנער גאון האָט אַמאָל געפרעגט דעם דובנער מגיד, פאַרוואָס ער פערפאַסט נישט קיין ספר, וואָס זאָל ענטהאַלטען זיינע דרשות און פשטים אויף תנ״ך און מדרש לויט אַ געוויסען סדר, אַזוי ווי אַנדערע גאונים און דרשנים טהוען? האָט איהם דערויף דער דובנער מגיד געענטפערט כדרכו, מיט אַ משל:

— אויף אַ גביר׳ישע חתונה קומען צום מאָהלצייט זעהר פיעל געסט, רייכע און אָרימע, אַלע עסען און טרינקען און זענען זיך משמח, דער חילוק איז אָבער: דער געבעטענער גאַסט זיצט ביים טיש און געניסט פון די מאכלים ומשקאות מיט אַ גע־וויסען סדר, פריהער עסט ער די פיש, דאַן נעמט ער אַ ביסעלע משקה, דערנאָך זופּ, פלייש, קאָמפּאָט און דאַן אַ גלעזעל וויין. דאַגעגען דער אָרימאַן שטעהט אַן אַ זייט און עסט שנעל וואָס עס בלייבט אויף די טעלערס אָדער וואָס מען וואַרפט איהם צו, אויף קיין סדר קאָן ער זיך נישט פערגינען צו וואַרטען און ער מישט אויס פיש מיט זופּ, פלייש מיט הערינג, קאַלט מיט וואַרימס, אַבי וויטער צו קאָנען נעמען וואָס מען דערלאַנגט איהם.

— דאָס זעלבע — האָט דער דובנער מגיד אויסגעפיהרט — איז אויך מיט מיר. דער גרויסער גאון, וועלכער זיצט שטענדיג ביי זיין הייליגען טיש על התורה ועל העבודה, איז ביכולת צו געניסען פון דער חכמה און חריפות, מיט וועלכע השי״ת האָט איהם געבענשט, מיט אַ סדר און אָרדנונג, אָבער איך, אַ וואַנדער־מגיד, וואָס שלעפּט זיך אַרום איבער שטעדט און שטעדטלעך, איך מוז זיך בעגנוגענען דערמיט, וואָס השי״ת וואַרפט מיר צו פון צייט צו צייט. אַט פאַלט מיר איין אַ פשט אויף אַ פסוק פון חבקוק און באַלד דערנאָך אַ משל אויף די רייד פון בלק צו בלעם׳ן, אָדער גאָר אַ דרש אויף פרשת נח. איך מוז די אַלע זאַכען פערצייכענען כּאַפּעדיגערהייד אָהן אַ סדר און זיך לאָזען ווייטער אין וועג אַריין...

רבי ישראל סאַלאַנטער פלעגט זאָגען: נישט אַלץ, וואָס מען טראַכט, מעג מען אַרויסריידען; נישט אַלץ, וואָס מען רעדט, מעג מען שרייבען, און נישט אַלץ, וואָס מען שרייבט מעג מען דרוקען...

דער אונטערשיד — האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט רבי העניך, דער רבי פון אַלעקסאַנדער — צווישען ווילנער גאון און דעם בעל־שם־טוב איז דער, וואָס דער ווילנער גאון האָט איבערגעלאָזט ספרים און דער בעש״ט — מענשען...

אֶסְתֵּר

פּאַרוואָס — פרעגען איניגע ראשונים — האָבען די חז״ל נישט מתקן געווען, אַז אויך פּורים, פּונקט ווי אַלע אַנדערע ימים־טובים, זאָל געפייערט ווערען צוויי טעג און מען זאָל אין בײדע טעג לייענען די מגילה משום ספיקא דיומא?

דער תירוץ איז: דער ספיקא דיומא איז איינגעפיהרט געוואָרען פאַר די אידען פון בבל, צו וועלכע די שליחים פון ארץ־ישראל האָבען מאַנכעס מאָל נישט בעוויזען צו קומען צו דער צייט און זיי מודיע זיין וועלכער טאָג עס איז דורכ׳ן בית־דין אין ארץ־ישראל בעשטימט געוואָרען אַלס ראש־חודש און ווען עס קומט־אויס צו פייערען דעם נאָהנטסטען יום־טוב. ביי פּורים אָבער האָט אַזאַ פאַל נישט געקאָנט געשעהען, מחמת דעם יום־טוב פון פּורים האָט מען דאָך מתקן געווען אין בבל גופא...

(אביר הרועים)

עשה משתה לכל שריו ועבדיו... (א. ג.)

„מפני מה נתחייבו שונאיהן של ישראל שבאותו הדור כליה? — מפני שנהנו מסעודתו של אותו רשע״ (מגילה י״ב)

עס שטעהט נישט: „מפני שאכלו״, אַז דערפאַר איז אויף זיי נגזר געוואָרען דער עונש, ווייל זיי זאָלען דאָרט האָבען געגעסען מאכלים אסורים, דערויף וואָלטען זיי געקענט האָבען אַ תירוץ, אַז זיי האָבען קיין ברירה נישט געהאַט, מען האָט זיי געצוואונגען דערצו. נעגש געוואָרען זענען זיי בלויז דערפאַר — „מפני שנהנו״, ווייל זיי האָבען הנאה געהאַט, צופרידען געווען און זיך געפרעהט מיט דער דאָזיגער שמחה, אויף וועלכער — ווי עס ווערט דערצעהלט אין דער גמרא — „אפיק מאני דבי מקדשא ואשתמש בהו״, מען האָט זיך בענוצט מיט די בערויבטע כלים פון בית־המקדש, און אַ פאָלק, וואָס האָט הנאה און לויפט זיך ווילען אויף אַזעלכע בעלער, וואו מען טריאומפירט מיט זיין חורבן — אַזאַ פאָלק איז חייב כליה...

(פרחי לבנון)

בהראותו את עושר כבוד מלכותו... (א. ד.)

צום אָסטראָווצער רבי׳ן איז אַמאָל געקומען אַ בעלזער „איניקעל״. דער אָסטראָווצער רבי, וועלכער האָט געהאַט גרויס התפעלות פאַר יעדען בנן של קדושים, האָט איהם זעהר שען אויפגענומען, געגומען זאָגען פאַר איהם פערשידענע חידושי־תורה און אויך געוויזען איהם זיינע כתבים. דאָס „איניקעל״ איז אָבער גראָד געווען אַ קנאַפּער מר־בר־רב־אשי, טהוט ער אַ פרומען קרעכץ און זאָגט:

— מיר, אָסטראָווצער רבי, זענען געוואוינט מיט עניוות, מיר האָבען זיך פיינד צו בעווייזען...

ענטפּערט איהם דערויף דער אַסטראָוּוצער רבי (וועלכער האָט, כידוע, אַליין נישט געשטאַמט פון קיין רבי׳שער דינאַסטיע) בתמימות:

— ביי אחשורוש׳ן, בשעת עס זענען זיך צונויפגעקומען צו איהם די שרי פרס ומדי, ווערט געזאָגט: „בהראותו את עושר כבוד מלכותו״. וואָס האָט ער זיי׳ עפּיס אַרומגעפיהרט וויזען זיין עשירות? נאָר אַ מלך אַ יחסן, אַ מלך בן מלך, האָט נישט נויטיג צו ריהמען זיך און צו בעווייזען זיך מיט זיין עשירות, וואָרום אַלע ווייסען ווער ער איז. וועגען אחשורוש׳ן אָבער זאָגען די חז״ל, אַז ער איז געווען אַ מולך מעצמו, האָט ער זיך דעריבער געדאַרפט ריהמען און בעווייזען „את עושר כבוד מלכותו״...

ימים רבים שמונים ומאת יום... (א. ד.)

דערויף ווערט געזאָגט אין מדרש־רבה, אַז ער האָט זיי געוויזען אין די דאָזיגע טעג די כלים פון בית־המקדש.

פאַרוואָס האָט דאָס געדאַרפט פערנעהמען פונקט הונדערט און אַכציג טעג?

האָט עס רבי יונתן אייבעשיץ ערקלערט מיט פאָלגענדען חשבון:

אין עזרא ווערט געזאָגט: „כל כלים לזהב ולכסף חמשת אלפים וארבע מאות, הכל העלה ששבצר עם העלות הגולה מבבל לירושלים״ (עזרא א. יא.), אַז פון בבל האָט מען נאָכהער צוריקגעפיהרט קיין ירושלים פינף טויזענד און פיער הונדערט כלים פון בית־המקדש. אין תרגום שני אויף׳ן דאָזיגען פּסוק דאָ ווערט געזאָגט: „שיתא בי גנזי הוא מחזי להון בכל יום מאה ותמנין יומין״, אַז יעדען טאָג האָט ער זיי געוויזען זעקס אוצרות („בי גנזי״). אַ סתם אוצר בעשטעהט פון פינף כלים, ווי עס איז צו זעהן פון דער גמרא: „איכא דאמרי ד׳ מאוצר קטן״ (שבת קכ״ו). נמצא, אַז אחשורוש האָט זיי יעדען טאָג געוויזען דרייסיג כלים, און אין הונדערט און אַכציג טעג — פינף טויזענד און פיער הונדערט כלים, פונקט אַזויפיעל, וויפיעל עס האָבען בעטראָפען די כלי בית־המקדש...

וכלים מכלים שונים וכו׳ והשתיה כדת אין אונס... (א. ז. ח.)

כאָטש די סעודה איז געפּראַוועט געוואָרען „לכל העם הנמצאים בשושן הבירה למגדול ועד קטן״, פאַר צענדליגער טויזענדער געסט, און כאָטש די געטראַנקען זענען דערלאַנגט געוואָרען בכלי זהב, דאָך — „והשתיה כדת אין אונס״, האָט זיך יעדער געקענט געמיטליך טרינקען וויפיעל און ווי לאַנג זיין הארץ האָט געגלוסט און ס׳איז קיינער נישט געווען געצוואונגען אויסצולעדיגען זיין בעכער און איהם אָבצוטרעטען פאַר׳ן צווייטען גאַסט, דען עס זענען געווען גענוג גאָלדענע כלים פאַר אַלעמען...

(מלבי״ם)

והשתיה כדת... (א. ח.)

„כדת של תורה אכילה מרובה משתיה״ (מגילה י״ב)

דערויף זאָגט רש״י, אַז די ראיה איז פון „אכילת המזבח״, וואו אויף אַ „פר ושלשת עשרונים סולת״ איז דער נסך בעשטאַנען ס״ה פון „חצי ההין יין״.

דער ווילנער גאון דאַגעגען ברענגט אַ ראיה פון אבות, וואו עס ווערט געזאָגט:

„כך דרכה של תורה, פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה״. ביי דער אכילה ווערט קיין שום שיעור נישט דערמאָהנט, נאָר סתם: „פת במלח תאכל״, ביי דער שתיה אָבער ווערט אָנגעוויזן אַ שיעור — „ומים במשורה״...

להביא את ושתי המלכה לפני המלך... (א. יא.)

„ובלבד שתהא ערומה״ (מגילה י״ב)

פון וואַנען דרינגען עס די חז״ל, אין פסוק ווערט דאָך עס גאָרנישט דערמאָהנט?

נאָר אויפ׳ן פסוק „וילך עשו השדה לצוד ציד להביא״ (בראשית כז. ה.) ווערט געזאָגט אין בעל־הטורים: „להביא — בגימטריא בגלוי״.

מעגליך, אַלזאָ, אַז אויך דאָ שטיצט זיך דער דרש אויף דער גימטריא פון וואָרט „להביא״.

(מגלת ספר)

ויאמר המלך לחכמים יודעי העתים... (א. יג.)

„יודעי העתים״ — פלעגט זאָגען רבי בעריש מייזעלש — מיינט מען די דיפּלאָ־מאַטען, וועלכע בייטען אָפּט זייערע מיינונגען און איבערצייגונגען, צופּאַסענדיג זיך צו דער צייט, צו דער קאָניונקטור, לויט ווי דער ווינד בלאָזט...

ויאמר ממוכן לפני המלך והשרים... (א. טז.)

„מכאן שההדיוט קופץ בראש״ (מגילה י״ב)

פון וואַנען איז עס געדרונגען פון פסוק, אַז ממוכן איז געווען דער ערשטער, דער קופץ בראש?

ווייל אין פלוג, צוליעב וואָס ווערען דאָ צוגעגעבען די ווערטער „לפני המלך והשרים״, עס שטעהט דאָך שוין פריהער דערמאָהנט, אַז די בעראַטונג איז פאָרגעקומען ביי׳ם מלך מיט דער בעטייליגונג פון די „שבעת שרי פרס ומדי״, איז דאָך זעלבסט־פערשטענדליך, אַז ער האָט גערעדט צו זיי!... דערפון האָבען, אַלזאָ, די חז״ל מדייק געווען, אַז „לפני המלך והשרים״ איז דער פשט, אַז ער האָט גערעדט — פ א ר זיי, פריהער פון זיי, דער סאַמע ערשטער און — „מכאן שההדיוט קופץ בראש״...

(ווילנער גאון)

„תנא, ממוכן זה המן ולמה נקרא שמו ממוכן, שמוכן לפורענות״ (מגילה י״ב)

דאַגעגען ברענגט דאָרט תוספות אין נאָמען פון אַ מדרש אַ מערקווירדיגען דרש, אַז ממוכן איז געווען דניאל, וועלכער האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַריסטאָקראַטישע פרוי, וועלכע האָט זיך געהאַלטען אַלס גרויסע מיוחסת און זי האָט גישט געוואָלט ריידען אויף זיין שפּראַך. און דעריבער האָט ער אויף דער דאָזיגער בעראַטונג גע־עצה׳ט דעם קעניג, אַז ער זאָל אַרויסגעבען אַ בעפעהל: „להיות כל איש שורר בביתו ומדבר בלשון עמו״...

אגב, געפינט זיך דער דאָזיגער מדרש אין מדרש „פנים אחרים״, הוצאת שלמה באָדער.

והיום הזה תאמרנה שרות פרס ומדי... (א. יח.)

„והיום הזה יהיה אמור והוא פעול" (אבן עזרא)

דען דער פסוק זעהט־אויס אין פלוג ווי נישט פערענדיגט: וואס וועלען זיי זאגען? — זיי וועלען זאגען אט די צוויי ווערטער: „היום הזה", פעררופענדיג זיך אויפ'ן געשעהעניש פונ'ם דאזיגען טאג...

איש יהודי היה בשושן... (ב. ה.)

נישט בלויז אין שטוב איז ער געווען אב „איש יהודי" און נישט בלויז אין בית־המדרש, נאר אויך אין שושן — אין שטאדט, אין גאס, בין הבריות...

און דאס איז דער טייטש: „מי יתנך כאח לי... אמצאך בחוץ אשקך" — אויך בחוץ, אין גאס, זאלסטו זיך נישט שעמען מיט מיר!...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

לא הגידה אסתר את עמה ואת מולדתה כי מרדכי צוה עליה... (ב. י.)

פארוואס האט ער איהר נישט געהייסען זאגען? צי דען האט זיך מרדכי, חלילה, געשעמט מיט זיין פאלק?

נאר, כידוע, האבען די גויים א שטארקע נייגונג צו אידישע פרויען, אזוי ווייט, אז ווי די חז"ל דריקען זיך אויס איראניש, אז זאגאר „חביבה עליהן בהמתן של ישראל יותר מנשותיהן" (עבודה זרה כ"ב)... די געשיכטע בעוויזט אונז, אז תמיד, אנהויבענדיג פון אבימלך'ן, האבען די רשעים און די מלכים הרשעים ליעב דוקא די טעכטער פון געהאסטען פאלק, און דעריבער „מרדכי צוה עליה אשר לא תגיד", כדי אחשורוש זאל נישט האבען צו איהר אזא שטארקע תאוה, דערוויסענדיג זיך, אז זי איז א אידישקע...

(פנים מאירות)

דעריבער — ווערט געזאגט אין ילקוט — איז „לא הגידה אסתר את עמה ואת מולדתה", ווייל, האט זי געזאגט צו זיך: זינט דער בית־המקדש איז חרוב געווארען און מיר זענען פערטריבען געווארען אין גלות, האט זיך פערשטארקט די צאהל פון די אידישע שונאים, און אויב דער מלך וועט אונז בעשטימען אלס שרים, וועט דאס ארויסרופען קנאה צווישען די גויים און די שנאה צו אונז וועט זיך נאך מעהר פערגרעסערען...

ובהגיע תור נערה ונערה... (יב. יב.)

אויף די ווערטער „נערה ונערה" זענען די טעמי הנגינה — „קדמא ואזלא", דאגעגען אויף „ובהגיע תור אסתר" — „מונח, מונח".

מחמת אלע אנדערע נערות, אז זיי האבען דערהערט, אז מען רופט זיי צום מלך — „קדמא ואזלא", האבען זיי זיך געאיילט צו געהן וואס שנעלער, אבער „ובהגיע תור

אסתר", בשעת מען האָט אסתר׳ן גערופען — "מונח, מונח", איז זי געגאַנגען בנחת, לאַנגזאַם, טריט ביי טריט, אָהן איבעריגען חשק...

(אין נאָמען פון ווילנער גאון)

ותהי אסתר נשאת חן... (ב. טו.)

"ר׳ יהושע בן קרחה אמר אסתר ירקרוקת היתה וחוט של חסד משוך עליה" (מגילה י״ג)

ווי עס וויזט אויס, געהט ר׳ יהושע בן קרחה לשיטתו, דען אין בבא־בתרא פרק א׳ זאָגט ר׳ יהושע בן קרחה, אַז "איוב בימי אחשורוש הי׳", און אין פסוק ווערט דאָך געזאָגט — "ולא נמצאו נשים יפות כבנות איוב"...

(פרח לבנון)

אין אסתר מגדת מולדתה ואת עמה... (ב. כ.)

דאָס — פלעגט זאָגען רבי אייזיל חריף בדרך הלצה — וואָס אַ פרוי האָט געקענט האַלטען אַ סוד און "אין אסתר מגדת מולדתה", דאָס איז געווען דאָס גרעסטע וואונדער און דער גרעסטער נס אינ׳ם נס פורים...

ויודע הדבר למרדכי... (ב. כב.)

"שהי׳ מרדכי מכיר בשבעים לשונות" (רש״י)

אַ געוויסער משכיל האָט זיך אַמאָל געווענדעט צו רבי ישראל סאַלאַנטער און איהם געפרעגט: פאַרוואָס זענען היינט די תלמידי־חכמים ביי אידען לגמרי אַרויס־געטהון פון דער וועלט, ווערענד אַמאָל זענען די אידישע גאונים געווען גלייכצייטיג געבילדעטע מענשען און גרויסע געלעהרטע אויף פערשיעדענע וויסענשאַפטליכע געביעטען? — ענטפערט איהם דערויף רבי ישראל סאַלאַנטער: מיר איז, פערקעהרט, קשה אַ צווייטע זאַך. פאַרוואָס זענען אַמאָל די געבילדעטע מענשען און די גרויסע געלעהרטע ביי אידען געווען גלייכצייטיג אויך בעריהמטע גאונים בתורה, און די היינטיגע אידישע געלעהרטע זענען עפ״י רוב מורא׳דיגע עמי־הארצים אין אידיש־קייט?...

אין דער השכלה־צייט איז אין אַ געוויסער שטאָדט אַראָבגעקומען איינער פון די אַנפיהרענדע משכילים, וועלכער האָט צונויפגערופען דעם עולם אין בית־המדרש און גע׳דרש׳ענט פאַר זיי וועגען דער נויטיגקייט צו שיקען די קינדער אין די שקאָלעס, צו לערנען זיי בילדונג און שפּראַכען, ברענגענדיג כמה וכמה ראיות, אַז אויך אונזערע עלטערן אין די אַמאָליגע דורות האָבען תמיד געלערנט פרעמדע לשונות. איינע פון די געבראַכטע ראַיות איז געווען דער נס פון פורים:

— רבותי! — זאָגט ער — ווי איהר ווייסט, איז דער נס פון פורים געשעהן אַ דאַנק דעם, וואָס מרדכי האָט מציל געווען אַחשורוש׳ן פון טויט, ענטפלעקענדיג פאַר איהם דעם סוד, אַז זיינע צוויי סריסים, בגתן און תרש, ווילען איהם פער׳סמ׳ען. ווי־אַזוי איז מרדכי דאָס געוואָהר געוואָרען? — ער האָט געהערט, ווי די סריסים האָבען וועגען דעם גערעדט צווישען זיך. אויף וואָס פאַר אַ לשון האָבען די סריסים צווישען

זיך גערעדט? — אויף פערסיש, דאָס לשון פון דער מדינה. היינט שטעלט אייך פאָר, רבותי — האָט דער רעדנער אויסגערופען — ווען מרדכי וואָלט, ווי די היינטיגע רבנים, נישט געקענט דאָס לשון פון דער מדינה, וואָלט ער דאָך נישט פערשטאַנען, וואָס די סריסים רעדען, וואָלט דאַן אַחשורוש פער׳סמ׳ט געוואָרען און המן הרשע וואָלט געטהון מיט די אידען, וואָס זיין הארץ וואָלט געגלוסט!...

— איפכא מסתברא! — שלאָגט איהם איבער איינער פון די פרומע צוהערער — דערפון גופא איז דאָך אַ ראיה להיפוך, אַז אידען האָבען נישט געלערענט קיין גוי׳איש; וואָרום ווען יאָ, וואָלטען זיך די סריסים געהיט פאַר מרדכי׳ן, ער זאָל נישט הערען, וואָס זיי רעדען...

אחר הדברים האלה גדל המלך אחשורוש את המן... (ג. א.)

פאַרוואָס עפּיס איז נאָכדעם ווי אסתר האָט אַ דאַנק מרדכי׳ן אָבגעראַטעוועט אחשורוש׳ן פונ׳ם צוגעגרייטען אַטענטאַט, איז „גדל המלך אחשורוש את המן?״ פאַר־וואָס איז דערפאַר געקומען צו בעלוינען המנ׳ען? נאָר אין מדרש רבה ווערט געזאָגט, אַז נאָכדעם ווי אחשורוש האָט זיך אויסגעניכטערט פון שכרות, איז ער געוואָרען אין כעס, הלמאי ער האָט זיך געלאָזט איינרעדען פון דער עצה און הרג׳ענען ושתי׳ן און געשטאָמט האָט די דאָזיגע עצה פון המנ׳ען, „ממוכן — זה המן״. איצט, אָבער, איז ער איהם צוריק דאַנקבאַר געוועזען פאַר דער דאָזיגער עצה, מחמת אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט גע׳הרג׳עט ושתי׳ן און חתונה געהאָט מיט אסתר׳ן, איז ער איצט ניצול געוואָרען פון טויט, און דערפאַר — „גדל המלך אחשורוש את המן״...

(פתחי־תורה)

ומרדכי לא יכרע ולא ישתחוה... (ג. ב.)

דערויף ווערט געזאָגט אין מדרש חזית, אַז אַחשורוש זעלבסט האָט אויף אסתר׳ס בקשה בעפרייט מרדכי׳ן, ער זאָל זיך נישט בוקען צו המנ׳ען.

פון וואַנען נעהמען עס די חז״ל?

— עס ווערט בפירוש געזאָגט אין פסוק — האָט דערויף אָנגעוויזען רבי יונתן אייבעשיץ — עס שטעהט: „וכל עבדי המלך וכו׳ כורעים ומשתחוים להמן כי כן צוה לו המלך ומרדכי לא יכרע ולא ישתחוה״. די ווערטער „כי כן צוה לו המלך״ געהען אַרויף נישט אויפ׳ן פריהערדיגען האַלבען פסוק, נאָר אויפ׳ן סוף, און נעמליך: „כי כן צוה לו המלך ומרדכי לא יכרע ולא ישתחוה״, דער מלך האָט בעפוילען מרדכי׳ן, אַז ער זאָל נישט קניהען און זיך נישט בוקען.

און דערמיט ווערט אויך, אגב, פערענטפערט, פאַרוואָס עס שטעהט: „לא יכרע ולא ישתחוה״, וועהרענד געדאַרפט וואָלט דאָך זיין: „לא כרע ולא השתחוה״. נאָר דאָס בעציהט זיך אויפ׳ן „צוה לו המלך״. אָט אַזוי האָט געלויטעט דער בעפעהל: „ומרדכי לא יכרע ולא ישתחוה!״...

כי הגיד להם אשר הוא יהודי... (ג. ד.)

דערפון — האָט דערויף בעמערקט רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָהן — וואָס מען האָט איהם געדאַרפט זאָגען, אַז דאָס איז אַ איד, איז צו זעהן, אַז די אידען זענען דאַן

געגאַנגען געקליידעט ווי די נישט־אידען און פון זייער הלבשה איז דאָס אידישקייט נישט געווען צו דערקענען...

ויבז בעיניו לשלוח יד במרדכי לבדו כי הגידו לו את עם מרדכי... (ג. ו.)

„כי הגידו לו את עם מרדכי", מען האָט איהם דערצעהלט, אַז דאָס איז אַ פאָלק פון מרדכי׳ס, אַ פאָלק, וואָס איז ביכולת אַרויסצוגעבען אַ סך מרדכי׳ס פון זיך, און אויב אַזוי, טאָ וואָס וועט ער האָבען דערפון, וואָס ער וועט אומברענגען דעם איינעם מרדכי, וויבאַלד אויף זיין אָרט וועט תיכף אויסוואַקסען אַ צווייטער...

(רבי יצחק וואָרקער)

הפיל פור הוא הגורל... הוא חדש אדר... (ג. ז.)

„נפל בחדש אדר — שמח"... (מדרש)

ער האָט זיך געפרעהט און אויסגעקליבען דעם חודש אדר, ווייל דער מזל פון דאָזיגען חודש איז „דגים", צו וועלכע די אידען זענען זעהר עהנליך מיט זייער שטענ־דיגער, אונאויפהערליכער שנאת־חנם; דען פונקט, ווי ביי פיש, איז אויך ביי אידען — „כל הגדול מחברו בולע את חברו"!...

(עוללות אפרים)

אויפ׳ן פסוק „הפיל פור הוא הגורל" זאָגט דער אבן־עזרא: „זאת המלה פרסית ופירושה גורל והנה זה הפוך הוא חדש ניסן".

די מבארים מאַטערן זיך אויף פערשידענע אופנים צו ערקלערען דעם זין פון דידאָזיגע ווערטער. אַמריקאַניגסטען אָבער זעהט־אויס צו זיין די ערקלערונג, וואָס ווערט געגעבען דערויף אין ספר „בני־רשף", נעמליך:

דער פסוק ברענגט פריהער דעם פערסישען אויסדרוק „פור", און דאַן פערטייטשט אונז דערזעלבער פסוק „הוא הגורל", אַז אויף לשון־קודש הייסט עס „גורל". דאָ־געגען אין די ערשטע ווערטער פון זעלבען פסוק: „בחדש הראשון הוא חדש ניסן" איז פערקעהרט: פריהער ווערט געבראַכט דער לשון־קודש׳דיגער נאָמען — „בחדש הראשון" (דען אין לשון־קודש האָבען נישט די חדשים קיין ספעציעלע נעמען, נאָר זיי רופען זיך לויט׳ן סדר: „חדש ראשון", „חדש שני", „חדש שלישי" וכו׳), און דאַן ווערט עס פערטייטשט: „הוא חדש ניסן", אַז אין פערסיש רופט זיך דערדאָזיגער חדש — „ניסן"...

ישנו עם אחד מפוזר ומפורד בין העמים... (ג. ח.)

ישנו — ער עקזיסטירט, ווייל — עם אחד, ווייל זיי פלעגען זיך ביז איצט האַלטען אין אַחדות, אָבער היינט זענען זיי — מפוזר ומפורד בין העמים — צעשפליטערט און צוריסען צווישען זיך, און דעריבער איז איצט לייכט זיי בייצוקומען...

(רבי נפתלי ראָפשיצער)

דאָפּעלט: „מפוזר ומפורד" — „מפוזר" צווישען פעלקער, און „מפורד" צווייען זיך!...

(מנות הלוי)

„מפוזר ומפורד בין העמים"... זיי האָבען מעהר קיין חס נישט אויף זייער כבוד... אַלע זייערע אינערליכע מחלוקת'ן, דעם גאַנצען פּיזור־ופּירוד זייערען טראָגען זיי אַרויס עפענטליך, „בין העמים", אַ דאַנק דעם זענען פאַר אונז געגוי באַקאַנט אַלע זייערע חסרונות און שוואַכקייטען, און מיר ווייסען שוין, אַלזאָ, ווי אַזוי זיי צו בע־קעמפען...

(רבי יצחק־יעקב ריינעס)

ישנו עם אחד... (ג. ח.)

„ישנים הם מן המצות" (מדרש רבה)

זיי זענען שלעפעריג און גלייכגילטיג צו די מצוות. מען קאָן דעריבער אַרויס־געבען די שווערסטע גזרות געגען זייער דת און זיי וועלען דערויף נישט רעאַגירען, זיי וועלען זיך צוגעוועהנען, פערגעסען און — צוריק איינשלאָפען...

(רבי ברוך-מרדכי קיידאנאווער)

מפוזר ומפורד בין העמים וכו' ואת דתי המלך אינם עושים... (ג. ח.)

וואָס האָט עס פאַר אַ צוזאַמענהאַנג?

נאָר המן האָט גע'טענה'ט, אַז נישט קוקענדיג דערויף, וואָס די אידען אין פּרס געניסען פון אַלע בירגערליכע רעכט, עס עקזיסטירט נישט פאַר זיי, ווי אין אַנדערע לענדער, קיין געטאָ, און זיי מעגען וואוינען איבעראַל „מפוזר ומפורד בין העמים", אין אַלע מקומות פון מלכות פּרס ומדי, דאָך זענען זיי אונדאַנקבאַר — „ואת דתי המלך אינם עושים"...

(קב בשמים)

ודתיהם שונות מכל עם... (ג. ח.)

ודתיהם, אַזוי פערפליכטעט זייער דת: שונות מכל עם! זיין אַנדערש פון אַלע אַנדערע פעלקער...

(רבי ר' בונם)

ועשרת אלפים ככר כסף אשקול על ידי עושי המלאכה... (ג. ט.)

אַ, דערדאָזיגער טיפּ איז אונז כלל נישט פרעמד! דערזעלבער צורר און אכזר, וועלכער איז גרייט אויסצוראָטען און אומצוברענגען אַלע אידען, איז פונדעסטוועגען גלייכצייטיג אַ פיינער „דעמאָקראַט", אַ „סאָציאַליסט", וועלכער זאָרגט שטאַרק פאַר די „עושי המלאכה", פאַר'ן פּראָלעטאַריער, פאַר'ן אַרבייטער־קלאַס...

(מגלת ספר)

אין דער צייט פון חדושי הרי"ם זענען די קריסטליכע האַנדווערקער אַרויסגע־טרעטען מיט אַ פאָדערונג צו דער רעגירונג, נישט צוצולאָזען קיין אידען אין די צעכען,

צוזאָגענדיג דערפאַר צו געבען אַ גרעסערע סומע געלד פאַר׳ן מלוכה־אוצר (ווי בעקאַנט, האָבען די קריסטליכע האַנדווערקער געפיהרט פון אייביג אַן אַ מלחמה געגען די אידישע בעלי־מלאכות). דער חדושי הרי״ם האָט דאַן אַרויסגערופען קיין וואַרשאַ רבי יצחק׳ל וואורקער, וועלכער איז געווען בעקאַנט אַלס שתדלן, כדי זיך מיט איהם מישב צו זיין, וואָס מען זאָל טהון.

רעדענדיג צווישען זיך וועגען דער גזירה, רופט זיך אָן דער וואורקער, אַז אייגענטליך איז עס קיין נייעס נישט. נאָך בימי אַחשורוש, געפינען מיר אין דער מגילה, זענען די האַנדווערקער די גרעסטע שונאי־ישראל געווען און אַלע צרות האָבען זיך גענומען פון זיי.

— אין דער מגילה ? — חדוש׳ט זיך דער חדושי הרי״ם.

— נו, יאָ. עס שטעהט דאָך בפירוש: „ועשרת אלפים ככר כסף אשקול על ידי עושי המלאכה״, עס הייסט, אַז די „עושי המלאכה״, די פערסישע האַנדווערקער, זענען גרייט אַריינצוטראָגען די „עשרת אלפים ככר כסף״ פון זייער טאַש, בכדי פטור צו ווערען פון אידען...

אין בריסק האָט אַמאָל אַ געוויסער בייזער פריץ, צו וועלכען עס האָבען געהערט צעהנדליגע אידישע געוועלבער, אַרויסגעגעבען אין איין פריהמאָרגען אַ גזירה, אַז די אידען זאָלען אַברוימען די געוועלבער, ער וויל נישט האָבען ביי זיך קיין אידען... איז געוואָרען אַ געוואַלד, צעהנדליגער אידישע פאַמיליעס איז פאָרגעשטאַנען זייערע פרנסות צו פערלירען. עס איז אַוועק צום פריץ אַ דעלעגאַציע פון די נכבדי־העיר און מיט גרויס מיה איז זיי געלונגען צוריקצוציהען די גזירה, אָבער דערביי האָט דער פריץ פערלאַנגט, אַז די אידישע קרעמער זאָלען איהם אַריינטראָגען אַלס „פערגיטיגונג״ אַ גרעסערע סומע געלד. די דעלעגאַציע האָט באין־ברירה דערויף מסכים געווען, אָבער ווען מען האָט שפּעטער צונויפגערופען די קרעמער און זיי פאָרגעלעגט, אַז יעדער פון זיי זאָל זיך צו דעם צוועק בעשטייערען מיט אַ געוויסע סומע, האָט זיך אָנגעהויבען צווישען זיי אַ קריגעריי און יעדער פון זיי האָט גע׳טענה׳ט, אַז ער איז נישט ביכולת, אַז געבען זאָלען די איבריגע... מען איז אַוועק צו רבי יאָשע בער׳ן און רבי יאָשע בער, אויסהערענדיג אין וואָס עס האַנדעלט זיך, האָט ער זיך אָנגערופען:

— עס איז מיר שטענדיג קשה געווען. בשעת המן האָט פאַר׳ן פריז פון „עשרת אלפים ככר כסף״ אויסגע׳פועל׳ט ביי אַחשורוש׳ן די גזירה פון „להשמיד להרוג ולאבד״, פאַרוואָס האָבען דאַן די אידען געשוויגען ? פאַרוואָס האָבען זיי נישט געפּרובט אין אַזאַ עת־סכנה צונויפצוזאַמלען צווישען זיך און אַוועקצוטראָגען צו אַחשורוש׳ן אַ גרעסערע סומע, ווי המן האָט איהם פאָרגעלעגט ? איצט אָבער פערשטעה איך. מען האָט דאָס דאַמאָלס זיכער געפּרובט טהון, אָבער עס האָט זיך לײדער נישט איינגעגעבען, מחמת יעדער איד, צו וועלכען מען איז געקומען נאָך געלד, האָט ער, נישט קוקענדיג, וואָס עס שטעהט־פאַר אַזאַ מורא׳דיג אומגליק, אודאי גע׳טענה׳ט, אַז ער איז נישט ביכולת, זאָלען די אַנדערע אידען געבען...

„גלוי וידוע לפני מי שאמר והי׳ העולם שעתיד המן לשקול שקלים על ישראל, לפיכך הקדים שקליהם לשקליו״ (מגילה י״ג)

דערויף זאָגט דאָרט תוספות (דף ט״ז), אַז דער סכום פון די חצאי שקלים, וואָס זענען גענומען געוואָרען פון די ששים רבוא אידען אין דער מדבר, טרעפט־אָן עשרת

אלפים ככר כסף. דער חשבון שטימט אָבער נישט, דען באמת מאַכט עס אויס אַ סך ווייניגער. עס איז דעריבער אָנצונעהמען, אַז דאָ איז אַריינגעפאַלען אַ טעות־הדפוס און אַנשטאָט „חצאי שקלים" דאַרף זיין „חמשים שקלים" און געמיינט ווערט דערמיט דער סכום פון פופציג שקלים, וואָס די תורה בעשטימט אַלס ערך פון יעדען זכר פון בן עשרים עד חמשים.

(תורה תמימה)

בשעת המן — זאָגען די חז"ל — האָט פאַרגעלעגט אַחשורוש'ן עשרת אלפים ככר כסף, האָט איהם אַחשורוש געפרעגט: „אית ביניהו רבנן"? צי זענען פאַרהאַן צווישען זיי רבנים? פרעגט זיך: וואו קומען דאָ אַהער רבנים?

נאָר — האָט איהם אַחשורוש ערקלערט — אויב ס'זענען פאַרהאַן צווישען די אידען אַזעלכע, וועלכע ווילען ווערען רבנים, לוינט נישט פאַר איהם די גאַנצע טראַנ־זאַקציע, וואָרום פון אַלע רבני'שע קאַנדידאַטען, וועלכע זענען גרייט צו לאָזען זיך קאָסטען געלט און צו געבען שוחד אום צו בעקומען רבני'שע פאָסטענס, קאָן ער האָבען אַ פיעל גרעסערע הכנסה...

(זרע בירך השלישי, בדרך הלצה)

ונשלוח ספרים ביד הרצים... (ג. יג.)

עס שטעהט נישט „וישלח", נאָר „ונשלח", אַ נפעל, דען אויף אויסצופיהרען דעם בעפעהל וועגען אומברענגען די אידען, האָט מען נישט געדאַרפט מיט'ן פאַלק אַ סך צו אַרבייטען און עס איז נישט נויטיג געווען צוצואיילען די שלוחים. עס איז געשיקט געוואָרען ווי פון זיך אַליין, בליץ־שנעל האָט צו אַלעמען די פעראָרדענונג דערגרייכט... שפּעטער, דאַגעגען, ביים אָברופען די גזירה, דאָ שטעהט שוין „וישלח ספרים", דאָ האָט מען שוין די שלוחים, די בעאַמטע, געמוזט אונטערטרייבען...

(אמרי חן)

להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים וכו' ביום אחד... (ג. יג.)

פאַרוואָס גראַד ביום אחד? וואָלט דען נישט פאַר זיין טייוולאַנישען פּלאַן פיעל צוועקמעסיגער געווען איינצוואָרדנען אַ פיעל־טאָגיגע שחיטה?

נאָר — זאָגט דערויף רבי שלמה קאַרלינער — המן, דער צורר היהודים, וויסענדיג, אַז ער האָט צו טהון מיט אידען, מיט'ן עם המלומד בנסים, האָט זיך בעוואָרענט, אַז טאָמער וועט זיך איהם דער פּלאַן נישט איינגעבען און ער וועט ענדיגען מיט אַ מפּלה, זאָלען כאָטש די אידען נישט האָבען מעהר ווי איין טאָג יום־טוב, נישט עטליכע טעג...

(שמע שלמה)

פתשגן הכתב להנתן דת בכל מדינה ומדינה... (ג. יד.)

ווי עס ווייזט אויס, זענען פונאַנדערגעשיקט געוואָרען צוויערליי צירקולאַרען; דער „פתשגן הכתב" בעציהט זיך אויפ'ן אָפיציעלען צירקולאַר און דער „ונשלוח ספרים ביד הרצים" — אויף אַ געהיימען, נישט־אָפיציעלען צירקולאַר. אינ'ם אָפיציעלען „פתשגן הכתב" איז געשטאַנען געשריבען סתם: „להיות עתידים ליום הזה". אויף וואָס

מען זאָל זיין גרייט אינ׳ם דאָזיגען טאָג — דאָס איז אין אָפיציעלען פּאַפּיר נישט אָנגעוויזען געוואָרען, אָבער עס איז געווען „גלוי לכל העמים״, אַלע האָבען געוואוסט, וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך... אַ חוץ אָבער דעם „פּתשגן הכתב״ איז „ונשלוח ספרים ביד הרצים אל כל מדינות המלך״, זענען בעזונדער פונאַנדערגעשיקט געוואָרען איבעראַל געהיימע צירקולאַרען, אין וועלכע עס איז געווען אויפגעקלערט וואָס מען מיינט מיט דעם „להיות עתידים ליום הזה״, אַז דאָס מיינט מען — „להשמיד להרוג ולאבד וכו׳״...
(אמרי חן)

כי אם החרש תחרישי בעת הזאת רוח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר... (ד. יד.)

מרדכי האָט מורא געהאַט, אַז דער „רוח והצלה״, די אינטערווענץ לטובת אידעה, זאָל נישט אַמאָל קומען „ממקום אחר״, פון יענע אַסימילירטע אידישע קרייזען, וועלכע דרעהען זיך אַרום אַחשורוש׳ן, וועלכע זענען „נהנים מסעודתו של אותו רשע״. אויב זיי זאָלען זיין די שתדלנים אינ׳ם דאָזיגען ענין, דאַן — „ואת ובית אביך תאבדו״, וועלען זיי חלילה איינגעהן אויף אַזעלכע תנאים, וועלכע וועלען דערפיהרען צום אונטערגאַנג פון אידישקייט און אידענטום...
(רבי יעקב־מאיר מלאפּי)

גם אני ונערותי אצום כן... (ד. טז.)

עס רעדט זיך דאָך וועגען איהר און די נערות, און געדאַרפט וואָלט דאָך, אַלזאָ, זיין נישט „אצום כן״ נאָר „נצום כן״?

נאָר, אַז זי אַליין וועט פאַסטען, דאָס האָט זי געקענט פערזיכערען, דאַגעגען, אַז אויך די נערות וועלען האַלטען וואָרט און פאַסטען, דעריין האָט זי שוין נישט געקענט זיין זיכער. אפשר וועלען זיי אונטער איהרע אויגען, בעהאַלטענערהייד, יאָ עסען, פונוואַנען קאָן זי עס וויסען און ווי אַזוי קאָן זי פאַר זיי גאַראַנטירען?...
(מלבי״ם)

ויהי ביום השלישי ותלבש אסתר מלכות... (ה. א.)

דערויף מאַכט דער תרגום: „והוה ביומא תליתאה דפסחא״, אַז דאָס איז געווען דעם דריטען טאָג פּסח.

דאַגעגען אין וויטערען קאַפּיטעל, אויפ׳ן פסוק: „בלילה ההוא נדדה שנת המלך״, זאָגט דער תרגום: „ביה בליליא אתקטלו כל בוכרי דמצראי״.

איז דאָך עס אַ מערקווירדיגע סתירה!...
(שו״ת הרידב״ז סי׳ תת״ח)

ויצא המן ביום ההוא שמח וטוב לב... (ה. ט.)

וועה, וועה — האָט רבי לוי־יצחק אַמאָל אויסגעשריען, צוקומענדיג צום דאָזיגען פסוק — פונוואַנען נעהמט עס זיך ביי המנ׳ען אַזאַ וויכטיגע מדה, די מדה פון שמחה?... וועה, וועה, נאָר צוליעב דעם האָט ער אין תחילת מנצח געווען מרדכי׳ן, וועלכער איז געווען אַ שרוי בעצבות...

ויספר להם המן את כבוד עשרו ורוב בניו... (ה. יא.)

„וכמה רוב בניו? אמר רב: שלשים" (מגילה ט"ז)

וואו איז עס מרומז און פונוואַנען איז עס פון דאָזיגען פסוק געדרינגען, אַז המן האָט געהאַט דרייסיג קינדער?

דאָס איז געדרונגען פון וואָרט „ורוב", דען אין פסחים, אויף דער משנה „הפסח נשחט בשלש כיתות" (פסחים ס"ד), זאָגט דאָרט די גמרא: „בג' כיתות של שלשים שלשים בני אדם" און די גמרא פיהרט אויס: „ברב עם הדרת מלך", זעהט מען דאָך, אַז סתם „רוב" מיינט מען דרייסיג...

(גשמי ברכה)

אין ווילנא האָט אַמאָל די רוסישע מאַכט בעשטימט אַלס קאַזיאָנעם ראַבינער אַ בעקאַנטען שטאָט־מסור, אַ בעל־עבירה'ניק און מומר־להכעיס. די קהלה האָט זיך געגענגעשטעלט, זי האָט דערלאַנגט אַ ביטע צו דער מאַכט, מען זאָל איהם נישט בעשטעטיגען און צווישען די. פערשיעדענע מאָטיוון, מיט וועלכע זי האָט בעגרינדעט איהר פּראָטעסט, האָט זי אויך אָנגעגעבען, אַז דער דאָזיגער פּאַרשוין איז אַ גרויסער בעל־משפחה, אַז ער איז אַ מטופל מיט אַ סך קינדער און די קהלה איז נישט אימשטאַנד אויסצוהאַלטען אַזאַ היבשע פאַמיליע, אָבער די אַלע טענות האָבען נישט געפּועל'ט און די מאַכט האָט איהם בעשטעטיגט.

מלא שמחה פון זיין נצחון טרעפט־אָן דער קאַזיאָנע־ראַבינער אין גאַס דעם ווילנער שטאָדט־מגיד, רבי יעקב, און ער רייצט זיך מיט איהם: איהר זעהט? כאָטש כ'האָב אַ סך קינדער האָט איהר מיך דאָך געמוזט אויפנעהמען אַלס ראַבינער...

ענטפערט איהם דער ווילנער שטאָדט־מגיד:

— אין דער מגלה ווערט דערצעהלט: „ויספר להם המן את כבוד עשרו ורוב בניו ואת כל אשר גדלו המלך", צוליעב וואָס האָט ער זיי עפּיס דערצעהלט, אַז ער האָט אַ סך קינדער און וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס צום „ואת כל אשר גדלו המלך"?

נאָר ווייזט אויס, אַז אויך יענער המן האָט זיך געריהמט מיט'ן זעלבען, אַז כאָטש ער האָט אַ סך קינדער, וואָס דאָס איז ביים אָנגעהמען אַ פּאָסטען נישט קיין גרויסע מעלה, דאָך האָט ער דעם דאָזיגען פּאָסטען בעקומען און דאָס איז אַ בעוויז אויף „כל אשר גדלו המלך", וואָס פאַר אַ גרויסער חשוב ער איז ביים מלכות...

יעשו עץ גבוה חמשים אמה... (ה. יד.)

„מרחיקים את הקברות מן העיר חמשים אמה משום ריח רע" (בבא בתרא כ"ח)

דער ריח־רע פון אַ מת איז שולט אויף פופציג איילען, און דעריבער, כדי צו בעקומען די ערלויבעניש אויפצושטעלען די תליה אין מיטען שטאָדט, האָבען זיי איהם, אַלזאָ, געראָטען: „יעשו עץ גבוה חמשים אמה", דען אַנדערש, וועט עס די מלוכה נישט ערלויבען...

(עדות דבש)

ויאמרו נערי המלך משרתיו לא נעשה עמו דבר... (ו. ג.)

„לא מפני שאוהבין את מרדכי אלא מפני ששונאין את המן" (מגילה ט"ז)

פונוואַנען נעהמען עס די חז״ל?

ענטפערט דערויף דער ״חכם צבי״: אויפ׳ן פסוק ״מדוע לא בא בן ישי גם תמול גם היום אל הלחם״ (שמואל א׳ כ. כז.) ווערט געזאָגט אין מדרש ״למה לא הזכיר את שמו? מפני שהיה שונא אותו״, און דער שטייגער איז, אַז בעת אַ מענש רעדט וועגען אַ שונא, מיידט ער אויס צו דערמאָהנען זיין נאָמען.

אויף דער פראַגע פון אַחשורוש׳ן: ״מה נעשה יקר וגדולה למרדכי על זה״, האָבען די נערי המלך געענטפערט: ״לא נעשה עמו דבר״, פאַרוואָס האָבען זיי נישט געזאָגט: ״לא נעשה עם מרדכי דבר״? איז דערפון, וואָס זיי האָבען אויסגעמיטען צו דערמאָהנען זיין נאָמען, דרינגען די חז״ל, אַז אויך זיי זענען איהם געווען שונאים...

ויאמרו לו חכמיו וכו׳ אם מזרע היהודים מרדכי אשר החילות לנפול לפניו... (ו. יג.)

המן האָט דאָך צונויפגערופען די חכמים, זיי זאָלען איהם געבען עפּיס אַן׳עצה, נו, איז דאָס דען די עצה: ״אשר החילות לנפול לפניו לא תוכל לו, כי נפל תפול״?...
נאָר דער פשט איז — ווערט געטייטשט אין נאָמען פון נודע־ביהודה — זיי האָבען איהם ערקלערט, אַז מיט בייזען וועט ער מיט מרדכי גאָרנישט מאַכען מעהר, דען ״אשר החילות לנפול לפניו לא תוכל לו״, נאָר וואָס דען? ״אם מזרע היהודים מרדכי״, אויב מרדכי איז אַ איד, איז נאָך פאַרהאַן איין עצה און איין האָפנונג, דהיינו: ״כי נפל תפל לפניו״, דו זאָלסט איהם פאַלען צו די פיס און בעטען, ער זאָל דיר מוחל זיין און אַלס איד, וועלכער איז בטבע אַ בעל־רחמים, וועט ער אַודאי אויף דיר רחמנות האָבען...

כי אין הצר שוה בנזק המלך... (ז. ד.)

און המן האָט גע׳טענה׳ט: ״ולמלך אין שוה להניחם!״... אַזוי איז שוין די טרויעריגע לאַגע אונזערע: סיי אונזערע געגנער און סיי אַפילו אונזערע פערטיידיגער רעדען און דעבאַטירען תמיד וועגען אונז פון ״פּ ר אַ ק ט י ש ע ן״ שטאַנדפּונקט, נישט ווי וועגען לעבעדיגע מענשען, וואָס האָבען דאָס רעכט צו עקזיסטירען אויף דער וועלט, נאָר ווי עס זאָל זיך האַנדלען וועגען אַ נויטיג, אָדער אונגויטיג חפץ: צי לוינט, מען זאָל די אידען אומברענגען, אָדער ע ס ל ו י נ ט נ י ש ט? צי זענען זיי נוצליך פאַר די מלוכה־אינטערעסען, צי ברענגען זיי ריוח, אָדער נישט?...

(אוצר החיים)

ויאמר חרבונה אחד מן הסריסים... (ז. ט.)

״וצריך שיאמר וגם חרבונה זכור לטוב״ (ירושלמי חגיגה פ״ד)

אין מדרש ווערט געזאָגט, אַז דאָס האָט זיך אליהו בעוויזען פאַר אַחשורוש׳ן אין געשטאַלט פון חרבונה. און אויב אַזוי, אויב דער ווירקליכער חרבונה האָט פאַקטיש אַליין דאָ גאָרנישט געטהון, טאָ פאַרוואָס קומט איהם צו זיין אַ זכור לטוב?

נאָר — האָט געענטפערט דערויף דער דובנער מגיד — בשעת איינער געהט אויף אַ שמחה אין אַ פרעמד מלבוש, וואָס ער האָט געבאָרגט ביי אַ צווייטען, איז אַ יושר, ער זאָל איהם אָבדאַנקען און מיטברענגען פאַר איהם עפּעס אַ חלק פון דער

סעודה... שוין דערפאַר אַליין, וואָס חרבונה האָט זוכה געווען, אַז אליהו זאָל זיך מתלבש זיין אין זיין געשטאַלט, האָט ער פערדיענט, מען זאָל איהם דערמאָהנען צום גוטען...

(עיון יעקב)

ויאמר חרבונה וכו׳ גם הנה העץ אשר עשה המן וכו׳ גבוה חמשים אמה... (ז. ט.)

„אף חרבונה רשע באותה עצה היה" (מגילה ט״ו)

פון וואַנען דרינגען דאָס חז״ל?

דערפון, וואָס תיכף ומיד, ווי נאָר עס איז געווען: „ופני המן חפו", האָט חרבונה שוין געוואוסט צו דערצעהלען אַלע גענויע פרטים, אַז המן האָט אויסגעבויט ביי זיך אַ תליה, אַז די תליה איז בעשטימט פאַר מרדכי׳ן און אַז די תליה האַלט פופציג איילען. פון וואַנען האָט ער שוין געוואוסט אַפילו, וויפיעל איילען די תליה האַלט? איז נישט אַנדערש, ווי נאָר, אַז — „באותה עצה היה"...

(דובנער מגיד)

ואותו תלו על העץ וכו׳ ואתם כתבו על היהודים כטוב בעיניכם... (ח. ז. ח.)

צוליעב וואָס האָט אַחשורוש פריהער מקדים געווען די ווערטער: „ואותו תלו על העץ" און וואָסער צוזאַמענהאַנג האָט עס מיט׳ן „ואתם כתבו על היהודים"?

דען די חז״ל זאָגען (תענית כ״ט): „גמירי דכי גזרי מלכות גזירה ומית חד מנייהו מבטלי לגזירתא". עס איז ביי די מלוכות, הייסט עס, געווען איינגעפיהרט, אַז בשעת די רעגירונג האָט אַרויסגעגעבען אַ גזירה און ביני־לביני איז איינער פון די העכערע רעגירונגס־ליט געשטאַרבען, איז די גזירה בטל געוואָרען. אחשורוש, אַלזאָ, ווען עלענדיג בערעכטיגען פאַר׳ן פאַלק זיין איצטיגען שריט און מאָטיווירען פאַרוואָס ער ציהט צוריק זיין פעראָרדענונג, האָט ער דעריבער ערקלערט: „ואותו תלו על העץ", המן דער מלוכה־מאַן איז אומגעקומען, צוליעב וואָס די אַרויסגעגעבענע גזירה האָט איהר ווערט פערלוירען און דעריבער — „ואתם כתבו על היהודים כטוב בעיניכם"...

(דרכי דוד)

ואתם כתבו על היהודים כטוב בעיניכם... (ח. ח.)

איז דאָך עס אין פלוג אונפערשטענדליך: ווער ווער עס דען נעהמען אין אַכט, וואָס מרדכי און אסתר וועלען שרייבען וועגען אידען, אין דער צייט, ווען עס איז פאַר־האַן ביי אַלעמען פון פריהער אַ בפירוש׳ער קעניגליכער בעפעהל, וואָס זאָגט פונקט פערקעהרט?

געהאַנדעלט האָט זיך אָבער דאָ טאַקע וועגען יענעם ערשטען בעפעהל, פון וועלכען מען האָט איצט געזוכט אַן׳אויסוועג. געשטאַנען איז אין יענעם בעפעהל: „להשמיד, להרג ולאבד את כל היהודים"... דערדאָזיגער זאַץ קאָן אָבער אויסגעטייטשט ווערען אויף צוויי אופנים: מען קאָן עס טייטשען אין איינפאַכען, געוועהנליכען זין,

אַז די פּערסיאַנער בעקומען דאָס רעכט צו פּערטיליגען און אויסצוראָטען אַלע אידען: מען קאָן אָבער אויך טייטשען אַנדערש: „להשמיד, להרג ולאבד את כל״... מען זאָל אַלעמען פּערטיליגען און אויסראָטען!... ווער זאָל פּערטיליגען און אויסראָטען? ווער בעקומט דאָסדאָזיגע רעכט? — „היהודים״, די אידען!... עס איז געוועגדעט אינ׳ם „צירקולאַר״, אינ׳ם פּירוש, וואָס ווערט נאָכדעם צוגעגעבען צום דעקרעט... און אַט דאָס טאַקע האָט זיי אחשורוש געראָטען: „ואתם כתבו על היהודים כטוב בעיניכם בשם המלך״ — שרייבט־אָן אין מיין נאָמען אַ צירקולאַר „על־היהודים״, אויף דעם אויס־דרוק „היהודים״, וואָס געפינט זיך אינ׳ם פריהערדיגען דעקרעט, און טייטשט־אויס דאָס דאָזיגע אונקלאָרע וואָרט, וועלכעס מען קאָן טייטשען ווי־אַזוי מען וויל, „כטוב בעיניכם״...

(מלבי״ם)

והאחשדרפנים... (ט. ג.)

אין רמב״ם הל׳ ס״ת פּרק ז׳ ווערט געזאָגט: „נזדמנה לו בתוך השיטה תיבה בת עשר אותיות או יותר״... וואונדערען זיך דערויף אַלע מפרשים: וואו געפינען מיר דען אין דער תורה אַזאַ וואָרט, וואָס זאָל ענטהאַלטען מעהר ווי צעהן אותיות? אַ טייל ווילען זאָגאַר האָבען, אַז דאָ זאָל זיין אַ טעות־הדפוס... אָבער ווי ר׳ יצחק־בער לע־ווינזאָהן ערקלערט, בעציהט זיך די דערמאָהנטע שטעלע אין רמב״ם אויפ׳ן וואָרט „והאחשדרפנים״, וואָס האָלט עלף אותיות, און כידוע זענען אויף דער מגילה חל אַלע דינים פון אַ ספר־תורה.

ימי משתה ושמחה ומשלוח מנות איש לרעהו... (ט. כב.)

דעריבער מאַכט מען נישט קיין ברכה ביי דער מצוה פון משלוח מנות, ווייל דער נוסח פון דער ברכה וואָלט דאַך געדאַרפט זיין: „ברוך אתה וכו׳ על מצות משלוח מנות איש לרעהו״ און — ווער קאָן דען וויסען, ווער פון די אַלע קרובים און ידידים עס איז ווירקליך אַ „רעהו״, אַ פריינד? נישט איינער פון די, וועלכען דו האַלטסט פאַר אַן איבערגעגעבענעם פריינד, איז דיר באמת אין האַרצען אַ שונא גמור, און אויב מען זאָל ביי זיי אַלעמען, וועלכע מען שיקט שלח־מנות, מאַכען אַ ברכה בשם ומלכות, הזעט מען דערביי זיכער נכשל ווערען אין אַ ברכה לבטלה...

(שו״ת מור ואהלות)

לויט׳ן דין דאַרף דער מחצית השקל, וואָס ווערט געגעבען אום פורים, גענומען ווערען נאָר פון דער מטבע, וואָס קורסירט אין דער מדינה, אין וועלכער מען געפינט זיך. אַזוי פּסקנ׳ט דער רמ״א (או״ח סי׳ תרצ״ד) און אין „דרכי משה״, וואו עס ווערט געזאָגט: „מצאתי, מעות פורים בכל מקום שיש מטבע קבועה לוקחים המחצית של אותה מטבע ונותנים מהם ג׳ מחצית למעות של פורים ולא של מטבע אחרת שהיא נוהגת במקום אחר״.

און דאָס איז דערפאַר, ווייל יעדעס לאַנד האָט זיך איהר המן, פון וועלכען מיר האָפען אין זכות פון צדקה און מעות פורים צו ווערען אויסגעלייזט...

כי המן בן המדתא האגגי צורר כל היהודים... (ט. כד.)

„צורר״ איז אויך דער טייטש: איינבינדען, איינוויקלען, ווי: „צורר אדם בשר

וגבינה במטפחת אחת". המן איז געווען דער "צורר היהודים", דער, וואָס האָט געהאָלפֿען מיט זיינע גזרות צונויפצובינדען די אידען, צו שאַפען ביי זיי אחדות און צו דער־פיהרען צום — "לך כנוס את כל היהודים"...

(רבי יחזקאל מיכלזאָהן)

"מבני בניו של המן למדו תורה בבני־ברק" (גטין נ"ז)

דער לובלינער רב, רבי מאיר שפירא, איז אַמאָל אַריינגעקומען צו אַ גרויסען גביר פון די אַסימילאַטארישע קרייזען נאָך אַ נדבה פאַר דער לובלינער ישיבה.

— איך דאַרף נישט — ענטפערט איהם יענער — קיין ישיבות. נישט מיינע קינדער און ווער שמועסט מיינע איניקלעך וועלען אין דער לובלינער ישיבה נישט לערנען...

— צי האַלט איהר זיך דען — פרעגט איהם דער לובלינער רב — פאַר אַ גרע־סערן שונא־ישראל ווי המן?

— פאַרוואָס עפיס? — פיהלט זיך דער גביר בעליידיגט.

— פערשטעהט איהר מיך, אין תלמוד ווערט דערצעהלט, אַז "מבני בניו של המן למדו תורה בבני־ברק", אַז פון המן דעם גרויסען שונא־ישראל זענען אַרויסגעקומען איניקלעך, וועלכע האָבען זיך מגייר געווען און געוואָרען ישיבה־בחורים, געלערנט אין דער ישיבה פון בני־ברק. איז אויב איהר זענט אַזוי זיכער, אַז פון אייך וועלען אַזעלכע איניקלעך נישט אַרויסוואַקסען, הייסט דאָך עס, אַז איהר האַלט זיך פאַר אַ נאָך גרעסערן שונא־ישראל ווי המן...

אמר עם הספר ישוב מחשבתו הרעה... (ט. כה.)

דער ווילנער גאון וואָרענט, אַז אום נצול צו ווערען פון מחשבות־זרות ביים דאַווענען, זאָל מען קיינמאָל נישט דאַווענען פון אויסענווייניג, נאָר פון אַ סידור. אַלס רמז דערויף ווייזט ער אָן אויפ'ן דאָזיגען פסוק:

"אמר עם הספר — ישוב מחשבתו הרעה"...

על כן קראו לימים האלה פורים על שם הפור... (ט. כו.)

פאַרוואָס טראָגט דער דאָזיגער יום־טוב אויף זיך דעם נאָמען פון דער גזירה, וועלכע המן האָט בעשטימט לויט אַ גורל, "על שם הפור", און נישט, ווי אַלע אַנדערע ימים־טובים, דעם נאָמען פונ'ם געשעהענעם נס, וואָס האָט געשטערט די דאָזיגע גזירה?

ווייל דער גרעסטער נס איז טאַקי בעשטאַנען אינ'ם "פור", אין דעם וואָס עס איז המנ'ען איינגעפאַלען דער נאַרישער געדאַנק צו וואַרפען גורל, לויט וועלכען דער "להשמיד ולהרוג" איז בעשטימט געוואָרען אויסצופיהרען אין עלף חדשים אַרום. ווען נישט דער דאָזיגער גורל, ווען המן, בעקומענדיג אַחשורוש'ס הסכמה, וואָלט חלילה בעשלאָסען דורכצופיהרען די אַנטי־אידישע פערטיליגונגס־אַקציע תיכף ומיד — דאַן, ווער ווייסט, וואָס עס וואָלט געווען מיט אונז... און דעריבער ווערט דער דאָזיגער יום־טוב גערופען "על שם הפור".

(דעת דברי חכמים)

קיימו וקבלו היהודים... (ט. כז.)

„ויתיצבו בתחתית ההר, מלמד שכפה עליהם הקב״ה את ההר כגגית וכו׳ אעפ״כ הדר קבלוה בימי אחשורוש דכתיב קימו וקבלו״ (שבת פ״ח)

פרעגט מען: מיט וואָס איז די איצטיגע קבלה געווען שטאַרקער, ווי דאַמאָלס, בשעת מתן־תורה? אויך דאָס מאָל איז דאָך עס געווען ע״י אונס, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט פאַר המנ׳ען? — נאָר דער דין איז (חשן משפט סי׳ ר״ה), אַז אויב איינער גיט דעם צווייטען אַ שבועה צו געבען איהם אַ געוויסע סומע געלד דערפאַר, ווייל יענער איז איהם מבטיח אַבצוראַטעווען פון רוצחים, וועלכע גרייטען זיך אויף איהם אָנצופאַלען, איז ער נאָכהער פטור פון צו האַלטען די שבועה, ווייל די שבועה איז גע־געבען געוואָרען ע״י אונס, זייענדיג געצוואונגען דערצו, דאַגעגען אָבער, ווען איינער שווערט דעם צווייטען צו געבען איהם אַ סומע געלד דערפאַר, ווייל יענער האָט איהם אָבגעראַטעוועט פון רוצחים, איז די שבועה אַ שבועה און ער איז איהם מחויב צו בעצ־צאָהלען... אַלזאָ דאָרט, ביי קבלת־התורה האָט מען דאָך זיי פריהער געדראָהט: „אם תקבלו את התורה מוטב ואם לאו פה תהא קבורתכם״, איז דעריבער די קבלה קיין קבלה נישט געווען, דאָ אָבער, בימי אחשורוש, איז די קבלה געווען שפעטער, נאָכדעם ווי זיי זענען שוין געהאַט ניצול געוואָרען פון דער גזירת־המן, האָט עס שוין דעריבער געהאַט דעם דין פון אַ קבלה שלימה...

(הגיון לב)

אויף אַנ׳אַנדער אופן פערענטפערט דאָס דער ווילנער גאון:

די משנה זאָגט אין באַבא־בתרא (פרק א׳ משנה ג׳): „המקיף את חבירו משלש רוחותיו, גדר את הראשונה ואת השניה ואת השלישית אין מחייבין אותו (איז מען נישט מחייב דעם נוקף, אַז ער זאָל זיין אַ שותף צו די קאָסטען פונ׳ם אויפגעשטעלטען גדר, דען ער קאָן זאָגען, אַז פון זיינעט־וועגען קאָן ער אויסקומען אָהן אַ גדר), רבי יוסי אומר אם עמד וגדר את הרביעית מגלגלין עליו את הכל״ (דען דערמיט בעוויזט ער, אַז ער נויטיגט זיך יאָ אין אַ גדר און אַז ער איז צופרידען פון יענע דריי גדרים, וואָס דער מקיף האָט אויפגעשטעלט)... און אויך דאָ, וויבאַלד אַז עס איז „קימו וקבלו היהודים״, וויבאַלד זיי האָבען איצט, אַ חוץ די פריהערדיגע תרי״ג מצוות, מקבל געווען אויף זיך נאָך אַ פרישע מצוה — קריאת־מגילה, הייסט דאָך עס, אַז זיי זענען מרוצה מיט די געגעבענע מצוות, און דעריבער איז לויט׳ן דין — „מגלגלין עליו את הכל״...

„אסתר ברוח הקדש נאמרה וכו׳ שנאמר קימו וקבלו, קיימו למעלה מה שקיבלו למטה״ (מגילה ז׳)

און אין שבת (פ״ח) ווערט פונ׳ם זעלבען פסוק גע׳דרשנ׳ט, אַז „הדור קבלוה בימי אחשורוש דכתיב קימו וקבלו״. ווי אַזוי קאָן מען דרשנ׳ען צוויי זאַכען פון איין פסוק?

זאָגט דערויף דער ווילנער גאון: אינ׳ם וואָרט „וקבלו״ איז פאַרהאַן אַ קרי מיט אַ כתיב, דער קרי איז „וקבלו״ און דער כתיב — „וקבל״. דאָרט, אין מס׳ שבת, דריקען זיך אויס די חז״ל: „ד כ ת י ב קימו וקבלו״, אַז דער דרש שטיצט זיך אויפ׳ן „כתיב״, דאַגעגען דאָ, אין מס׳ מגילה, ווערט געזאָגט: „ש נ א מ ר קימו וקבלו״ — פון „קרי״...

„המן מן התורה מנין? שנאמר המן העץ אשר צויתיך לבלתי אכל ממנו״ (מגילה)

דען די חז״ל זאָגען: „למה נתחייבו ישראל שבאותו הדור כליה מפני שנהנו

מסעודתו של אותו רשע". און דאָס איז אַלזאָ די כוונה: „המן מן התורה מנין"? וואו געפינען מיר אין דער תורה אַזאַ עהנליכע זאַך, ווי עס האָט פּאַסירט בימי המן, אַז צוליעב אַ חטא בלויז פון עסען זאָל מען חייב זיין כליה? דערויף קומט דער ענטפער: „שנאמר המן העץ אשר צויתיך", אויך דאָרט זעהען מיר, אַז עס איז נגזר געוואָרען מיתה אויף דער וועלט בלויז צוליעב דעם חטא פאַר'ן עסען פון עץ־הדעת...

(תורת יצחק)

וישם המלך אחשורוש מס על הארץ... (י. א.)

אויך דאָס געהער צו די ישועות, וואָס זענען דאַמאָלס געקומען אויף אידען. מען האָט אַראָבגענומען פון אידען דעם מס, דעם מורא׳דיגען שטייערען־לאַסט, וועלכען זיי האָבען הויפּטזעכליך געמוזט אויסטראָגען אויף זייערע פּלייצעס, און מען האָט איהם פונאַנ־דערגעטיילט „על הארץ ועל איי הים", אויף אַלע איינוואוינער און בירגער גלייך, לויט אַ גלייכער און גערעכטער פּראָפּאָרציע...

(דברי חכמים)

ורצוי לרוב אחיו דורש טוב לעמו... (יח ג.)

„לרוב אחיו — ולא לכל אחיו" (רש"י)

היתכן? פאַרוואָס טאַקי איז מרדכי, דער גואל און רעטער פון אידישען פאָלק, געוועזען בלויז אַ „רצוי לרוב אחיו" און נישט „לכל אחיו"?

— טאַקי דערפאַר — האָט דערויף געענטפערט רבי שלום בעלזער בדרך־צחות — וויל ער איז געוועזען אַ „דורש טוב לעמו" און ער האָט מתקן געוועזען, אַז מען זאָל פורים געבען מתנות לאביונים, האָט ער דאָדורך נישט ביי אַלעמען אויסגענומען און נישט געוואָרען קיין „רצוי לכל אחיו" — די גבירים זענען דערפון נישט געוועזען צופרידען...

דורש טוב לעמו ודובר שלום לכל זרעו... (י. ג.)

להיפוך פון אַלע אַנדערע עוסקים בצרכי־צבור. דען עפּ"י רוב איז יעדער עסקן אַ „דובר שלום לעמו" — פאַר'ן פ אָ ל ק איז ער אַ „דובר שלום", איז ער יוצא מיט'ן רעדען, מיט האַלטען שענע דרשות, מיט צוזאָגען הבטחות; דאַגעגען אָבער איז ער אַ „דורש טוב לכל זרעו" — די אמת־גוטע זאַכען, וואָס ער דערגרייכט דורך זיין שתדלנות, פערשידענע געשעפטעלעך, קאָנצעסיעס, פעטע קהל'שע פּאָסטענס, דאָס פערזאָרגט ער „לכל־זרעו", פאַר זיינע קינדער, פאַר די נאָהענטע קרובים, פאַר דער אייגענער משפחה!...

(רבי מענדעלע רימאַנאָווער)

ודובר שלום לכל זרעו... (י. ג.)

דאָס איז דער סוף־דבר, דער אויספיהר און עיקר פון דעם אַלעם וואָס איז ביז אַהער דערצעהלט געוואָרען: געדענקט אין די קינדער, אינ'ם „דובר שלום לכל זרעו". בעמיהט זיך, אַז עס זאָל חלילה נישט איבערגעריסען ווערען די גאָלדענע קייט פון

אידישען פאָלק, וואָס האָט אין זיין געשיכטע אַזויפיעל שווערע נסיונות דורכגעמאַכט, מיט וועלכען עס זענען אַזויפיעל וואונדערליכע נסים געשעהען, זעהט, אַז דאָס אַלץ זאָל חלילה נישט זיין לאיבוד, זעהט צו דערהאַלטען די קינדער, זאָרגט דערפאַר, אַז אויך די קינפטיגע דורות זאָלען היטען און פאַרטזעצען די גרויסע און רייכע אידישע ירושה!...

(מגילת ספר)

„אם כל המועדים יהי׳ בטלים ימי הפורים לא נבטלין" (יוצר לפ׳ זכור)

פרעגט מען: אין מדרש רבה פ׳ פנחס ווערט דאָך געזאָגט בפירוש: „אבל המועדים האלו אינן בטלים לעולם, למה? שהן להקב"ה, שנאמר אלה מועדי ד׳", אַז די ימים־טובים וועלען לעולם, קיינמאָל נישט בטל ווערען?...

אַנמערקונג פון זאַמלער:
דער דערמאַהנטער זאַץ אין פיוט איז גענומען פון ירושלמי תענית (פ"ב י"ב) און געזאָגט ווערט עס דאָרט נישט נור וועגען פורים, נאָר אויך וועגען חנוכה: „אם כל המועדים יהיו בטלים חנוכה ופורים לא נבטלין", אָבער, ווי עס ווערט ערקלערט, בעציהט זיך דאָס נישט אויף די ימים־טובים פון דער תורה, נאָר אויף די פינף און דרייסיג מועדים, וואָס ווערען אויסגערעכנעט אין מגילת תענית, און וועגען וועלכע עס ווערט געזאָגט „די לא להתענייא בהון ודי לא למספד בהון". די דאָזיגע מועדים האָבען די חז"ל שפעטער מבטל געמאַכט און דערויף ווערט געזאָגט, אַז חנוכה ופורים, כאָטש זיי געהערען אויך נישט צו די ימים־טובים פון דער תורה, דאָך — „לא נבטלין"...

פורים איז קיינער נישט מבטל, אַפילו דער יעניגער, וועלכער היט נישט אָב און איז מבטל און מחלל אַלע אַנדערע ימים־טובים, האַלט אויך פון פורים, דען דאָס איז דער לייכטסטער יום־טוב, וועלכער איז נישט פערבינדען מיט קיין איסור־מלאכה און מיט קיין שום ספעציעלע מצוות, אַ יום־טוב פון בלויז משתה ושמחה...

(לחמי תודה בדרך בדיחות)

„אם כל המועדים יהי׳ בטלים", אויב אַלע מועדים און זמנים, וועלכע זענען אין פערשיעדענע צייטען אַנגעוויזען געוואָרען אויף ביאת־המשיח, וועלען זיך, חלילה, נישט בעשטעטיגען און עס וועט זיין כלו כל הקיצין, דאַן — „ימי הפורים לא נבטלין", וועט דאַן, ליידער, מוזען איבערגע׳חזר׳ט ווערען די מעשה־פורים, ווי עס וואָרענען אונז די חז"ל: „אם ישראל עושין תשובה נגאלין, ואם לאו — הקב"ה מעמיד להן מלך שגזירותיו קשין כהמן ומחזירן למוטב" (סנהדרין צ"ז)...

(איל המלואים)

„ומח שמו וזכרו וכו׳"... (יוצר לפרשת זכור)

אין סלאָנים איז אַמאָל אויסגעבראָכען אַ מחלוקת צווישען שטאָדט־חזן און די ראשי־הקהל. דער רב, רבי אייזשע סלאָנימער, האָט אויסגעהערט זייערע טענות און איינגעפונען, אַז ביידע זענען אומגערעכט, ביידע האָבען דאָ געהאַנדעלט שלא־כהוגן, האָט ער צאָרניג אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד און געזאָגט:

— ס׳איז אַזוי ווי אין פיוט שטעהט: „ומח שמו וזכרו", דערביי איז צוגעצייכענט ביי דער זי"ט — „חזן וקהל"...

אַ גלח האָט אַמאָל אין אַ ויכוח מיט אַ געוויסען רב, געשטעלט איהם אַ שאלה: ביי אייך, אידען, ווערט דאָך די נאַכט פעררעכענט צום קומענדען טאָג און אַזוי טאָקי

ווערען געפייערט ביי אייך אַלע ימים־טובים, וועלכע הויבען זיך אָן פון דער פריהער־דיגער נאַכט, טאָ פאַרוואָס איז פורים גראָד ביי אייך אַן׳אויסנאַהם און די גרויסע פורים׳דיגע סעודה פראַוועט איהר ערשט אין דער נאַכט נאָך פורים און נישט אַ נאַכט פריהער?

ענטפערט איהם דערויף דער רב מיט אַ געגען־שאלה: ביי אייך, קריסטען, איז דאָך פערקעהרט, געהער דאָך די נאַכט צום פערגאַנגענעם טאָג, טאָ פאַרוואָס הויבט איהר אָן פראַווען די וויינאַכטען, דעם יום־טוב פון קריסטוס׳עס געבורט, אין דער נאַכט פאַר׳ן אָנקומענדען טאָג?

נאָר — פיהרט ער אויס — איך וועל עס אייך פערענטפערען: דעם יום־טוב פורים האָבען מיר צו פערדאַנקען אַ גוי, המנ׳ען, פייערען מיר דעריבער דעם דאָזיגען יום־טוב לויט׳ן גוי׳אישען שטייגער. איהר ווידער האָט די „וויינאַכטען" צו פערדאַנקען אַ אידען, פראַוועט איהר איהם דעריבער לויט׳ן אידישען אופן...

„מחויב אינש לבסומי בפוריא" (מגילה ז׳)

דער טעם, פאַרוואָס עס איז אום פורים אַ מצוה צו שכור׳ן, איז איינפאַך דערפאַר, ווייל די הויפט־נסים פון פורים זענען פערבינדען מיט׳ן „כטוב לב המלך ביין", אַ דאַנק וועלכען עס איז געקומען צו דער בעקאַנטער סצענע מיט ושתי׳ן און צום בעשטימען אויף איהר אָרט אסתר׳ן אַלס מלכה, און אויך דער עפילאָג דער סוף פון המנ׳ען און זיין ענדגילטיגע מפלה, איז געשעהען ביי׳ם „משתה היין"...

(ספר המנהגים)

אום צו קענען זיך פרעהען מיט׳ן פורים, דאַרף מען זיך פריהער אָנשכור׳ען בכדי מען זאָל פון זיך אַלע דאגות פערטרייבען און פערגעסען וואו מען איז אין דער וועלט. וואָרום בשעת מען איז ניכטער, ווי אַזוי איז מעגליך צו פרעהען זיך מיט שמחת־פורים, אין דער צייט, ווען עס איז „אכתי עבדי אחשורוש אנן", אין דער צייט, ווען מיר זענען ווייטער אַרומגערינגעלט פון די פערשידענע המנ׳ס און פון זייערע אכזריות׳־דיגע גזירות? — די דאָזיגע מצוה איז נור מעגליך מקיים צו זיין, ווען מען איז שיכור...

(כתב ספר)

עס שטעהט נישט: „חייב אדם לבסומי ביין", אָנשכור׳ן זיך מיט וויין, נאָר „בפוריא", מיט פורים: מען דאַרף זיך אַזוי דערפרעהען און בעגייסטערען מיט׳ן נס פון פורים — „עד דלא ידע וכו׳"...

(אור הנר)

„מחויב אינש לבסומי בפוריא עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי" (מגילה ז׳)

צו דערגעהען אַזש צו אַזאַ מדרגה, נישט צו וויסען דעם אונטערשיעד פון המנ׳ען ביז מרדכי׳ן, דאַרף מען דאָך שוין זיין ממש טויט־שכור?

נאָר אין טאָג פון פורים זענען די גבירים אַ ביסעל אָנגעברוגז׳ט צוליעב דעם וואָס זיי מוזען אויסגעבען אַ סך געלד אויף משלוח־מנות און אויף צדקה, וואָס מען האַלט ביי זיי אין איין רייסען, און דעם „ארור המן" שרייען זיי אַרויס מיט׳ן גאַנצען האַרצען, שעלטענדיג מיט טויטע קללות דעם דאָזיגען שונא־ישראל, וועלכער האָט זיי אַריינגעטריבען אין אַזעלכע גרויסע הוצאות. די אָרימעלייט דאַגעגען, וועלכע עס איז אינ׳ם דאָזיגען טאָג לייכטער צו בעקומען אַ נדבה, ווי אַ גאַנץ יאָהר, האַלטען

אין איין זאָגען: „ברוך מרדכי", בענשענדיג איהם פאַר'ן גוטען מנהג, וואָס ער האָט איינגעפיהרט מקיים צו זיין אינ'ם דאָזיגען יום־טוב דעם „ומשלוח־מנות איש לרעהו ומתנות לאביונים".

און דאָס מיינען די חז"ל צו זאָגען: „מחויב אינש לבסומי בפוריא", יעדער איד דאַרף זיך אַזוי משמח זיין מיט'ן נס־פורים, אַז ער זאָל לגמרי פאַרגעסען, צו וועלכער קאַטעגאָריע ער געהערט, צו די גבירים, וואָס שרייען „ארור המן", אָדער צו די אָרימע־לייט, וואָס האַלטען אין איין זאָגען: „ברוך מרדכי". עס דאַרפען זיך אַלע אידען גלייך פרעהען, אָהן אונטערשיעד פון אָרים ביז רייך...

(שיחות חכמים)

ביי אַ טייל קיבוצים פון די תימנ'ער אידען איז אַ מנהג דאָס בשעת'ן טרינקען וויין ביי דער סעודת־פורים, איז אַנשטאָט „לחיים" זאָגט איינער צום צווייטען: „ארור המן" און דער צווייטער ענטפערט: „ברוך מרדכי". שפעטער, ווען מען ווערט אַביסעל מבוסם, פערפלאָנטערט מען זיך און מען פערבייט די יוצרות: דער וואָס דאַרף זאָגען „ארור המן" זאָגט „ברוך מרדכי" און פערקעהרט, בכדי אַזוי אַרום מקיים צו זיין דעם „עד דלא ידע"...

רבי אפרים זלמן מרגליות ברענגט אין זיין ספר „יד אפרים", אַז מען האָט איהם אין חלום געוויזען דעם פשט אויפ'ן דערמאָהנטען מאמר. דער פשט איז: „עד — ולא עד בכלל". מען דאַרף זיך משמח זיין „עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי", ביז מען קומט־צו צו דער דאָזיגער גרעניץ, אָבער — נישט ווייטער. נישט טרינקען צו־פיעל און נישט צוקומען צו אַזאַ מצב, אַז מען זאָל שוין נישט וויסען וואָס מען רעדט...

נאָך דער פטירה פון רמ"א, וועלכער האָט מחבר געווען דריי און דרייסיג ספרים און איז נפטר געוואָרען אין ל"ג, אין דריי און דרייסיגסטען טאָג לעומר (אייניגע זענען דערביי מוסיף, אַז ער איז נפטר געוואָרען צו דריי און דרייסיג יאָהר, אָבער דאָס איז נישט ריכטיג; באמת האָט דער רמ"א געלעבט צוויי און פופציג יאָהר), האָט דער ספדן אויסגערעכענט אין זיין הספד צוויי און דרייסיג מעלות פון נפטר, ער האָט זיך אָבער בעמיהט אויסצוגעפינען נאָך איין מעלה, בכדי משלים צו זיין דעם מספר פון דריי און דרייסיג, און דאַן איז צוגעגאַנגען צו איהם איינער פון די מלוים און איהם אויפמערקזאַם געמאַכט אויף נאָך אַ דריי און דרייסיגסטע מעלה און נעמליך: יעדען פורים אויף דער נאַכט פלעגט זיך דער רמ"א פערשטעלען, אָנטהון אויפ'ן פנים אַ מאַסקע ווי די פורים־שפיעלער און אַרומגעהן פון הויז צו הויז דערמאָהנען דעם עולם, אַז מען זאָל נישט פאַרגעסען צו דאַוונען מעריב...

צו רבי נח לעכעוויטשער איז איינמאָל שושן־פורים אין דער פריה אַריינגעקומען צו לויפען אַ איד אַ שניידער, אַ עהרליכער, תמימות'דיגער איד, מיט אַ געוואַלד.

געהענדיג אין בית־המדרש אַריין, האָט ער דערזעהען, ווי אידען שטעהען אין מאַרק און קויפען ביי אַ גוי האָלץ. איז ער געוואָרען אויסער זיך:

— ס'טייטש — מאַכט ער — פורים דאַרף מען דאָך דאָס גאַנצע געלד צוטיילען אויף צדקה, טאָ פון וואַנען האָבען זיי שוין באַלד אין דער פריה פריש געלד צו קויפען האָלץ אויפ'ן מאַרק?

— פערשטעהסטו מיך — בערוהיגט איהם רבי נח — דאָס קויפען די, וועלכע האָבען נעכטען גענומען צדקה...

(די וועלט דערצעהלט)

אין אַ סך שטעדטלעך איז נאָך עד־היום איינגעפיהרט דער מנהג אויסצוקלויבען אין פורים אַ פורים־רב, וועלכען מען טהוט אָן אַ חלוקא־דרבנן און מען פרעגט איהם וויציגע שאלות, אויף וועלכע ער דאַרף קענען געבען שאַרפזיניגע תשובות.

צו איינעם אַ געוויסען רב, וועלכען מען האָט געהאַלטען אין שטעדטעל אַלס נישט קיין איבריג גרויסען למדן, איז פורים אַריינגעקומען דער פורים־רב און זיך פאַרגע־שטעלט, אַז אויפ׳ן היינטיגען טאָג איז ער אויסגעקליבען געוואָרען צו פערנעהמען דאָס כסא־רבנות.

— קענסטו כאָטש לערנען? — פרעגט דער אמת׳ער רב זיין פורים־קאָנקורענט.

— אוּדאי קאָן איך לערנען — ענטפערט דער פורים־רב — וואָרום ווען נישט, וואָלט איך דאָך געקאָנט דאָ ווערען שטענדיגער רב אויף אַ גאַנץ יאָהר...

אַלס רמז אויפ׳ן מנהג צו קלאַפען המנ׳ען ווייזט אָן רבי יעקב עמדין אויפ׳ן פסוק „והיה אם בן הכות הרשע״.

די סופי־תיבות פון „והיה אם בן״ איז — המן...

אַ מערקווירדיגע סגולה ווערט געבראַכט אין ספר „שלשלת הקבלה״. עס ווערט דאָרט נעמליך געזאָגט: „סגולה היא לכבוש את שונאו אם מזכיר שבע פעמים אמו של המן״. עס איז, הייסט עס, אַ סגולה גובר צו זיין דעם שונא, צו דערמאָהנען זיעבען מאָל דעם נאָמען פון המנ׳ס מוטער (אמתלאי בת עורבתא).

מערקווירדיג!...

פורים פשט׳לעך בדרך־הלצה

„לך כנוס את כל היהודים״!... פאַרוואָס האָט עפּעס אסתר בעפויהלען, מען זאָל קנס׳ענען די אידען? — (דאָס, וואָס „קנס״ איז מיט אַ ק׳ און „כנוס״ מיט אַ כ׳, איז קיין קשיא נישט, דען מיר האָבען דאָך אַ כלל, אַז „בת ק׳ כבת כ׳״...) — נאָר דער תירוץ איז: די גמרא זאָגט „במקום שיש קנס אין מכר ובמקום שיש מכר אין קנס״, און היות ווי אַחשורוש האָט פערקויפט די אידען צו המנ׳ען, האָט דעריבער אסתר געגעבען אַנ׳עצה: „לך כנוס את כל היהודים״, מען זאָל די אידען קנס׳ענען — און דער דין איז דאָך, אַז „במקום שיש קנס אין מכר״, וועט ממילא בטל ווערען די מכירה!...

(אין נאָמען פון ווילנער גאונ׳ס אַ תלמיד, בעת מען האָט איהם געמאַכט פאַר „פורים-רב״)

„ויקח המן... וירכיבהו ברחוב העיר״... זאָגט דערויף דער מדרש: „בת המן השליכה עליו קיתון של שופכין״. פאַרוואָס עפּעס האָט זי אַרויפגעוואָרפען אויף איהם אַ „קיתון של שופכין״? — ווייל די גמרא זאָגט: „המן מן התורה מנין? שנאמר המן העץ הזה וכו׳״. וועגען עץ־הדעת איז פאַרהאַן אין דער גמרא אַ מיינונג, אַז „חטה היה״. די מעשה המן, ווי עס איז אויך ידוע, איז געשעהען אום פסח — און דער דין איז דאָך, אַז „מצא חטה בפסח כ ו פ ה ע ל י ו כ ל י״...

(רבי אברהם איטינגאָן)

דעריבער — פלעגט זאָגן בדרך־הלצה דער קאָניצער רבי, רבי יוסף־פנחס קאַנטאָר — זאָגט מען קדיש נאָך מגילת קהלת, רות, שיר־השירים, און נישט נאָך מגילת־אסתר, ווייל — המן האָט נאָך זיך קיין קדיש נישט איבערגעלאָזט...

אין מדרש ווערט געבראַכט, אַז דערפאַר האָט מען געהאָנגען די עשרת בני המן, ווייל זיי זענען געווען זיינע יועצים און יעדער פון זיי האָט איהם צושטייער געגעבען טויזענד ככר כסף, פרעגט זיך: ווי קומט צו ויזתא'ן חכמה- און צו דלפונ'ען געלד? אפנים, אָבער, אַז בשעת עס האַנדעלט זיך וועגען אומברענגען אידען, ווערט ויזתא אַ חכם און דלפון אַנ'עושר...

(דעם קעלעמער מגיד'ס אַ ווערטעל)

„אחשורוש מלך טפש היה". פון וואַנען איז דאָס געדרונגען? דען אויפ'ן פסוק „על רצפת בהט ושש" זאָגט רש"י: „קרקעות של בהט ושש וגו' מיני אבנים טובות", אַז די פאָדלאָגע איז געווען אויסגעפלאַסטערט מיט די טייערסטע אידעל־שטיינער, פרעגט זיך: ווי אַזוי האָט אחשורוש נישט מורא געהאַט, מען זאָל זיי אַרויס'גנב'ענען? איז אַט דערפון אַ ראיה, אַז ער איז געווען אַ טיפש, און — „אַז אַ נאַר וואַרפט אַ שטיין אין גאַרטען, קענען איהם קיין צעהן קלוגע נישט אַרויסנעהמען"...

פאַרהאַן ביי אידען אַ פאָלקס-ווערטעל: „וואָס אַהרט רש"י'ן, אַז המן בייזערט זיך"? פון וואַנען נעהמט זיך דאָס דאָזיגע ווערטעל?

מחמת רש"י זאָגט פשט כמעט אויף איטליכען פסוק פון דער מגילה, בלויז אויפ'ן פסוק „וימלא המן חימה" זאָגט ער גאָרנישט. פאַרוואָס? און דערויף קומט דער ענטפער: וואָס אַהרט רש"י'ן, אַז המן בייזערט זיך?...

צו די פערשידענע ליצנות־שטיק, וואָס מען פלעגט זיך תמיד ערלויבען צו פראַוועָן לכבוד פורים, געהערען אויך די פערשידענע הומאָריסטישע און סאַטירישע פאַראָדיעס, ווי די פאַראָדיע אויף מסכת פורים, אַ פאַראָדיע אויפ'ן יום־טוב'דיגען קידוש א. אַ. צווישען זיי געפינען מיר אויך פאָלגענדע פאַראָדיע פון אַ פורים'דיגע „תנאים":

„בשעה טובה ומופקרת, אור לארבעה עשר.

יעלה ויצמח כגן רטוב הצרעת, שנאה וכעס. חוסר דעת פרץ על פרץ, מבטן הארץ, שור וקרץ, כולו רשע וחנף, ויפנו זנב אל זנב.

המגיד מראשית אחרית הוא יתן שם רע וכפול צרות, צרות על צרות אחריתם לקברות. ואלה דברי הברית והתנאים שנדברו והותנו בין שני הצדדים פוחזים ורמאים, היינו: מצד האחד עוכר ישראל, צורר היהודים המן בן המדתא האגגי ימ"ש העומד מצד בנו היתום הבחור השחור הדומה לאחור המסכיל ויזתא ימ"ש, ומצד השני — קוסם קסם ומכשף חבר ואונן הה' הרשע המופלג בלעם בן בעור ימ"ש העומד מצד בתו הבתולה הבעולה המנוולת מרת ארנבת בת כלבתא ימ"ש.

ראשית דבר האדון החתן האסון הנ"ל ישא לו למזל־טוב את הכלה המנוולת הנ"ל בלא חופה וקידושין כדת רוצחים וגנבים ויבריחו ויעלימו ויכו זה את זו וזו את זה. מכת חרב והרג ואבדן, וילכו מבית לבית ומעיר לעיר ויהיו הפקר כעפרא דארעא.

הה׳ אבי הכלה התחיב לתת נדוניה: מאה ערלות פלשתים, שלש מאות זנבות שועלים ארבעה אבות נזיקין חבילין ומעיקין, צרות ודחיקין, שמונה שרצים, ארבע מיתות בית־דין, כל זה לסלק להתחתן קודם המיתה.

מתנות מצד הכלה: מכה אחת גדולה, אחד לאחת — כל מיני קדחת, אחת ושתים — חולי מיעיים, עוני ורש, אחת ושבע — זב וזבה לסלק לחתן לזמן הנ״ל.

מתנות מצד החתן: טומטום ואנדרוגינוס וכרות שפכה ומרוח אשך לבד מכות קטנות ובגדי תכריכים, כמנהג בעלי־בתים חשובים. דצ׳ך עד׳ש באח׳ב — להצאין.

החתונה תהי על חצר בית הקברות בעת המיתה.

הערב קבלן מצד החתן — הה׳ אליפז בן עשיו, ערב קבלן מצד הכלה — ה׳ בלק בן צפור, והצדדים מחויבים להכות ולפצוע את הערב קבלן פצע תחת פצע עד שיגיעו לנזק, צער, ריפוי, שבת ובושת.

והכל בדוק ומנוסה שריר וקים.

נאום: נמרוד גבור ציד.

ונאום: נבוכדנאצר מלך בבל״...

(רשומות)

זייט

ראש־השנה 7

עשרת־ימי־תשובה 30

יום־כפור 33

יונה 56

סוכות 59

שמיני־עצרת 76

שמחת־תורה 77

חנוכה 82

פסח 93

שבועות 131

שיר־השירים 147

רות 166

איכה 176

קהלת 195

אסתר 212